מרדכי אלפערסאי

3 יאר אין ארגענטינע

מעמוארן פון א יידישן קאלאניסט

ײדישער ליטעראַרישער פאַרלאַג בערלין 1923

UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 16 01 05 14 008 8

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

HD
1516
A7A58

Alpersohn, Marcos
Draysig yor in Argentine

מרדכי אַלפּערסאָן

30 יאָר אין אַרגענטינע

(מעמואַרן פון אַ יידישן קאָלאָניסט)

ערשטער באַנד



מרדכי אַלפּערסאָן

מרדכי אַלפּערסאָן

דרייסיג יאר
אין ארגענטינע

מעמואַרן פון אַ יידישן קאָלאָניסט

מיט אַ הקדמה פון
ה׳ ד׳ נאָמבערג

הילע געצייכנט פון י· טשאַיקאָוו

UNIVERSITY OF TORONTO
APR 19 19

HD 151 A7

Alle Rechte, insbesondere der Uebersetzung, vorbehalten.

Copyright by the „Jewish Literature Publishing Co. Ltd."
(„Jüdischer Literarischer Verlag, G. m. b. H.")
Berlin, 1923.

Buchdruckerei Lutze & Vogt G. m. b. H., Berlin SW 48.

דער שוחט י· קרעל טיילט דאָס עסן צווישן די אימיגראַנטן

(צו דער ז· 50)

דער „גאַאוטשאָ באַראַבוינאַ״ (צו דער ז׳ 304)

* * *

אַרגענטינע! אַמאָל איז דאָס געווען אַ וואָרט, וואָס האָט אָפּגע־הילכט אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלאַך, ווי אַ רוף אויס־געלייזט צו ווערן, אַ וואָרט, וואָס האָט געמאַכט ציטערן יידישע הערצער מיט פרייד און דערוואַרטונג און האָפנונג. אַזוי ווי אַ ליבער ווינט אין פריהלינג האָט דורכגעשפּאַצירט אין אַלע יידישע מקומות אַ בשורה: אַ לאַנד פאַר יידן, אַ לאַנד פאַר יידישע ערד־אַרבעטער, אַן אויסלייזער איז אויפגעשטאַנען, דער באַראָן הירש! יידן איז באַשערט אויפגעפרישט און אויפגעריכט צו ווערן, פּטור צו ווערן פון אַ לעבן פול שאַנד און נויט, גזורות און פּאָגראָמען.

קהל־לייט האָבן זיך געקהלט (דאָס וואָרט כלל־טוער איז נאָך דעמאָלט ניט געווען אין געברויך), שרייבער האָבן געשריבן, די צייטונגען האָבן געמאַכט אַגיטאַציע, ווער פ אַ ר, ווער ק ע ג ן. דער „המליץ“ מיטן „הצפירה“ האָבן זיך געאַמפּערט. טומלערס האָבן געטומלט, בעל־דרשנס האָבן גערדרשנט. אינטעליגענטישע פאַר־שפּיצטע קעפּ האָבן זיך געפּלפּולט: צי איז אַרגענטינע אַ קאָנ־קורענץ צו ציון, צי ניט. מיט איין וואָרט, אין דער יידישער עפנט־ליכקייט האָט אַרגענטינע פאַרנומען עטליכע יאָר נאָכאַנאַנד זעהר אַ חשובן אָרט.

און מיטאַמאָל איז אַליץ שטיל געוואָרן, אַרגענטינע איז פאַר־געסן געוואָרן, אַזוי ווי קיינמאָל נישט געווען, מען וואָלט געקאָנט זאָגן: ס'איז פאַרזונקען געוואָרן אין תהום פון פאַרגעסנקייט.

פלינק און געשיקט און ענערגיש איז דער יידישער אינטעליגענט און דער יידישער קהל-מענש בשעת מ׳דאַרף אויפצורודערן דעם עולם, בשעת מ׳דאַרף פונקען אויפצופלאַקערן אויף פייערס, ווען מ׳דאַרף זיך קאָכן, לויפן, רעשן, אַגיטירן. אָבער די דאָזיגע פלינקקייט איז, ליידער, פיל מאָל נישט מער, ווי געררייצטע נערוון — נעוראַסטעניע. ווי שטרוי צינדט זיך אָן דאָס קהלשע טעמפעראַמענט ביי אים און ווי שטרוי ווערט עס פאַרלאָשן. מען האָט אַ צייט לאַנג גערעשט און געשטורעמט און געפלפולט זיך ווענן אַרגענטינע, און מיטאַמאָל — ס׳איז נמאס געוואָרן.

דאָס אַליך איז אָבער געווען נאָר די אויבערפלאַך פון דער באַוועגונג, דער שוים פון די כוואַליעס, ווייל ביז צו דער טיפעניש פון דער יידישער פאָלקס-פסיכיק, ביז צו די יידישע פאָלקסמאַסן האָט די באַוועגונג דערלאַנגט און האָט ד א ר ט עפעס אָפּגעריסן. קרעמער פון גראָדנער גובערניע, ישובניקעס פון בעסאַראַביע הערן אויס דאָס נייס, זיינען זיך מישב, באַשליסן, און גייען, גייען מחנות גאַנצע, הונדערטער און טויזנטער, צו אַ נייעם לאַנד, צו אַ נייעם לעבן-שטייגער, צו אַן ערליכער און אַ בכבודיגער פרנסה. געזונטע יידישע פאָלקס-מענשן, מיט ברייטע פלייצעס, יונג נאָך און פול מיט בטחון, לאָזן זיך אין ווייטן וועג אַריין. און עס באַגעגנט זיי אַ ברייטע וויסטעניש, אַזוי ווי דער ים אומבאַגרעניצט און אַזוי ווי דער ים איינטאָניג, אַ ווייטער סטעפּ, ווי אַ טיש גלייך, באַוואַקסן מיט ווילדן גראָז, אָהן אַ שפור פון מענשליכן ישוב, אָהן אַ צייכן פון קולטור. דאָ האָבן זיי צו פאַרבלייבן, זייער לעבן אויסצולעבן.

דאָס לאַנד איז אומבאַקאַנט, דער קלימאַט אַזוי ווילד און שווער, די ווינטן זיינען אַזוי שרעקליך, און הונדערטער פורעניותן

און שטרויכלונגען וואַרטן אויף זיי — אויף די פּיאָנערן, געשיקט צו מאַכן פון אַ מדבר אַ פּרוכטבאַר לאַנד.

פאַר זיי איז נישטאָ קיין צוריק. זיי קאָנען זיך נישט אַזוי ווי דער יידישער קהל־מענש, אַזוי ווי דער יידישער אינטעליגענט, פאַרקערעווען, איבערלייגן אָדער פאַרגעסן. ס'איז אַ האַרטער און ערנסטער ענין, אַ פראַגע פון עקזיסטענץ.

ווען דער יידישער נערוועאישער אינטעליגענט האָט שוין צעהן מאָל געביטן זיינע „טעאָריעס", איז ער, דער פאָלקס־מענש, געבליבן דאָרט אין דער ווייטער פּאַמפּאַ, געראַנגלט זיך, געאַרבעט; ער איז ביינעקומען די שווערע און האַרטע באַדינגונגען, אָדער זיי האָבן אים צעריבן און האָבן אים צוריקגעשיקט אין שטאָט אַריין אַ צעקאַליעטשעטן און אויסגעזויגענעם. ווייל די בעסטע יאָרן, די יינגסטע האָט ער שוין איבערגעלאָזט אין דער קאָלאָניע.

אַן ערך 3500 יידישע קאָלאָניסטישע פאַמיליעס זיינען איצט פאַראַן אין אַרגענטינע, נישט אַלע זיינען גוט איינגעפונדעוועט; אַ טייל פון זיי מאַטערן זיך נאָך עד־היום, אַרבעטן אונטער די שווערסטע באַדינגונגען און ראַנגלען זיך אומזיסט מיט דער קאָרופּציע פון דער „יקא"־אַדמיניסטראַציע אין אַרגענטינע, אַ קאָרופּציע, וואָס האָט איר גלייכן נישט, אַ קאָרופּציע אַן אומפאַרשעמטע, וואָס האָט פאַקטיש די גרויסע אידעע פון באַראָן הירש געמאַכט צו־נישט. דער גרעסטער טייל אָבער פון די קאָלאָניסטן, נאָך דעם ווי זיי זיינען אַריבערגעקומען די שווערע און האַרטע יאָרן, זיינען איצט גוט איינגעפונדעוועטע בעלי־בתים, און פיל פון זיי זיינען פאַרמעגליך.

30 יאָר זיינען אַריבער. פון די פּיאָנערן זיינען פיל אויסגעשטאָרבן, נאָך מער זיינען זיך צעלאָפן, דער גאַנצע „ערב רב", וואָס שלעפּט זיך נאָך יעדער ערנסטער באַוועגונג, איז סוף־

כל־סוף פאַרשוואונדן. די „יקא“ האָט אָפּגעשטעלט אין אָרגאַני־זאַציאָנעלער קאָלאָניסטישע טעטיגקייט, אירע באַמטע זיינען איצט באַשעפטיגט מיט דער איינציגער פראַגע: ווי אַזוי אַרויסצוציהען וואָס מער פּראָפיט פון דער אַרגענטינישער „אונטערנעמונג“. און דאָך, ווען איר פאָרט איצט נאָך אַרום אין די וויטע פאַרוואָר־פענע פונקטן פון די קאָלאָניעס, ווערט איר דערשטוינט צו טרעפן נאָך עד־היום ביי אַ יידישן געזונטן פאָלקס־מענש, דאָ צי דאָרט, דעם אַלטן אידעאַליזם. די ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען הייליג און הויך מיט 30 יאָר צוריק, די ווערטער וועגן ערליכער אַרבעט, וועגן בכבודיגער פרנסה אויף דער ערד א. אַז. וו., וואָס זיינען אַזוי אָפּגעבליאַקירט געוואָרן אין פאַרלויף פון דער צייט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז דער שימל האָט זיי אויפגעגעסן, — אָט די ווער־טער לעבן נאָך דאָרט אין דער ווייטער פאַמפּאַ ערגעץ אין דעם מויל פון אַ באַיאָרטן קאָלאָניסט, און דאָס זיינען ניט ווערטער, נאָר מעשים, ווייל יאָרן פון לאַנגער האָראָוואַניע, נויט און איינגע־שפּאַרטקייט ליגן אונטער זיי.

איך בין זיכער, אַז דאָס בוך, וואָס ווערט איצט צוגעטראָגן דעם אייראָפּעאישן יידישן לעזער, וועט מיט איין מאָל אָפּרייניגן דעם שטויב פון פאַרגעסנקייט, וואָס אונטער אים ליגט דער גאַנצער ענין־אַרגענטינע באַגראָבן פאַר דעם יידישן אינטעליגענט.

איך וואָלט געוואָלט וואָס ווייניגער רעדן וועגן די ליטעראַריש־בעלעטריסטישע מעלות פון ה׳ אַלפּערסאָנס בוך. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ יידישער ראָבינזאָן קרוזאָ. איך האָב עס געלייענט און איבערגעלייענט און האָב ניט געהאַט גענוג ווערטער אויף אָפּ־צודאַנקען דעם מחבר פאַר די אמת גליקליכע שעהן, וואָס די לעקטור האָט מיר געגעבן. דאָס איז מער ווי אַ שילדערונג, ווי מע־מואַרן. דער אמת אַליין אין זיין נאַקעטקייט ווערט דאָ דערהויבן

צו דער מדרגה פון קונסט... איך וויל אָבער ניט פאַרלויפן דעם לעזער דעם וועג, זאָל ער לייענען און אַליין משפטן.

דער סטיל פון ה׳ אַלפערסאָן איז נישט „ליטעראַריש“. אין אונ־זער צייט איז דאָס אַ מעלה, נישט קיין חסרון. ס׳איז אַ צייט, ווען אונזער יידיש ווערט „רעפאָרמירט“, פאַרקלוגלט און פאַרשפּיצט מיט דער אייגענער פלינק־קעפּלדיגקייט, וואָס מיט איר פלעגט מען אַמאָל בויען די „טעאָריעס“. מענשן אהן שום שפּראַך־געפיל האָבן גענומען ברייט באַלעבאַטעווען... אין אַזאַ צייט איז פּשוט אַ פאַרגעניגן צו הערן ווידער דעם ריינעם קלאַנג פון אונזער לשון, איר ריטמוס, דאָס פליסיגע, נישט געקינצלטע לאַנג־אָטעמדיגע יידיש פון אַ בכבודיגן ייד, וואָס קאָן דערציילן אַ מעשה.

און אָט טאַקע צוליב דעם האָב איך מיר ניט דערלויבט אַסך צו ענדערן אין דעם סטיל, כאָטש ער ליידט טיילמאָל דערפון, וואָס ער איז שוין צו פיל פאַרעלטערט, טיילמאָל דייטשמעריש. סוף־כל־סוף איז ניט דאָס איינציגע וואָרט, דער איינציגער אויסדרוק דער עיקר, נישט זיי געבן דעם קאָלאָריט און דעם טאָן, און נישט אָן זיי איז אָפּהענגיג די נאַטירליכקייט פון דער שפּראַך. דער בוי, דער ריטמוס, דער אָטעם — דאָס איז אַליך. און בנוגע אָט דעם אינערליכן קלאַנג איז אַלפערסאָנס סטיל איינער פון די בעסטע.

ה׳ אַלפערסאָן האָט דעם דאָזיגן ערשטן טייל פון דעם בוך אָפּגעדרוקט אין אַרגענטינע, און האָט מיר איבערגעגעבן די אויפ־גאַבע און די הרשאה צו פאַרשפּרייטן דאָס בוך אין אונזערע מקומות. די ווייטערדיגע טיילן זיינען נאָך אין מאַנוסקריפּט און וועלן אינגיכן ערשיינען.

ה. ד. נ אָ מ ב ע ר ג.

ו ו י ס ב אַ ד ע ן, 11־טן נאָוועמבער 1922.

פֿאָרוואָרט

ווען דאָס בוך איז אַריין אין דרוק, האָט אַ פֿריינט צו מיר געשריבן:

„און קיין הקדמה, קיין איינלייטונג גיט איר גאָרניט צו אייער ווערק? אין שטאָט קוועטשט מען דעם עלעקטרישן גלעקל — און עס קלינגט אָן. ביי אייך אין פֿעלד פּאַטשט מען מיט די הענט און מען זאָגט: „אַווע מאַריאַ"... ווער עפֿנט עס גאָר פֿלוצים אַ טיר? — מען מוז פֿריהער אָנקלאַפּן, בעטן ערלויבעניש, מיט אַ וואָרט צו די ליבע לעזער"...

נו, וועל איך אָנקלאַפּן ביים שער פֿון מיין בוך.

ווען איינעם פֿון אייך, מיינע ליבע לעזער, וואָלט זיך, למשל, פֿאַרגלוסט מיך צו פֿרעגן, נאָך וואָס אייגנטליך איך האָב אָנגעשריבן דאָס בוך, ווער דאַרף אים, ווער פֿאַרלאַנגט אים? ליטעראַטור — ניט. וויסנשאַפֿט — געוויס ניט. כבוד, צי אפֿשר חלילה גאָר געלט? — פּשוט צום לאַכן... היסטאָריע? קאַרג היסטאָריעס פֿולקומענערע, אינטערעסאַנטערע, ווי אָט די מיזעראַבלע געשיכטע פֿון דער דרייסיג־יאָריגער „אַ־קאָלאָניזאַציע, שימלען ערגעץ פֿאַרגעסענע אין די אַרכיוון? אַלזאָ: למי ולמה כל העמל הזה?

ווען אימיצער פֿון אייך, לעזער, קומט מיט דער דאָזיגער פֿראַגע, אָסור, אויב איך וואָלט געוואוסט, וואָס צו ענטפֿערן! איינס ווייס איך, און דאָס זאָג איך גאַנץ אָפֿנהאַרציג: כ'האָב געשריבן גאָר אָהן אַ פֿאַרוואָס און אָהן אַ פֿאַרוווען; איך האָב געטונקען די פֿען אין מיינע טרערן און אינם בלוט פֿון מיינע חברים, די אימיגראַנטן, און טריי פֿאַרצייכנט אַלע אונזערע פֿריידן — געציילטע, און ליידן

— דוקא היפשליך. כ׳האָב דעם אמת אויסגעטאָן נאַקעט—אויף וויפיל דער שטאַטליכער געזעץ פון עטיק ערלויבט, און די וואַר־הייט געצייכנט אויפן פאַפיר. פּאַסירונגען פון דרייסיג יאָר קאָלאָ־ניזאַציע, וואָס מיינע אויגן האָבן געזעהן און וואָס איך אַליין האָב אַדורכגעלעבט, האָב איך אין פּשוטן לשון, וואָס מיין מאַמע האָט מיך געלערנט, אָנגעשריבן אין דעם בוך. כ׳האָב קיין שום פראַזן ניט געזוכט און ווייס אויך ניט זייער באַדייטונג... כ׳האָב ניט קיין פּרעטענזיעס אויף אַ י ע ר ליטעראַטור, זוך ניט קיין עהרע און האָב קיין מורא ניט פאַרן היפּוך... דען וואָס אייגנטליך קאָנט איר מיר טאָן? כ׳לעבן, איר פאַרמאָגט בכלל ניט אַזוי פיל שטיינער, אום מיין פעלד צו פאַרוואַרפן... איך בין קאָלאָניסט, ווינש עס מיין גאַנץ לעבן צו פאַרבלייבן און באַגער, אַז מיינע קינדער און אַלע ליבע זאָלן עס זיין. אַ שרייבער? ווער דאַרף אים דען?...

איך בין אַ פשוטער אַקערבויער. אַלס אַזעלכער וועל איך אייך פירן איבער אונזערע פעלדער און אָנצייגן אונזער דרייסיג־יאָריגן מידן וועג. יעדע סטעזשקעלע, יעדע סולעפּקע, יעדן דאָרן און יעטווידע בלום... כ׳וועל אייך ווייזן די סימנים פון די ווילדע אינדיאַנער, וואָס זיינען מיט צוועלף יאָר פאַר אונזער אָנקומען געווען די איינוואוינער פון דעם גאַנצן געגנט, וואו אונזער קאָלאָניע מ אַ א ו ר י צ י אָ געפינט זיך. צוזאַמען מיט מיר וועט איר אַדורכ־ברויזן אַלע בלאָטעס, אַריבערקריכן די קאַנאַוועס און די גריבער אַריבערשפּרינגען—און דערווייל טאַקע דאָס בוך איבערלייענען...

איך וועל אייך אויפהויבן דעם טלית שכולה תכלת, אין וועלכן אונזערע מנהיגים האָבן זיך איינגעוויקלט... איר וועט דערזעהן, וואָס זיי פאַרדעקן פאַר אַ פרעמדנס אויג... איר וועט זיך אויך איבערצייגן, אַז אונזער ישעיהוס ווערטער „ש ר י ך ס ו ר ר י ם ו ח ב ר י ג נ ב י ם“ זיינען דאָ פאַרווירקליכט געוואָרן... איך וועל אייך אָנדייטן, ווי פאַרקריפּלט אונזער פאָלק ישראל איז דורכן גלות געוואָרן, און ווי פאַרפרעמדט ער איז צו אַגריקולטור...

טאָג בײַ טאָג, נאַכט בײַ נאַכט, חודש און יאָר, אַלצדינג וואָס מיט אונז, פּיאָנערן, האָט פּאַסירט פֿון 1891־טן יאָר ביז הײַנט, וועט פֿאַר אײַך לעבעדיק ערשײַנען... און ווען מען פֿון אײַך, ליבע לעזער, דער גוטער גאָט האָט מיט אַ פֿילבאַרער נשמה געלײַטזעליגט, וועט ניט אײן טרער שטילינקערהייט אַרונטערשלינגען.

אָבער עס זאָל דאָס מיך אָנהויבן אַרן... זעהט איר, אײנס קימערט מיך יאָ אַבּיסל! וואָס כ׳בין געצוואונגען געווען אָנצורירן אין דעם בוך די כּגופיה אָ ר נ ט ל י כ ע ל י י ט, און ניט אַכטנדיק, וואָס איך האָב זײערע כשרע נעמען פֿאַרדעקט און איבערגעדרייט, דאָך וועלן זײ זיך אויסגעפינען און געווים אויפהויבן אַ גאַנצן קאַ־ראַאול — דאָס מאַכט מיר צײַטנווייז נאָכצודענקען...

געווים וועלן די לײַט ניט שווײַגן! זײ וועלן אפשר דינגען אַ פּאָר באַצאָלטע פּענעס, אויפרײצן די ליטעראַרישע צינגער און אָנשטעלן אַ גאַנצע כאָפּטע קעגן דער לבנה... איך באַגרייף עס גאַנץ גוט, און בעתן שרײַבן האָב איך עס אויך געוואוסט; ווײַל אָפּטמאָל האָבן, ווי אַ בת־קול, אָפּגעקלונגען אין מײַנע אויערן זײערע פֿאַרטעמפּטע קולות, און זײער גרילצען וועט זיך געווים הילכיג צע־צוויסטשערן, ווי נאָר דאָס בוך וועט קומען אין דער עפֿנטליכקייט...
דער שטאָטיגער קהלס־מאַן וועט הייזעריג ווערן דורך זײַן גלײַכ־גילטיגן געלעכטער... דער דאָרפֿישער וועט גראָמקע זיך צעוואַרפֿן מיט קללות... און אָט די אַלע זויבערע נפשות בחברותא וועלן די צורות זײערע פֿאַרקרימען און פּילײַכט זוכן עפּעס אַ דאָנאָסל אונ־טערצוטראָגן... אַ קשיה אויף אַ מעשה, וואָס עס קען גִעשעהן!
נאָך וואָס האָט מיר געטויגט דער גאַנצער עסק?
מײַן גאָט! בין איך דען אימשטאַנד דאָס צו דערקלערן? עפּעס אַ מחשבה האָט מיר מײַן מוח געענגבערט: עפּעס אַ געהײמע קראַפֿט האָט מיר כּסדר באַפֿוילן: „ש ר י י ב! האָב פּאַר קײנעם קײן מורא ניט, שרעק זיך ניט אַפֿילו פֿאַר דײַנע אײגענע חברים, וואָס זײַנען איצט בבחינת ש ב ע ל ק י א ו, וואָס כאַפּן זיך מיט אימפּעט אײַנצושלינגען דאָס עסן, וואָס זײ האָבן מיט דרײַסיג יאָר פֿריהער אַלײן אויסגעמײקעט“ — און איך האָב געשריבן.

נאָר איין געדאַנק טרייסט מיך: ס׳קען זיין, אַז מיין מיה וועט נוצן ברענגען יענע אָרימע ברידער, די עמיגראַנטן, וואָס וועלן אָנקומען פון אייראָפּעאישן גיהנום און דאָ זיך קאָלאָניזירן — וואָס כ׳ווינש זיי הערצליך. אָט צוליב זיי אַליין, איז שוין ווערט געווען די דאָזיגע מיהזאַמע אַרבעט! פאַר זיי האָב איך די געשיכטע ביזן יאָר 1917 אָנגעשריבן.

די לעצטע פיר יאָר, הגם כ׳האָב זייער בלוטיגקייט אָנגעדייטעט, אָבער זיי דורכצוגרונטעווען, זיך אין זייער טיפקייט אַרונטערצולאָזן האָב איך ניט געוואַגט... פּשוט אַ רחמנות־געפיל האָט דאָס מיר ניט דערלאָזט צו טאָן! די העלדן דרייען זיך אַלע אַרום פאַר מיינע אויגן... די קהלשע אפּוטרופּסים פון דער קאָלאָניזאַציע לעבן נאָך — און אַ לעבעדיגער קען זיך בעסערן, חרטה האָבן, תשובה טאָן... דעם עיפּוש פון די לעצטע פיר יאָר מוז מען האַלטן גוט באַדעקט... זאָל די היסטאָריע דערווייל דערפון ניט וויסן... אויך די שטרענגע דינים פונם געזעצליכן קאָדעקס פאַראָרדענען: שווייג!

און זאָל דער אמתער און ריכטיגער היסטאָריקער, דער וואָס וועט אַמאָל די יידישע ליידן־געשיכטע פון אַרגענטינע צונויפשטעלן, אָנהויבן זיין היסטאָריע, פון וועלכן יאָר ס׳וועט אים בעסער געפעלן... ער וועט שוין אויסגעפינען די פיינע לייט, די ליבהאַרציגע ברואים פון די לעצטע יאָרן אויך.

איר, מיינע ליבע לעזער, נעמט און לייענט איבער מיינע בלעטלאַך. צי איר וועט מיך בענטשן אָדער שעלטן — איז מיר היינו הך.

מרדכי בן ישראל אַלפּערסאָן.

פּט. מאַאוריציאָ הירש, 1922.

I

אָנגעקומען קיין בוענאָס־איירעס.

אין אַ זונטאָג־טאָג, י״ט אָב, אָדער דעם 23־טן אַווגוסט פון 1891, האָט מיך די דייטשע שיף טיאָקאַ מיט נאָך 300 עמי־גראַנטן געבראַכט פון האַמבורג קיין בוענאָס־איירעס, נאָך אַ רייזע פון 32 טאָג אויפן ים.

איידער דער דאַמפער איז צום האַפן צוגעשוואומען, ווען מיר האָבן פון ווייטנס דערזעהן די שטאָט, איינגעהילט אינם שאָטן פון די פאַלמען־ביימער, האָט אונז אַ שטאַרקע שמחה באַהערשט. די מאַמעס האָבן זייערע קינדער אין דער הויך געהויבן ערקלערנדיג זיי מיט פרייד:

— זעהט קינדערלאַך! אָט דאָרט איז דער גן־עדן, דאָס שיינע גרינע לאַנד, וואָס דער גוטער באַראָן הירש האָט פאַר אונז געקויפט.

— ערד־אַרבעטער, קאָלאָניסטן וועלן מיר ווערן: פרייע יידן וועלן מיר זיין. אויס פאָגראָמען! אויס איגנאַטיעוו מיט זיינע גזרות! — האָבן די אַרויסגעטריבענע דאָרפס־יידן געטענהט.

קליינע שיפלאַך זיינען צו דער טיאָקאַ צוגעקומען, אַרויפ־גענומען צו צוויי־דריי משפחות מיט זייערע פעקלאַך און טלומקע־לאַך, זיי צוגעפירט צום אַרגענטינער באָדן, וואו מען האָט געלאַנדעט.

עס געדענקט זיך נאָך, ווי היינט, יענער עפּיזאָד אין שיפל, וואו ס׳זיינען געזעסן איך, מיין פרוי און מיינע דריי קינדערלאַך, פון וועל־כע דער עלטסטער, מיין בכור אברהם, איז אַכט יאָר אַלט געווען, — ווי ער האָט זיך איבערראַשט צו זיין מוטער געווענדעט:

— זעה נאָר, מאַמע, דאָרט אויפן ברעג שטייט אַ שוואַרצער „אוריאַדניק“, רויבערט אַ גרויסע ליולקע, ציהט און ציהט, און ס׳גייט אַלץ קיין רויך ניט!

ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דאָס האָט דער שוואַרצער „וויזשילאַנט“ געצויגן דורך דער „באָמביזשע“, די פּאַר־פּאַרעטע „זשערבא“־טיי — דער נאַציאָנאַל־אַרגענטינער געטראַנק, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „מאטע“ און וואָס ווערט דורך אַ בלעכן אָדער זילבער־רערל געטרונקען פון אַ קירבעס־טעפּעלע.

די לאָדקעס האָבן אונז, עמיגראַנטן, געבראַכט אינם אימיגראַנטן־הויז; אַן אַלטע, גרויסע מיט מאָך און שימל באַוואַקסענע הילצערנע געביידע, וואו עס זיינען געווען צימערן און חדרימלאַך אָהן אַ שיעור. דאָרטן האָבן מיר אָנגעטראָפן נאָך אַ צוויי הונדערט יידישע אימיגראַנטן, וואָס די שיף „ליסאַבאָן“ האָט פריהער מיט אַ פּאָר טעג געבראַכט.

עטליכע פּאַרברוינטע פּאַרשוינען, האַלבע נעגער, האָבן דורך מימיק אונז צום טיש צוגעוואונקען, אָנצייגנדיק מיטן האַנט אין מויל אַריין — ווייל שפּאַניש האָט פון אונז קיינער קיין איין וואָרט ניט פאַרשטאַנען — און מיר האָבן זיך אַרום די לאַנגע טישן געזעצט.

די שוואַרצע האָבן ברויט און אַ בלעכענע שיסעלע מיט פלייש דערלאַנגט אַ יעדערן. קיין אַפּעטיט האָט קיינעם פון אונז ניט געפעלט. אַלע, סאַמע יונגע מענשן, נאָך אַ לאַנגער ים־רייזע, האָט מען זיך געשמאַק צו דער אַכילה גענומען... פלוצים איז אויסגעוואַקסן אַ דאַר יידל, אַ קליינטשיקס, מיט אַ משופּע געלער בערדל און גרויסע גרויע אויגן, האָט ווי אַ וויכער זיך געטראָגן פון איין טיש צום צווייטן און יעדן איינעם עפּעס אַ סוד איינגערוימט אין אויער. ס׳איז אַ שושקעריי געוואָרן, און פילע האָבן די שיסעלאַך מיטן געשמאַקן עסן אָפּגערוקט אָן אַ זייט. הונגעריגע קינדער האָבן זיך פונאַדערגעוויינט:

— מאַמע, מאַמע, כ׳וויל עסן! פאַרוואָס נעמסטו צו דאָס עסן?

די פרויען האָבן ניט געענטפערט און שווייגנד בײַ די קינדער זייער שפּייז אַוועקגענומען. עלטערע יידן, פרומע, וועלכע האָבן דאָס עסן סײַ־ווי־סײַ ניט אָנגערירט, זיינען פון וויטן געשטאַנען, געצויגן מיט די אַקסלען און פאַרכמורעט געשוויגן . . .

אייניגע פרויען האָבן זיך איילנד אויפגעהויבן פונם טיש און זיינען אַוועק אין דרויסן, וואו זיי האָבן צוריקגעגעבן זייער עסן . . .

דאָס האָט אונז אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן; אָבער איידער כ'האָב נאָך געוואָלט אָנהויבן נאָכצופאָרשן, איז יענ'ק יידל אויך צו אונזער טיש צוגעקומען און האָט אונז פאַרטרויליך מיטגעטיילט:

— עסט ניט! דאָס איז פערדן־פלייש! אַלטע שקאַפּעס קוילעט מען דאָ און מען גיט זיי די אימיגראַנטן צום עסן!

אָבער כּהרף־עין איז אַרויסגעשפּרונגען אַ יונגערמאַן, ש מ ו א ל ה אַ ל ב מ י ל י אָ ן, אַליין אַ קיעווער, און האָט אויסגעשריען:

— אַוועק, צבועיאַק, ווער פרעגט דען דיך, ווער? — דערבײַ האָט ער אים מכבד געווען מיט אַ מתנת־יד, וואָס האָט רוישיג אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן זאַל.

דער נפש האָט זיך אינדרייען אײַנגעקאָרטשעט און איז אונטער די הענט נעלם געוואָרן . . . שפּעטער האָבן מיר אים פילע מאָל באַגעגנט: ער איז אָנגעקומען פאַר אַ קאָלאָניסט אין מאַאוריציאָ, וואו ער האָט אונז אַ סך צרות פאַרשאַפט.

דער יונגערמאַן, וואָס האָט דעם צבועיאַק אויסגעפּאַטשט, איז צוזאַמען מיט זיין שווער, א ב ר ה ם פּ ע פּ, אַ זעהר בכּבודיגן יידן אַרומגעגאַנגען די טישן און דעם עולם באַרוהיגט, אַריינטענהנדיג:

— דער שבּתי־צביניק איז אַ כּזבן! עסט, קינדער, און גלויבט ניט אין זיינע ליגן. אַרגענטינע איז געגוג רייך אין פּיה, זי דאַרף ניט געבן אירע אימיגראַנטן, וועלכע זי האָט אַזוי גערן, קיין פערדן־פלייש. מיר קענען אים, אָט יענעם פאַרשוין, נאָך פון גאַליציע, וואו ער איז מיט אונז צוזאַמען געפאָרן. אויף דער רייזע

האָט עס זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ שנאָרער און דערצו נאָך אַ פּשוטער אָפּנאַרער...

און אָט האָט איר, וואָס זיי האָבן וועגן אים דערציילט, וואָס קאָן אויך דינען אַלס שיינער אַנעקדאָט:

„אין לעמבערג איז ער צום קולטוס־פאָרשטייער געקומען און געבעטן, מען זאָל שיקן אַ מוהל מל צו זיין דאָס קינד, וואָס זיין פרוי האָט אויף דער אכסניה געבוירן. מען זאָל אים אויך שטיצן מיט אייניגע גולדן, ווייל זיין ווייב פילט זיך זעהר שוואַך. אַ קוויטל האָט מען אים תיכּף געגעבן צו אַ געוויסן מאיר שיין — אַ ספּעציאַליסט אַ מוהל און אַן עסקן במצוות. דער דאָזיגער איידעלער ייד האָט צונויפגעזאַמלט עטליכע צעהנדליג גולדן, פאַר־קויפנדיג די כּיבודים צווישן די לעמבערגער גבירים: ה׳ שלמה באַבער — סנדק, ד״ר. בייזער — כּסא של אליהו און א. וו; אויף מאָרגן האָט דאָס יידל מיט דער געלער בערדל מיט דער יולדות און איר בן־זכר ניט געסטייעט... ביינאַכט זיינען זיי אָפּגעפאָרן קיין קראָקוי, זעלבסטפאַרשטענדליך מיטנעמענדיג די מזומנים. אין קראָקוי האָט ער די זעלבע שפּיל געמאַכט, אין ערשט אין האַמבורג האָט ער ביים ראַבינער ד״ר הירש מל געווען זיין קינד“.

פילע פון די עמיגראַנטן, דערהערנדיג די געשיכטע, האָבן דעם נפש דערקענט און האָבן זיך ווידער גענומען צום עסן. אָבער די מערסטע האָבן די עטליכע טעג, וואָס מיר האָבן פאַרווילט אין אימיגראַנטן־הויז, ניט פאַרזוכט קיין לעפל געקעכץ...

נאָכן עסן האָט אַ באַאַמטער יעדן מאַנספּערזאָן אַן ערלויבעניש־צעטל געגעבן אַלס באַוויליגונג אַרויסצוגיין אין גאַס, אויב ער וויל די שטאָט אָנקוקן. פרויען האָט מען ניט ערלויבט אַרויסצוגיין. די מענער האָבן געמעגט אָפּוועזנד זיין ביז 5 פאַרנאַכט — און דאַן האָט יעדערער זיך געמוזט איינגעפינען צוריק אין „אימיגראַנטן־האָטעל“.

אַ מרה־שחורה איז אויף מיר געפאַלן, ווען איך מיט נאָך איי־ניגע יונגעלייט זיינען אַריין אין שטאָט. קיין לעבעדיגן מענשן האָט

מען אין נאָס ניט געזעהען. אָפּגעקלאַפּטע הייזער, טירן און פענ־סטער מיט אייזערנע גראַטעס באַשלאָגן. אַ פּאָר „קאָנקעס“ האָבן זיך שלעפּעריג אַרומגעשלעפּט איבער די צענטראַל־גאַסן פון שטאָט, פירנדיג זעהר ווייניג פּאַסאַזשירן. וואו־ניט־וואו האָט מען באַ־געגנט אַ מאָנאַשקע אין שוואַרצן מיט אַ ווייסן שלייער איבערן קאָפּ און אַ גרויסן צלם אויפן האַלז...

אַ צוויי הונדערט מעטר פונם „אימיגראַנטן־האָטעל“ האָבן מיר אָנגעטראָפן ביידלאַך פון ציגיינער מיט אַ סך קינדער. ציגיינערינס מיט לאַנגע, פעך־שוואַרצע צעפּ זיינען געשטאַנען אויפן טראָטואַר, האָבן „געוואָראָזשעט“, קאָרטן אויסגעוואָרפן און אויפן האַנט די שטריכן געקוקט. דאָס ציגיינער־קליינוואַרג האָט ניט געלאָזט אַדורכגיין: האָבן געבעטלט אַן אַפּעלסין, אַ סענט, אָדער באָדאַי נאָר אַ שטיקל ברויט.

אַ פּאָליציסט, אָדער, ווי מען רופט אים דאָ, „וויזשילאַנט“, אין אַן אַלטן שינעל, באָרוועס, (אַנדערע אין איין „אַלפּאַרגאַט“ און מיט איין שטיוול) איז געשטאַנען ביי דער „עסקינאַ“ ביים ראָג־גאַס, האָט זיך געשמאַקליך צוגעדרעמלט, אָדער געקוקט תּמעוואַטע גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, שיילנדיג אָפּטמאָל גאַנץ געמיטליך אַ מאַראַנץ.

מיר האָבן איינער דעם צווייטן אָנגעקוקט: „אָט דאָס איז בוענאָס־איירעס, די הויפּטשטאָט פון דער אַרגענטינישער רע־פּובליק?“

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז מיר זיינען אָנגעקומען כּאַמע נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע פון 1890, וואָס דורך איר איז נאָכדעם דער פּרעזידענט ד״ר מיגעל כואַרעז סעלמאַן אַרונטער־געזעצט געוואָרן, דערפאַר וואָס ער האָט אַ פאַרשווענדערישע רע־גירונג געפירט, און דאַרום האָט די שטאָט אַזוי אָרים און קלאָגליך אויסגעזעהען.

מיר האָבן אויסגעמאָסטן די פּוסטע גאַסן, געקויפט פאַר צעהן סענט אַ טויך מאַראַנצן, געגעסן און געשפּאַנט...

שפּעטער, ווי די מאָדע איז בײַ „גרינע", בשעת מיר האָבּן שוין געוואָלט גיין צוריק אין אימיגראַנטן־הויז, האָבּן מיר פאַר־בלאָנדזשעט און בשום אופן ניט דערקענט די דורכגעגאַנגענע גאַסן און דעם פריהערדיגן וועג. די אימיגראַנטן־צעטלען האָבּן אונז מציל געווען. איין „ווישילאַנט" האָט אונז צוגעפירט צום צווייטן, דער צווייטער צום דריטן, ביז מיר זיינען בשלום צוגעבראַכט גע־וואָרן צום טויער פונם אימיגראַנטן־האָטעל.

II

די „טמאים" און זייער עיפּוש.

בּיים אייזערנעם גרינעם טויער פון אימיגראַנטן־הויז, נעבן צאם, בּיי די אייזערנע שטאַכעטן, האָבּן מיר אָנגעטראָפן אַ צעהנדליג רייך־געקליידעטע דאַמען און איינינע גראָבּ־בּייכינע הערן אין צילינדערס. דורך די גראַטעס האָבּן זיי אַריינגעטענהט מיט אונזערע פרויען; די קינדער אונזערע דערלאַנגט קאָנפעקטן און שאָקאָלאַד, און איינציג־ווייז זיך אַלע ווײַלע צוגערוקט צום וועכטער, אים עפּעס בּסוד גע־בּעטן, און ער האָט אַליין געצייגט שאָקלענדיג מיטן קאָפּ און מיט די הענט אויף „ניין", און ווי כ'האָבּ זיך דערוואוסט, האָט ער זיי בּשום אופן ניט געוואָלט אַריינלאָזן אינעווייניג.

איינינע פון אָט די לייט, לויטן אויסשפּראַך פּוילישע, האָבּן צווישן די אימיגראַנטן דערקענט פריינט, אָדער סתם בּאַקאַנטע, און האָבּן זיך געשמאַק צעוויינט; זייערע טרערן האָבּן זיך אויף די אייזנס געגאָסן, און כ'האָבּ דאַמאָלסט ניט געקענט בּאַשטימען, צי דאָס זיינען געווען פריידן־ אָדער טרויער־טרערן...

אויף שטום לשון האָבּ איך דעם וועכטער בּיים טויער גע־נומען אויספרעגן, ווארום ער לאָזט די דאַמען מיט די הערן ניט אַריין אינעווייניג; אָבּער ער האָט עפּעס מאָדנע, אַלס ענטפער, צו־געפּינטלט מיט אַן אויג, געשמייכלט, געדרייט מיט זיין שוואַרצן געקרויזטן קאָפּ און שעלמיש צוגעבּאָמקעט: „נאָ, נאָ, נאָ!"...

אינדעם איז אָנגעקומען אַ יונגערמאַנטשיק, אַ געלער מיט אַ געשפרענקלטן פּנים, טראָגנדיג אַ בּינטל פּאַפּירן אונטערן אָרעם, און האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס פאַרטרעטער פון בּאַראָן הירשס

בּיוראָ. דער וועכטער האָט פֿאַר אים מיט דרך־ארץ געעפֿנט דעם טויער. ער האָט אונז געמאָלדן אין נאָמען פֿון ד״ר. לעווענטאַל, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען אונז אַוועקשיקן אויפֿן לאַנד, וואָס דער באַראָן הירש האָט דורך אים געקויפֿט פֿון אונזערטוועגן. „עס האַנדלט זיך נאָר אין אונטערשרייבן איינינע „פֿאָרמאַלנאָסטן" מיט דער רעגירונג איבער דער קניה פֿונם לאַנד — האָט ער אונז פֿאַר־טרויליך געזאָגט — און אַלעס איז פֿאַרטיג!"

דאַן האָט ער פֿאַר אונז אַ שיינע רעדע געהאַלטן: האָט באַ־דויערט, וואָס די „קאָמיטעטן" אין גאַליציע און אין דייטשלאַנד האָבן זיך צוגעאיילט מיט אונז... דאָס הייסט, אַז מיר זיינען גע־קומען אַביסל פֿאַר דער צייט... ער האָט אונז אויך אָנגעזאָגט קיין מגע ומשא ניט צו האָבן מיט די יידישע דאַמען און הערן, וואָס שטייען ביים טויער און ביי די גראַטעס: „זיי זיינען פֿון די טמאים! — האָט ער ענערגיש באַטאָנט — איר זאָלט אייערע פֿרויען און מיידלאַך ניט לאָזן גיין אין גאַס אַריין". און האָט פֿאַרטנעזעצט:

— דאָ זיינען קיין אָרענטליכע יידן ניטאָ. ס׳געפֿינען זיך נאָר אָט די דאָזיגע אומריינע נפשות, דער אָפּפֿאַל פֿון דער מענשהייט. איינינע שפּאַניאָלישע און ענגליש־יידישע כּשרע משפּחות שעמען זיך צוליב די טמאים אַלס יידן זיך אויסצוגעבן...

דער יונגערמאַן האָט אַ ווײַלע גערעדט מיט די באַאַמטע פֿונם אימיגראַנטן־האָטעל און איז אַוועקגעגאַנגען.

אָבער, ווי נאָר ער האָט די שוועל איבערגעטראָטן, האָט צווישן עולם גענומען קאָכן. יענער קליינער יידל, וואָס האָט אונז כּלומרשט געוואָלט פֿון פֿערדן־פֿלייש פֿאַרהיטן, און אַנדערע אויך אַזוינע ערליכע לייט, האָבן געהיצט:

— מען האָט אונז פֿאַרקויפֿט! — האָבן זיי געשריען — ס׳איז גאָר קיין לאַנד נאָך נישט געקויפֿט געוואָרן! מען האָט אונז פֿאַר־נאַרט! די גאַנצע קאָלאָניזאַציע איז גאָר אַ ליגן!...

— מיסיאָנערן!—קוויטשעט דאָס יידעלע און שאָקלט געשווינט מיטן שפּיץ בערדעלע—מ׳וויל אונז אויסשמדן, מעביר זיין על דת!..

די טמאים פון יענער זייט טויער האָבן אונטערגעבלאָזן דעם פייער, האָבן צוגעטראָגן זייערע ווידענע קאָלירטע טיכלאַך צו די אויגן און באַוויינט די אימיגראַנטן. אַ פּאָר גרעניץ-יידלאַך האָבן זייערע קונצשטיק באַוויזן און דורך די אימיגראַנטן-צעטלאַך אַריינגעשמוגלט אייגענע טמאים אין הויף אַריין... און אָט די ברואים האָבן מיט זייערע זונה-ליפּעלאַך אָנגעהויבן אָפּמאָלן מיט שוואַרצן די לאַנגע אונזערע. אַ מאַסע פון אונזערע נאַאיווע פרויען האָבן זיך צעוויינט, והעם בוכה למשפחותיו...

מערערע פון אונז האָבן פּראָטעסטירט, האָבן גענומען אַרויס-יאָגן די אַריינגעשמוגלטע זונות. ס'איז געקומען ביז צו פּעטש, ווייל דער וועכטער האָט שוין, אפנים, גענומען אין יד אַריין... דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אַ פּאָר זויבערע פּוילישע ציצית-יידן זיינען מיט האַק-און-פּאַק, מיט די ווייבלאַך זייערע און מיט די דערוואַקסענע מיידלאַך, אַוועק פון אונז אַהין, פון וואַנען מען קומט שוין ניט צוריק... און דאָס פייער איז איינגעלאָשן געוואָרן;

אויף מאָרגן נאָך אָט דער פּאַסירונג איז דער ד"ר לעווענטאַל געקומען אין אימיגראַנטן-הויז.

מיין גאַנצן לעבן וועל איך ניט פאַרגעסן דעם הדרת-פּנים פון יענעם שטאָלצן יידן, זיין הויכע פּראַכטפולע פיגור און איבערהויפּט זיינע שוואַרצע מאַגנעטישע אויגן, וואָס קיינער פון אונז האָט מער פון איין סעקונדע נישט געקענט אויסהאַלטן זייער בליק. אַלע ביז איינעם, האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אינם גרויסן הויף פונם האָטעל רונד-אַרום דעם דאָקטאָר. ער האָט מיט זיין האַנט אַ מאַך געטאָן, און ס'איז תיכף מוראדיג שטיל געוואָרן.

— קינדער — האָט ער אין פּשוט מאַמע-לשון אָנגעהויבן — דער גוטער באַראָן האָט מיך און דעם סער קוליען געשיקט אום אויסצוזוכן אַ מקום מנוחה, ערגעץ אַ פריי פּלאַץ אויף דער גרויסער וועלט, וואו עס זאָל קענען געשאַפן ווערן אַ היים פאַר אייך און פאַר אַלע אונזערע אונטערדריקטע ברידער. מיר האָבן געפונען די פרייע רעפּובליק אַרגענטינע, אַלס

פּאַסנדן אָרט. אַ גרויסע און ברייטע, אַ פרייע און פרוכטבאַרע מדינה, וועלכע קען אַריינגעמען אַלע ליידנדע און פאַרפאָלגטע יידן. מיר האָבן געגנוג ערד געקויפט, אום אייך פאַר ערד־אַרבעטער צו מאַכן דאָ, אינם דאָזיגן געזונטן און געזיכערטן לאַנד. אמת, די קאָמיטעטן האָבן זיך אַביסל צוגעאיילט מיט אייך. מיר האָבן קיין צייט נאָך ניט געהאַט פאַר אייך הייזער צוצוגרייטן... מיר האָבן, אייגנטליך, אויסער די נאַקעטע ערד, דערווייל נאָרניט געקויפט: אָבער אויך זיי, יענע קאָמיטעט־לייט זיינען ניט שולדיג. איר זיינט זיך אָנגעלאָפן אין די מאַסן, און די דאָרטיגע רעגי־רונגען, סיי פון גאַליציע, סיי פון פרייסן, האָבן געפּאָדערט, אַז מען זאָל אייך פון דאָרט אַוועקנעמען, קוים ניט, — האָט ער אין אַ פאַרביטערטן טאָן, שווער ציהענדיג זיין אָטעם, געזאָגט, — קוים ניט, וואָלטן זיי אייך, ווי אומגעווינשטע עלעמענטן, פאַר־טריבן פון דאָרט!

וואַרפנדיג זיין שטרענג־פאָרשנדן בליק איבער אַלע פאַר־זאַמלטע, האָט ער מילד ווייטער גערעדט:

— אייך דאָ אין שטאָט צו האַלטן ביז די הייזער און רעמאַ־נענטן וועלן געשאַפן ווערן — זעהט איר דאָך, ברידער, אַז ס'איז אוממעגליך. די ריינע משפחה מוז זיך אָפזונדערן פונם אָרט, וואו זי קען פאַרשוועכט און טמא ווערן... אָט זיינען נעכטן אייניגע פון אייך אַוועק אויפן וועג, וואָס פירט צום שרעקליכן תהום... איך טאָר אייך דאָ ניט האַלטן! פערציג יונגעלייט האָב איך אַרויסגעשיקט, אום פאַר אייך דאָרט אויפן לאַנד אַ שטיקל וואוינונג צו שאַפן, און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן מיר אייך אַלע אַהין אַריבערפירן. איך בעט אייך נאָר געדולדיג צו זיין! נוצט אויס דעם געדולד, מיט וועלכן אונזער אומה איז באַקרוינט: דולדעט, ליידעט, טראָגט נאָר אַריבער די ערשטע אומפאַרמיידליכע שוועריגקייטן, וואָס די קאָלאָניזאַציע פּאָדערט, און איר וועט ענדליך קומען „אל המנוחה ואל הנחלה“. און גלויבט מיר, ס'וועט אייך גוט זיין, ברידער! אַ גרויסער, נאָבעלער אידעאַל האָט דעם באַראָן באַהערשט; זיין האַרץ

קלאַפּט מיט ליבע צו אייך. האַלט אייך פעסט און גייט ניט אַראָפּ פונם וועג!

— שיקט אונז, דאָקטאָר! מיר פאָרן! מיר גייען! הורראַ! לעבן זאָל דער באַראָן! — האָט עס גערוישט פון אַלע זייטן.

דער דאָקטאָר לעווענטאַל איז אַוועקגעגאַנגען אַ צופרידענער.

מיר האָבן גענומען איבערחזרן זיינע רייד: אייניגע האָבן אויף זיי פּירושים געמאַכט, און מען האָט זיך צוגעגרייט צו דער רייזע: צו פאָרן נאָך דער מנוחה ונחלה אויף אייגענער ערד, אַריינצו־טרעטן אינם נייעם לעבן. און אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז שבת אין לאַנגע פרייליכע קאָמענטאַרן און אַלגעמיינער צו־פרידנקייט.

שבת גאַנץ פריה איז געקומען אַ רויטער הער פון אַ יאָר 35, אָנגעטאָן אין אַ הויכן צילינדער־הוט, ענליך צום „קוימען" פון אַ קוטשער, און נעבן אים איז רעספּעקטפול מיטגעגאַנגען אַ שוואַר־צער יונגערמאַנטשיק, אוןביידע זיינען העפליך באַגריסט געוואָרן פון די האָטעל־באַאַמטע. פאַר אונז האָט זיך דער דאָזיגער הער פאָרגעשטעלט, אַלס ראַבינער פון די מערב־אייראָפּעאישע יידן, — פראַנצויזן, דייטשן, ענגלענדער און בעלגיער, און דורך זיין דאָלמעטשער האָט ער אונז איינגעלאַדן צו גיין דאַוונען מיטן מנין אין זיין שול, וואו דער שוואַרצינקער איז געווען דער שמש און גערעדט יידיש אי פאַר זיך אי פאַרן ראַבינער, וועלכער האָט זיך מיט אונז ניט געקענט צוזאַמענרעדן ניט אין ענגליש און ניט אין שפּאַניש, וואָס ער האָט באַהערשט.

אַ צעהן מענשן זיינען מיר געגאַנגען מיט זיי. ערגעץ אין אַ שמוציג און בלאָטיג געסל, אין אַן ענגן פינסטערן צימערל, איז געשטאַנען אַן אָרון־קודש מיט אַן עמוד און אַ פּאָר בענק, אויף וועלכע ס'האָבן זיך געוואַלגערט אַ צעהנדליג סדורים. דאָס איז די דאַמאָלסדיגע שול געווען.

היינט האָבן די אויסלענדישע יידן דעם שיינעם טעמפּל, די קאָנגרעגאַציאָן, וואו עס שפּילט אַן אָרגל מיט אַ שיינעם אָרקעסטער

און אַ גוטן קאַנטאָר, און וועלכע איז די איינציגע שול אין בוענאָס־איירעס, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגענע געביידע.

מען האָט פונאַנדערגעטיילט קאַרטלאַך מיט אויפשריפטן „כהן", „לוי", „שלישי"... דער שמש האָט פאַרן עמוד גע־דאַוונט און געבענשט ראש חודש אלול פון תרנ"א. חוץ אונז, דעם רב און שמש און אַ פּאָר זקנים, איז אין שול מער קיינער ניט געווען.

באַלד נאָכן דאַוונען איז דער רויטער ראַבינער תיכף אַוועקגע־גאַנגען, און דער שמש האָט אונז דערציילט גענוג טרויעריגע מעשיות:

דער ראַבינער העברי יאָזעף וואוינט מיט אַ קריס־טין. זיינע קינדער זיינען ניט געמלט — אמתע גוים. די יידן שעמען זיך דאָ אַלס אַזעלכע אויסצוגעבן אין דער עפנטליכקייט, ווייל אַלע פוילישע און גאַליציאַנער יידן, וואָס האָבן זיך נאָך פריהער אין לאַנד באַזעצט, גיבן זיך כמעט אַלע אָפּ מיט שאַנד־הייזער. די רוסיש־פוילישע משפחות, וועלכע לייזער קויפמאַן האָט אַהער פאַרפירט, זיינען זיך פון די קאָלאָניעס פאַלאַסיאָס און מאָנינגאַטעס טיילווייז צעלאָפן, און דאָס רוב פון זיי געפינט זיך איצט אין שטאָט... אויב זיי אַליין האַלטן ניט קיין שאַנד־הייזער, זיינען זיי אָבער דאָרט די משרתים און זייערע פרויען דינען אַלס קעכינס און דינסטן אין די בתי־זונות...

— און אָט דאָס איז די יידישע געמיינדע פון בוענאָס־איירעס — האָט ער געזאָגט — אַ גאַנץ יאָר איז זעלטן אַ מנין צו טרעפן. נאָר ראש־השנה און יום־כפור קומט מען זיך צוזאַמען, די כשרע מיט די טרפהנע, און מ'דאַוונט אינאיינעם. איך אַליין — האָט דער שמש פאַרענדיגט — בין אויך פון די, וואָס קויפמאַן האָט מיט אַ דריי יאָר צוריק אַהער געבראַכט...

ביי די דאָזיגע רייד בין איך אויפגעציטערט געוואָרן.

— איר זיינט פון קויפמאַנס אימיגראַנטן? — האָב איך אי־בערראַשט געפרעגט —קענט איר אפשר די פאַמיליע ווייּ־נער, וועלכער האָט אויך מיט דער סמאָטריטשער יידן, קויפמאַן,

אויסגעוואַנדערט? וואָס מאַכן זיי ערגעץ און וואו געפינען זיי זיך?
— געהערן זיי זיך עפּעס אָן מיט אייך? אייערע פאַרוואַנדטע?
— האָט ער אַ פרעג געטאָן.
— יאָ, מיין פרוים אַ פעטער איז ווײַנער. אַכצן יאָר האָט ער מיט זיין משפחה געוואוינט אין אַ דאָרף; אָבער איגנאַטיעווס גזרה פון 82-טן יאָר האָט אים פון דאָרט פאַרטריבן, און ער איז מיט די הונדערט פאַמיליעס פון קויפמאַנס פאַרטיע געפאָרן צו דער גליקליכער קאָלאָניזאַציע.
— אייער פעטער הירש ווײַנער מיט זיין זון אברהם אליהו זיינען די גליקליכסטע — דערציילט ער מיר — זיי האָבן דאָרט אין מאַניגאַטעם אָנגעטראָפן אַן „אַלבאַניל" (אַ מולער), וואָס ער צאָלט זיי אַ פּעזע אַ טאָג, און זיי טאַסקענען בלאָטע מיט ציגל און פאַרדינען זייער ברויט. אייער מומע מיט דער שנור וואַשן דאָרט גרעט און האָבן אויך וואָסערע אַכציג סענט אַ מעת-לעת, און ווען ניט דער אומגליק מיט די קליינע קינדער, וואָלט זיך דאָרט ניט געפילט אַזוי דאָס שלעכטס! — האָט ער פאַרענדיגט און געשמאַק אָפּגעזיפצט.
מיר האָבן אים געבעטן, ער זאָל אונז דערציילן אַלע איינ-צלהייטן פון קויפמאַנס קאָלאָניזאַציע, באַמערקנדיג דערביי: „מיר גייען דאָך זיך אויך קאָלאָניזירן, לאָמיר ווייניגסטנס אַלץ וויסן".
— ניט פאַר אייך געדאַכט! מיט א י י ך קען אַזעלכס ניט טרעפן! — האָט דער יונגערמאַן פאַרזיכערט — קויפמאַנען האָט מען פשוט באַשווינדלט. ניט אומזיסט האָבן אים די אימי-גראַנטן געוואָלט הרגענען!
— דערציילט! דערציילט! — האָבן מיר אים איינשטימיג געבעטן, און ער האָט פאַרציילט:
„אין יאָר 1887, ווען די יידן פון די דערפער און די קליינ-שטעטלדיגע האָבן זיך געפונען געדריקט און געשטיקט דורך איגנאַטיעווס גזרות, האָבן זיי אַרויסגעשיקט דריי שתדלנים קיין פּאַריז און לאָנדאָן, כּדי אויסצואווירקן ביי די גדולים, אַז מען זאָל זיי אַריבערפירן קיין אַמעריקע, קאַנאַדע אָדער פּאַלעסטינע. צוויי

פון זיי, לייזער ניסנזאָן און משה העגדלער פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, האָבן זיך, נאָך אַ לאַנגן יאָר וואַלגערן הינטער די טירן פון די יידישע פילאַנטראָפּן, אומגעקערט מיט ליידיגן אַהיים. דער דריטער, קויפמאַן, האָט דאָס אומגליק געהאַט זיך צו באַקענען מיט אַן אַגענט, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן אַלס שליח פון דער אַרגענטינישער רעגירונג און האָט אים צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן, ערד, בהמות, רעמאַנענט און געלד־שטיצע פאַר דער ערשטער צייט. אַ הונדערט משפחות האָט קויפמאַן אויף דעם סמך צונויפגעשטעלט, און זיי זיינען מיט אים געפאָרן קיין אַרגענטינע, אום פאַראומגליקט צו ווערן. אַלע הבטחות פונם אַגענט האָבן זיך אויסגעלאָזט אַלס פוסטע, פאַלשע און שווינדלערישע. צווישן די באַן־סטאַנציעס פּאַלאַסיאָס און מאַניגאַטעס האָט מען די פאַמיליעס אָפּגעוואָרפן, אָהן ברויט און אָהן אַ דאַך איבערן קאָפּ... מער ווי דריי הונדערט קינדער זיינען אויסגעשטאָרבן אין איין חודש צייט — דורך הונגער און קעלט... אַ סך פון יענע פאַמיליעס זיינען אַוועק צופוס און זיך דערשלאָגן ביז בוענאָס־איירעס. זייערע מיידלאַך און שניר זיינען אין די „הייזלאַך" אַריין... פילע משפחות זיינען נאָך דאָרט פאַרבליבן און ליידן אַזעלכע שרעקליכע צרות, אַז ס׳איז גאָר אוממעגליך אַזוינס אויסצודערציילן. איצט שמועסט מען, אַז דער דאָקטאָר לעווענטאַל וועט די דאָרטיגע אויפנעמען אונטער די פליגלען פון דער איצטיגער קאָלאָניזאַציע, און זיי וועלן דערלייזט ווערן!" — האָט ער פאַרענדיגט.

מיר האָבן זיך אויסגעזיפצט, אָפּגעקרעכצט, אַ פאָר טרערן אָפּגעווישט און פאַרטרויערטע צוריקגעגאַנגען אין אימיגראַנטן־האָטעל.

דעם זעלבן שבת נאָכמיטאָג האָט מען אונז געפירט צום וואָקזאַל, אום אָפּצופאָרן אויף אונזער לאַנד...

און פון יענער רגע אָן ציהט זיך פונאַנדער די קייט מיט צרות, וואָס אירע רינגען קניפּן און פלעכטן זיך דורך די גאַנצע דרייסיג יאָר — כמעט אַ דריטל יאָרהונדערט פון עבדות, פינסטערניש און דערנידערונג... זעהר ווייניג ליכטיגע טעג האָבן מיר פאַר דער

גאַנצער צייט גענאָסן. אַ שווערן פאַרצווייפלטן און מיהזאַמען קאַמף האָבן מיר אַדורכגעמאַכט, און זעהר ווייניג פון יענע ערשטע פיאָנערן זיינען געקומען אל המנוחה ואל הנחלה, ווי דער ד״ר לעווענטאַל האָט דאמאלסט פאַרשפּראָכן, סיידן אַריינרעכע־נען די הרוגים, וועלכע זיינען געפאַלן דורך גאַאוטשאָ־הענט אָדער יענע, וואָס האָבן זייער רוה אויפן נאַטירליכן וועג געפונען אין דער אייגענער ערד...

נאָר לאָמיר דערציילן כסדר, ווי אַזוי אַלעס איז פאָרגעקומען.

די „קאָנקע“ אָדער טראַמוויי, געשלעפּט פון אַ פּאָר פערד פגירות, איז צוגעקומען צום אימיגראַנטן־האָטעל, און דער געלער באַאמטער פון ביורא האָט באַפוילן, אַז מיר זאָלן אַריינשטייגן, אום צום וואקזאל צוצופאָרן. וויפיל די פרומע יידן האָבן זיך ביי אים ניט געבעטן: „מיר ווילן גיין צופוס, ס׳איז דאָך שבת! מיר ווילן ניט און טאָרן ניט פאָרן מיט דעם טראַמוויי!“, האָט ווייניג וואָס געהאָלפן. ער האָט שטרענג זיין באַפעל געגעבן: „איר מוזט פאָרן, אַז ניט, ווערט איר אָן די באַן!“ הגם, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז עס געווען אַ פּשוטער ליגן: דער צוג איז ערשט אָפּגעגאַנגען ניין אַזייגער אין אָוונט...

דער שוחט, גדליה ווייגער, וואָס איז דאַמאָלסט געווען מיט אונז, האָט זיך געלאָזט לויפן צופוס נאָך דעם טראַמוויי; ער איז אָבער גיך מיד געוואָרן. מיט פאַרדראָס און טרערן אין די אויגן האָבן זיך די פרומע יידן איינציגווייז נעבאַך אַרויפגעכאַפּט אויף דער „קאָנקע“, באַמערקנדיג אַלס אַנטשולדיגונג: „אונס רחמנא פטריה“...

מיך האָט דער פאַקט שוין מער ניט איבערראַשט, ווייל דורך דער גאַנצער רייזע האָב איך באַמערקט, אַז די גדולים פון דער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע האָבן סיסטעמאַטיש שטענדיג אויסגעקליבן דעם שבתדיגן טאָג, אום אונז צו טראַנספּאָרטירן אָדער אַנדערע שווערע אַרבעטן דורכצומאַכן...

אויפן ווילדן גראָז פון דער איצטיגער פּלאַסע אָנסע, אַנט־קעגן וואָקזאַל, האָבן מיר זיך אויסגעזעצט און פרייליך, אַזוי ווי

עס פּאַסט פּאַר גליקליכע מענשן, וואָס פאָרן זיך באַזעצן אויף אייגענע ערד, האָט דאָס יונגוואַרג געזונגען אליקום צונזערס „סאָכע“, און די ווייבער האָבן איינגעקויפט שפּאָט־ביליג אי אַפּעלסינעס, אי באַנאַנעס, האָבן געביטן די רוסישע קאָפּיקעס אויף נייע צעהן־סענטיגע פּעזיטלאַך, באַקומענדיג פאַר 5 קאָפּיקעס — צעהן סענט און פאַר הונדערט רובל — גאַנצע 210 פּעזעס. די שטימונג איז אַ געהויבענע געווען.

די זון האָט יענעם טאָג עפּעס אַזוי הערליך שיין געשיינט, דער וועטער איז געווען מילד און ליבליך וואַרעם; אַליץ האָט אַזוי מחיהדיג געבליהט און געגרינט, אַז עס האָט אַ יעדן פּשוט אַנציקט.

— וואָס זאָגט איר אויף דעם אַרגענטינישן ווינטער? — רופט זיך אָן אַ יונגע, שיינע ווייבל צום עולם — נו, אַ לאַנד, טאַטע מיינער! אַ חידוש, אַ חידוש! אייביג לעבן זאָל דער באַראָן פאָן דעם שיינעם לאַנד, וואוהין ער האָט אונז געבראַכט!

— הורראַ! לעבן זאָל דער באַראָן דע־הירש! דאַ זדראַסט־וואויעט באַראָן דע־גירש! — האָבן דאָרפישע יידן געדונערט. ניין אַזייגער אין אָוונט האָט זיך דער צוג גערירט, און מיר פאָרן.

III

אויפן באַן.

קיינער פון אונז איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. יעדערער האָט געברענט מיט אומגעדולד, דאָס אייגענע לאַנד שוין צו זעהן. ווידעראַמאָל האָט מען זיך גענומען פּלאַנעווען, גרופּירן, איינאָרדענען און פאַרזאָרגן אַלע קהלשע ענינים. הגם אויפן שיף נאָך האָט מען שוין אַלצדינג פיקס און פאַרטיג איינגעלאַדעוועט, אַפילו ר א ש י ם אויסגעקליבן, איינגעטיילט די פּאָדאָליער באַזונדער אין אַ דאָרף — מיט גדליה שוחט אַלס רעליגיעזן מנהיג; די כערסאָנער און בעסאַראַביער אין אַן אַנדער קאָלאָניע, אַריינגעבנדיג זיי אין נדן דעם אַלטן ש ו ח ט. איז אָבער דערביי אַ צרה געווען — די עטליכע ליטוואַקעס, וואָס מען האָט טאַקע באמת זיי ניט געהאַט וואוהין צוזוטשעפּן... אָט דורך זיי איז אַרויס אַ געפערליכע מחלוקת אויפן שיף, וואָס האָט געבראַכט צו דער אַריינמישונג פונם קאַפּיטאַן און דער איינשפאַרונג פונם יונגן מג...

אָבער ס'איז אָפּטמאָל כדאי איבערצודערציילן, ווי דאָס איז פאָרגעקומען.

חיים טאָקערס פרוי האָט אויפן שיף אַ יינגל געבוירן. די גאַנצע מאַנשאַפט איז כאַדאָראָם געגאַנגען. פונם קאַפּיטאַן ביזן קלענסטן מאַטראָס זיינען אַלע געווען מלא שמחה. ס'איז פריילך געוואָרן אין אַלע ווינקעלאַך. עפּעס אַ קלייניגקייט — אַ געבורט אויף דער שיף! אַ גדולה אויף זיי!

— אָ, דען יונג ווערדען וויר אינס שיף־רעגיסטער איינטראַגן; איינע פרייע רייזע־קאַרטע ווירד ער אויף אַלע וועלט־מעערען בע־

קאָמען! — האָט דער קאַפּיטאַן פון שיף אין פאַריידישטן דייטש פאַרזיכערט דעם קינדס פאָטער.

די יולדות האָט מען אין שפּיטאָל געהאַלטן. די ערשטע-קלאַסנע פּאַסאַזשירן האָבן איר אַלערליי מתנות געבראַכט. הכלל, ס'איז געווען אַ לעבעדיגע שמחה! צו די אַכט טאָג האָט מען דעם ברית מילה געפּראַוועט כיד המלך... דער קאַפּיטאַן איז סנדק געווען און האָט מכבד געווען דעם יידישן עולם מיט צווייהונדערט פלאַש מאַדראַ-ווייַן... האָבן אונזערע פּוילישע חסידים דעם „מאַדראַ" געכשרט און גיך געוואָרן בגילופנדיג... דאַרף איינער, אַ ליטוואַק דערצו, מוסר זאָגן און וועלן איבערציינגן, אַז דער ווייַן איז נסך... האָט זיך צעפלאַקערט די התלהבות ביים חסיד מג, און מיט אַ ליידיגער פלאַש איז ער פאַרפאָרן אין בעל-מוסרס קאָפּ. כדי די חסידישע היציגקייט אָפּצוקילן, איז ער אַלס ארעסטאַנט פאַרשפּאַרט געוואָרן אין סאַמע אונטערשטן טרום. און אָט צוליב אָט דער סיבה האָט זיך צעברענט דער מחלוקת, און דאָס צאַנקעריי האָט אַזוי געדויערט ביז תשעה באָב. תשעה באָב אין אָוונט, בעת מיר זיינען אַלע געזעסן אויבן אויפן פּאַלובּ, און משה מעלמאַן (שפּעטער חזן ומוהל אָדער „רעווערענד" אין ניו-יאָרק) האָט מיט זיין טענאָר-שטימע די קינות געזאָגט, דער עולם האָט צוגעשלוכצט, די ווייבער צוגעכליפּעט, און אייניגע אונטערגעוויינט, שנייצנדיג זיך די נאָז, זיינען זיך די אָפּיצירן און די געהויבענע פּאַסאַזשירן געשטאַנען רונד-אַרום פון אויבן און האָבן אונז באַדויערט. איז פּלוצים אַרויס עפּעס אַ יונגער דייטש (אפשר איז ער געווען אַ יאַהודי) און באַלד נאָך די קינות אונז אַ מוסר דרשה געהאַלטן, אונז פאָרגעהאַלטן, וואָס מיר זיינען ניט איינשטימיג, ניט פאַראייניגט און פאַרבּרידערט. און אַדאַנק זיינע איינדרוקספולע רייד איז דאַמאָלסט שלום געמאַכט געוואָרן און אחדות האָט מען געשלאָסן, און די ליטוואַקעס האָט מען צוגעקלעפּט צו אונז, פּאָדאָליער.

האָט זיך אָבער אין באַן די פראַגע ווידער דערוועקט, און די ליטוואַקעס זיינען ווייטער געבליבן שטעקן, ווי אַ ביין אין האַלז...

זייענדיג נאָהענט פון „אייגענעם לאַנד“, דאַרף דער שטן די ליט־וואַקעס אַוועקשטעלן אין סאַמע מיט וועג, און יעדערער האָט געוואָלט, אַז די צווייטע פּאַרטיע זאָל צו זיך נעמען די דאָזיגע שוועסטער־קינדער...

אַך, ווי נאַריש און ווי בלינד דער מענש איז! ווען מיר וואָלטן דאַמאָלסט געוואוסט, וויפיל צרות מיר וועלן אויסשטיין, וויפיל אומגליקן עס וועלן אונז טרעפן, און אַז נאָך דרייסיג יאָר צייט, בעת פילע פון די אַראַנזשירער שלאָפן שוין לאַנג זייער אייביגן שלאָף, און דער חסיד מיטן ליטוואַק האָבן שוין אין עולם האמת אַן אייביגן פרידן געשלאָסן — אַז נאָך איצט, איז נאָך אַליין די קאָלאָניע ניט אַראַנזשירט און ניט אָרגאַניזירט — מעגליך, אַז מיר וואָלטן געוויס אויסגעמידן די נאַרישע צאַנקערייען און דעם דומען האַס צווישן ברידער! אפשר ווער ווייסט? אפשר איז עס גאָר אַ גליק פאַר דער מענשהייט, וואָס די צוקונפט איז שטענדיג פאַרשלייערט און פאַרבאָרגן פאַרן שכל און פאַרן בליק!

נאָר לאָמיר בעסער צוריקגיין צו דער דערציילונג.

אַ גאַנצע נאַכט האָט עס אין באַן געדעשט פון די היציגע דיסקוסיעס און פייערדיגע דעבאַטן, און מיטן טאָג זיינען מיר אָנגעקומען צו דער סטאַנציע קאַסאַרעס.

אויף שטום־לשון, וועלכן מיר האָבן שוין דאַן זיך גוט אויסגעלערנט, האָט מען אונז צו פאַרשטיין געגעבן, אַז מיר דאַרפן אָפּשטייגן פון די וואַגאָנעס. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיין סיגנאַל געגעבן, און דער צוג איז זיך אַוועק זיין וועג.

פון צווישן די הויכע גראָזן, וועלכע האָבן כמעט די רעלסעס פאַרדעקט, האָט זיך אַ בלאַסער מאַטער זונען־שיין דורכגעריסן און באַלויכטן די פוסטע געגנט. בלויז צוויי הייזקעס — איינע צונויפגעשלאָגן פון ברעטלאַך און די צווייטע פון בלעך, אין וועלכע עס זיינען אינסטאַלירט געווען קליינינקע קאמפּס־שענקלאַך — האָבן מיר דאָרט אָנגעטראָפן, און זיי, צוזאַמען מיטן טלומטרדיגן וואָקזאַלטשיק, האָבן דאַמאָלסט פאָרגעשטעלט קאַסאַרעס.

אויף ווי ווייט דער בליק איז געפאַלן, האָט מען נאָר גע=
זעהן בוריאַן, הויכע, ווילד=אויסגעוואַקסענע גראָזן מכל המינים און
צווישן זיי, וואו=ניט=וואו, שמאָלינקע אויסגעטראָטענע סטעזשקעס,
וואָס דער סקאָט האָט אפּנים געמאַכט, גייענדיג צום וואַסער. און
די שטעגן האָבן זיך געשלענגלט צווישן דעם וואַלד=גראָז און זיינען
פאַרלוירן געגאַנגען ערגעץ ווייט, ווייט אין די אומענדליכע פאַמפּאַס.

IV

מיר גייען צו אונזער לאַנד.

קיין לעבעדיגער מענש האָט אונז ביים וואָקזאַל ניט אויפגע־נומען. קיין איינציגער באַאַמטער פון באַראָנס קאָלאָניזאַציע האָט אונז ניט אָפּגעוואַרט. דער שעף פון קאַסאַרעסער באַנהויף, אַ הויכער ברונעט מיט אַ געדיכטער היטשקע האָר, האָט זיך אַלע ווײַלע אַרויסגערוקט פונם וואָקזאַל־הייזל, צוגעשמייכלט שעלמיש צו אונזערע שיינע ווייבלאַך און דערזעהענדיג, אַז קיינע פון זיי שענקט אים ניט וועלכע ס׳איז אויפמערקזאַמקייט, איז ער אַפּנים בייז געוואָרן, האָט אַ טרייסל געטאָן די קוטשמע האָר, זיך פאַר־מאַכט אין שטוב און מער זיך ניט געוויזן.

ווער פון אונז עס האָט נאָך אין זיין קלומעקל געהאַט אַ שטיקל ברויט, האָט עס אויפגעגעסן. די קינדער זיינען ביסלאַכווייז הונ־געריג געוואָרן, און מען האָט זיך צעלאָזט נאָך די שענקלאַך אום ברויט צו קויפן, אָבער זיי האָבן אַזאַ אַ ר ט י ק ל גאָרנישט גע־האַט... די אויגן זיינען פון אומגעדולד אַרויסגעקראָכן, קוקנדיג אויף אַלע זייטן, פילייכט קומט אימיצער, כדי אונז צו פירן אויף אונזער לאַנד.

אַ שעה נאָך אַ שעה איז פאַרפלאָסן, און ס׳איז נאָך אַלץ קיי־נעם נישט צו זעהן געוועזן.

דער עולם איז אויפגערעגט געוואָרן, ס׳האָט אָנגעהויבן קאָכן. צום אָנפאַנג שטיל — שפּעטער אַלץ רווישנדיגער און העכער. בינטלאַך יידן האָבן זיך אויסגעשטעלט נעבן די רעלסעס און אַריינגעטענהט מיט די הענט און פיס... אומצופרידנהייט און

פאַרצווייפלונג האָבן לאַנגזאַם אַריינגעדרונגען אין די הערצער און פון מינוט צו מינוט זיך פאַרשטאַרקט.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין די גראָזן. „אָט קומט מען!“ — האָט זיך געדוכט. איינִיגע האָבן זיך איבער־געוואָרפן מיט עכטע רוסישע מי־שבּרכס אויפן חשבון פון די פוילע קאָלאָניזאַטאָרישע בּאַאַמטע... אַנדערע האָבן זיך אַוועק־געלאָזן מיט די סולעפּקעס צווישן די הויכע גראָזן און בּוריאַנעס, אָבער גיך האָבן זיי זיך אומגעקערט פאַרסאָפּעטע, פאַרשוויצטע און בּאַטונקען אין די געלע בּודזשיקעס און גרינע בּערלאַך.

אַזוי האָט זיך דער טאָג געצויגן בּיז צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג.

פּלוצים האָט זיך דערהערט דאָס קנאַלן פון אַ בּייטש, און פון די גראָזן אַרויס איז אויסגעוואַקסן אַ וואָגן מיט צוויי משונה הויכע רעדער, געשפּאַנט צו אַ גאַנצן מנין פערד. הינטער אים נאָך איינער און נאָך איינער — בּיז אַכט, אַלע אויף צוויי אומגעלומפּערטע רעדער, און זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ רייע, בּיים לענג פון דער בּאַן־ליניע.

אַ בּלאָנדער יונגערמאַן, רייטנדיג אויף אַ שטאַרקן ווילדן פערד, איז אינדעם אָנגעלאָפן און האָט עפּעס אויף שפּאַניש בּאַפוילן צו די שוואַרצע אָנטרייבּער פון די וועגן, און גלייך האָט יעדערער פון די בּעלי־עגלות אַראָפּגעשאָטן פון זיין הויכן וואָגן אויפן גראָז אַרויף אַ בּאַרג מיט האַרטע, צעטריקנטע פלעצלאַך, וועלכע זיינען דורך דער קאָלאָניזאַציע בּאַרימט געוואָרן אונטערן נאָמען „גאַלעטן“.

נאָך איינער, אַ יונגער הער, וויים ווי מילך, מיט צאַרטע און איידעלע געזיכט־שטריכן און בּאַוועגונגען, איז אָנגעקומען אויף אַ שיין־בּאַפּוצטן פערד, האָט אונז בּאַגריסט אין דייטש און זיך פאָרגע־שטעלט, אַלס אונזער אַדמיניסטראַטאָר: הער גערבּיל.

— ווער הונגער האָט, זאָל דיזע בּולקעלאַך „גאַזשעטאָס“ נע־מען אונד עסען! — האָט ער אונז ערקלערט.

די בּושה, וואָס איז שוין בּיי אונז אַ צעקאַליעטשעטע געווען נאָך פון דער דייטשער גרעניץ אָן, וועלכע האָט זיך גענומען בּרעקלען בּיים ערשטן רחמנות־בּיסן, וואָס די דייטשע יידן האָבן

אונז צונעוואָרפן, און טיילווייז טאַקע דער דריקנדער הונגער האָבּן קיין שום שטערונג און אָפּוועדונג מער ניט געמאַכט — מען האָט זיך ניט געלאָזן לאַנג בּעטן און זיך ווילד געוואָרפן אויף די שנאָ־רער־בּולקעלאַך, און ס'איז געוואָרן אַ כאַפּעריי...

די פּנימער בּיי די טונקל־געקופּערטע אַרגענטינער האָבּן זיך ספּאַזמיש צעקרימט, בּעת זיי האָבּן דערזעהן אָט די סצענע. זיי האָבּן עפּעס שטאַרק צעפּאָכן מיט זייערע הענט, און ווען זיי האָבּן בּאַ־מערקט, אַז די הונגעריגע קינדער קאָנען מיט זייערע ציינדלאַך נישט איינבּייסן די פּאַרשטיינערטע „גאַלעטן", זיינען זיי פון די וועגן אַרונ־טערגעקראָכן און אונז אָנגעהויבּן לערנען, ווי מיט דעם דאָזיגן מאכל אומצוגיין: אָן די אייזערנע שינעס פון די רעדער האָבּן זיי די „גאַלעטן" אָנגעקלאַפּט, און זיי זיינען זיך צעפאַלן ווי שטיקלאַך גלאָז. די שטיקלאַך אַריינגעלייגט אין וואַסער צום ווייקן און נאָכ־דעם עס דערלאַנגט די הונגעריגע קינדער, מורמלענדיג דערבּיי: „פּאָורעס ניניאָס! פּאָורעס עמיגראַנטעס!" — אָרימע קינדער! אָרימע עמיגראַנטן!

אַז מען האָט מיט די איינגעווייקטע פּלעצלאַך דעם הונגער גע־שטילט, זיינען פון די פיר־מעטרדיגע הויכע וועגן אַרונטערגעלאָזן געוואָרן לייטערס, און דער אַדמיניסטראַטאָר גערבּיל האָט זיין צוויי־דאַשקאָווע היטל — איין דאַשעק פאָרנט, איינער הינטן — אויך האַנט גענומען און זיך נאָך מעשה קאַוואַלער פאַרנייגט פאַר אַלע אונזערע ווייבּלאַך, זאָגנדיג העפליך:

— יעצט, ליבּע פרויען אונד קינדער, שטייגען זי אויף די וועגען הינויף אונד זי ווערדען צו זיך אויף לאַנד, אין איר היים פאַרען!

צו די מענער האָט ער זיך שוין געווענדעט אין גאָר אַן אַנדער טאָן:

— איר, צוקינפטיגע קאָלאָניסטען, ווערדעט דען וועג צו פוס מאַכען מיסען: וויר האַבּען זאָ פילע וועגען פיר אייך ניכט בּעקאָמען קענען! — און אומוועגדיגנדיק זיין געזיכט צום בּלאָנדן יונגערמאַן, האָט ער געזאָגט:

— סעניאָר טיראַטשיני: זי ווערדען גיטינגסט בעשטעלען פיר „וואַקיאַנאָס“ (ערפאַרענע לייט, וועגווייזער), אום די קאָלאָניסטען דען וועג צו צייגען. אַדיע, קאָלאָניסטען! — האָט ער אונז צוגעשריען — דער הער אינזשענער, ווירד שאָן אַלעס בעזאָרגען.

מיט די שפּאָרן האָט ער זיין פערד די ריפּן אָנגעקלאַפּט און איז שנעל פאַרשוואונדן געוואָרן אין דעם וואַלד פון דערנער און גראָזן.

אַזוי ווי די הערינג אין פאַס זיינען די פרויען מיט די קינדער צונויפגעפּרעסט געוואָרן אויף די וועגן. די בייטשן האָבן די לופט פאַרהילכט מיט זייער קנאַלן, און די אומגעלומפּערטע עגלות, מיטן טאַבון פערד, זיינען אַוועק מיט אונזערע משפחות.

דער בלאָנדער אינזשענער האָט אונז, מענער, אויך איבערגעלאָזן און איז אַוועק אין שענקל אַריין, מן הסתם דאָרט עפּעס איבערכאַפּן, אָדער אפשר זיין גאָרגל דורכצונעצן... אָבער ער האָט זיך, ווייזט אויס, פאַרגעסן אָן אונז; ווייל די שעהן זיינען געפלאָסן איינע נאָך דער אַנדערער, און מיר זיינען געשטאַנען ביי דער באַן־ליניע און שיער צעפּלאַצט פאַר אומגעדולד... פון אינזשעניער האָבן מיר קיין זכר ניט געזעהן.

— וואוהין זאָלן מיר גיין זוכן? — האָבן מיר זיך איינאַנדער געפרעגט — מען דאַרף אים אַרויסשלעפּן פון שענקל, זאָל ער אונז פירן דעם וועג ווייזן! — האָבן מיר באַשלאָסן.

די זון האָט זיך וואָס אַמאָל אַליך מער געזעצט הינטער דער געביידע פון דער סטאַנציע. די נאַכט איז שנעל צוגעפאַלן. פּלוצים זיינען פיר רייטער פאַר אונז אויסגעוואַקסן, ווי זיי וואָלטן פון די וואָלקן אַראָפּגעפאַלן; מחמת קיינער האָט ניט באַמערקט, פון וועלכער זייט זיי זיינען אָנגעקומען.

ברונעטן, הויך־געוויקסיגע, מיט לאַנגע שוואַרץ־גלאַנצעדיגע האָר און טיפע טונקעלע, אָבער ברענענדע אויגן זיינען זיי געווען. ברייטע גאַרטלען, אַרומגעקלאַפּטע מיט זילבערנע מטבעות, האָבן זייערע לענדן אַרומגענומען, און פון אונטערן גאַרטל איז רונד־אַרום

אַראָפּגעהאַנגען די „טשיריפּאַ“, אַ וואָלענע טוך, וואָס הילט איין ביז צו די קני דעם אונטערשטן טייל קערפּער. די זאָטלען וייערע זיינען אויך באַשלאָגן געווען מיט זילבערנע באַפּוצונגען, און ריין־בלוטיגע פערד האָבן געברענט אונטער זיי.

זיי האָבן אונז פריינטליך באַגריסט און זיך גאַנץ עלעגאַנט פּאַרניינגט, און דערזועהענדיג אונזערע חסידים אין די לאַנגע קאַפּאָטעס, האָט זיך אַ שמייכל פונאַנדערגעקרייזלט איבער זייערע גראָבליכע ליפּן, צומורמלענדיג דערביי מיט נייגעריגקייט:

— קוראס ! סאַנטאָס ? ! — (גלחים, הייליגע?)

באַלד דערויף איז אויך אָנגעקומען דער בלאָנדער טיראַטשיני. האַלב שיכּורליך איז ער געווען און חוצפּהדיג האָט ער געקאָמאַנדעוועט : „צו צוויי הינטער צוויי !“, „צו צוויי אין רייע !“ — און ביי יעדן אין האַרצן האָט זיך ווי עפּעס אָפּגעריסן.

אַזוי ווי סאָלדאַטן אין דער ליניע האָט ער אונז אויסגעשטעלט פּאָרווייז, און ווען אברהם „דער גיהנום־שמש“ — אַ צונאָמען, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין דאַרקייט, לאַנגקייט און פאַר זיין פּאַנאַטישער פרומקייט — איז ניט אויסגעקומען גלייך ווי אַ סטרונע אין דער רייע, האָט אים דער באַזויפענער אינזשעניער אַזאַ שטופּ געטאָן מיטן ברוסט פון זיין פערד, אַז ער האָט זיך נעבאַך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג, בעת דער שיכּור מיט די „וואַקיאַנאָס“ האָבן זיך צעשמאָלצן לאַכנדיג... בעת ביי מיר און פיליכט נאָך ביי אייניגע האָבן זיך די אויגן אָנגעפילט מיט טרערן.

— מאַרש ! — האָט דער אינזשענער אויסגעשריען, אַ מאַך טוענדיג מיט זיין האַנט.

— „וואַמאָס !“ — קומט ! האָבן אים די „וואַקיאַנאָס“ מיטגעהאָלפן, און צוויי זיינען אַרויסגעריטן צום פראָנט, בעת די אַנדערע צוויי האָבן זיך געשטעלט ביי אונזערע ביידע זייטן, און די קאַראַוואַנע וואַנדערער האָט זיך גערירט אין וועג אַריין.

דער אָנגעטרונקענער אינזשענער האָט צעיאָגט זיין האַלב־ווילדן פערד, איז פאַרפּיינעפלוינן אונזער לאַנגע שורה און איז פאַרשוואונדן געוואָרן הינטער די טיפע גראָזן.

די זון איז הינטער די פלייצעס אַלץ טיפער פאַרזונקען געוואָרן אין די הויכע „זשוזשעס" אָדער דערנער; אַ רויט־צעפלאַמטע, אַן אָנגעצונדענע, האָט זי דאָס גאַנצע פעלד ווי מיט פייער באַגאָסן. די פיר שפּאַניער, אונזערע טרייבער, האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגעוויזן מיטן האַנט אין מערב־זייט.

— אַ רעגן! — האָט אַן עלטערער דאָרפס־ייד באַמערקט — די נאַכט רעגנט...

איינינע האָבן זיך הילכיג צעלאַכט.

— עס איז דאָך שטיל און וואַרעם — אַ מחיה! קיין גרעזעלע גיט זיך קיין ריר ניט, וואָלקנס זעהט מען ניט, וואו־זשע האָט זיך אייך געגומען אַ רעגן? — האָט איינער אויפן קול געזאָגט.

— אָט דאָרטן! — האָט דער אַלטער געענטפערט, אָנצייגנדיג אויף אַ שמאָל פּאַסיקל כמאַרע, וואָס איז געלעגן צעצויגן ווי אַ סאַמעטענע שוואַרצע לענטע ביים סאַמע זוים פון הימל, וואו די זון איז זיך געגאַנגען באַהאַלטן אין דער נאַכט.

— אָט האָט איר, יידן, אַ נייעם תוכן, אַ נייעם אַסטראָנאָם, אַ חיים זעליג סלאָנימסקי! — האָט זיך געוויצלט שניאור מלמד פון דיניוויץ — וואָס זאָגט איר עפּעס אויפן דאָרפישן שטערנזעהער? שטעלט פּיס, קינדער! מיר וועלן נאָך אי״ה נעמען אַביסל בראָנפן אין אונזער נייער היים איידער דער רעגן וועט גיין!

און מיר האָבן פלייסיג געשפּאַנט צווישן די בודזשיקעס, בו־ריאַנעס און גראָזן.

V

דער „פּאַמפּעראָ“ שטורעם און שלאַקסרעגן.

די נאַכט איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן, ס'איז מאָמענטאַל פינסטער געוואָרן.

די פיר אַרגענטינער האָבן זיך אָפּגעשטעלט; זיינען פון די פערד אַראָפּגעקראָכן, פון אונטערן זאָטל האָבן זיי אַפּערגענומען אַ גרויסע שאַל, אַזוי ווי אַ טלית, מיט אַ שפּאַלט אין דער מיט, די „פּאָנטשאַ“, און דאָס אָנגעטאָן, ווי אַן אַרבע כנפות, דורכן קאָפּ. זיי האָבן פאַרוויכערט צו ציגאַרעטלאַך, ווידער אַרויפגעשטיגן אויף די פערד און האַרט, איינער נעבן צווייטן, זיינען זיי אַלע אַרויסגעריטן אויפן פראָנט אַרויס.

דער הימל האָט באַקומען אַן אַש־קאָליר; ערטערווייז אַזש גרוי. באַלד האָבן זיך די קאָלירן געביטן, שטיקער געוואָרן גרין, שטיקער שוואַרץ. אויף אונז האָט זיך ווי אָנגעהויבן שיטן אַ פינסטערניש, אַ מין געדיכטע שוואַרצקייט האָט אונז איינגעהילט. דער חושך האָט אונז איינגעדעקט און ווי אין אייזערנע קליאַמרעס איינגעשלאָסן. אינסטינקטיוו האָבן מיר זיך צוגערוקט און איינגעפרעסט איינער אָנעם צווייטן. עפּעס אַ מין געהיימער פחד האָט אונז באַהערשט, און טאַקע באַלד האָבן מיר דערהערט דעם טעמפּן שומען פון די גראָזן. דער גאַנצער סטעפּ אַרום האָט פלוצים גענומען רעשן, רוישן און אויפציטערן... די פערד פון די שפּאַניער האָבן שטאַרק געפּאָרסקעט מיט די נעזער און זיך געריסן פונם צוים אונטער די לייצעס...

— פּאַמפּעראָ! פּאַמפּעראָ! — האָבן די „וואַקיאַנאָס“ דער־שראָקן איינער צום צווייטן געזאָגט.

מיר האָבן דאַמאָלסט די באַדייטונג פון דעם וואָרט ניט פאַר־שטאַנען. אָבער אין אַ רגע אַרום האָבן מיר די פּאַרטייטשונג באַגריפן. פון צפונית־מערבית האָט דאָס הודיען פונם שטורעם־ווינט זיך צו אונז דערטראָגן. דער „פּאַמפּעראָ“ איז אָנגעקומען, האָט אַ כאַפּ געטאָן די קעפּלאַך פון די גראָזן און מיט כּעס זיי געשליידערט איינס צום צווייטן, זיי צעריבן, צעריסן אויף פּיצ־פּיצלאַך און די פּאַלאָווע אונז אין פּנים אַריינגעשאָטן... די גאַנצע לופט האָט אויפגעציטערט, און דער ווינט האָט זיך צעבו־שעוועט, האָט געוואָיעט, זיך געבייזערט און מיט קולי־קולות גע־ברומט און געשטורעמט... שטראָמען ווינט, ווי די כוואַליעס פונם ים, האָבן זיך געקייקלט איבער אונזערע קעפּ. צעריבענע שטרוי, אויסגעמישט מיט זאַמד, האָבן אונז די אויגן פאַרשאָטן. ווייטער גיין איז אוממעגליך געווען, און ווי אונטער אַ מיליטערישער קאָמאַנדע האָבן מיר, אַלע דריי הונדערט נודרים, אינסטינקטיוו זיך אויף דער ערד אויסגעלייגט.

מיטאַמאָל איז דער ווינט אָפּגעהאַקט געוואָרן, און אַ פּיינליכע שטילקייט האָט איינגעטראָטן. אַ בליץ האָט דורכגעריסן דעם שוואַרצן הימל, און ס'האָט אַ שרעקליכער דונער אויפגעקנאַלט, אַז עס האָט אַזש פון דער ערד געהויבן. ביים שיין פון בליץ האָבן מיר דערזעהן, ווי אונזערע וועג־ווייזער טראָגן זיך שנעל אָפּ און ווערן נעלם... טאַקע באַלד האָט שניאור מלמד מיט אַ ציטער־דיגער שטימע די ברכה אויף אַ דונער געמאַכט, און ווי עס שיינט, אַלס צושטימונג האָט עס אָנגעהויבן קראַכן און דונערן פון אַלע זייטן, איינס נאָכן אַנדערן, אייגער געפּלאָכטן אינם צווייטן, און די בליצן האָבן אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן, אַז מיר האָבן זיך געקאָנט קעגנ־זייטיג אָנקוקן.

גראָבע טראָפּנס רעגן, אָנפאַנגס וואַרעמע און באַלד אייז־קאַלטע, האָבן אָנגעהויבן פאַלן אויף דער ערד. דער ווינט, וואָס איז געווען אויף אַ ווײַלע אַנטשווייגן געוואָרן, האָט איבעראַמאָלס אויסגעבראָכן

און געפּושעוועט נאָך מיט מער כּעס ווי פריער, האָט געשטורעמט, געריסן, געמאַכט אַ משונהדיגן רעש און דעם רעגן אָפּגעטריבן פון אונז...

אַ שרעקליכע מלחמה, אַ לופט-שלאַכט צווישן דעם „פּאַמ-פּעראָ" און דעם רעגן איז אויבן איבער אונז געפירט געוואָרן — און דער לעצטער האָט גובר געווען. אַ מבול וואַסער האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון די וואָלקן, האָט דעם שטורעם באַזיגט און אים שווייגן געמאַכט.

— געגאַנגען! — האָבן מיר זיך קענגזייטיג געמוטיגט און פיס געשטעלט. דער רעגן האָט ווי מיט עמער געגאָסן און אונז דורכ-גענעצט ביז די ביינער. די וואָלענע קאָלדרעס פונם שיף, וואָס כּמעט יעדערער האָט מיט זיך אַזעלכע געטראָגן, זיינען געוואָרן ווי בלײַ. דורכגענעצט ביזן מאַרך, האָבן מיר זיך כּנופיה־סוויז ביי די הענט גענומען און זיך געשטופּט פאָרווערטס, גלייך אין חושך אַריין. וואוהין? דאָס האָבן מיר אַליין ניט געוואוסט! מען האָט געבראָדזשעט אין די גאַסע גראָזן און געוויקסן אָהן אַ וועג און אָהן אַ ציל.

באַגלייט פון אומאויפהערליכע בליצן און הילכנדע דונערן, האָבן מיר, ציטערנדיג מיט אַלע נערוון, זיך אַזוי געשלעפּט קעגן אַ שעה צייט, ביז מיר זיינען צוגעקומען צו אַ דראָטענעם פּלויט, אַן „אַלאמבראדא", מיט וועלכע די היגע פעלדער ווערן אַרומגע-צוימט.

— סטאָפּ! אַ וואַנט! — האָבן זיך דערהערט קולות פון די פאָדערשטע רייען, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט צעקלאַפּט די נעז און צעקאַליעטשעט אָן די „פּאָסטעס" — די סלופּעס, דורך וועלכע דער דראָט איז דורכגעצויגן.

— היט זיך, אַ וואַנט! — אָבער ווער האָט דען געקענט אין אַזאַ וועטער הערן? מען האָט זיך אָנגעשלאָגן, זיך געשטויסן און זיך צעהרגעט, צעבלוטיגט און צעטראָטן. דאָס גליק איז נאָך געווען, וואָס דאַמאָלסט האָט מען נאָך קיין שטעכעדיגן דראָט ניט גענוצט, אַניט וואָלטן נאָך פילייכט געווען געפערליך פאַרוואונדעטע

און אפשר אויך טויטע... דער גאַנצער עולם האָט זיך דער־שלאָגן צו דער דראָטענער וואַנט און איז שטיין געבליבן, אַליין ניט ווייסנדיג, וואָס ווייטער צו טאָן.

אינדעם האָבן מיר דערהערט אַ געשריי: „רוסאָס“, און אַ הילכנדער פּייף פון די גאַאוטשאָס האָט דורכגעשניטן די לופט און אָפּגעקלונגען אין די אויערן.

ביים שיין פון אַ לאַנג־דויערנדן שטאַרקן בליץ האָבן מיר פון דער אַנדערער זייט דראָט דערזעהן צוויי פון אונזערע מורה דרכם, רייטנדיג גאַנץ געמיטליך אויף זייערע פערד, און מיר האָבן זיך געדרונגען, אַז אונזער לאַנד איז געווים אויף יענער זייט צאָם. מיר האָבן איילנד גענומען אַריבערקלעטערן די אנדערטהאַלבן מעטרדיגע וואַנט (גרינגע חיות, דער שכל האָט ניט געטראָגן זיך דורכצושטופּן צווישן די דראָטן!) מיט מיה און אָנשטרענ־גונג איז אונז ענדליך געלונגען אַריבערצוקריכן אויף דער צווייטער זייט.

דער רעגן האָט נאָך אַלץ געגאָסן ווי מיט צעבערס, און מיר, דענקענדיג, אַז אָט־אָט קומען מיר שוין צו אַ ישוב, האָבן זיך גע־מוטיגט, זיך געשטופּט דורכן ווינט מיט דער שארגע, און אַלץ ווייטער פאָראויס געגאַנגען.

אַ פּאָר מאָל האָבן מיר נאָך געהערט דעם גרילצנדן גאאוטשאָ־פּייף פון אונזערע טרייבער, וועלכע סווישטשען אויפן זעלבן אופן בעת זיי טרייבן אַ סטאַדע פיה, און נאכהער האָבן מיר זיי שוין מער ניט געהערט.

אַן ערך נאָך אַ שעה צייט האָט דער שלאַקס־רעגן נאָכגעלאָזט, דער מבול האָט אויפגעהערט, און אַ זומערדיגער דריבנער רעגנדל האָט פלייסיג דעם פּלאַץ פאַרנומען. די עלטערע מענשן זיינען מיד געוואָרן; דער רעגן האָט די קאַפּאָטעס אָנגע־ווייקט, און די פיס האָבן זיך אָפּגעזאָגט זיי ווייטער צו טראָגן — און זיי זיינען צוגעשטאַנען. די שטאַרקערע, די יינגערע, האָבן אַוועקגעשפּאַנט פאָראויס. וואוהין? גלייך דעם חושך אין מויל אַריין.

די קאַראַוואַנע איז צעשלאָגן געוואָרן. פריער גרויסע גרופּעס צו דרייסיג־פערציג מאַן; נאכהער קלענערע און גאָר קליינינקע, צו 5־6 פּערזאָן. אָט אַזוי האָט מען זיך געשלעפּט איבערן סטעפּ, געשריען איין בּינטל צום צווייטן העפּ! העפּ! בּיז מען האָט זיך דערווייטערט איין גרופּע פון דער אַנדערער, און די קולות זיינען פאַרשטומט געוואָרן...

איך בּין פאַרבּליבּן אין אַ גרופּע זאַלבּעפערט. מיר האָבּן זיך בּיי די הענט געהאַלטן און געשפּאַנט אַליץ ווייטער.

איינער פון די פיר איז אַ שיפס־בּרודער געווען פון דער ט י אָ ק אַ, און די אַנדערע צוויי פון דער ל י ס אַ בּ אָ ן. מיט אַלע קרעפטן האָבּן מיר געשפּרייזט ווייטער און ווייטער, אין דער ריכ־טונג, וואו ס'האָט זיך צולעצט געהערט דער קול פון די „וואַקיאַ־נאָס".

פּלוצים האָט זיך איינער פון אונז אָפּגעשטעלט. ער האָט מער ניט געקענט גיין, די פיס האָבּן ניט געדינט...

-- לאָזט מיר, בּרידער, לאָזט מיך דאָ — האָט ער פאַראומערט זיך געבּעטן -- די כּוחות האָבּן זיך מיר אויסגעשעפּט! — מינה וביה, איז ער שוין געלעגן אויפן נאַסן גראָז.

— וואָס רעדט איר, פעטער? שטאַרקט זיך! קומט, בּאַלד װעלן מיר שוין צו אַ ישוב אָנקומען!

אָבּער ער רירט זיך ניט פונם אָרט... דערווייל שמייסט דער רעגן, און ער געפינט זיך כּמעט ווי אין אַ טייך. וואָס טוט מען?

מיר האָבּן אים גענומען אונטער די אָרעמס און געטאַסקעט... אָפּגעשלעפּט אַ הונדערט מעטר. אָבּער שלעכט, מיר ווערן מיד! וואָס־זשע טוט מען פאָרט? מיר קענען דאָך אים ניט לאָזן דערגיין!

— הערט, בּרידער — זאָגט צו אונז דאָס יידל מיט אַ שוואַך קול — לאָזט מיך איבּער אָט־דאָ. איר קענט מיר גאָרניט העלפן, די כּוחות, פיל איך, גייען מיר אויס... כ'בּין אַ מענש אַריבּער חמישים, אויף דער שיף די גאַנצע צייט ניט געגעסן. אין אימי־גראַנטן־הויז איז אויך טריפה געווען... היינט דעם גאַנצן טאָג

געפּאַסט... קאָלאָמבוסעס בולקעלאַך, די דאַרע פּלעצלאַך, זײַנען ניט פּאַר מײַנע צײַן... יעצט דאָס לויפן אין מדבר — האָט מיך גאָר דערהרגעט! נעמט אַרויס פון מײַן בוזעם־קעשענע אַ ביכל מיטן פּאַשפּאָרט און אין אײַן זאָק, אויפן לינקן פוס, האָב איך 35 רובל אין אַ שטיקל סיראַטע באַהאַלטן, כּדי די רשעים אין לעמבערגער קאָמיטעט זאָלן עס ניט געפינען. איך האָב געקלערט דאָס געלט מײַן װײַב מיט די פיר מײדלאַך מײַנע צו שיקן, זײ גײען ממש אויס פון הונגער, דאָרט אין „שוואַרץ טומאָהא“; יעצט וועט דאָס געלט צונויץ קומען אויף בגדים... און אינדעם צע־כליפּעט זיך דער אַלטער, אַקוראַט ווי אַ קינד.

— האָט קײן מורא ניט, אַלטיטשקער! — האָבן מיר אַלע דרײַ אײנשטימיג געזאָגט — איר שטאַרבט חלילה ניט. דאָס געלט, אויב ס׳איז נאָר ניט צעווייקט געוואָרן פונם וואַסער, וועט איר דאָס נאָך אי״ה אַהײם שיקן, צו אײַערע פיר בתולות.

— חברה, אַ נאָסילקע! אינדרײַען וועלן מיר אים טראָגן! — האָט אײנער פאָרגעשלאָגן. אַ קאָלדרע פון די שיפס־דעקעס איז אויסגעשפּרײט געוואָרן, צווײ פּאָרנט, איך בײַ די פיס, האָבן מיר אים אַזוי עקשנותדיג געטאַסקעט און ווײַטער געגאַנגען.

דערווײַל האָט דער רעגן אויפגעהערט, אָבער מיר זײַנען אַלע דרײַ אין שווײס אײַנגעטונקען געוואָרן... פּלוצים זײַנען מיר אויף אַ בערגל אַרויף, און אײנער פון אונז האָט פרײליך אויסגעשריען:

— ליכט! איך זעה דאָרטן פײַער!

מיר האָבן די משא אַראָפּגעלאָזט און זשעדנע אונזערע בליקן אָנגעשטרענגט אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג! אַ שײַן פון פײַער האָבן מיר אַנטקעגן אונז דערזעהן. „אַ ישוב“—האָבן מיר מונטער אויסגעשריען.

דער אַלטיטשקער, וואָס האָט אויסגעוויזן ווי אַ בר־מנן, איז בײַ דעם וואָרט גאָר פון דאָס נײַ לעבעדיג געוואָרן. „מיר זײַנען גע־רעטעט!“ — האָט ער מיט שמחה געזאָגט און זיך אויף די פיס געשטעלט.

אַ צעהן מינוט האָבּן מיר זיך אויסגערוהט און מיט פרישער האָפענונג, פירנדיג דעם אַלטן אונטערן אָרעם, האָבּן מיר זיך צום פייער געצויגן.

גיך האָבּן מיר קולות דערהערט: „הו־האַ! הו־האַ! ע־ע־העפ!“ — מיר האָבּן אָפּגעענפערט און האַסטיגער געגאַנגען צו די שטימען.

— אַהער! אַהער! אָט־דאָ זיינען מיר! — האָבּן מיר גאָר נאָ־הענט דערהערט, און מיט־די לעצטע קרעפטן זיינען מיר צוגעקראָכן צו יענעם אָרט.

I.ז

איך ווער מגלגל אין אַ יידענע און זעה יידיש בלוט...

אין אַ שיטערן וועלדל, צווישן הויכע בוימער, האָט אַ גרויסער פייער געברענט. די אונזעריגע זיינען אַנטקעגן געקומען, טראָגנדיג בלעכענע שיסלאַך מיט וואַרעם יויך.

— נאַט, זופּט, דערוואַרעמט אייך! טריקנט זיך צו דאָ נעבן פייער! — האָבן מיטפילנדע און מיטליידנדע שטימען זיך צו אונז געטראָגן פון אַלע זייטן.

אונטער אַ געדיכטן צעצווייגטן בוים, ביים פייער, איז געשטאַנען אַ געזונטער, ברייט־ביינערדיגער מענש, מיט אַ לאַנגער ריוטער באָרד און געדיכטע ברעמען, פונקט ווי ביי אַ קאַצאַפּ, און האָט פון אַ קעסל אַרויס אויסגעטיילט פאָרציעס זופּ מיט פלייש, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר די אָנגעקומענע. דאָס איז געווען דער ליטווישער שוחט, יצחק קרעל, איינער פון די פערציג בחורים, וואָס ד״ר לעווענטאַל האָט אַרויסגעשיקט, בכדי צוצוגרייטן וואוינונגען פאַר די פאַמיליאַנטן... מיר האָבן דאָס ביסל יויך אויסגעזופּט און צוגעקוקט, ווי עס קומען אָן אַלץ פרישע בינטלאַך אויסגעווייקטע און פאַרשמאַכטע יידן, און אויסגעהערט ווי זיי דערציילן, אַז אַסך פון זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט און בעטן, מ׳זאָל וואָס שנעלער זיי שיקן אויסזוכן, אַניט וועלן זיי דאָרט אין פעלד דערגיין פון נעץ און קעלט.

באַלד האָב איך געבן מיר דערזעהן מיין פרוי מיטן קלענסטן קינד אויף די הענט. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי גאָט געדאַנקט, וואָס זי זעהט מיך אַ לעבעדיגן.

— אוי־וויי! — זאָגט זי — אַ שרעקליכע שטיקל צייט האָבּן מיר, אַלע פרויען, דאָ איבּערגעלעבּט. די נפשות, וואָס האָבּן אייך ווי סקאָט געטריבּן, זיינען שוין דאָ אַריבּער דריי שעה און האָבּן געמאָלדן, אַז זיי האָבּן אייך אין פינסטערן פאַרלוירן. מיר האָבּן אונזערע קליידלאַך צעריסן, די שטיקער אין קעראָסין געטונקען, אָנגעצונדן און אויפגעהאַנגען אויף די צווייגן אַלס סיגנאַל פאַר די פאַרבּלאָנדזשעטע, אום זיי זאָלן וויסן וואוהין זיך צו ציהען...

איך בּין זעהר נאַס געווען, און ס'איז מיר געוואָרן מוראדיג קאַלט.

מיין פרוי איז אויף אַ שכל געפאַלן. זי האָט פון זיך דעם שאַל אַראָפּגענומען און מיר דערמיט איבּערן קאָפּ איינגעדעקט, און געבּנדיג מיר דאָס קינד אויף די הענט, האָט זי, צובּויגנדיג זיך, שטיל אַריינגעמורמלט אין אויער:

— יעצט בּיזטו אַ־פרוי, שווייג און גיי מיר נאָך!

אויף אַזאַ אופן האָט זי מיך פאַרבּייגעפירט פאַרן פאָליצמאַן, וואָס איז געשטאַנען נעבּן אַריינגאַנג פון אַ גרויסער לייווענטענער פּאַלאַטקע, און אינעווייניג אַריינגעפירט.

כ'בּין אַריין אין דער גרויסער פּאַלאַטקע, וואו אַ טונקלקייט האָט איינגעהילט הונדערטער פרויען און קינדער, וועלכע זיינען אויסגעמישט געלעגן אויף דער ערד. מיר גאַז־קענעצלאַך האָבּן די פאַרוואָגלטע מיט זייער רויך ווי איינגעדעקט.

— לייג זיך דאָ אויף דער ערד נעבּן אונזערע קינדער — האָט צו מיר מיין פרוי געזאָגט — זאָל חלילה דער פּאָליצייסקע ניט דערזעהן, אַז דו בּיזט אַ מאַנסבּיל, ווייל ער היט, אַז קיין מענער זאָלן זיך אַהערצו ניט אַריינכאַפּן...

איך האָבּ זיך צווישן די קינדער געלייגט, און זי האָט אַלע אירע שמאַטעס און קליידלאַך אויף מיר אַרויפגעוואָרפן, מחמת די ציין אין מויל האָבּן זיך מיר פאַר קעלט אַזש געטרייסלט, און פון מידקייט, אָנשטרענגונג און יאַדענעש בּין איך געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן בּיז אין דער פריה.

מאָנטאָג, דעם 31=טן אויגוסט פון 1891, פרשה שופטים, האָב איך זיך מיטן באַגינען פונם שלאָף אויפגעכאַפּט.

דאָס איז געווען דער ערשטער טאָג פון אונזער געפינען=זיך אין מ אַ א ו ר י צ י א, און פון דעם טאָג אָן האָבן מיר אָנגעהויבן פילן דעם יאָך פון די קאָלאָניזאַטאָרישע שופטים, די דירעקטאָרן, אַדמיניסטראַטאָרן, אינספּעקטאָרן, מושלים און נוגשים מכּל המינים...

דורך אַן אָפענעם שטיק דאַך פון דער „קארפּאַ“, די פּאַלאַטקע אונזערע, האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן אַריינדרינגען שיין און ליכטיגקייט, ביז ס'האָט ענדליך, מיטן גרויסן טאָג, אַ גאַנצער ים ליכט אַריינגעשטראַלט און באַלויכטן די מאַסע פרויען און קינדער, וואָס האָבן זיך נעבן מיר געוואַלגערט אויף דער ערד. כ'האָב זיך געוואָלט אויפהויבן פונם געלעגער, האָט אָבער די קאָנטראַבאַנדיסטין, וועלכע האָט מיך אינם לאַגער אַריינגעשמוגלט, ניט געלאָזט, באַמערקנדיג שטיל:

— ליג רוהיג, דער פּאָליצמאַן קוקט! אַז ער וועט זיך אַוועקדרייען, וועל איך דיך אַרויסלאָזן!

אַ ברירה האָב איך געהאַט? כ'בין געלעגן און דערווייל באַטראַכט דעם באַראָן הירשם אכסניה, וואוהין די באַאַמטע האָבן די קינדער זיינע — ווי מען האָט אונז גערופן — איינגעקוואַרטירט און דעם ערשטן לינת לילה געגעבן.

אַ גרויסע קיילעכדיגע פּאַלאַטקע פון צוזאַמענגענייטע שטיקער ברעזענט, אָנגעצויגן אויף שטיקער דראָט — דאָס זיינען די ווענט מיטן דאַך אינאיינעם געווען... פאַרשיידענע קולות, געוויין געמישט מיט געזאַנג, האָבן זיך געהערט פון דער מענגע קינדער, וועלכע האָבן ניט איין רגע גערוהט. צעהנדליגער יונגע מאַמעס האָבן די נאַקעטע בריסט געשטופּט זייערע עופהלאַך אין מיילעכל אַריין, און יעדע ווייבל האָט מיט אַן אַנדער ניגונדל איר קינדס מאָלצייט צוגעזונגען. די „קארפּאַ“ איז פול געווען מיט אַזאַ שרעקליכן געפילדער און גערויש, אַז ס'איז ממש געווען צום טויב ווערן... אַ הייסער דאַמף, געמישט מיטן ריח פונם קליינוואַרג

און מיטן ליבהאַרציגן שיפס־גערוך, האָט אין האַלז געוואָרגן — פּשוט דערשטיקט צום ווערן... צו דער צרה איז נאָך אונזער שורה אויסגעקומען די דריטע פונם אויסגאַנג־טיר און דאַרום האָב איך די זכיה געהאַט, אַז מ׳זאָל איבער מיר אַריבערשפּאַנען. יעדע פּרוי, וואָס איז אַריין און אַרויסגעגאַנגען, האָט שיער מיך ניט דורס געווען... אַ גליק נאָך איז מיר געשעהן, וואָס כ׳בין ניצול געוואָרן פון פאָלגנדיגן צופאַל: אַ ווייבל, אַרויסטראָגנדיג אַ השתינה־טעפּל, האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן מיין געלעגער און אי״ז אומגעפאַלן און האָט מיט דער פליסיגקייט — אַקוראַט ווי המנס טאָכטער — געטראָפן אויפן קאָפּ פון אַן אַלטער באָבע... די האָט נעבאַך געחלשט, און אַ גוואַלד, איבערגעריסן דורכן הילכיגן קינדער־געלעכטער, האָט זיך צעטראָגן איבערן געצעלט...

איך בין געלעגן אין שרעק און געקוקט צום טיר, טראַכטנדיג, ווי מ׳כאַפּט זיך אַרויס פונם ווייבערשן גיהנום... דערצו האָט מיר די נייגעריגקייט אויך ניט געלאָזט רוהען און כסדר דעם מוח גע־עגבערט. ס׳האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט וויסן, וואָס עס טוען די איבעריגע קאָלאָניסטן? — איך האָב דאַן שוין אַלעמען פאַר־רעכנט פאַר קאָלאָניסטן! — וואָס עס מאַכט דאָרט דער יידל פון שוואַרץ טומאה? אָבער ביים טיר שטייט אַליין דער געשטופּלטער „ווישילאַנט“ מיטן צונויפגעהעפטן שראַם, וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַ רויטע שנור איבער זיין ברוינעם געזיכט פונם אויג ביזן ליפּ... דאָרט שטייט ער מיט זיין חרב המתהפכת קוקט און היט געטריי.

און איך ליג ווי אויף קוילן, לייד חיבוט הקבר און ווער באַ־שטראָפט פאַרן חטא, אַריינצוגנבענען זיך צווישן הונדערטער ווייבלאַך און פאַרוואַנדלט צו ווערן כמו איינע פון זיי...

פּלוצלינג האָב איך דערזעהן, ווי אַ דיקער געזונטער ייד, מיט אַ געדיכטער בלאָנדער באָרד, באַווייזט זיך אין טיר. דער גע־שטופּלטער „ווישילאַנט“ צייגט אים אָן מיטן האַנט אויף „ניין“... אָבער דער פעסטגעבויטער ייד וויל דוקא אַריינגיין און טענהט צו אים אויף רוסיש: „מיין מאַשאַ, מיין ווייב, מיינע קינדער!“ —

דער פּאָליצמאַן דרייט מיטן געקרויזטן קאָפּ און ווייזט אים, אַז ער פאַרשטייט ניט, וואָס יענער רעדט.

אָבער דער ייד גיט זיך אַ שטופּ אויף כּוח און שטויסט אָפּ דעם „אָרדנונגס־היטער“, און כּהרף עין האָט אַ בליץ געטאָן דער שווערד איבער דעם יידנס קאָפּ. אַ שטראָם בלוט האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבער זיין פּנים און זיך צערונען איבערן באָרד...

— בלוט! — האָבן די ווייבער געמאַכט אַ גוואַלד — בלוט! מען קוילעט! מען הרגעט!

די מענער אין דרויסן האָבן דאָס דערהערט און זיינען זיך צו־גייפּגעלאָפן. דער ברוינער „וויזשילאנט“ האָט שכל געהאַט און האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן.

מען האָט ביים יידן דאָס בלוט אָפּגעהאַלטן, אים פאַרבאַנ־דאַזשירט... די וואונד איז ניט געפערליך געווען, אָבער דער גוואַלד און טומל איז עד לב השמים געגאַנגען.

— בלוט! — האָבן יידן געוואַלדעוועט — דעם ערשטן פרייה־מאָרגן אין אונזער נייער היים און שוין גיסט זיך אונזער בלוט!

— הפקר יידיש בלוט! — האָט זיך אויפן קול צעוויינט דער בערדיטשעווער מנקר.

— אַנטלויפן! — האָט די מענגע אונטערגעכאַפּט — אַנט־לויפן! — האָבן די ווייבער הייזעריג געיאָמערט.

רעדלאַך מיט יידן, יידענעס, ווייבלאַך, מיידלאַך, יונג און אַלט אויסגעמישט, לאַנגע קאַפּאָטעס, געגאָלטע מאָרדעס, געקרייזלטע פּאותלאַך, ווייבער אין טשיפּיקעס און מיט פונאַנדערגעלאָזענע, צעפלאָכטענע צעפּ, לאַקירטע קאַצאַפּסקע דאַשקעס און קאַסטו־רענע חסידישע קאַפּעליושלאַך האָבן זיך אין אַ קאָראָהאָד געדרייט; אַלע האָבן גערעשט, געשריען, אַריינגעטענהט, מיט די הענט גע־פּאָכט, און אין דעם דאָזיגן שטורעם בין איך מיר אומבאַמערקט אַרויסגעקראָכן און צוריק אין מיין מאַנסבילשער נשמה אַריין...

אַ בלאָנדער יונגערמאַן, מיט ברילן אויפן נאָז, בלומענפעלד האָט ער געהייסן, איז אויף אַן איבערגעקערטער פּאַס אַרויף און האָט זיך צעשריען:

— שוואַרץ! איך זעה, אַז אַלעס איז שוואַרץ! די צוקונפט פון דער קאָלאָניזאַציע זעה איך אַ פינסטערע. מיר זיינען אָפּגע־נאַרט געוואָרן. ברידער, מען האָט אונז אָפּגענאַרט! דאָ איז ניט דער פּלאַץ פון דער מנוחה, צו וועלכער דאָס יידישע פאָלק גאַרט און שטרעבט. ניט די באַאַמטע פונם באַראָן הירש זיינען די פּאַ־סיגע שיפסקאַפּיטענער, וואָס זאָלן אימשטאַנד זיין אונזער בלאָנד־זשענדע שיף אַרויסצופירן פון די שטורמישע כוואַליעס, וואָס ווילן זי פאַרשלינגען... ניט זיי זיינען די געטרייע פּאַסטוכער פאַר די פאַרשטויסענע און פאַרלוירענע בלודנע שאָף! צי האָט איר דען, ברידער, ניט געזעהן דורכן גאַנצן וועג, פון לעמבערג, קראַקוי און האַמבורג, אין אַלע קאָמיטעטן, האָבן אונז די באַאַמטע מיט אכזריות באַהאַנדלט! אַזוי ווי אַרעסטאַנטן האָט מען אונז די קע־שענעס באַזוכט, געלד געניסטשערט... אַז ניט, — איז גיי צוריק צום רוסישן גרעניץ! ווען ניט יענער מלאך א ב ר ה ם מיט זיין פרוי, וועמעס פאַמיליע־נאָמען ס'איז מיר ליידער אומבאַקאַנט, וואָס איז דאָרט אין קראַקויער קאָמיטעט אין אַ ווינקעלע געזעסן און אַ יעדן אָרימען מיטגעהאָלפן, באַצאָלנדיג פאַר אים הונדערט אָדער מער קראָנען, ווען ניט ער, וויפיל אומגליקן וואָלטן געוועסט פּאַ־סירט?! איך זאָג אייך, ברידער, — האָט ער מיט ענטוזיאַזם זיך היציג צעשריען — די דייטשע יידן, דאָס פאָלק, די מאַסע, האָט אונז מיט ברויט און מילך ביי די גרעניצן אויפגענומען, מיט ברידער־ליכע ליבע און מיטלייד אונז באַגלייט. בעת זיי, די גדולים, די מנהיגים און פילאַנטראָפּישע פאַרזאָרגער, האָבן אונז באַהאַנדלט מיט פאַראַכטונג און מיט שפּאָט! געדענקט איר דען ניט, ווי מ'האָט אייך די מוסקולן געטאַפּט, אַזוי ווי ביי די פאַרצייטיגע שקלאַפן? דאָס איז געווען דאָרט, אין די קאָמיטעטן, און שוין דאָ, אויף אַרגענטינער באָדן, האָבן זיי אונז נעכטן ווי אַ סטאַדע פיה, אין אַזאַ שטורעמדיגן וועטער דורך דער נאַכט געטריבן. פיל לײַן דאָרט יעצט קראַנקע אין וואַלד און אין פעלד, זיי וועלן געוויס אין פיבער אַריינפאַלן (ווי ס'האָט ווירקליך פּאַסירט), אַ סך זיינען צעשלאָגן און צעקלאַפּט געוואָרן, און אייניגע זיינען נאָך ניטאָ,

וואַלגערן זיך ערגעץ־וואו אין סטעפּ און איצט אויפן פריהמאָרגן — שוין בּלוט! משה דוד גרונמאַן, דער ליטוויוועצער, ליגט שוין מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ! — ער האָט זיין רעדע פאַרענדיגט כּליפענדיג, און אויף אים קוקנדיג זיינען די ווייבּער אַרויס מיט אַ ילה, און אַ יאָמער האָט בּאַגלייט זיין אַרונטער־קריכן פון דער פּאַס.

איך, פּונקט ווי נאָך פּילע יונגעלייט, וואָס מיר האָבּן אויך דורכגעמאַכט דעם גאַנצן וואַנדער־מאַרשרוט, איך, וואָס האָבּ אויך פאַרזוכט דעם טעם פון די קאָמיטעטן און וואָס מען האָט מיר אויך די אָרעמס געטאַפּט דאָרט אין האַמבּורג און אויסגעפּונען, אַז מיינע מוסקולן זיינען פעסטע — „אַ געזונטער קערל, ער קאָן גיין!“ — האָט יענער פילאַנטראָפּישער רעוויזאָר בּאַשטעטיגט, איך, ווען דער מלאך אברהם האָט מיט פּופציג מאַרק געשטיצט, נאָך דעם ווי די קאָמיטעט־לייט האָבּן בּיי מיין פּרוי די לעצטע הונדערט גולדן צוגענומען (אמת, די סומע איז אָנערקענט און דיסקאָנטירט געוואָרן אין מיין חשבון מיט דער יק״א), איך און מיינע חברים פון דער טיאקא האָבּן אומגעאַכט אַלע פאַסירונגען וויינען ניט געוואָלט.. אונזער האָפנונג איז אומגעהייער שטאַרק געווען און אונזער לעבּנס־פּלום האָט האַסטיג געשטראָמט אין אַלע אונזערע חושים.. אַלע פעלערן פון די בּאַאַמטע זיינען עס ניט אימשטאַנד געווען אָפּצושוואַכן, און קיין זאַך האָט ניט גע־קאָנט פאַרטונקלען די גלענצנדע צוקונפט, וואָס מיר האָבּן זיך געמאָלן.

אַ פּאָר שעה האָט געקאָכט און געשטורעמט, בּיז עס איז איבּערגעריסן געוואָרן דורך דאָס דריזגען פון אַ גלאָק. גלין! גלין! גלין!

מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל און רוהיג.

VII

דעם לחם הקלוקל, חזיר־שטאַלן, אָדם הראשונס געצעלט.

ווען דער גלאָק האָט מיט זיין הילך יעדן די אויערן שוין צו־לעכערט און איז לסוף אַנטשווּיגן געוואָרן, זיינען פון דער אַדמי־ניסטראַטיווער געביידע אַרויסגעקומען צוויי יונגע־לייט: איינער אָהן אַ האַנט, און דער לײדיגער אַרבל פון זיין רעקל איז שלעפעריג נאָכגעהאַנגען, דער צווייטער, דאַגעגן, אַ געזונטער נפש, פאַרפּוצט מיט לאַקירטע שטיוול. דער, וואָס אָהן דער האַנט, האָט אַ קאָ־מאַנדעווע געטאָן:

— אימיגראַנטן! שטעלט אייך אויס אין אַ שרעננע!

מיר האָבן דעם באַפעל אויסגעפאָלגט: דורך דער רייזע זיינען מיר שוין איבערגענוג דיסציפּלינירט געוואָרן. פאַר דער ערשטער שרעננע איז פאַרפאַרן אַ וואָגן.

— גאַלעטן! — האָט דער מיט די לאַקירטע שטיוול אויס־געשריען — איין גאַלעט אויף אַ פּערזאָן.

און דער איינהענטלדיגער האָט אויסגעטיילט די פּלעצלאַך, פאַמיליאַנטן האָבן באַקומען צו 4—5, לויט די צאָל פאַמיליע־מיטגלידער, אומפאַרהייראַטע — נאָר צו איין גאַלעט. תיכּף אויפן פּלאַץ האָבן זיי אים צעקייט און פאַרטיג... איך בין מיט מיינע פינף פּלעצלאַך אַוועק אין פאַלאַטקע און די סוכאַרעס איבער־געגעבן מיין פרוי. אַליין בין איך געגאַנגען באַטראַכטן די געגנט, וואוהין דער ווינט האָט אונז נעכטן צוגעטראָגן.

אַ קליין, שיטער וועלדל, איינינע דיקע ווערבעס, מערערע טאָפּאָלעס און נאָר וויניג אַקאַציעס. אין דער מיט — אַ הויז פון ליים, געדעקט מיט טשערעפּ. די טירן און פענסטער אָפּגע־פאַרבט גרין. דאָס איז געווען די בּיורא פון דער אַדמיניסטראַציע צוזאַמען מיט דער וואוינונג פונם יונגן אַדמיניסטראַטאָר גערבּיל, אַ דייטשן אָפּיצער און אַ משומד... נעבן הויז איז צוגעבּויט געווען אַ צימער פון בּלעך, די דירה פונם פּראַנצויזישן ייד, דעם אינזשינער טיראַטשיני, מיט זיינע געהילפן. אויף אַ מרחק פון 150 מעטער פון דער בּיוראָ איז געווען די פּאַלאַטקע, וואו צווישן פּערענעס און בּעטגעוואַנט עס האָבּן זיך אויף דער ערד געוואַלגערט די פרויען און קינדער. און צוויי „וויזשילאַנטן" שטייען בּיים אַריינגאַנג: מען האָט מורא, אַז די מענער זאָלן אַהין ניט אַריינגיין...

בּאמת איז טאַקע געווען, וואָס מורא צו האָבּן, ווייל שמוץ האָט דאָרט, אין פּאַלאַטקע, בּכלל ניט געפעלט... מעגליך אַז דער־פאַר איז זי בּאַקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „מאַטושקאַ"...

ניט ווייט פון דער „מאַטושקאַ" האָט זיך געפונען אַ לאַנגער חזיר־שטאַל, געדעקט מיט שטרוי. די שטאַל האָט נאָך דאַמאָלסט געהערט צום פריהערדיגן בּעל־הבּית, דעם סעניאָר רעמעלאַ פּראַנקאָ, וואָס האָט דאָס לאַנד צום בּאַראָן פּאַרקויפט, און די חזירים האָט ער נאָך פון דאָרט ניט צוגענומען. איז אָט דעם שטאַל האָט מען אָפּגעגעבּן פאַר די מענער. אמת, די פריהערדיגע שכנים זיינען אפילו נאָך געקראָכן — מעשה דבר אחר! — אָבּער מיר האָבּן זיי צעטריבּן און איינגעאָרדנעט אונזער אכסניה. „האָטעל טשאַנטשאָ" — האָבּן מיר אים גערופן, אויפן נאָמען פון פריהערדיגע איינוואוינער...

איך, צוזאַמען מיט מיינע פריינט, זיינען מיר אַרומגעגאַנגען, אָנגעקוקט און אַלצדינג בּאַטראַכט.

דערווייל האָבּן די שפּאַניער צוגעטריבּן עטליכע פעטע קיה. איינער האָט געוואָרפן די לעדערנע פעטליע, די „לאַסאָ", און אוינגבּליקליך זי פאַרצויגן אויף די הערנער אָדער האַלז. אַ

צווייטער האָט די הינטערשטע פיס „געלאַסירט“ און די בהמה אומ־געשליידערט. מאָמענטאַל האָט דער נעכטיגער אויסטיילער ביים קעסל פלייש מיט זופּ איר געקוילעט. זעקס שטיקלאַך האָט מען אַזוי געשאָכטן, און אַלע זיינען כּשר געוואָרן...

ס׳ברענען פייערן און מען בראָט דאָס פלייש.

איינינע האָבן געבעטן זאַליץ. זיי ווילן דאָס פלייש זאַלצן און קאָכן. האָט גערביל פאַרזיכערט, אַז אין אַרגענטינע איז זאַליץ טייערער פון פלייש. האָט מען גאַנצע זייטלאַך געבראָטן! די בחורים, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן, „כאָלאָסטאָיעס“, דערפאַר וואָס איינינע זיינען געווען אָהן פרויען און אַנדערע נאָך גענצליך אומפאַרהייראַטע, זיי האָבן זיך באַשעפטיגט מיטן בראָטן. אַז כ׳איז פאַרטיג געוואָרן, האָט מען די פאַמיליעס דערלאַנגט שטיקער פלייש, לויט די צאָל מיטגלידער פון יעדער משפחה. אין לאַגער איז מונטער און פריילך געוואָרן. מ׳טראָגט די שיפּס־שיסלאַך, מ׳נעמט שטיקער האַלב־רויע פלייש, איינס ביים אַנדערן בעטלט מען אוים אַ ביסעלע זאַליץ, און מ׳קייט „קארנע“ מיט גאַלעט.

נאָך איידער מען איז פאַרטיג געוואָרן מיטן עסן, איז די נאַכט צוגעפאַלן. גערביל האָט אַ „פּאָווערקע“ געמאַכט, אום צו זעהן, צי אימיצער פעלט, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דריי „כאָ־לאָסטאָיעס“ זיינען נאָך פון נעכטן אָן ניט געקומען. די „וואַ־קיאַנאָס“ זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן און האָבן זיי נאָך איידער ס׳איז רעכט פינסטער געוואָרן געבראַכט האַלב־טויטע, הונגעריגע, מיט אונטערגעשלאָגענע פיס... מ׳האָט זיי אין האָטעל מ׳שאַנ־טשאָ דעם אויבן־אָן אָפּגעגעבן, און אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו די ניסים ונפלאות, וואָס זיי האָבן דורכן מעת־לעת אַדורכ־געלעבט...

די נאַכט איז רוהיג פאַריבער. די פרויען זיינען אין דער „מאַטושקא“ געשמאַק געשלאָפן אונטער דער וואַך פון די פּאָ־ליצלייט, און די מענער זיינען געלעגן אין „האָטעל“, אָדער פּשוט אין דרויסן. תּחילת האָבן מיר גענוג צו טאָן געהאַט מיט די חזירים: גרויסע, שוואַרצע, אומגעהייער בייזע האָבן זיי אונז פּונ־

„האָטעל“ געטריבן, אַלס אומגעבעטענע געסט. אָבער אַרום האַלבע נאַכט האָבן זיי מיט אונז שלום געשלאָסן — האָבן זיך איינגע־קנוערט נעבן אונז, און צוזאַמען האָבן מיר געשנאָרכעט...

אויפן צווייטן טאָג האָט מיין פרוי צו מיר געזאָגט:

— קום, לאָמיר אין פעלד ערגעץ אויסזוכן אַ גרוב אָדער אַ בערגל, וואו מיט די קינדער צו נעכטיגן. אין דער „מאַטושקא“ גיי איך ניט צוריק, ווען אפילו כ׳זאָל דאַרפן שטאַרבן... דעם געפילדער און די לופט איז ניט איבערצוטראָגן.

מיר האָבן איבערגעוואַרט די חלוקה פון די גאַליעטן מיט דעם פלייש, אָפּגעגעסן, גענומען די דריי קינדער און זיך געלאָזט בראָדזשען אין די טיפע גראָזן. אַזוי ווי די פויגל, וואָס ווערן פאַר־טריבן פון נעסט, זיינען מיר אומגעגאַנגען זוכן אַ פּאַסיגן אָרט, וואו געלעגערס אויסצובעטן, אום דאָרט מיט די קינדער צו קאָנען שלאָפן.

ס׳האָט אונז אָפּגעגליקט: מיר האָבן געפונען אַ פערדן־פעל, וועלכע איז פונם רעגן פייכט געווען. מיט דער הילף פון מיין פרוי — די טייערע נשמה, וואָס האָט פאַר דער דרייסיג־יאָריגער קאָלאָניזאַציע גלייך מיט מיר זיך געפּלאָגט, געליטן און געאַר־בעט, — האָב איך די פעל אויסגעצויגן, פונם וועלדל דריי דריק־לאַך געבראַכט, אַ דריי־עק אויפגעשטעלט, מיטן פעל איבער־געצויגן, און אַ געצעלט, ווי אין טאַטן אדמס צייטן, איז פאַרטיג געוואָרן... אָ, ווי געפרייט האָט זיך דאַן מיין פרוי, ווען זי האָט די קינדער אונטערן ציגיינער־דעכל אַנידערגעזעצט! דעם עלטערן אָנגעזאָגט אויף די קלענערע אַכטונג צו געבן, און מיר ביידע האָבן גענומען צונויפקלייבן ווייכן גראָז פאַר געלעגערס. דעם באַ־גאַזש האָבן מיר ערשט מיט זעקס מאָנאַט שפּעטער באַקומען, און ביי פילן איז עס אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען.

נאָהענט פונם אָרט, וואו ס׳געפינט זיך יעצט מאאוריציער בית עלמין, האָבן מיר מיט די שיפס־מעסער אָנגעשניטן פריש־גראָז, אויסגעבעט אונטערן פעל און פון דער „מאַטושקאַ“ אונזער פאַרמעגן איבערגעטראָגן: דריי שיפס־דעקעס, 4 בלעכענע שיסע־

לאַך, אַ קעסטל און אַ בינטל שמאַטעס... און גאָט צו דאַנקען, געוואָרן בעלי־בתּים פון אַן אייגענער וואוינונג אין אַרגענטינע! אַ פּאָר גאַליעטן און פלייש האָבן מיר נאָך געהאַט, אָפּגעפּראַוועט אַ נאַכטמאָל און מיט זונען־אונטערגאַנג געשמאַק געשלאָפן אונטער אונזער דאַך. פון מורא האָבן מיר דאַמאָלסט נאָך ניט געוואוסט. די צוויבערהאַפטע האָפענונג האָט אונז רייכע אילוזיעס געוועבט איבער אַ גליקליכע צוקונפט, און די נאַכט איז רוהיג פאַריבער.

אין דער פריה האָבן מיר שרעק געהאַט. מיין פרוי האָט נעבן איר געלעגער באַמערקט עפּעס אַ קיילעכדיגס.

— זעה נאָר! — האָט זי צו מיר געזאָגט — מיר דוכט, אַז ס׳איז אַ לעבעדיגע זאַך!

מיר האָבן דערזעהן אַ גרינע שלאַנג מיט שוואַרצע פלעקן אויף רוקן, וואָס איז דאָרט צוזאַמענגעדרייט געלעגן... אומגעטראַכט, אימפּולסירט פון דער מורא, אַז ס׳זאָל אויף די שלאָפנדע קינדער ניט אַרויף, האָב איך איר גלייך אויפן קאָפּ אַרויפגעטראָטן. דער געלעגער איז אָבער געווען ווייך, די שלאַנג איז ניט געטויט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, נאָר זי האָט מיט איר עק אַרומגעוויקלט מיין שטיוול. אַלס גרינער, וועמען די דאָזיגע געפאַרן זיינען אומבאַקאַנט, האָב איך זיך ניט דערשראָקן, נאָר געהייסן מיין פרוי מיר צו דערלאַנגען אַ מעסער און דערמיט אָפּגעשניטן די שלאַנג דעם קאָפּ... דאַן אַלס טראָפעע עס אַרויסגעהאַנגען אויפן שפּיציגן דאַך פון פעלענעם געצעלט.

קוים געקומען צו זיך פון דעם שרעק, איז אונז אַן אַנדערער באַפאַלן. דריי רייטער אויף אויסגעפּוצטע פערד האָבן אונזער געצעלט אַרומגערינגלט. צוויי האָב איך גלייך דערקענט: גערביל און טיראַטשיני. דער דריטער איז געווען אַ פרעמדער. אַ טונקלברוינער, מיט זעהר גרויסע וואָנצעס, שוואַרצע אויגן, איינגעפאַסטע אין רויטליכע ווייסלאַך, אַ פלאַטשיגע נאָז, און די אונטערשטע ליפּ איז אים אַראָפּגעהאַנגען איבער אַ קויל־שוואַרצער באָרד. אַלע דריי האָבן א הקפה געמאַכט אַרום געצעלט,

דורך די אָפענע זייטן באַטראַכט אונזערע גערעגערס, די שלאָפנדע קינדער, דאָס געשיר... האָבן די טויטע שלאַנג, וועלכע האָט זיך נאָך געצאַפּלט, אַראָפּגענומען, און גערביל האָט געפרעגט:

— וואָ האַבען זי דיזע „קולעבראַ" געטעטעט?

אַזוי ווי כ׳האָב אים גלייך ניט געענטפערט, האָט ער באַגריפן, אַז איך פאַרשטיי אים ניט, און ער האָט ערקלערט:

— איך פראַגע, זי, וואָ זי דיזע שלאַנגע געטראָפן האַבען אונד ווי זי די טאָטגעשלאַגען?

— אויפן געלעגער, נעבן מיין פרויס זייט — האָב איך אים געענטפערט און דערציילט, ווי ס׳איז פאָרגעקומען. ער האָט דעם שפּאַניער דאָס איבערגעגעבן.

— האַבען זי פיל שרעק געהאַבט?

— יאָ, אַביסל און גאָר ניט ווייניג! — ענטפער איך אים.

— ס׳איזט איינע „קולעבראַ", האַט קיינען גיפט: זי דירפען זיך פאָר זאָלכען ניכט שרעקען... וואָ האַבען זי דאַס פעל, אונד דיזע שטאַנגען בעקאָמען, אום דיזען פּאַלאַסט צו בויען?

כ׳האָב דערפילט, ווי דאָס בלוט איז מיר אין פּנים אַריין. איך האָב מיט פאָרוואורף אַ בליק געוואָרפן אויף מיין פרוי, ווי איינער זאָגט: דורך דיר וועל איך נאָך אַלס גנב ערקלערט ווערן...

— האַבט קיין פורכט, זאַגען זי די וואַרהייט! — האָט ער ווידערהאָלט, באַמערקנדיג מיין אומרוהיגקייט.

איך האָב אים דרייסט דעם אמת דערציילט, אַז מיין פרוי האָט אין דער „מאַטושקאַ" ניט געקאָנט זיין און זוכנדיג אַן אָרט צום נעכטיגן, האָבן מיר דאָס פעל געפונען. „גלויבט מיר, הער גערביל, געפונען!" — האָב איך באַטאָנט, און ער האָט מיינע רייד איבערגעגעבן דעם ברוינעס, וועלכן ער האָט אַלע מאָל באַטיטלט „סעניאָר קאָמיסאַריאָ", וואָס האָט נאָך מיר מער פּחד געבראַכט, אַזש די דמים זיינען מיר איינגעפאַלן.

— פאָן וואָ זינד זי?

— פון יאַרמאָלינעץ, פּאָדאָליער גובערניע.

— ווי הייסען זי?

— מאַרקוס אַלפּערסאָן.
— פון וואָ איזט אירע פרוי, ווי הייסט זי?
— פון באָרטשאָוו, גאַליציע, זי הייסט גיטל וואָלפּבערג.
— ווי אַלט זינד זי? וויפיל קינדער האַבען זי?
איך האָב אים אַלעס געזאָגט, און ער האָט אין זיין נאָטיץ־ביכל פאַרצייכנט.
— האַבען זי שוין אויף דעם לאַנדע געאַרבייטעט? — האָט ער ווייטער געפרעגט.
— איך האָב שוין אַלעס איבערגעטאָן, מיט אַלצדינג גע־האַנדלט, נאָר ערד האָב איך ניט געאַרבעט...
— שפּעטער אין איינער שטונדע זאָלען זי קאָמען אין די אדמיניסטראַציאָן — האָט ער באַפוילן און דערזעהענדיג, אַז כ׳בין פונם פאַרהער שטאַרק צעשראָקן געוואָרן, האָט ער שמייכ־לענד געזאָגט:
— וויר ווערדען אייך נאָך צוויי פעל געבען פיר די זייטען־ווענדע, אויך האָלץ, שטאַנגען אונד שטריק, זאָנסט ווירד דיזער פּאַלאַסט אונד איר פּאַרמעגען פאָן ווינד וועקגעטראַגען...
אַדיע! — האָבן זיי אַלע דריי געזאָגט און אָפּגעריטן.
— ווי כ׳האָב זיך דאָס דערשראָקן! — האָט מיין פרוי גע־זאָגט — ווי ער האָט דאָס אַלעס אויסגעפרעגט. ווייזט אויס, ניט קיין שלעכטער מענש...
דער גלאָק האָט געקלונגען, מ׳דאַרף גיין נאָך גאַליעטן.
אָנקומענדיג צו דער אַדמיניסטראַציע, זיינען שוין אַלע גע־שטאַנען אין דריי שרענגעס, און דער מיטן פּוסטן אַרבל האָט שוין געטיילט די פּלעצלאַך און דערביי איז ווידער אַ שמערצ־האַפטע פּאַסירונג פּאָרגעקומען, וואָס האָט אונז ערשיטערט.
אַ „כאָלאָסטאָי“, אהרן דאָבשיק, אַ גוטער אַכלער, האָט גע־וואָלט באַקומען מיט אַ גאַליעט מער. האָט ער אַ שווינדל גע־מאַכט. אָפּנעמענדיג זיין חלק אין דער ערשטער שורה, האָט ע׳ר זיך דאַן אין דער צווייטער געשטעלט. אָבער דער פונאַנדערגע־בער האָט אים דערקענט, און בעת יענער האָט אויסגעשטרעקט

זיין האַנט, האָט דער בעל מום אים מיטן דאָרן גאַליעט פאַרפאָרן אין די ציין, און דאָס בלוט האָט אים באַוואַשן...

דאַבשיצעס אַ לאַנדסמאַן, דער עסטרייכער ישראל ביטעלמאַן, איז צום שלעגער צוגעשפּרונגען און אים מכבד געווען מיט אַ פּאַטש... אָבער דער ברוין־טונקעלער קאָמיסאַר האָט אים מיטן הענטל פון זיין אַראַפּניק אַזאַ זעץ געטאָן אין די ציין, אַז צוויי זיינען תּיכּף אַרויס... גאָך היינט צוטאָג טרעפט מען דעם אָנגערופענעם, אַלס שטאָטישן רייכן סוחר מיט צוויי פּאָדערשטע גאָלדענע ציין...

כ׳האָב מיינע פינף גאַליעטן גענומען און אַ באַטריבטער אַוועק אין מיין ביידל אָדער סוכה, האָב מיין פרוי אָט די שענדליכע מעשה איבערגעגעבן, אָבער זי האָט מיך געטרייסט.

— מ׳מוז איינפירן דיסציפּלין! קאַרג שאַרלאַטאַנעס, בראָדיאַגעס זיינען פאַראַן צווישן אונז? געווים ליידט דער אָרנטליכער אויך, כ׳בעט דיר, מיש זיך ניט!

מיר זיינען צווישן עולם געגאַנגען. די קעסלען פלייש זיינען שוין אויפן פייער געווען. דער רויך איז אַקוראַט, ווי דער עמוד ענן ביי די יידן אין דער מדבר, זיך געגאַנגען גלייך. מען האָט אויסגעגראָבן אַ קיילעכדיגע קאַנאַווע, אַ רונדן גראָבן פון אַ 60 צענטימעטער די טיף, כדי ס׳זאָל באַקוועם זיין ביי אַזאַ קיילעכדיגן נאַטור־טיש צו זיצן און די פיס אַראָפּגעהאַנגען צו האַלטן אין גרוב אַריין. דורך אָט דער המצאה איז געשאַפן געוואָרן דורכן עולם אַ גרויסער טיש מיט בענק. די פאַמיליאַנטן האָבן זיך אַרומגעזעצט, און די „כאַלאָסטאָקעס" האָבן אונז צוגעטראָגן די פּאָרציעס פלייש, און דעם מיטאָג האָבן מיר שוין געגעסן פון די שיסעלאַך, גאָר מעשה מענש.

נאָכן עסן איז געקומען די סדרה בריוו. דער גרויסער „טיש" איז רונד־אַרום באַזעצט געוואָרן פון די „כאַלאָסטאָקעס". די אָרימע, וואָס האָבן נעבאַך זייערע ליבע געלאָזן ווייט אין דער היים, האָבן בריוו געשריבן, אין וועלכע זיי האָבן בייז און גיפטיג אויסגעגאָסן זייער טרויעריגע שטימונג. מען האָט אויך אַ לעבנס־

שוין אין לאַנגער געזעהן, יונגוואַרג האָבן זיך אין וועלדל פאַרקליבן און געזונגען האָפנונגספולע לידער. אָבער די עלטערע האָבן די לוסטיגקייט דערשטיקט און די יונגע הערצער אָנגעפילט מיט יאוש. זייער פרייליכקייט איז אין טרויער פאַרזונקען געוואָרן, זייער פריינטליכקייט איז אין האַס צו דער אַדמיניסטראַציע פאַר־וואַנדלט געוואָרן. דער אויבן־דערמאָנטער בלומענפעלד, דאַן שלמה קאַביין, משה גערצקי, האָרישניק, בוריכאָוויטש און סטאָ־ליאַר, זיי האָבן די קערנער פון שנאה און בזיונות פאַרזייט צווישן אונז און די באַאַמטע פונם באַראָן הירש.

יענע זריעה האָט פרוכט געטראָגן. מיר פילן זי אין דער טיפעניש פון דער נשמה די גאַנצע דרייסיג יאָר. ס׳וואַקסט און ס׳וועט וואַקסן. יעדער באַאַמטער פון דער קאָלאָניזאַציע האָט אונז פיינט, און מיר אים אויך׳עט. דאָס איז ניט די שנאה פונם אדון צום עבד אָדער פון דער שפחה צו דער גבירה, נאָר עפּעס אַקוראַט ווי צווישן אַ שטיפמוטער און קינדער... מיר זעהען אין זיי — די פקידים, אַ מין גזלה... זיי באַגזלענען דאָס פאַרמעגן פון אונזער פאָטער, דעם באַראָן הירש, און לעבן אַ משוגענעם טאָג דורך גנבה־געלט און דערצו נאָך קוקן זיי אויף אונז מיט פאַראַכטונג... נאָר ניט דאָס וויל איך דערציילן.

מ׳האָט יענעם טאָג בריוו געשריבן און גאָרניט קיין פרייליכע. איך האָב אויך אויפן ערדענעם טיש אַ קאָרעספּאָנדענץ צוגעגרייט צו אלכסנדר צעדערבוים, אין „המליץ“.

גיך האָבן איינינע שיפס־ברידער, מאָזעס לעמבערסקי און בוזי שאַראַגראָדסקי, מיין ביישפּיל נאָכגעפאָלגט, האָבן גענומען מיין געצעלט אויסגעגראָבן זעמליאַנקעס, צוגעדעקט מיט טשערעט אין זיך „כאַטעס“ געמאַכט, פּטרנדיג די „מאַטושקאַ“.

ביי טאָג פלעגן מיר פאַרברענגען צווישן עולם און אָוונט־צייט געגאַנגען אונטער׳ן פעל.

VIII

קאַרפּאַס, קאַפּאַטאַסן, קיזיק און שאָר ירקות.

נאָך דרײַ וואָכן זיך וואַלגערן אין זעמליאַנקעס, פעל־געצעלטן און דאָס רוב אין דער „מאַטושקא“, וואו די אומציכטיגקייט האָט כמעט אויפגעפרעסן, זיינען זונטאָג פריה, דעם 21־טן סעפּטעמבר, אָנגעקומען 850 „קאַרפּאַס“ — פּאַלאַטקעס פון לייוונט. יעדע משפּחה האָט באַקומען אַ פּאַלאַטקע און צו 5—6 כאָלאָסטאָיעס אויך אַ באַזונדער „קאַרפּאַ“. אין אַ ל ג אָ ר אָ ב א, ווי מען האָט יענעם פּרימיטיוון כוטאָר אָנגערופן, אַנטקעגן דער אַדמיניסטראַציאָנס־געביידע, איז אויסגעשטעלט געוואָרן אַ גאַנצע שורה פון די ווייסע ביידלאַך. אַ דריי קילאָמעטער פון דאָרט, אויפן פּלאַץ, וואָס האָט געהייסן קאָמיסאַריאַ, האָט מען אויך אויפגעשטעלט אַ ענליכע שרענגע, און אַזוי האָט גערביל צעטיילט די „מאַטושקאַ“ אין צוויי חלקים. פאַמיליעס מיט פּיצלאַך קינדער זיינען פאַר־בליבן אין אַלגאָראָבאָ, די משפּחות מיט גרויסע קינדער, די שטרענג אָרטאָדאָקסישע, האָט ער אַריבערגעפּעקלט ווייטער. אייניגע כאַלאָסטאָיעס פון „חברה הינטן“, ווי מען האָט זיי אַ צונאָמען געגעבן, דערפאַר וואָס זיי האָבן געגעסן די הינטערשטע טייל פון די בהמות, וואָס מיר האָבן נישט טועם געווען צוליב דעם, וואָס ס׳איז ניט געווען קיין מנקר, — דער גרופּע „זאָדעק“ האָט ער אַוועקגעשיקט קיין „אַליסע“, וואו ס׳איז געווען אַ שייער מיט אַ צינקענעם דאַך, אַלס אָנדענק פון פריהערדיגן „פּאַטראָן“, אָדער בעל־הבית פון לאַנד. דאָרט אין אַליסע איז אויך געווען אַ שיינער וואַלד, אַ היפּשער סאָד, און דאָס אַלעס האָט ער אָפּגעגעבן דער

טרפּהנער חברה, זיינע ליבלינגע, פון וועלכע ער האָט די פּוּשאַ־לעס אויסגעקליבן, אום אונז צו שמייסן. זיי זיינען געוואָרן די שוטרים, אָדער „קאַפּאַטאַסן“ בלע״ז.

אַך! וויפיל צרות און ווייטאָגן האָבן מיר פון זיי געהאַט! מיט דער צייט זיינען זיי אַלע אַוועק פון דער קאָלאָניע. די פּאָר פון זיי, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן, זיינען יעצט אויפריכטיגע בעלי־תשובה געוואָרן.

אַזוי אַרום האָבן מיר זיך אַראַנזשירט אין די לייוונטענע בייד־לאַך. פלייש איז געווען איבערגענוג — ס'איז אַזש, ווי דער שלו אין מדבר, געקראָכן צוריק... דאָס נויטיגסטע צום פלייש — זאַלץ, וואָס גערביל האָט געזאָגט, אַז ס'איז ניט בנמצא אין אַרגענטינע, האָט אַ ליטוואַק אויסגעפונען. ביי די ברעגן פון דער גרויסער „לאַגונאַ“, דער זומפּ, וואָס ציהט זיך נעבן איצטיגן בית־עלמין, האָט ער באַמערקט אַ ווייסן שטויב־סאַליטער, אַ גאַניך גומע, ווען אַפילו ניט קיין דיסטעלירטע זאַלץ. אַ צרה איז נאָר מיט די גאַליעטן געווען: מ'פלעגט זיי ברענגען פון שטעטל נועווע־דע־כוליאָ, אַ שעה רייזע מיטן באַן פון קאַסאַרעס. זעלבסט־פאַרשטענדליך האָט מען פון דאָרט צוגעשטעלט אַלע פאַר־שטיינערטע אָדער פאַרשימלטע גאַליעטן, מעגליך נאָך פון קאָ־לומבוסעס צייטן, און מיר האָבן זיך ממש די ציין מיט זיי אויס־געבראָכן. אַסך קאָלאָניסטן האָבן זיך איינגעוואוינט טעגוויי־ז אָפּצולעבן בלויז מיט פלייש, אויסמיידנדיג דאָס מוטשענעס מיט די פאַרהאַרטעוועטע פלעצלאַך. דאָס ציגיינער־לעבן אונטער די „קאַרפּאַס“ האָט זיך נאָרמאַליזירט. ס'וואָלט שוין געווען „אָלרייט!“, ווי די ענגלענדער זאָגן, אָדער „מואַי ביען!“ אויפן היגן לשון; איז אָבער אָנגעשטאַנען אַ נייע פראַגע: הייצונג. דאָס האָלץ האָט זיך פאַרענדיגט, און ס'איז ניט געווען מיט וואָס פייער צו מאַכן, אום די „קאַרנע“ צו בראָטן אָדער קאָכן.

— הער גערביל, הייצונג! — האָט מען געשריען.

האָט מען ביסלאַכווייז זיך גענומען צו די בוימער פון וואַלד, און די אַקאַציעס זיינען אַלס ערשטע כפּרה געפאַלן.

— מיט אַ האַנטוך — פאַרזיכערט אַנשעל פּאַק — בינדט מען אַרום דאָס בוים און אַזוי הערט זיך נישט דאָס האַקן. און ביינאַכט, ווען גערביל מיט די קאַפּאַטאַסן שלאָפן, מ אַ כ ט מ ע ן ה אָ ל ץ...

אָבער ניט אַיעדער האָט אַזוי געקענט „מאַכן האָלץ". מען האָט אַ פּאָר געכאַפּט און זיי אַריינגעציילט עטליכע אַראַפּני־קעס... די פּראָבלעם האָט זיך פאַרשאַרפט. הייצונג — האָט מען געשריען.

די פראַגע איז גיך, גאַנץ לייכט געלייזט געוואָרן. דריי ריי־טער האָבן זיך צעלאָזט איבערן לאַגער און נעבן יעדער לייוונטע־נער טיר אַראָפּגעוואָרפן אַ ליידיגן זאַק. יענקל עדעלמאַן איז אין טלית און תפילין פון קאַרפּאַ אַרויס, און טיראַטשיני איז אָנגע־לאָפן מיט זיין פערד און אים מכבד געווען מיט אַ צוויי „רעוועג־קעס" איבערן קאָפּ.

— וואַרף אַראָפּ פון זיך „פּיקאַסאָ פּאָנטשאָ" (געפלעקטע פּאָנטשאָ), נעם דעם זאַק און גיי קלייבן די קוה־מיסט, וועט איר האָבן הייצונג! — אַזוי האָט ער אים דעם טייטש פון די שמיין ערקלערט.

מען האָט פון די געצעלטן אַרויסגעטריבן קינד און קייט, אַלט און יונג, און זיי פּאַר „מקוששים" געמאַכט. „געהען זי, געהען זי קוה־מיסט זאַמלען!" — איז אַ פּאַראָל געוואָרן.

— יאַ, אַרבייטען מוס מען! קוה־מיסט צוזאַמענשאַרען איזט אויך איינע אַרבייט! — האָט גערביל געדרונגען.

מיר, די רוסיש־פּוילישע שטאָט־לייט, וואָס מיר האָבן אַזאַ הייצונג קיינמאָל ניט גענוצט, האָבן צונויפגעטראָגן מכל הבא, נאַסע באַליגע, און מ'האָט אָנגעהויבן אויסרויכערן מיטן קיזיק די אַרגענטינער לופט. די ווייבער זיינען פונם געדיכטן שטיקנדן רויך שיער בלינד געוואָרן און האָבן גיך די קיך אַוועקגעוואָרפן, איבערגעבנדיג די מענער די דאָזיגע שטיקל אַרבעט...

מיר האָבן אין דער ערד גריבער אויסגעגראָבן, אויפן פייכטן קיזיק אָנגעלייגט שטיקער חלב פון די בהמות, וואָס מ'האָט יעדן

טאָג געשלאַכטעט, און אין אַזעלכע פּרימיטיווע קיכן האָבן מיר געהייצט און געקאָכט. די טעג זיינען פאָריבער אין דער וויכ־טיגער אַרבעט: קלייבן קויק, הייצן און בראָטן דאָס פלייש און ביינאַכט פלעגט מען זיך פאַרזאַמלען אין רעדלאַך, געפילאָזאָפירט און די צוקונפט באַטראַכט... און דערווייל האָבן די ימים נוראים זיך אָנגערוקט.

ס'איז אָנגעקומען ראש השנה תרנ"ב.

מ'האָט אויסגעווענטילירט די „מאַטושקאַ" און דאָרט די זאָ־גענאַנטע שול געמאַכט. די ליטוואַקעס האָבן זיך מתעסק געווען מיטן רויכערן און רייניקן, באַקרוינענדיק איר מיטן טיטל בית המדרש.

זשוראַווסקי, אַ יונגערמאַן פון קיעוו, אַ שיינער מנגן, האָט מוספים געדאַוונט, און דער פרומער פוילישער שוחט, אייזיק גלאַזערמאַן, האָט שחריתים געפּראַוועט.

נאָך היינט, דערמאָנענדיק זיך אָן יענע תפלות, קאָן איך מיר ניט אָפּוואונדערן: וואו זיינען דאַמאָלסט אַנטרונען געוואָרן די ראש־השנה־ויום־כפור־טרערן? ניט איינער פון אונז האָט גע־וויינט! מ'איז אויף די פיס געשטאַנען (קיין בענקלאַך זיינען אין דער אימפּראָוויזירטער שול ניט געווען), מ'האָט געקוקט צו דער פּאַס, וואָס האָט אַלס עמוד געדינט, זיך צוגעהערט צו די סקאַרבאָווע ניגונים, נאָר אַ טרער? חלילה! דאָס לעבן האָט אַפּנים צו שטאַרק געשטראָמט, די האָפענונג אויף אַ גלענצנדער צוקונפט האָט יעדן באַהערשט און קיין דאגה ניט צוגעלאָזט...

אַ ביסעלע משקה, וואָס די יידעלאַך האָבן דורך די שפּאַנישע „דאָנען" פון ערגעץ אַריינגעשמוגלט אין לאַגער אַריין, האָט דעם יום־טוב „מלא" געמאַכט, און אַז ס'איז פרייליך געוואָרן, האָט מען גענומען באַדויערן דעם באַראָנס מיליאָנען. מ'האָט באַ־חשבונט, וויפיל גערביל און טאַקע ד"ר לעווענטאַל אַליין גנבענען.

פרומע יידן און יידענעס האָבן אָנגעהויבן אַריינקוקן אין די פּאַלאַטקעס און קיין „מה טובו אהליך יעקב" האָבן זיי ניט גע־קאָנט זאָגן... אַ היפּש ביסל שמוץ האָט דער עמיגראַציאָנס־

שטראָם אַהערצו פאַרטראָגן: איינינע רוצחים פון די אָסטראָגן אַרויס; פיל גנבים; אַ פּאָר משומדים, און אומעטום די וואַרשעווער און אדעסער פראָסטיטוציע... די אַדמיניסטראַציע האָט עס שפּעטער מיט אַ סך מיה און אויסגאַבן קוים אויסגעראַמט..

הכלל, דער געמייזעכץ מיט אומצייליגע רמשים, די פיל־פאַרביגע ברואים מכל המינים, האָבן אַלע זיך געפּלאָדיעט און דערביי תכליתים געזוכט. איינינע האָבן חטאים געזוכט, און אַנדערע האָבן זיך באַשעפטיגט מיט דער פראַגע: וואָס וועט זיין דער סוף? וואָס טוען מיר אייגנטליך דאָ אין דעם נייעם לאַנד? אויף וואָס אַנדערע האָבן שוין בקול רם זיך אויסגעדריקט מיט יאוש: וואו איז דען דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד? די פעל־דער, וואו זיינען זיי ערגעץ?

אום שמחת תורה האָט מען די אַדמיניסטראַציע באַלאַגערט. ס׳האָט געהייסן, מ׳גייט אָפּגעבן כבוד גערבילן... און ס׳איז שיער צו אַ סקאַנדאַל געקומען. שלמה קאַביק מיט זיינע אָנהענ־גער האָבן אים דירעקט אַטאַקירט:

— דו לאַנגער אַחשתרון! — האָט ער געגוואַלדעוועט. אויף דיין דייטשמערישן ערן־וואָרט האָסטו אונז פאַרשפּראָכן, אַז „אין פּירצעהן טאַגע ווערדעט איר אַלעס בעקאָמען: לאַנד, פיה, „רע־מאַנעט“... די פערצן טעג, זיינען שוין, פיל מאָל פאַריבער און וואו איז דאָס לאַנד? — די טרפהנע חברה האָבן אָבער געשיצט גערבילן, און ס׳איז כמעט אַרוים אַ געשלעג... שפּע־טער איז עס אָנגענומען געוואָרן אַלס כלל אין לשון סגי נהור, אַז „פּירצעהן טאַגע“ — באַדייטעט אַ יאָר; „בוענאָ“ (גוט) — איז אַ ליגן; „מאַניאַנאַ“ (מאָרגן) — איז קיינמאָל ניט! מיט די אָט דריי אויסדרוקן: „בוענאָ“, „מאַניאַנאַ“ און „אין פּיר־צעהן טאַגע“ — האָבן אונז די באַאַמטע טעגליך געקאָרמעט.

די, וואָס זיינען דאָ מיט זייערע משפּחות געווען, האָבן גע־ליטן און געשוויגן, ווייל ווי קלעגליך די ביידלאַך און די שפּייז איז געווען, זיינען זיי כאָטש געווען מיט ווייב און קינד צוזאַמען, אָבער די „כאָלאָסטאָיעס“, וואָס האָבן נעבאַך זייערע פאַמיליעס

ערגעץ אויפֿן וועג, אָדער אין דער אָרימער היים געלאָזן, זיי האָבן אַלע אומרוהען אין לאַגער געמאַכט.

— גיט אונז אַרבעט! — האָבן זיי געשריען — גיט אונז צו פֿאַרדינען! לאָמיר וויינינגסטנס קאָנען עפּעס געלט אַהיים שיקן.

גערביל האָט לעווענטאַלן דערפֿון געשריבן און אין אַ פּראָסטן מ׳טוואָך האָבן מיר זוכה געווען צו זעהן דאָס אָנקומען פֿון אַ וואָגן מיט רידלען. אויף דער הענטל פֿון יעדן ריסקאַל איז אויסגעברענט געווען דער חותם פֿון דער „קאָלאָניע מאַאוריציאָ", און ערשט דאַמאָלסט האָבן מיר זיך אויף אַזאַ מערקווירדיגן אופֿן דערוואוסט דעם נאָמען פֿון אונזער קאָלאָניע. דריי הונדערט „כאָלאָסטאָיעס" האָט מען מיט די דאָזיגע „זאַסטופּעס" באַטיילט און זיי געשטעלט ערד גראָבן. דאָס האָט געהייסן אָפּצוגראָבן אַ וועג פֿון דער אַדמיניסטראַציע ביז צום הויפּט־שליאַך, וואָס פֿירט צו קאַסאַרעס און יעדן „אַרבעטער" איז באַשטימט געוואָרן אַ טעגליכער לוין פֿון צוויי פּעזעס.

דער אַדמיניסטראַטאָר און דער אינזשעניער זיינען געווען די הויפּטמאַכער און צווישן דער „חברה הינטן" האָבן זיי אויסגעזוכט די „קאַפּאַטאַסן" אָדער אויפֿזעהער, באַשטימט זיי אַלס די אָבאַכט־געבער, שומרים, וואָס זאָלן היטן, אַז די אַרבעטער זאָלן ניט פֿאַלשעווען... זיי וועלן אויך זיין די יעניגע, וואָס זאָלן באַשטימען, ווער מען יאָ און ווער מען ניט אויפֿצונעמען, דאַן פֿאַרציי־כענען די אַרבעטס־טעג. אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך ווידערהאָלט די אַלטע היסטאָרישע מכּה פֿון מצרים — נוגשים און שוטרים!

דער רוסישער ייד, אויפֿגעצויגן אויפֿן „קנוט" פֿונם „נאַטשאַלניק", דורכגעקנאָטן מיטן הייוון פֿון „כאַבאַר", האָט גיך ד׳ זעלבע רפֿואה אָנגעווענדעט צו די ניי־מאָדנע קאַפּאַטאַסן.

— „גאָספּאָדין", פֿאַרשרייבט מיר אַ טאָג אַרבעט! חצי שלי וחצי שלך... — די טרפֿהנע חברה־לייט האָבן געשריבן.

מ׳האָט אינגיכן אויך אויפֿגעשטעלט אַ גרויסע געביידע פֿון בלעך, אַלס אַן „אַלמאַסען" — אַ שפּייז־קראָם, אום דערין צו

האַלטן עסנוואַרג און סחורות, וואָס די קאָלאָניסטן פאַרבראַכן.

„כאָלאָסטאָיעס“ האָבן פאַרדינט, אַרבעט האָט ניט געפעלט. פילע האָט מען אין זייערע ביכלאַך פאַרשריבן אַזעלכע „טעג“, ווען זיי האָבן די אַרבעט זאָגאַר ניט אָנגעקוקט. דערצו האָט מען נאָר געדאַרפט זיין „בלאַט“ מיטן „קאַפּאַטאַס“. דערפאַר האָבן אָבער איינציגע שלימזלניקעס, נאָר אָרנטליכע לייט, קיין איין איינציגן טאָג אַרבעט ניט באַקומען.

פון מיין זכרון וועט קיינמאָל ניט פאַרשווינדן יענע סצענע, וואָס איך האָב געזעהן אין יענער נוגשים־ושוטרים־עפּאָכע.

אין אַ שיינעם פריהמאָרגן בין איך מיט מיין שיפס־קאַמעראַד, בוזי שאַראַגראָדסקי, אַרויסגעגאַנגען אָנקוקן, ווי מען פאַרשרייבט די „כאָלאָסטאָיעס“ צו דער אַרבעט. צו יענער צייט האָט מען די פאַמיליאַנטן נאָך קיין אַרבעט ניט געגעבן; ערשט אַז מ'האָט אָנגעהויבן בויען „פיתום מיט רעמסס“, גענומען מויערן די אַדמיניסטראַציע און דעם אָסטראָג (די תפיסה), דאַן ערשט האָב מען אונז אַוועקגעשטעלט ביים ליים־קנעטן און ציגל־טראָגן. מיר האָבן זיך געשטעלט נעבן דער אַדמיניטסראַציע און געקוקט.

אָט לויפט אָן דער „קאַפּאַטאַס“ און שפּרינגט אַראָפּ פונם פערד. די יונגע אַרבעטער גיבן אים אָפּ „טשיעסט פּאָ סאָל־דאַטסקאָמו“. עלטערע שמייכלען צו און חנפענען... יעדע־רער טראָגט צו דאָס ביכעלע זיינס, אין וועלכן ס'זיינען פאַרצייכנט די אַרבעטס־טעג, און ווען דער „קאַפּאַטאַס“ געפינט, אַז איינער האָט שוין צו פיל פאַרדינט, באַקומט ער שוין מער קיין אַרבעט ניט, לויט נערבילס באַפעל, בכדי אַ יעדערער זאָל קאָנען פאַרדינען, אַלע זאָלן זיין גלייך, ניט איינעם נאָר איינגאַנצן און אַ צווייטן — גאָרניט...

די „אויפזעהער“ האָבן אָבער געהאַט, ווי שוין געזאָגט, זייערע מיוחסים. לויט אַלע פליטערלאַך די אַלטע רוסישע סיסטעם.

דער „קאַפּאַטאַס“ האָט איבערגעקוקט די ביכלאַך און אַ קאָ־מאַנדעווע געגעבן: „יעדער זיין „שויפל“ אויפן אַקסל און מאַרש!“ אַזוי איז מען געגאַנגען אויפן וועג צו דער אַרבעט:

פאַראויס דער שוטער, הינטער אים דרייסיג אָדער פופציג אַרבע־טער. חוץ אים, זיינען אויך געווען אונטער־קאַפּאַטאַסן, אויפ־זעהער איבער צעהן און צוואַנציג, און אויך די דאָזיגע שרי עשרה האָבן פאַרשטאַנען ווי אָנצוגיין מיטן כאַבאַר־סיסטעם...

— אַ שיינע „סווינסטוואָ“ (שווייַנעריי) פירט זיך דאָ — זאָגט מיר דער שיפס־ברודער — זעהסט דאָרט, ווי זיי לויפן נאָך יענעם מיט די לאַנגע כאָליאַוועס, אַ ביטערער קאַפּאַטאַס, אַ אמתער נוגש פון מצרים; עפּעס גוואַלדעוועט ער דאָרט: קום, לאָ־מיר הערן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— נעמט מיך צו דער אַרבעט! — בעט זיך אַ מיטל־יעריגער ייד — כ׳האָב פיר קינדער אין דער היים, זיי גייען אויס פון הונגער...

— ווייזט אַהער דאָס ביכעלע! — זאָגט כעסנדיג זיך דער „אויפזעהער“ — שוין דריי טעג האָסטו פאַרשריבענע! גענוג! פאַר דיר איז מער ניטאָ, סטופּאַי!

ס׳קומט אַ דריטער, אַ פערטער. דער נוגש שפּאַנט ווייטער, שמייסט מיט דער „רעווענקע“ איבער די כאָליאַוועס פון זיינע שטיוול און האַלט אין איין אַרומשפּאַצירן. מענשן לויפן אים נאָך: מיט אַלערליי חניפה־ווערטער לעקט מען אים און מ׳לאַס־טשעט אים...

— פאַרשרייבט מיך, „סעניאָר!“... מיך, „גאָספּאָדין!“... מיך, „מילאָסטיווי גאָסודאַר!“... מיך, „מוסיע“, הער, אַדון, דאָן, מיסטער, עפּענדי און אַלע מעגליכע און אוממעגליכע טיט־לען, וואָס דער המון האָט זיך אָנגעהערט אויף דער רייזע... ער אָבער שפּאַנט און קוקט זיך אַפילו ניט אום אויף זיי.

עפּעס אַ יידל האָט זיך איינגעעקשנט און לאָזט אים ניט אָפּ: „פאַרשרייבט מיך! — בעט ער רחמים — כ׳מוז מיין פאַמיליע עפּעס געלט שיקן!“... דער נוגש וויל אים אָבער ניט אָננעמען. דער ייד לויפט נאָך און פּלאָנטערט זיך ביי זיינע פיס.

— „פּאַשאָל וואָן!“ — ברומט דער קאַפּאַטאַס. דער ייִד הערט אַלץ ניט און שטופּט זיך אים אין די אויגן.

— איך מוז עפּעס פּאַרדינען! — יאָמערט ער — מיין פאַמיליע הונגערט דאָרט אין דער היים.

— „סטופּאַי, מערזאַוועץ!“ — גיט ער אַ שטויס דעם ייִדן, וועלכער פאַלט אַנידער.

מיר לויפן צו. מ׳נעמט זידלען דעם גוגש און די ביישטייענדע פאַמיליאַנטן שרייען:

— נעמט חברה די „זאַסטופּעס“ און צעשפּאַלט אים דעם קאָפּ! אַזאַ באָד־יונג!

ס׳ווערט אַ טומל, חברה „הינטן“ מיט זייער ביי־טענצער ווילן צעפירן די הענט... ווילן פאַרטיידינגן ז י י ע ר קאַפּאַטאַס, און עס יאַוועט זיך גערביל.

— וואָס איזט דאַ? — פרעגט ער דעם „אויפזעהער“.

— „גאָספּאָדין“ גערביל! — שרייט אַ ליטוואַק — מע נעמט „לאַפּקע“ און מע רייבט טעג!

— וואָס איזט דאָס „לאַפּקע?“

— „כאַבאַר“, מיין הער! דער טרפהניאַק נעמט כאַבאַר און שרייבט טעג. וויסן זי?

— ניין, איך פערשטעה זי ניכט! — ענטפערט גערביל אומגעדולדיג.

— וואָס דולסטו דעם הער גערביל אַ קאָפּ! — רוקט זיך צו אַ לאָנדאָנער יידל — דער הער פאַרשטייט ניט קיין רוסיש! איר ווייסט, מיסטער גערביל, „גרעפט“ הייסט דאָס, מ׳נעמט אין יד אריין, נעמט מען! — גערביל ציהט מיט זיינע שמאָלע אַקסלען.

— אָ, לאָזט נאָר מיך! — היצט זיך אַ ייד פון סמירנאַ, אין אַ ציצענעם כאַלאַט — אדוני גערביל, שוחד! באַקשיש! נו יעצט ווייסט איר שוין?

— יאָ, יאָ! — שרייען איינגע אימיגראַנטן פון דער טערקיי — באַקשיש, די קאַפּאַטאַסן נעמען באַקשיש!

דער נוגש און אַ פּאָר פון דער טרפהנער חברה גייען צו און דערקלערן:

— סעניאָר גערביל! די דאָזיגע לייט זיינען פוילענצער, ווילן ניט אַרבעטן; קומען בלויז סקאַנדאַל צו מאַכן!

גערביל ווערט אין כּעס. אַ כּעסן איז ער געווען ביז גאָר! צעלאָזט ער זיינע לאַנגע הענט און לויפט אַוועק, שרייענדיג: „סקאַנדאַל! סקאַנדאַל!" · ס'וואַקסן אויס די „וויזשילאַנטן". אינם מיט פונם רעדל, ציהען אַרויס די בלאַנקע שווערדן און שאַ. ס'ווערט שטיל און מען צעגייט זיך מיט אַרונטערגעלאָזענע קעפּ...

מיט שברון לב האָבן מיר ניט איין מאָל צוגעזעהן אַזעלכע בילדער, ענמת נפש און פּאַרדראָס געהאַט, און אַליץ געוואַרט אויף אַ בעסערער ממשלה. — ליידער איז זי ביז היינטיגן טאָג ניט געקומען.

XI

די באַקעסטיגונג און דער סקלאַד.

די טעג האָבן זיך געצויגן. נייע אימיגראַנטן זיינען אָנגעקוי־מען, כמעט אַלע דריי טאָג איז געקומען אַ נייע פּאַרטיע. די דאָזיגע זיינען שוין בעסער אַראַנזשירט געוואָרן, ווייל מיט זיי צוזאַמען האָט מען אויך געבראַכט אַ סך האָליך און בלעך. אונזערע אַרבעטער האָבן אויפגעשטעלט שייערן אָדער „גאַלפּאָנען“, וואו זיי האָבן זיך פאָרלויפיג באַזעצט, אָנשטאָט די „קאַרפּאַס“, מיט וועלכע מ׳האָט אונז באַגליקט...

דעם באַראָנס גרויסער סקלאַד האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן.

אין דעם דאָזיגן גרויסן „גאַלפּאָן“ האָבן זיך געפונען סחורות אויף שווערע טויזנטער. גרויסע אָנגעלאָדענע וועגן האָט מען טעגליך געבראַכט און אין קלייט אָפּגעלייגט. שרייבערס און פּריקאַזטשיקעס זיינען באַשטימט געוואָרן, אום די קלייט צו פירן אין אָרדנונג... די אַדמיניסטראַציע האָט יעדן אַרויסגעגעבן אַ ביכעלע, אויף וועלכן מ׳האָט באַקומען אַלע מיני פּראָדוקטן: עסנוואַרג, רעמאַנענט, אַלעס לויט דער צאָל פאַמיליע־מיטגלי־דער. אום עפּעס אַרויסצוגעבן איז נויטיג געווען אַן אָרדער פונם אַדמיניסטראַטאָר — דער גאַנצער בעל־הבית איבער אונז און איבער אַלצדינג, וואָס ס׳האָט עפּעס אַ שייכות געהאַט מיט די אימיגראַנטן.

ווער איז דען אימשטאַנד צו באַשרייבן די שמחה פון די פּאַרוואָגלטע, ווען זיי האָבן פאַר זיך דערזעהן דעם „אַלמאַסען“

מיט שפּייז און מיט אַלע אַנדערע אַרטיקלען, וואָס האָבן זיי אַזוי שטאַרק געפעלט ?

מען האָט שוין מער ניט געדאַרפט לעבן נאָר מיט גאַליעטן און פלייש. אויפן ביכעלע האָט מען געקאָנט באַקומען רייז, בוימל, מאַקאַראָנעס, ריין זאַלץ, שוין ניט מער די בלאָטיגע פון דער „לאַגונאַ". ווער שמועסט ליכט און קעראָסין! עפּעס אַ קליינינקייט, ליכט! האָט איר שוין געפּרובט לעבן וואָכנלאַנג אין דער פינסטער, ווי מיר האָבן עס פאַרזוכט? יעדער פאַמי־ליאַנט האָט באַקומען אַ לעמפל. דעם באַראָנס לעמפל האָט מען עס יאָרן לאַנג גערופן און ביי אייניגע קאָלאָניסטן איז עס באַ־האַלטן, אַלס זכר פון דעם חושך, וואָס האָט אונז אַרומגערינגלט. מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן האָבן מיר עס אָנגעצונדן, אָט דעם קאַניצל, און ווי מיר האָבן זיך געפרייט מיט אים!

די צווייטע שמחה איז געווען: טאַבאַק. יעדערער האָט ער־האַלטן 150 גראַם טיטון וועכנטליך (פון די מיוחסים וועלן מיר שפּעטער רעדן, זיי האָבן אַלעס לרוב באַקומען). וועלכע פרעדער איז דען אימשטאַנד אָפּצומאָלן די ענויים פונם רויכערער, בעת ס'פעלט אים אוים דער טאַבאַק! שטיקלאַך לושפּע פון קוקו־רוזע און טרוקענע גראָזן האָבן מיר ביז דאַמאָלסט גערויכערט! מיט שטיקער חלב אין אַ בלעכל, אָדער פשוט אין אַ גריבל, מיט אַ קנייטל פון דער ווייבס וואָלענער שאַל נאָך פון רוסלאַנד, פלעגן אייניגע דאָס געצעלט באַלייכטן און ענדליך האָט מען געפּטרט די דאָזיגע פּלאָגעניש... אָט אַזוי אַרום האָבן מיר זיך דערזעהן אויפן וועג פון פּראָגרעס.

דער „אַלמאַסען" איז אָפן יעדן טאָג. אַלעס צום עסן איז פאַראַן. אפילו צימרינג מיט ראָזשינקעס אַ קוגל צו מאַכן איז אויך דאָ!

די משרתים און אויפזעהער זיינען טעטיג געוואָרן. ס'האָט זיך תיכף אָנגעהויבן די גרויסע סדרה פון גנבה... אוי, האָט מען גענגבעט! אויף טאָל און אויף באַרג! אַלעס איז גענגבעט געוואָרן און ניט נאָר די באַאמטע אַליין האָבן דערין אַ האַנט

געהאַט, נאָר דער גאַנצער לאַגער איז שנעל אָנגעפילט געוואָרן מיט געלקחנטע חפצים... אויב ס'איז מעגליך אַזוי זיך אויסצודריקן, קאָן מען זאָגן: „הימל און ערד האָבן געגנבעט. די זון, די לבנה האָבן גענומען“... דער „לא תגנב“ איז אויף צווייען געשפּאָלטן געוואָרן. דעם „לא“ האָט מען משלח געווען קיין אייראָפּע און איבערגעלאָזט דאָ דעם „אַמעריטשקע גנב“...

פילע פון די „כאָלאָסטאָיעס“ האָבן דעם זעקסטן „לא“ פון די עשרת הדברות אויך אַוועקגעשיקט צו זייערע פרויען אויף יענער זייט אָקעאַן, זאָלן זיי עס דאָרטן אָפּהיטן, און דאָ האָבן זיי ניט געקאַרגט די צווייטע העלפט מקיים צו זיין...

כ'האָב געזעהן יידן מיט באָרד און פאות האָבן אין זייערע קאַפּאָטע־קעשענעס פון קלייט אַרויסגעטראָגן צוקער, רייז, וכדומה; אונטער די פאָלעס האָבן זיי אַ ה י י ם געטאַסקעט אי טעפּלאַך, אי טיי־קווערטלאַך, אי אַנדערע כלים — מכל הבא בידם... קיינמאָל זיינען זיי פאַר בושה ניט רויט געוואָרן און זיך איינער פאַרן צווייטן גאָרניט געשעמט; ווייל אייגנטליך האָבן זיי דאָך אַ תירוץ געהאַט: „מ'נעמט ביים אייגענעם טאַטן“...

די טרפהנע חברה, די צוקמאַנס, די שוואַרצמאַנס, זיי האָבן בשותפות מיט די גאָר גרויסע באַאַמטע געשעפטן געמאַכט און קאַפּיטאַל געשלאָגן.

נאָך דער „גערביל־רעוואָלוציע“ האָבן מיר זיך ערשט דער־וואוסט, אַז גאַנצע וועגן מיט סחורה זיינען פון דער באַן אנשטאָט צום „אַלמאַסען“ גאָר געפירט געוואָרן צו דער סטאַנציע דאנינאַ, אַכט קילאָמעטער פון קאַסאַרעס, וואו מ'האָט עס אָפּגעזעצט... די דאָזיגע סחורה איז בלויז אַריין אין די ביכער, אָבער ניט אין באַראָנס קלייט, און דאָך צאָלן מיר נאָך פאַר איר יעצט אויך דעם פּראָצענט.

אין לאַגער איז געווען פריילין. עסן איז דאָ און צום רויכערן אויך! די תקיפים, די יאַבעטניקעס, טאַטעס פון שיינע טעכטער, האָבן פון קלייט געשלעפּט, וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט, און די כפּרה איז געוואָרן דער אָרימער „בעזגראַמאָטנע“, וואָס איז

זיין חשבון איז פאַרשריבן געוואָרן די „אַרויסגעטראָגענע זאַכן"...

דעם בּאַראָנס קלייט האָט מיט איר שם גיך אָפּגעקלונגען אינם אומגעגנט. פאַרבּרוינטע, האַלבּ־ווילדע „גאַוטשאָס" זיינען אויף זייערע פלינקע פערד געקומען צו רייטן און אויף שטום לשון הליפין געמאַכט מיט די אימיגראַנטן. מ׳האָט אויסגעביטן אַ יונג „גאַמאָסיליאָ", פאַר אַ ביסל טאַבּאַק, אָדער די פעל פון אַ גרויסן הירש פאַר אַ ביסל לאָקשן. „גאַמאָס", גרויסע און קליינע הירשן און שטרויסן זיינען אין די טויזנטער אין דער סביבה געווען.

ס׳האָט גערעשט און געזשומעט, ווי אויף אַ גרויסן וועלט־יריד. נעבן יעדער פּאַלאַטקע האָט געררויכערט דער קיזיק; די דאַרע גאַ־ליעטן האָט מען צעשטויסן און געפּרעגלט לאַטקעס אויף בּוימל און געלעבּט, ווי גאָט אין פראַנקרייך!..

בּאַלד נאָכדעם האָט מען גענומען בּויען די תּפיסה און די גע־בּיידע פון דער איצטיגער אַדמיניסטראַציע, געבּנדיג אַזוי־אַרום אויך אַרבּעט די פּאַמיליאַנטן. אונז האָט מען נאָר געצאָלט איין פּעזע מיט צוואַנציג סענט אַ טאָג, מחמת מ׳האָט דאָך אונזערע משפחות גענעבּן עקסטרע צום עסן! — אַזוי האָט מען אונז ערקלערט; אלאַ וואָס אַלעם ווערט דאָך פאַרשריבן אין ביכעלע, און וואָס אונזער אַרבּעט איז אַ שווערע געווען, מיר האָבּן דאָך געדאַרפט ליים און ציגל טראָגן?! נאָר מיט אַזעלכע קליינינקייטן האָט מען זיך דאַן ניט גערעכנט.

מיר זיינען געווען צופרידן: ראשית — אַבּי ניט זיצן ליידיג און והשנית — עפּעס פאַרדינען, אום ס׳זאָל זיין אויף אַזעלכע אַרטיקלען צו קויפן, וואָס די קלייט האָט אויפן ביכל ניט געוואָלט אַרויסגעבּן.

אַ גאַנצע וואָך האָט געטומלט. איז געקומען שבּת — דאַן האָט איינגעטראָטן אמתע רוה. אַ מנוחה־טאָג. אין אונזער לאַגער פון אַלגאַראָבּאָ האָט קיינער ניט געוואַגט פייער צו מאַכן. מ׳האָט געדאַוונט אין מנינים, געגעסן קאַלטע לאַטקעס, פלייש, און די מהדרין האָבּן אויך אַ קאַלטן קוגל צוגעגרייט... נאָכדעם האָט מען זיך צוגעלייגט שלאָפן — עונג שבּת.

פאַרנאַכט האָט זיך אָנגעהויבן דער שפּאַציר אין וועלדל פון דער אַדמיניסטראַציע און אין גאַס, פאַרביי דער שרעננע גע־צעלטן. יינגלאַך און מיידלאַך האָבן געזונגען, עלטערע בעלי־בתּים האָבן זיך נאָכגעפרעגט איבערן תּכלית: ווען וועט מען שוין פאַרטיילן דאָס לאַנד? ווען וועלן זיך פאַרענדיגן גערבילס „פּירצעהן טאָגע?"

באמת האָט מען געגאַרט נאָכן באַראָנס נחלה. יעדערער האָט שטאַרק חשק געהאַט אַ קאָלאָניסט צו ווערן און זיין אַן ערד־אַרבעטער.

אין דעם איז אויך געקומען אַ זעלטענע איבעראַשונג, וואָס האָט אונז אַלעמען שטאַרק משמח געווען.

X

יידישע מיליטער.

פון באַראָן הירש איז אַ באַפעל אָנגעקומען, אַז מ'זאָל שאַפן אַ נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, אָדער אַ טעריטאָריאַלע מיליץ, וואָס זאָל אָפּהיטן און באַשיצן די קאָלאָניע. יעדער יונגערמאַן פון 18 ביז 25 יאָר אַלט זאָל איינגעשלאָסן ווערן אינם יידישן מיליטער־דינסט.

מיט אַ גוואַלדאָוונער באַגייסטערונג איז די דאָזיגע פאַראָרדע־נונג אויפגענומען געוואָרן. פון אַלע פאַלאַטקעס האָבן זיך רע־קרוטן געמאָלדן. יונגע בחורימלאַך, עלטערע אויסגעדינטע סאָלדאַטן פון רוסלאַנד — אַלע זיינען געלאָפן אין אַדמיני־סטראַציע זיך איינצושרייבן אין „יידישן חיל".

גערביל — אַ געוועזענער דייטשער אָפיציר, און טיראַטשיני — אַ פראַנצויזישער אולאַנער, האָבן באַלד אָרגאַניזירט אַ רעגי־מענט קאַוואַלעריע. אַ ראָטע אינפאַנטעריע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אונטער דער קאָמאַנדע פון ישראל האָלצקאַן — אַ געוועזענער אונטער־אָפיציר פון רוסלאַנד. דאָס מושטירן פונם חיל איז אָנפאַנגס זעהר שווער געווען. ווייל די „סאָלדאַטן", אַ מיש־מאַש פון אַלע לענדער: רוסן, עסטרייכער, רומענער, עטליכע ענגלישע און אַ פּאָר טערקישע — האָבן זיך שווערליך געקאָנט איינפאַרשטיין. נאַכהער האָט טיראַטשיני, דער אויבערקאָמאַנדיר, זיין „אַרמיי" איינגעטיילט אין באַזונדערע לעגיאָנען: רומענער מיט עסטרייכער און די גאָר פרישע רעקרוטן, אָדער ווי מען פלעגט זיי רופן: „נאָוואָבראַנצעס"—באַזונדער. רוסן, די פּאָר ענגלענדער

און סיריער — ווידער אַ לעגיאָן באַזונדער. איין „ראָטע" אויף פערד מיט געווער, די צווייטע אַ פעכאָטנע און אָהן כלי־זין. דאָס הייסט, אַז איינגעטייליך זיינען פאָרלויפיג אַלע געווען אָהן געווער, נאָר מ'האָט געוואַרט, אַז ס'זאָל איינגיכן אָנקומען...

אַך! וואו נעם איך אַזא קרעפטיגע פעדער, אום צו קאָנען באַ־שרייבן אונזער שמחה, אונזער גדולה און גאוה, בשעת מיר האָבן אונזערע נאַציאָנאַלע גוואַרדיע דערזעהן? ווער איז דען אימ־שטאַנד אויסצומאָלן אונזערע אילוזיעס, אונזערע חלומות און פאַנ־טאַזיעס, וואָס די דאָזיגע יידישע סאָלדאַטן האָבן אין אונזער מח ערוועקט? קינדער פון 15 יאָר האָבן זיך רחמים געבעטן ביים אינזשעניער טיראַטשיני, אַז ער זאָל זיי אויפנעמען אין יידישן לעגיאָן! ער פלעגט אָבער נאָר אויסקלייבן די שטאַרקסטע און שענסטע, און אין דער ברייטער פאַמפאַ האָט אָפגעקלונגען דער רוסישער דעזעציר:

— שאַגאָם אַרש! נאַ־לעוואָ! נאַ־פּראַוואָ! לעוואָי־אָי־אָי! לעוואָי!

— רעכטס'אום! לינקס'אום! מאַרש! — האָט דער עסטרייַ־כישער לייטענאַנט, יוסף אמרייך, אויף זיין שטייגער די יידישע יונגים דעזעצירט.

מאַמעס, שוועסטער, כלות, יונגע־פרויען, האָבן זיך פון תענוג געשמאָלצן, אָנקוקנדיג זייערע ליבלינגע, וואָס האָבן זוכה געווען צו דינען אין באַראָנס אַרמיי.

אַן אויסערגעוויינליכן תענוג האָבן די אָרטאָדאָקסישע יידן געהאַט פון דער דאָזיגער מיליץ. זיי, די אייביגע בענקער און די אויפריכטיגע גלויבער אין דער ווידעראויפלעבונג פון דער יידישער אומה, זיי האָבן תיכף אינם חיל דערזעהן אַן אַתחלתא דגאולה... ווען דער עסקוואַדראָן אולאַנער, אויף די פערד, מיט זייער קאָמאַנדאַנט טיראַטשיני אין אַ רויטן געשטרייפטן העמדל אין דער שפּיץ, פלעגט דורכמאַרשירן פאַרביי די פאַלאַטקעס, האָבן די עלטערע יידן מיט עקסטאַז געשריען: „יהודה המכבי קומט!" און פלעגן מיט פרייד צומורמלען: „מי כמוך באלים ד'?"

שניאור מלמד פלעגט מיט חדוה איינקנעלן מיט זיין יאָסעלען:

— געדענק, מיין זון, זיי אַ גוטער סאָלדאַט און פאַרגעס ניט דעם פסוק „ללמוד את בני יהודה קשת!“...

אַ זעהר ברייטער ריינער הימל, מיט אַ טיפן שיינעם האָריזאָנט האָט זיך פאַר אונז פאַרשפרייט. אַ ליכטיגע גלענצנדע האָפנונג האָט דאַמאָלסט פאַר די אויגן געשטראַלט און אונז פאַנטאַסטיש צוגעשעפטשעט: „אַן אייגן פאָטערלאַנד! אַ יידישע לאַנד! וויינגסטנס אַ נייעם בבל וועט מען שאַפן!“.

ס'קלינגט מיר נאָך אין די אויערן די דרשה פון דעם גרייזגרויען לייבעלע, וועמעס ווערטער עס זיינען ביי מיר ווי מיט פייער אינם הארצן איינגעגראַווירט געוואָרן:

„עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל העולם — האָט ער אָנגעפאַנגען פאַרן בינטל יידן, וואָס זיינען נעבן זיין פאַלאַטקע געשטאַנען, בעת די סאָלדאַטן האָבן אַדורכגעמאַרשירט — ברידער, דאָ וועט זיין ארץ ישראל, אַן עכט אייגן יידיש לאַנד: אייגענע סאָלדאַטן, וואָס וועלן היטן אונזער תורה, אונזער טראַדיציע. אפילו ווען משיח וועט קומען, דאַרפן מיר ניט גיין אַהין! סיי־ווי־סיי איז דאָס אַלטע ארץ אבות צו קליין, אום אַלע יידן אַריינצונעמען... דאַן איז דער פעטער ישמעאל דאָך אויך'עט דאָרט... און איז נאָך היינט אויך דער אַלטער פרא אדם... אָבער דאָ, אין דעם לאַנד, וועלן מיר מיט די אַרגענטינער זיך לעבן בשלום ואחדות... זיי שטאַמען דאָך אויך'עט פון אונזער גזע! ס'איז דאָך אַ סברה, אַז זיי זיינען פון די עשרת השבטים... זעהט איר! — שמייכלט דער זקן צופירדן — סאָלדאַטן פאַר משיחן, אויב ער וועט פאַרלאַנגען — דאָס וועלן מיר אים געבן! אָ, חיל וועלן מיר אים שיקן!“

אָט מיט אַזעלכע רייכע חלומות האָבן מיר דאַמאָלסט אונזערע נשמות געשפייזט. דער געדאַנק זיך אַ זיכערע היים, אַ גליקליכע אויפצובויען האָט אונז געשטאַרקט, באַמוטיגט און כוח געגעבן אַלע שוועריגקייטן איבערצוטראָגן.

מיט פרײדן־געשרײען, מיט „הורראָ׳ס!“ מיט אויסרופונגען
„לעבן זאָל דער באַראָן הירש! געבענשט זאָל זײַן אַרגענטינע!״
האָבן מיר שטענדיג אויפגענומען אונזערע לעגיאָנען, בשעת זײ
פלעגן נעבן אונז דורכמאַרשירן.

לאַנג האָט די דאָזיגע שמחה ניט אָנגעהאַלטן. די קאַטאַסטראָ־
פע פונם 26־טן דעצעמבר האָט אַלעס פאַרניכטעט און מיטגע־
שלעפּט... דער ײדישער לעגיאָן איז אויך צעפאַלן געוואָרן...

XI

די ערשטע קאַטאַסטראָפע אין מאַאוריציאָ.

דעם 26־טן דעצעמבער פון 1891, אין אַ שבת פאַרנאַכט איז דאָס געשעהן. צום אַכטן חנוכה־ליכטל.

דער שבת־טאָג איז אַ פּראַכטפולער געווען: שיין און וואַרעם. הונדערטער קינדער האָבן זיך געשפּילט פאַר די קאַרפּאַס, און די לידער, וואָס די מיידלאַך האָבן אין וואַלד געזונגען, האָבן זיך געטראָגן איבערן גאַנצן לאַגער.

די זון, אַ צעקאַשמערטע, מיט אַ טונקל־רויטליכן לעבער־קאָליר, האָט זיך אין דער „לאַגונאַ" אַרונטערגעלאָזן. די וואַסער פונם זומפּ האָט זיך ווי אָנגעצונדן און האָט אונז אַלע, ביים ברעג שפּאַצירנדע באַגאָסן מיט אַ משונה מאָדנעם שיין. איינער דעם צווייטן האָבן מיר זיך אָנגעקוקט מיט שרעק און געפאָרשט אויף שטום־לשון ביים אַלטיטשקן אינדיאַנער, וואָס האָט זיך ביז צו אונז צוגעשלאָגן. ער האָט אויף די „קאַרפּאַס" געוויזן און דורך זיין מימיק צו פאַרשטיין געגעבן, אַז מיר זאָלן גיין אַהין זיך דאָרט באַהאַלטן:

— „טאָרמענטאַ!" — האָט ער פאַראומערט געזאָגט — „טאָרמענטאַ!" — און מיטן האַנט אָנגעוויזן צום מערב־זייט.

מיר האָבן געאיילט און אין די געצעלטן געגאַנגען.

באַלד איז פינסטער געוואָרן און דושנע היים, ממש אויף דער־שטיקט צו ווערן. פון וייטן האָט זיך געהערט אַ מין רויש, וועדליג ווי עס וואָלטן אָנגעקומען ריזיגע חילות.

בײַ יעדן איז די האָר פֿון קאָפּ פֿאַר פּחד שטײף געװאָרן. מײַן פֿרוי מיט די דרײַ קינדער האָבן זיך צוגעטוליעט צום מיטלסטן דריקל פֿון דער „קאַרפּאַ“, און איך מיטן כּאַלאָסטאָי מאָטל טאַ־באַקמאַן, װעלכער איז גראַדע דאַמאָלסט בײַ מיר געװען, האָבן מיט די רידלען גיך געגראָבן די ערד אַרום דער פּאַלאַטקע און אָנגע־שאָטן רונד־אַרום אױף די בּרעגן, אום דער װינט זאָל זי ניט אַװעק־טראָגן.

— כ'האָב מורא — האָט דער כּאַלאָסטאָי געזאָגט — צי ס'קומט ניט װידעראַמאָל דער „פּאַמפּעראָ“, אַזעלכער װי מיר האָבן געהאַט בײַם אָנקומען אַהערצו. גראָבט שנעלער!

מיט אַלע כּוחות האָבן מיר געגראָבן און בערג ערד אַרום אָנגעשאָטן.

דאָס װאָיען פֿונם װינט האָט זיך װאָס אַ סעקונדע מער, אַלץ מוראַדיגער און דײַטליכער געלאָזט הערן. פּלוצים איז אַלעס שטיל געבליבן, אַזױ פֿירכטערליך שטיל, אַז ס'האָט אַזש פֿאַר־כאַפּט די נשמה. אַ טיפֿער יאָמער מיט אַ דין קולכל, װי פֿון אַ װײנענדיק קינד, האָט אַרײַנגעדרונגען און געלעכערט די אױערן. באַלד האָט די גאַנצע נאַטור אַ קרעכץ געגעבן, אָבער אַזױ אימה־דיק, אַז מיר האָבן די זאַסטופּעס אַװעקגעװאָרפֿן און שנעל אַרײַן אין פּאַלאַטקע, און דער װינט נאָך אונז... כּהרף עין האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם בּרעזענט, האָט אָפּגעפּליקט אַלע שטריקלאַך און דאָס לײַװונט אַװעקגעטראָגן אין דער לופֿטן איבער אונזערע קעפּ, פֿונאַנדערפֿלאַטערנדיק מיט די שטיקער „קאַרפּאַ“, װי מיט די זעגלען פֿון אַ שיף... אַלע האָבן מיר זיך אָנגעקלאַמערט אָנעם מיטלסטן סלופּ, װעלכער איז געװען שטאַרק און טיף אַרײַנ־געגראָבן אין דער ערד, און אַזױ האָט אונז דער שטורם ניט גע־קאָנט מיטשלעפּן.

די קינדער האָבן מיר צוגעבױגן ביזן ערד און מיט אונזערע קערפּער זײ באַשיצט. איבער אונזערע קעפּ זײַנען געפֿלױגן שטיקער צעפּליקטע שמאַטעס, בּלעכענע שיסלאַך, דאָס געשיר פֿונם לאַגער, קישעלאַך און פּערערן, היטלען, זאַמד, שטױב,

שטיקער קויק און ערד... משונהדיגע קולות האָבן אין דער לופט שרעקליך געהילכט, און דאָס פינסטערניש איז אַזוי געדיכט געווען, אַז וימש חושך: ס'איז אוממעגליך געווען אויף אַ שפּאַן פון זיך צו זעהן.

אַ שווידערליכן מאָמענט האָבן מיר איבערגעלעבט. ס'האָט זיך אונז אויסגעוויזן, אַז נעבן סלופּ וועט אונזער פאַמיליען־קבר זיין: אַז די ערד וועט אונז פאַרשיטן, און מיר וועלן אויף אייביג לעבעדיג באַגראָבן ווערן.

ס'האָט אַ בליץ געטאָן. דער הימל איז אויף צווייען צע־שפּאָלטן געוואָרן, און דער עלעקטרישער שטראָם האָט אים נאָכ־דעם צעריסן פון עק ביז עק, אָפּגלאַנצנדיג אַזוי העל, מיט עפּעס אַזאַ קלאָר־ווייסער ליכטיגקייט, אַז עס האָט אין די אויגן ווי מיט שפּיזלען געשטאָכן און טאַקע תיכף: טראַך! טראַך! טאַראַראַך! איין דונער נאָכן צווייטן האָבן זיך אין דער לופט געקייקלט און האָבן אונטער אונז די גאַנצע ערד צעוויגט און צעשאָקלט.

לסוף האָבן זיך צעעפנט די וואָלקן: אַ שלאַקסרעגן האָט אויסגעבראָכן און אונז ביז די ביינער אין איין אויגנבליק אַדורכ־גענעצט. אָבער מיטן מבול איז דער ווינט געשטילט געוואָרן. יעדער פון אונז, האָט אויפן האַנט אַ קינד גענומען, קוקנדיג דערשראָקן אין אַלע זייטן.

— מיר מוזן זיך ראַטעווען! — האָט מיין פרוי געזאָגט — לאָמיר זעהן זיך דערשלאָגן ביז צו דער אַדמיניסטראַטיווער געביידע.

מיר האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט און נאָכן שיין פון די אָפּטע לאַנגע בליצן זיך געלאָזט גיין אין ריכטונג צו דער אַדמיניסטראַציע.

מיר האָבן ביז די קני אין וואַסער געבראָדזשעט, זיך געשטופּט אַנטקעגן שטראָם פונם רעגן, ביז מיר האָבן דעם אַדמיניסטראַ־ציאָנס־וואַלד דערגרייכט: אָבער ווייטער איז כמעט אוממעגליך געווען צו גיין. פילע בוימער זיינען געלעגן אויסגעריסן מיטן וואָרצל: אָפּגעבראָכענע צווייגן, „אוליאַקעס", האָבן זיך גע־

פלאָנטערט און געקניפּט איינס אָנעם אַנדערן, און יעדע סטעזשקע פּאַרצוימט. דאָס גליק איז געווען, וואָס ס'האָט אָפּט און שאַרף געבליצט, און מיר האָבן אַזוי געקאָנט זעהן, ווי אַריבערצוקלע־טערן די קלעצער און זיך דורכשטופּען דורך די צווייגן.

מיט אַלע קרעפטן זיינען מיר ווייטער געגאַנגען און זיך נענע־הענטערט צו דער אַדמיניסטראַציע, פון וואַנען ס'האָט זיך גע־הערט אַ יאָמער־געשריי און שרעקליכע שמערצפולע קולות.

— דאָרט האָט זיכער עטוואָס שרעקליכעס פּאַסירט — האָט אונזער באַגלייטער, טאַבאַקמאַן, געדרונגען — איר הערט דעם גוואַלד ?

מיר זיינען שנעלער געגאַנגען.

וואָס פאַר אַ שוידערליכן בילד מיר האָבן דאָרט דערזעהן! נאָר די אייביג שטאַרקע „שכחה״ איז אין קראַפט דאָס אָפּצו־ווישן פון מיינע אויגן!

אַלע צימערן פון הויז זיינען אָנגעפּרעסט און אָנגעפילט גע־ווען מיט פרויען און קינדער, דער יאָמער און קלאָג האָט די הימ־לען געשפּאָלטן... די מענער האָבן געאַרבעט: אַלע רגע גע־בראַכט אַן אַנדער פרוי, אַ צעבלוטיגטע, אַ פאַרחלשטע...

דער שטורם האָט שוין אויפגעהערט, אָבער די פינסטערניש איז געווען אַ אומדורכדרינגבאַרע, און דער רעגן האָט ווי מיט עמערס געגאָסן. ס'איז געווען אַ מבול, אפשר ווי אין נחס צייטן.

— גוואַלד, מיין ווייב! — שרייט יוסל מלמד — כ'פאַרמאָג צוואַנציג פעזעס, נאַט, איך גיב זיי אייך אַוועק, נאָר לויפט ברענגט זי! זי איז דאָרט ערגעץ פאַרבליבן...

פיר מענשן ברענגען אַריין אַ „קאַטרע״, אויף וועלכער זיי טראָגן אַ ווייבל, וועמען ס'האָט זיך אין סאַמע „טאָרמענטאַ״ פאַר־גלוסט גיין צו קינד... ס'לויפט איינער אַריין מיט קולות: „קומט שנעל! אַ מענש ווערט דערטרונקען! דאָ נית ווייט שרייט ער פון גרוב אַרויס״...

אונזערע סאָלדאַטן לויפן ראַטעווען. גערביל קאָמאַנדעוועט: „גוואַרדיאַ נאַציאָנאַל! לויפט רעטעט!״ אַליין גייט ער אַרום

צווישן די אָהנמעכטיגע, טראָגט צו אַביסל וואַסער, אַ שטיקל לימענע (קיין מעדיצין איז ניט בנמצא געווען)...

צוויי גוואַרדיסטן טראָגן אַריין אַ זעקסיעריג טויט קינד. אַ דריקל פון אַ פּאַלאַטקע האָט עס דעם מוחל צעשפּאָלטן. די מוטער האַלט אין איין חלשן, אַז ס׳איז איר אוממעגליך צו דערמינטערן.

באַלד קומען אויך אָן די איינוואוינער פון דער „קאָמיסאַריאַ"־געגנט. אַלע האָבן זיך געזוכט צו שיצן אין דער אַדמיניסטראַציאָנס־געביידע. אַלע זיינען זיי געווען אָהן היטלען, די ווייבער מיט צעשויבערטע און צעפּלאָנטערטע האָר, פון וועלכע ס׳האָט דאָס וואַסער געקאַפּעט. פילע מיט צעקלאַפּטע אויגן און צעשלאָגענע ציין... אין הויז ווערט שרעקליך ענג, ס׳קאָן שוין מער ניט אַריין, געפינט מען אַן עצה: די געזינטערע מענער און פרויען שטעלן זיך אין דרויסן אויפן רעגן, און די שלאַפּע און פאַרוואונדעטע לאָזט מען אַריין אינווייניג, אונטערן דאַך.

מיר שטייען נעבן וואַנט. דער רעגן וואַשט אונז, און די קעלט איז שרעקליך בייז און קריכט ביז די געדערים. ס׳קומען אָן די ברידער סווערדליק און טראָגן דעם גוף פון זייער טויטער מוטער. אַ צינקענע בלעך פון אַן אַראָפּגעטראָגענעם דאַך האָט איר אין קאָפּ געטראָפן און דערהרגעט. מען לייגט אַוועק די טויטע, און די פרויען הויבן אויף אַזאַ מוראדיגע יללה, אַז ס׳גרוילט אַוש דאָס לייב.

מיט טאָג גלייך האָט דער רעגן אויפגעהערט.

XII

דער דאָקטאָר יאַפע — אַ גוטע נשמה.

אַ ריינע, אַ קלאָרע, אַן אויסגעצוואָגענע, איז זיך די זון אַרומ-געשוואומען איבערן הימל; מילד און ווייך, אומשולדיג איז זי געווען, אַקוראַט ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט. די צוויי טויטע, דאָס קינד און די פערציג-יעריגע פרוי, האָבן די שיינע זון שוין מער ניט געזעהן.

פון די פּאַלאַטקעס איז גאָרניט פאַרבליבן. עטליכע נאַקעטע אָפּגעוואַשענע סלופּעס האָבן געהאַלטן אָנגעבויגן די קעפּ און אַריינ-געקוקט אין די קאַליוזשעס, וואו ס׳האָבן זיך געוואַלגערט די פּע-דערנע קישעלאַך, דאָס יידישע גלות-פאַרמעגן, וואָס מיר האָבן מיט-געבראַכט פון דער היים. בלעכענע שיסל-געשיר, ווייבערשע טשי-פּיקעס, קאַפּעליושלאַך, האָבן אַרויסגעקוקט פון די טייכלאַך און עריגערט אָן אַ געוועזענעם און פאַרלאָזענעם ישוב. דער אָנבליק פון דעם לאַגער איז אַ פּיינליכער, אַ אימהדיגער געווען.

— פּאָגראָם ! אַ פּאָגראָם ! — האָבן הויך געשריען די יעניגע, וואָס האָבן אין רוסלאַנד פאַרזוכט דעם טעם פון קריסטליכער באַרמהערציגקייט.

— נויטיג באַדאַרפט קומען קיין אַרגענטינע ! — הערט זיך אַ פאַרביטערטע שטימע.

מען האָט אָנגעהויבן חרטה האָבן אויפן גאַנצן עסק. די פרויען זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די קאַליוזשעס, צוזאַמענגעקליבן די חפצים, געקלאָגט און געשאָלטן זייער פינסטערן מזל און דעם רו-סישן צאַר.

אויף מאָרגן, אַרום אַכט אַזייגער אין דער פריה, איז אָנגע־קומען דאָקטאָר לעווענטאַל, מיטן רויטן ראַבינער העגרי יאָזעף. גראַדע איז טיראַטשיני געווען אין קאַסאַרעס בעת די „טאָרמענטאַ“ האָט געבושעוועט, און ער האָט טעלעגראַפירט צום דירעקטאָר לע־ווענטאַל, אַז די אימיגראַנטן אין די „קאַרפּאַס“ געפינען זיך אין גרויס געפאַר, אויב דער „פּאַמפּעראָ“ וועט דאָרט דורכשטורעמען. דאָס האָט אים באַוואויגן .אַרויסצופאָרן פון בוענאָס־איירעס מיטן אָוונטדיגן צוג, אום אַליין צו באַטראַכטן די לאַגע אין מאַאוריציאָ, מיטנעמענדיג דעם ראַבינער יאָזעף, פּילייכט אום אויסצונוצן זיין אַזוי גערופענעם רעליגיעזן איינפלוס...

איך האָב דעם דאָקטאָר גענוי באַטראַכט. אַלס פילאָזאָף איז ער ניט געווען קיין מענש פון טרערן, נאָר יעדער נערוו האָט אין אים געצוקט און אין אַלע געזיכטסשטריכן האָט מען באַמערקט זיין פאַרביטערונג און זיין פּראָטעסט איבער אונזער צושטאַנד.

— נו, אַ קאָמיטעט! נו, אַ פילאַנטראָפּיע!—אָט די ווערטער האָב איך אים געהערט ווידערהאָלנדיג עטליכע מאָל, בעת ער האָט באַטראַכט די פאַרוואונדעטע און צעשלאָגענע. זיין שטאָלצער קערפּער האָט זיך מערערע מאָל ווי איינגעצויגן, האָט געקרעמפּט אונטערן טיפן צער און שמערץ.

ער האָט תיכף באַפוילן, אַז דער „אַלמאַסען“ — וואו ס'איז קיין שאָדן ניט פאַראורזאַכט געוואָרן דורכן שטורם און וואו ס'האָבן זיך אויך געדעטעט מערערע משפחות — זאָל ברייט געעפנט ווערן און מ'זאָל פון דאָרט אַרויסגעבן אַלעס, וואָס קאָן נוצן פאַר די קראַנקע. קיין מעדיצין און קיין דאָקטאָר איז נאָך דאַמאָלסט ניט געווען, האָט מען די וואונדן דעזינפעקצירט מיט ספּירט, און פון לייוונט געמאַכט באַנדאַזשן, אויך תכריכים פאַר די טויטע האָט די „קלייט“ צוגעשטעלט...

ביי־טאָג האָט מען אָפּגעקליבן אַ פּלאַץ אויף אַ בערגל, נאָהענט פון דער „לאַגונאַ“, וואו ס'איז טאַקע ביז היינט פאַרבליבן דער בית עלמין. אַרום די פרישע קברים, וואו די ברידער סווערדליק האָבן זייער יונגע מוטער באַגראָבן, און די אָרימע רומענישע

משפחה, דוכט מיר צונקבלאַט נאָכן פאַמיליע־נאָמען, האָבן זייער בן יחידל „באַהאַלטן“ און וואו דאָס נפלע פון דער יולדות האָט אַ קרקע באַקומען — האָבן זיך אַלע אימיגראַנטן פאַרזאַמלט און הילכנדע קולות האָבן זיך דאָרט פלוצלונג צעטראָגן:

— אַהיים! אַהיים! מיר ווילן צוריק אַהיים! דאָקטאָר, שיקט אונז אָפּ צוריק אַהיים! האָבן מיר דען קיין קברים ניט אין רוסלאַנד? אַהיים! מען האָט אונז נאָר גענאַרט און פאַרפירט! ברידער, דער גאַנצער קאָלאָניזאַציאָנס־פּלאַן איז אַ פאַלשער! מיר ווילן צוריק אַהיים!

קורץ, מיטן צוג פון צוועלף בייגאַכט און אין דער פריה מיטן צעהנער, זיינען פילע פון דער „נאַציאָנאַלער גוואַרדיע“ אָפּגע־פאָרן פון אונז. די קרעפטיגסטע, געזינדסטע „כאַלאָסטאָיעס“ זיינען די ערשטע נברחים געווען. דער ד״ר לעווענטאַל האָט זיי אַלעמען באַן־בילעטן געגעבן. פון די פאַמיליאַנטן האָט זיך אָבער קיינער ניט גערירט.

ווידער זיינען מיר געשלאָפן אין דרויסן. אייניגע האָבן מיט אַ פּאָר טאָג שפּעטער זיך צונויפגעשטעלט ביידלאַך פון די רעשטן, וואָס דער שטורם־ווינט האָט איבערגעלאָזן. גיך איז די אומ־דערטרעגליכע לאַגע געענדערט געוואָרן צום בעסערן. ד״ר לעווענ־טאַל האָט צוגעשיקט ספּעציעל צוגעשניטענעם און געדרעקסלטן געהילץ, טשוועקעס, שרויפן און בלעכן, און אָנשטאָט די פּאַ־לאַטקעס, אָדער די ביידלאַך אויף הינערשע פיסלאַך, האָבן מיר שוין אויפגעשטעלט פעסטע געצעלטן.

„נאָך יעדן חורבן וואַקסט אויס אַ בעסערער בנין; דורך פוי־לעניש אַנטוויקלט זיך און עס געדייעט אַ פּראַכטפולע פלאַנצע“. אויך דאַנקענדיג דער קאַטאַסטראָפע, האָט זיך אָנגעהויבן אויפ־שלאָגן די יידישע קהלה פון קאַסאַרעס.

אַ פּאָר „כאַלאָסטאָיעס“ האָבן דאָרט אויפגעשטעלט אַ בלעכן ביידל, און איך בעט אייך, זאָגט נאָר קיינעם ניט אויס — טאַקע פון באַראָנס בלעכן... זיי האָבן דאָרט געעפנט אַ צירולניע, אַ

שענקל, און אָנגעהויבן פֿירן קאָמעריץ מיט די האַלבּ־ווילדע פֿון דער אומענדליכער סביבה, וואָס האָט כּמעט ווי געפּוסטעוועט.

אויפֿן זעלבּן אופֿן זיינען שטעטלאַך געבּן און אַרום די קאָלאָ־ניעס געשאַפֿן געוואָרן דורך די ערשטע „אָפּגעפּאַלענע און אַנטלאָ־פֿענע", און ווען איך זאָל אַ טבע האָבּן אַרויסצוגעבּן, וואָלט איך אויך דערציילט דעם סוד, ווי עס זיינען געוואָרן די ערשטע גבירים אין קאַסאַרעס, און וואָס פֿאַר אַ שייכות זייער רייכטום האָט גע־האַט מיטן בּאַראָנס קלייט... נישקשה, מיר צאָלן פֿאַר אַלעס פּראָצענט! נאָר ניט דאָס בּין איך אויסן. אויף שכנים טאָר מען בּכלל ניט ריידן, — איז זאָל זיין שטיל, שאַ!

אין די נייע בּלעכענע „גאַלפּאָנעס" האָבּן מיר זיך איינגע־אָרדנט. צוזאַמענגעקליבּן די שטיקער שמאַטעס, און דאָס ציגיינער־לעבּן איז ווייטער געפֿירט געוואָרן: מיר האָבּן געקליבּן קוזיק, גע־גאַנגען נאָך פֿלייש, צוויי מאָל אין וואָך מיטן בּיכעלע אין „אַלמאַ־סען" נאָך פּראָוויאַנט, און גנבים האָבּן געשריבּן און גערעכנט, וואָס זיי האָבּן אַליין געוואָלט... (בּיי יעדן קאָלאָניסט געפֿינען זיך נאָך די געלע פּאַפּירן פֿון די חשבּונות פֿון יענער גנבישער קלייט!). געוואַרט האָט מען נאָך אַליץ, אַז גערבּילס „פּירצעהן טאַגע", זאָלן סוף כּל סוף ערפֿילט ווערן, און מ׳זאָל שוין דאָס לאַנד פּאַרטיילן.

*   *
*

ס׳איז אָנגעקומען דער מאָנאַט יאַנואַר פֿון 1892־טן יאָר.

די דרום־אַמעריקאַנער היצן, צו וועלכע מיר זיינען ניט געווען צוגעוויינט, דאָס מיזעראַבּלע ציגיינער־לעבּן, דאָס רויע פֿלייש אַלס נארונג, די שמוציגקייט — אַלצדינג צוזאַמען האָט אין לאַגער דעם טיפֿוס אַריינגעבּראַכט. קיין דאָקטאָר און קיין אַפּטייק איז ניט געווען, דערפֿאַר איז אָבּער אין יעדער בּיידל און פּאַלאַטקע געלעגן אַ חולה. מיט קרענעצע־וואַסער האָט מען געהיילט די פֿיבּער־בּרענענדע קראַנקע. טאָג און נאַכט האָט מען פֿון אַדמיניסטראַ־ציאָנס־בּרונים געטראָגן עמערס מיט וואַסער, פּרויען און מענער

האָבן אין דעם די שמאַטעס איינגענעצט און דערין איינגעוויקלט די ליידנדע.

ווער ווייסט, וויפיל עס וואָלטן געווען אומגעקומען פון דער עפידעמיע, ווען עס וואָלט פון פּאַריז ניט אָנגעקומען דער גוטער, מענשנפריינטליכער דאָקטאָר יאַפּע.

ד״ר לעווענטאַל, זעהענדיג די פּאַרוואונדעטע פון דער קאַטאַסטראָפע, האָט ער צום באַראָן דעפּעשירט נאָך אַן ארצט, און דער גרויסער פילאַנטראָפּ האָט גלייך אַרויסגעשיקט אַ דאָקטאָר.

אַ טייערער פריינט איז דער דר. יאַפּע געווען. אַלס ליכט, אַלס שטערן האָט ער אונז אין דער וויסטעניש געדינט! גאָט זאָל אים בענטשן דאָרט וואו ער איז! ווי ערליך און מיט וויפיל ליבע האָט ער אונזערע קראַנקע געהיילט. וויפיל טרייסט און נחמה איז אין זיינע ווערטער געווען! ער האָט אונז דאָ, ווי דער עמוד ענין דאָרט אין מדבר, דעם וועג געוויזן. ער האָט געמינטערט, געשטאַרקט די נחלשים, מוט אַריינגעפּליסט, אום אַלע ליידן געדולדיג איבערצוטראָגן. אים, דעם ד״ר יאַפּע, איז די קאָלאָניזאַציע אַ דאַנק שולדיג — אויב ס׳איז נאָר פאַראַן, פאַר וואָס צו דאַנקען.

דער ד״ר יאַפּע האָט תיכף באַמערקט די מעשים פון דער טרפהנער חברה און איינגעזעהן, אַז גערביל איז אַ לעמעשקע ביי זיי אין די הענט, און אַז ער וועט קיינמאָל ניט אימשטאַנד זיין דאָס לאַנד געהעריג צו פאַרטיילן. ער האָט אויפגעקלערט דעם דאָקטאָר לעווענטאַל איבערן דאָזיגן ענין, און גיך האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג צווישן די אימיגראַנטן, דאָס גערביל איז אַנטזאַגט געוואָרן...

חברה „הינטן״ האָבן אָנגעהויבן סטראַשען די „קוגל־יידן״, — ווי זיי האָבן אונז גערופן — אונז געדראָהט מיט קלעפּ, מיט פּאָליציי, באַהויפּטנדיג, אַז מיר האָבן גערבילן פאַרמיאוסט ביי לעווענטאַלן אין די אויגן... אָבער דעם גוטן ד״ר יאַפּע איז געלונגען זיי איינצושטילן.

ער האָט זיך אויך פּלייסיג גענומען איינצואָרדענען אַ געמיינדע. האָט איינגעפירט אַ רעגיסטער פון געבורטן, וואו מ׳האָט איינגע־שריבן די מאַסע קינדער, וואָס זיינען אין די פּאַלאַטקעס און שייערן געבוירן געוואָרן. פילע פון יענע נולדים האָבן שוין לאַנג אַלס געטרייע אַרגענטינער זייער מיליטער־דינסט ערפילט.

אויפגערעגט און איבערראַשט איז ד״ר יאַפע געוואָרן, ווען ער האָט נאָכגעקוקט די טהרת המשפחה צווישן די וואַרשעווער און אָדעסער חברותא, און ער פלעגט זיך היצן:

— גוואַלד, ברידער, אונזער קאָלאָניע טרינקט זיך אין שמוץ! מען מוז ריינינגן! שטאַרק ריינינגן!...

אויף ווי וויט מאָראַליש געזונקען עס זיינען איינינגע געווען, קאָן דינען אַלס ביישפּיל פאָלגנדער עפּיזאָד פון אַן אָדעסער פּאָר פּאָלק, איבער וועלכן ד״ר יאַפע פלעגט מיט פאַרדרוס און צאָרן זיך ערינערן. איך האָבביידן געקענט. זי, אַ פרומינקע, אַ שטילינקע, האָט זיך כסדר באַרימט מיט איר יחוס. איר פאָטער איז געווען סופר ביים רבין. ער, אַ לאַנגער, אַ בלאָנדער און אַ גרויסער טיפּש. מיט אונז צוזאַמען זיינען זיי אויף דער „טיאָקאַ“ געפאָרן. אים האָט מען געבענשט מיטן צונאָמען „אַביש דער לאַנגער“ און איר „נעכע, די פרומע טויב“...

אין אַ שבת ביייטאָג לויפט אַריין אַביש מיט אַ געוואַלד:

— דאָקטאָר, מיין ווייב! אוי גיכער, וואו איז דער דאָקטאָר??..

יאַפע לאָזט ניט מער רעדן, כאַפּט זיין טעשל אינסטרומענטן און לויפט גלייך צו דער „פּאַלאַטקע“, וואוהין דער צעשראָקענער יונגערמאַן ציינגט אים אָן, שעפּטשענדיג כסדר: „אוי, מיין ווייב! דאָקטאָר, מיין ווייב!...“

אויפן טיר פונם נעצעלט קומט אים דאָס ווייבל אַנטקעגן אַ פאַרראויטלטע, אַ צעשויבערטע, נאָר אַ געזונטע...

— צו וואָס האָט איר מיך גערופן? — פרעגט דער דאָקטאָר אַבישן.

— אוי וויי, דאָקטאָר! זי איז דאָך אַן אשת איש, און ער אַ גוי! דערצו נאָך שבת ביייטאָג!... — און צעוויינט זיך יאָמערליך

— דאָן כוליאָ איז ערשט דאָ געווען! — כליפּעט ער ווייטער — כ׳לעבן דאָקטאָר איך אַליין האָב זי געטראָפן.

דער דאָקטאָר בויגט אַראָפּ זיין שוואַרץ געקרויזטן קאָפּ און גייט אַוועק פאַרשעמט... עטליכע יונגעליייט גייען אים נאָך.

— מען דאַרף מעלדן דעם ד״ר לעווענטאַל! — טענהט ער באַצערט — די זנות־מגפה וועט אַרומכאַפּן די גאַנצע קאָלאָניזאַציע און אונטערגראָבן דעם ישוב, וואָס מיר גייען גרינדן. די דאָזיגע אַר־געטינישע אַדעליגע, די „דאָנען״ פון דאָן כוליאָס כאַליאַסטרע, וואָס האָבן זיך אַרום גערבילן קאָנצענטרירט, זיי זיינען אַן אומגליק פאַר אונז — פאַרענדיגט ער שטילינקערהייט.

מיט דריי טאָג שפּעטער איז געקומען לעווענטאַל מיט נאָך איינעם, אַ געזונטן דייטש. ביידע זיינען זיי אינם לאַגער אַרומגע־גאַנגען, נאָכגעקוקט, נאָכגעפרעגט, אינספּעקציאָנירט. נעבן יעדער ביידל זיך אָפּגעשטעלט און אַהינצו אַריינגעבליקט.

איך מיט שאַראָגראָדסקין, זיינען מיר פון וויטן זיי נאָכ־געגאַנגען, אום אויפצונעמען די איינדרוקן, וואָס אונזער דירעקטאָר וועט באַקומען און אַרויסווייזן...

פון אַ געצעלט האָט זיך גראַדע דאַמאָלסט אַרויסגערוקט אַ יידל, וואָס האָט צוגעהונקען אויף אַ פוס. פאָרטנאָי האָט ער געהייסן, ער איז געגאַנגען פאַר זיי און הינטער אים איז נאָכגעלאָפן זיינע אַן אַלטע מויד, אַ צעדולטע, און האָט געשריען אין איין קול: „טאַטע, קום עסן לאַטקעס!“ דער „שניידער“ נאַליעט אויף זיין קורצן פוס, שפּאַנט טריט ביי טריט, און די לאַנגע קאַפּאָטע טעלעפּעטשעט זיך אים אַרויף און אַראָפּ!

— זעהט! — זאָגט דער דירעקטאָר צום דייטש — זעהט, וואָס פאַר אַ קאָלאָניסטן דער קאָמיטעט האָט מיר געשיקט. גיי, בוי עפּעס מיט אַזאַ עלעמענט! — און מיטן האַנט האָט ער אָנ־געצייגט אויפן הינקענדיגן שניידער מיט זיין משוגענער טאָכטער.

זיי גייען ווייטער. אַ יונגער בחור מיט אַ גרויסער טשופּרינע, מיט אַ רויטער „רובאַשקע“ און אַ קורצער „סערמיאַגע“, זיצט זיך

אויף אַ קאַסטן און שפּילט אויף אַ גאַרמאָניע אַ „קאָמאַרינסקע“.
ד"ר לעווענטאַל באַטראַכט אַ ווײַלע דעם פּאַרשוין און פרעגט אים:

— ווער זײַנט איר?

— אַ ייד! — ענטפערט ער גלײַכגילטיק און שפּילט ווײַטער.

דער דירעקטאָר באַטראַכט אים לאַנג מיט זײַנע גרויסע שוואַרצע און פונקען־בליצנדע אויגן, שאָקלט צו מיטן קאָפּ און זאָגט טרויע־ דיג:

— אַ ייד! אַ ייד! קיין ייד איז עס ניט! — און גייט זיך ווײַטער.

נעבן אַ גרויסער דאָפּלטענער ביידל שטייט לייבוש־מאיר דער וואַרשעווער, שאָקלט מיט די פּאות און שעפּטשעט. דאָס דאַוונט ער מנחה. דער דאָקטאָר קומט צו, גראַדע דאַמאָלסט, ווען דער פרומאַק שטעלט זיך שמונה עשרה. גערביל איז אויך אונטערגע־ קומען און דער דירעקטאָר פרעגט אים.

— הער גערביל, וואָרום האָט דיזער מאַן אַזאַ גרויסע, דאָפּלטע „קאַרפּאַ“? גערביל אַלס ענטפער ציהט מיט די אַקסלען און שווייגט, און לעווענטאַל וואָרנט:

— גיט אָבאַכט, הער גערביל, דיזער מאַן געפעלט מיר אַבסאָ־ לוט נישט!

ווי זײַן אויג האָט תיכּף דערקענט! דער פרומאַק איז שפּע־ טער מיט זײַן טאָכטער מלכּהגיו, אַן ערשט־קלאַסיגע זונה, פון דער קאָלאָניע אַרויסגעשיקט געוואָרן.

אויף מאָרגן איז קיינער צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען. אַלע האָבן זיך פּאַרזאַמלט נעבן דער אַדמיניסטראַציע. דער „רעוואָלו־ ציאָנער“ בלומענפעלד, די יאַבעדניקעס שלמה קאַביץ, גערצקי און האָרישניק, צו זיי נאָך אַלע איבעריגע קהלס־לייט, סבאָרסצי־ קעס, בעלי־טאַקסעס און סתם גבאים פון קליינע שטעטלאַך, דער גיהנום־שמש, שניאור מלמד — אָט דאָס גאַנצע געזינדל האָט געליאַרעמט, געזשומעט און גענוואַלדעוועט:

— אַן עק זאָל דאָס האָבן ! לאַנד ! זאָל ער אונז געבן לאַנד ! וואו איז אונזער נחלה ? צו־וואָס זיינען מיר אַהער געקומען, צו וואָס ?

— שיקט דאָקטאָר נאָך אונזערע פאַמיליעס ! — האָבן די „כאָלאָסטאָיעס" געפאָדערט.

— מ׳גנבעט ! מען באַגנבעט דעם באַראָנס פאַרמעגן ! — האָבן געטענהעט די געוועזענע גרויס־שטעטישע מעקלער און סוחרים.

דער טומל איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט שוין קיינעם מער ניט געקאָנט הערן. אַלע האָבן געשריען, און יעדער האָט געוואָלט איבערשרייען דעם צווייטן. ד״ר לעווענטאַל איז געשטאַנען אין דער מיט פון דער גאַנצער כאַליאַסטרע, האָט מיט די ברעמען געצויגן און געשוויגן.

אַ ליטוואַטשקע, אַ שוסטערקע, אַ הויכע מאָגערע יידענע מיטן נאָמען ריינעס, האָט זיך מיט אירע דאַרע עלנבויגנס דורכגעשטופּט צווישן דער מאַסע און זיך צוגערוקט ביזן דאָקטאָר.

— הייצונג ! — קוויטשעט זי אויף אַ דין קולכל — גיט אונז האָליץ, דאָקטאָר ! די פּליים בלייבט רוי, דער קיזיק רויכערט — ניט עס ברענט ! נאַט און זעהט ! — און שטופּט דעם דירעקטאָר אַ נאַסן קיזיק אונטערן נאָז...

— ליבע פרוי — זאָגט לעווענטאַל געלאַסן — וואָס קאָן מען מאַכן ? אין דעם געגנט איז קיין האָליץ ניטאָ און כאָטש אַרגענטינע איז אַזוי רייך אין וואַלד, איז אָבער אומגעהייער טייער די צושטעלונג. מען קאָן דערמיט אויך הייצן, אויסטריקענענדיג עס צוערשט...

— טריקענען ? — פּיסטשעט די ליטוואַטשקע — אַז איינגעטריקנט און איינגעדאַרט זאָל ווערן דער לאָנדאָנער קאָמיטעט מיט אַלע נאַציאַלניקעס פון באַראָן גירש ! וואָס האָט מיר גע־טויגט אַמעריקע, וואָס ? נאָר גיי סריי, אַז כ׳האָב אַ מאַן אַ סוסטער, אַ סמאָלע־קאָפּ...

מען האָט די פרוי קוים אָפּגעשטופּט.

איינִיגע רוהיגע „כאַלאָסטאָיעס" האָבּן פּאַרלאַנגט בּלויז אַ הבטחה פונם דאָקטאָרס מויל, אַז מען וועט זיי גיך בּרענגען זייערע משפּחות. מערערע פּאַמיליאַנטן האָבּן זיך פּשוט בּאַקלאָגט:
„וויפיל איז דער שיעור צו וואַרטן ?"
דער דירעקטאָר האָט געטרייסט:
— ס'איז נאָך ניט צוגעגרייט. עס מוז געדויערן, מיר האָבּן נאָך ניט געפונען די פּאַסיגע מענשן אום איינצואָרדענען די אַגרי-קול-טור-אַרבּעט. אָט האָבּ איך יעצט געבּראַכט דעם הערן שמידט — אָנצייגנדיג אויפן דייטש, וואָס איז געשטאַנען נעבּן אים — דיזער הער איז אַ געניטער פּאַכמאַן אין קאָלאָניזאַציאָנס-אָנגעלעגנהייטן, גערבּיל נוצט ניט פּאַר זיין אַמט...
— האַ, ער וויל צונעמען גערבּילן — האָבּן די גערבּיליסטן זיך צעשריען — מיר וועלן ניט דערלאָזן! — האָבּן זיי גע-סטראַשעט.
און אַ נייער שטורם האָט זיך אויפגעהויבּן. דער דאָקטאָר מיטן דייטש זיינען אין שטוב אַריין. דער עולם האָט גערליאַרעמט, מיט די הענט געפאָכטן אין דער לופט, און ס'איז געוואָרן אַ גע-פערליכע „בּאַרוזשאַ" — אַ גרויליכער רעש. די גלאַוונע בּונ-טאָווטשטשיקעס האָבּן זיך פּאַרקליבּן אָן אַ זייט און זיך געסודעט. זיי האָבּן זיך פּאַרנומען מיטן בּערגל אַרויף — נאָך דער קאָמי-סאַריאַ.

XIII

מען באַפאַלט לעווענטאַלן.

איינגנטליך ווייס איך ניט, ווי שפּעט ביינאַכט ס'איז דאַמאָלסט געווען. כ'בין געלעגן אויף דער „קאַטרע“, געשלאָפן אין דער לייוונטענער שער־בעטל. די טיר פון געצעלט האָט זיך רעשיג צעעפנט, אַ האַנט האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי אַ פוס און אַראָפּגע־שלעפּט אויף דער ערד.

— שלאָפסט, יאָלד! — האָט צו מיר דער באַוואוסטער יאַ־בעדניק, האָרישניק, געזאָגט — קום, אַלע זיינען שוין דאָרטן ביי דער אַדמיניסטראַציע. מיר ווילן דערהרגענען דעם משומד לעווענ־טאַל. נאַ דיר, אַ דייטש האָט ער אונז געבראַכט! עפּעס אַ מיסיאָנער מסתמא! ער וויל צונעמען גערבילן! נאָך די נאַכט וועט ער זיין טויט!

אַ דרייסיג מאַן זיינען זיי אַרומגעלאָפן איבער די געצעלטן און יעדערן פון די געלעגערס אַרונטערגעשלעפּט; ניט געזשאַ־לעוועט אַ פּאָר סטוסאַקעס, אויב מען האָט זיך געלאָזט צופיל בעטן.

און איך בין געגאַנגען.

נעבן אַדמיניסטראַציע האָט זיך געוויגט אַ כוואַליע פון מענשן־קעפּ. צעבאָרשטענע, צעשראָקענע, זיינען זיי ווי די בייזע גייסטער גרייט געשטאַנען, אום אָפּצושפּילן עפּעס אַ טראַגעדיע אין סאַמע מיטן־נאַכט.

די לבנה, אַ פולע, אַ רונדע, האָט באַגאָסן מיט איר בלאַס־טויטן שיין דעם פיל־קעפּיגן המון, צווישן וועלכן אייניגע האָבן

זיך כסדר אַרומגעדרייט, זיך שטיל געסודעט און דעם פּייער אונטערגעבלאָזן.

איך בין געשטאַנען אַ פּאַרציטערטער, טראַכטנדיג „ווער ווייסט, וואָס זיי ווילן דאָ אויפטאָן?" ווען פּלוצים ס'איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן דורך דונערנדע קולות:

— טויט צום משומד! טויט צום ד"ר לעווענטאַל — און קאַביצעס שטימע האָט איבערגעשריען די אַלע אַנדערע קולות.

עפּעס אויף אַן אימפּראָוויזירטן טיש איז אַרויפגעשפּרונגען בלומענפעלד און מיט זיין קלינגענדער שטימע גענומען רעדן:

— „גאָספּאָדאַ", פינף מינוט צייט גיבן מיר אים, אַז ער זאָל צו אונז אַרויסקומען און אויף אַלעס ענטפערן... קוים ניט, שטור־מעווען מיר די אַדמיניסטראַציע און ס'וועט פון אים, פונם דייטש פון זיינעס און פון דער גאַנצער געביידע קיין זכר ניט פאַרבלייבן!"

— הורראַ! דאַ זדראַוסטוואויעט גאָספּאָדין בלומענפעלד! — האָבן די בונטאָוושטשיקעס זיך געהיצט.

— מירן שטורעמען די באַסטיליע! — האָט דאָרט עפּעס אַ סיביריאַק אַרויסגעגרילצט.

טויט דעם משומד! — האָט דער המון געברומט! — זאָל ער אַרויסקומען!

שווערע, פיינליכע מינוטן זיינען אָנגעקומען... פּרויען, וואָס האָבן מורא געהאַט צו לאָזן די מענער זייערע אַליין גיין און האָבן זיי באַגלייט, האָבן זיך פאַר פּחד פונאַנדערגעוויינט.

פּלוצלונג האָט די מענגע, וואָס האָט די אַדמיניסטראַציע באַ־לאַגערט, זיך אויף צווייען צעשפּאָלטן. דער שטאָלצער מאַן, ד"ר לעווענטאַל, געאָרעמט מיט זיין פרוי, האָבן זיך באַוויזן אין דער ברייט געעפנטער טיר. מיט פעסטע טריט זיינען זיי שוויי־גזאַם אַדורכגעגאַנגען דורכן שטראָם לאַווע, וואָס האָט זיי דעם וועג אָפּגעטראָטן... זיינען צוגעקומען ביזן טיש, וואו בלומענפעלד איז געהאַט געשטאַנען, און ביידע, ער מיט זיין פרוי, וואָס האָט זיך אָן אים פעסט אָנגעקלאַמערט, זיינען אויף דער ברעט אַרויפ־געקראָכן.

אַ פּאָר סעקונדעס איז ער געשטאַנען בלאַס, ווי די לבנה, וואָס האָט אויף אים אָפּגעשטראַלט און האָט געשוויגן. זיינע היפּנאָ־טישע אויגן האָבן ווי פייערדיגע שפּיזלען איעדן דורכגעשטאָכן. מיט זיין בליק האָט ער אונז אַלע מאַגנעטיזירט און באַהערשט. כ׳איר איז אַ שרעק באַפאַלן. כ׳האָב זיך געפילט ווי פאַרלוירן, אָהנמעכטיג. ענליכעס איז געשעהן מיט אַלע איבעריגע פון די אַנוועזנדע. וויפיל כ׳וועל לעבן, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין הערליכע און נאָבעלע געשטאַלט; ווי אַ פּאַטריאַרך, ווי אַ נביא, איז ער געשטאַנען פאַר אונז! זיין ברייטע שוואַרצע באָרד האָט געפלאַטערט איבער זיין איינגעפאַלענער, אַנטבלויזטער ברוסט, דעם שיינעם ברונעטן קאָפּ האָט ער געהאַלטן הויך און שטאָלץ, און די לבנה האָט אויף אים געשאָטן מיט אַ ים זילבער־ליכט.

— שמע ישראל! — האָבן זיינע ליפּן פעסט און הויך אַרויס־גערעדט און ווי דורך אַ כישוף איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן: אַלע האָבן זייער אָטעם איינגעהאַלטן. די צוויי ווערטער האָבן שטענדיג אַ מוראדיגע ווירקונג אויף דער יידישער נשמה, און אויך דאָס מאָל איז ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכגעדרונגען די אויפ־געגעגטע˚ מאַסע, און אַלע האָבן אויפגעשווידערט. שטייענדיג נאָהענט ביים טיש, האָב איך דערפילט אַקוראַט ווי נאָדלען זאָלן זיך אַריינבאַפּן אין מיין לייב און וואָלטן אַרומגעלאָפן איבער אַלע מיינע אברים, פון קאָפּ ביז די פיס...

— שמע ישראל! — האָט ער קרעפטיגער איבערגעחזרט — איר זיינט יידן, איר וועט מיך ניט הרגענען, ווייל איר זיינט קיין רוצחים ניט. איך האָב פאַר אייך קיין מורא ניט!
— און אין אַ מילדן, זיסן טאָן האָט ער ווייטער גערעדט, און זיינע ווערטער האָבן געטריפט אַזוי הערצליך וויין, אַז זיי זיינען זיך צעגאַנגען איבער אַלע גלידער. — ס׳איז אייך שלעכט... איר זיינט פון דער היים פאַרטריבן געוואָרן; זיינט איר אָפּגעריסן גע־וואָרן פון אייער אָרט און פון אַלצדינג, וואָס ס׳איז אייך ליב און טייער געווען, און דערפאַר זיינט איר אַזוי פאַרביטערט... צי

וויס איך דען דאָס ניט? צי פיל איך דען ניט אייערע וויטאָגן? צי וויינט דען ניט אין מיר מיין האַרץ אויף אייער טרויעריגער לאַגע? אָבער — דאָ ווערט זיין שטימע שטורמישער — איר דאַרפט אָבער וויסן, אַז איר זיינט פּיאָנערן, איר גייט בויען אַ היים, ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר טויזנטער און טויזנטער פון אונזערע ברידער, וואָס ליידן אין די לענדער, וואו מען פאַר־פאָלגט זיי. אַ גרויסער אידעאַל האָט באַהערשט דעם באַראָן הירש, און אייך האָט די השגחה באַשטימט, אַז איר זאָלט פאַר־ווירקליכן דעם וואונש פון באַרימטן וואוילטעטער... איר מוזט ליידן! דען איר זיינט די מאַרטירער פון אַ גרויסער ליכטיגער צו־קונפט, וואָס צייגט זיך פאַר אונזער געפּלאָגטער אומה אינם דאָ־זיגן געבענטשטן לאַנד".

„איך האָב שוין איינמאָל געזאָגט און ווידערהאָל עס איצט — האָט ער פאָרטגעזעצט — דער באַראָן האָט מיך מיטן סער טשאַרל עדוואַרד קוליען געשיקט אויסצוזוכן אַ פרייען פּלאַץ, אַן אָרט און לאַנד, וואָס איז נאָך ניט פאַרפּעסטעט מיט שנאה צו אונזער פאָלק און וואו מ׳קאָן עסן אַ שטיקל ברויט צוזאַמט, אָהן שאַנד און אָהן יסורים. פון אַלע לענדער, וואָס מיר האָבן באַרייזט, האָבן מיר די פרייע רעפּובליק אַרגענטינע פאַר דער פּאַסנדסטער געפונען. אין איר ליגן באַהאַלטן ריזיגע רייכטימער. איר וועט ווערן קאָלאָניסטן, איר וועט זיך לאַנגזאַם צוגעוואוינען צו דער ער־ליכער ערד־אַרבעט, און איר וועט האָבן אַ גליקליכע היים פאַר זיך און פאַר דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. האָט נאָר צוטרויען צום גוטן באַראָן און גלויבט, דאָס איך זוך נאָר אייער טובה, איך שטרעב נאָר אייך גליקליך צו זעהן! — און מיט אַ ציטערנדיגער שטימע האָט ער שטילער פאַרענדיגט: — איך האָב פאַרלאָזן מיין היים, מיינע פריינט און מיין קרייז, אַלעס האָב איך געאָפּפערט אום אייך צו העלפן, אום אייך צו שטיצן! מיינע יאָרן — זעהר ווייניג האָב איך זיי נאָך — האָב איך געדענקט פאַר אייער וואוילזיין אַוועקצוגעבן, זיי שענקען פאַר מיין אומגליקליך פאָלק, אָבער וועל איך אימשטאַנד זיין נוצליך און מאַסגעבנד צו זיין?

„איך האָב אויסגעפונען, אַז דער הער גערביל איז צו שוואַך, אום אייך צו רעגירן: אַז ער איז אומפעהיג פאַר דער באַשטימטער מיסיע: נו, האָט איר זיך צעבונטעוועט און מיך איבערגעפאַלן שפּעט ביינאַכט!... אַ מענש, — האָט ער ווידער מעכטיג דער־הויבן זיין קול — אַ מענש מוז קאָנען בייטן זיין מיינונג לטובת הכּלל... איך וועל אייך דעם הער גערביל איבערלאָזן. אָבער איך זאָג אייך, אַז איר וועט חרטה האָבן! ער איז ניט פאַר אייך! איז ניט דערצו געשאַפן געוואָרן. איך אַליין קען זיך מיט אייך דירעקט ניט אָפּגעבן: איך מוז אין זינען האָבן די גאַנצע קאָ־לאָניזאַציע. אַלע טאָג קומען אָן נייע שיפן, און מיר האָבן שוין אויך לאַנד אין סאַנטאַ טאַ פע און אומעטום מוז מען אַראַנ־זשירן. זייט רוהיג, ברידער, גייט אַהיים שלאָפן און פאַרשאַפט ניט קיין אומזיסטיגע שמערצן דעם אידעלן באַראָן דע הירש!"

— הורראַ! — האָט דער פריהער צעיושעטער עולם ענטו־זיאַסטיש געשריען, פאַרגעסנדיג, אַז מיט אַ ווילע צוריק האָבן זיי דעם רעדנער געוואָלט הרגענען — הורראַ! לעבן זאָל דער ד״ר לעווענטאַל! לעבן זאָל דער דימענטענער באַראָן הירש! — און צופרידן איז יעדערער אַוועק צו זיך איןביידל אַריין.

גלייך מיט טאָג איז ד״ר לעווענטאַל מיט זיין פרוי און מיטן דייטש שמידט אָפּגעפאָרן פון מאַאוריציאָ. מער האָבן מיר שוין די זכיה ניט געהאַט אים צו זעהן.

XIV

מ׳עסט טשאָלנט און מ׳זעצט כלומרשט גערטנער.

גערבילס „פירצעהן טאַגע“ האָבן זיך ווייטער געצויגן און נאָך דרייסיג טעג זיינען פאַריבער.

אַפּנים, אַז דערפאַר וואָס מען האָט זיך ביי לעווענטאַלן אַזוי איינגעשטעלט פאַר אים, איז גערביל זעהר גוט געוואָרן צו די אימיגראַנטן. ער האָט אָנגעהויבן אויסטיילן בּיסלאַכווייז עטוואָס רעמאַנענט; געגעבן די נויטיגע שטוב־אינסטרומענטן: אַ האַק, אַ זעגל, מעסער, שטריק... יעדער איינער האָט אויפן קלייט־ביכעלע געקאָנט באַקומען אַ פּאָר גראָבע שיך מיט הילצערנע פּאָדעשוועס, וואָס איז שטאַרק צונויץ געקומען, מחמת פילע זיינען שוין ממש אַרומגעגאַנגען באָרוועס. מ׳האָט אויך פונאַנדערגעטיילט צו עט־ליכע מעטר גראָבע געשטרייפטע לייוונט, וואָס מ׳האָט אָנגערופן „אָקספאָרד“. דאָס דאָזיגע לייוונט איז באַנוצט געוואָרן אי פאַר העמדער אָדער בלוזעס פאַר די מענער, אי פאַר קליידלאַך פאַר די פרויען. אויך די שטיינערנע גאַליעטן האָט מען געפּטרט. מ׳האָט געמאַכט אַ גרויסן אויוון צום באַקן, געבראַכט אַן „אַמאַסאַ־דאָראַ“ צום קנעטן דאָס טייג, אַ „מאַלאַקאַט“ איז איינגעאָרדענט געוואָרן, אין וועלכן אַ מויל־אייזל איז געשפּאַנט געווען און די מאַשין געדרייט. אָט אַזוי האָבן מיר באַקומען אַן אייגענע נאַ־ליעטן־פאַבריקל און טעגליך ערהאַלטן פרישע פלעצלאַך צום עסן. חסידים האָבן ווידער באַקומען זייער ליבלינגס־מאכל — דעם טשאָלנט. שבח לערנער, אַ בלאָנדער בחור פון דינאַוויץ, וועל־כער האָט געאַרבעט אין דער בעקעריי ביים אויוון, האָט גענומען

צו פינף סענט פאַזיט פּאָר אַ טעפּל „טשאָלנט מיט קוגל" צו־זאַמען... ער האָט נאָך דערצו אַזאַ טביעות־עין געהאַט, אַז ער האָט שבת אין דער פריה יעדער יידענע איר טעפּל מיטן קוגל אָפּגעגעבן און קיינמאָל חלילה קיין טעות ניט געהאַט... ער האָט רחמנא לצלן קיין איינציגן מאָל ניט פאַרביטן קיין ליטווישן קוגל אויף אַ פּוילישן, אָדער להיפך...

פון די הייזער, וואָס מ'האָט געבויט, איז די תּפיסה שוין פאַר־ענדיגט געוואָרן... צו דער אַדמיניסטראַציאָנס־געביידע האָט נאָך געפעלט אַ קלייניגקייט — מען האָט אַליך געוואַרט, אַז מ'זאָל שוין דאָס לאַנד פונאַנדערטיילן.

אין אַ שיינעם טאָג איז גערביל, צוזאַמען מיטן דר. יאַפּע, דורכגעריטן דעם לאַגער און געמאָלדן וועגן אַ נייעם פּראָיעקט: איידער מ'וועט דאָס לאַנד פאַרטיילן, זאָל מען דערווייל „זעצן" גערטנער. ווער עס וויל, זאָל זיך מעלדן אין אַדמיניסטראַציע, וועט מען אים דערצו געבן אַ שטיקל לאַנד נאָהענט פונם לאַגער.

צעהן קאָלאָניסטן, אונטער דער אָנפירונג פון איצע וויינפעלד, האָבן זיך געמאָלדן. די איבעריגע האָבן מורא געהאַט, אַז אויב מען וועט נעמען דעם גאָרטן, קען מען נאָך חלילה אָנווערן דאָס רעכט אויף דער פאַרשפּראָכענער גרויסער נחלה...

מען האָט די צעהן ביידלאַך פון די גערטנער וויט אויפן פעלד אַריבערגעטראָגן. יעדער גערטנער־משפחה האָט באַקומען אַ האַנט־פלוג מיט אַ פּאָר אָקסן, אַ „זשוג", אָדער אַ יאַרמאָ, אום זיי איינצושפּאַנען. דערצו נאָך אַלע אַנדערע מכשירים, דהיינו: רצועות פון רימענעס אָדער „קאָזשונטאַס", וואָס מיט זיי האָט מען דעם „זשוג" צוגעבונדן צו די הערנער פון די אָקסן, כּדי זיי זאָלן אַזוי־אַרום מיט די קעפּ ציהען דעם פלוג; אויך אַ „פּיקאַנאַ" — אַ לאַנגער פאַרשפּיצטער שטעקן צום אָנטרייבן, אַ „וואַשקע", אָדער אויער־שטריקל, וואָס ווערט צוגעבונדן צום אָקס רעכטן אויער און מען פירט אים דערמיט, ווי מיט אַ לייצע. חוץ דעם האָט מען זיי פאַרזאָרגט מיט אַלערליי זריעות פון גרינצייג, „לעגומבערעס" בלע"ז. די אַלע זאַכן האָבן זיי ערהאַלטן פונם באַראָנס „גאַלפּאָן".

אַלע אימיגראַנטן זיינען געוואוינליך געשטאַנען דערביי, צוגע־קוקט און זיך געוואונדערט. אַלעס איז זיי עפּעס אַזוי ניי און משונה מאָדנע אויסגעקומען... „אין אַרגענטינע איז גאָר אַלצ־דינג פאַרקערט: אַ משוגענע אַרבעט־סיסטעם איז עס!" — האָבן די „יודעים", געוועזענע דאָרפס־יידן זייער מיינונג אויסגע־שפּראָכן.

עס זיינען אָנגעקומען די „רביים" — די וואָס האָבן געדאַרפט די קאָלאָניסטן לערנען די ערד־אַרבעט, דאָן כוליאָ און דאָן פּער־נאַנדאָ, שפּעטער האָט מען נאָך אַלס לערער צוגעדונגען פּאַר־ברוינטע קרעאָלן און אויך דייטשן. אונזערע שפּאָגל־נייע צעהן קאָלאָניסטן זיינען געוואָרן געהאָרכזאַמע תּלמידים און געזוכט זיך אויסצולערנען הלכות עבודת האדמה.

אין לאַגער איז פרייליכער געוואָרן. איינגע פון אונז אַרבעטן שוין ערד און מיר וועלן אינגיכן אויך ווערן אַקערבויער. פאַר חדוה זיינען מיר אַזש צעשמאָלצן געוואָרן.

מיטן גערטנער משה בעבטשיק, האָט אינגיכן פּאַסירט אַ טראַגי־קאָמישער צופאַל: איין אָקס פון זיין פּאָר איז געווען אַביסל אַ פרייליכער, פיליכט אויך אַ קלוגער... ער האָט זיך אין „ושוג" ניט געלאָזט איינשפּאַנען און זיך ביי אים פון די הענט געריסן, און בעבטשיק מיט זיין תּמעוואַטער גרינקייט איז אויף אַ שכל געפאַלן — „דו וועסט זיך ביי מיר ניט אויסרייסן, אָקס איינער!" — האָט ער צו אים אַריינגעטענהט און האָט אַרום זיך אַרומגעוויקלט דאָס שטריקל, וואָס איז צוגעבונדן געווען צום אָקס הערנער, וועלנדיג אויף אַזאַ אופן אים איינהאַלטן. דער חכמישער אָקס האָט אָבער מיט כח אַ ציה געגעבן, אונזער העלדישן גבור אומגעוואָרפן און אים געטאַסקעט איבערן פעלד. דער טראַנ־ספּאָרט־מיטל איז דעם גערטנער אַפּנים ניט געפעלן געוואָרן, ווייל ער האָט געגוואַלדעוועט, געשריען, געשאָלטן און פּראָטעסטירט. זיינע קולות האָבן אָבער די קעגנווירקונג געהאַט: דער אָקס האָט זיך אמת דערשראָקן פאַר זיי און אָנגעפאַנגען ווילד צו לויפן, שלעפּנדיג בעבטשיקן ווי אַ שליטן איבערן ווייכן גראָז, און אַזוי

האָט ער אים „אַריינגעראַסטרירט“ אין גאַס צווישן די ביידלאַך.
דאָס גליק איז געווען, וואָס גראַדע איינער פון די „בני דן“, דאַן
כוליאַ, איז אויפן פערד רייטנדיג אָנגעלאָפן און מיט זיין „גאַאוּ־
טשאָ“־פלינקייט די שטריקל איבערגעשניטן. ד״ר יאַפּע האָט
געהאַט אַרבעט איינצובאַנדאַזשירן דעם פאַרוואונדעטן און אים
אַ צעבראָכן ביין גיפּסעווען... גאַנצע פינף און צוואַנציג יאָר איז
ער פונדעסטוועגן שפּעטער קאָלאָניסט געווען, אָבער לסוף האָט
ער זיין „קאַמפּ“ פאַרקויפט און אַליין געוואָרן אַ שטאָט־קרעמער.
נאָר דאָס געהערט צו די שפּעטערדיגע ענינים.

ביסלאַכווייז האָט מען זיך צוגעוואוינט אויך צו דער גערטנער
נייאינקייט און ווידעראַמאָל האָט זיך דערוועקט די אַלטע פראַגע:
„עד מתי?“ ביז ווי לאַנג נאָך וועט מען זיצן אין די ביידלאַך?
ווארום פאַרטיילט מען ניט דאָס לאַנד?

דער עולם איז פול געוואָרן מיט גרימצאָרן אויף די בונטאָווּ־
שטשיקעס: מען האָט געדרונגען, אַז נאָר זיי זיינען אין אַלעמען
שולדיג. „ווען דער דייטש שמידט וואָלט געוועסט פאַרבליבן אויף
גערבילס פּלאַץ, ווי דער ד״ר לעווענטאַל האָט עס געוואונשן, דאַן
וואָלטן זיי שוין אַלע לאַנג אויפן לאַנד געזעסן און די אַרומ־
שלייעפנדע „כאַלאָסטאָיעס“ וואָלטן זייערע פאַמיליעס דאָ געהאַט.
דער לאַנגער גערביל האָדעוועט אונז מיט נאָך לענגערע „פּיר־
צעהן טאַגע“. איז ביז וואַנען וועט מען וואַרטן?

— קאַביץ, גערצקי זיינען דערין שולדיג! — האָט גע־
קלונגען אינם לאַגער.

— אַ „ניעזשעלאַיעשטשע“ דאַרף מען אויף זיי מאַכן! —
האָבן קליינשטעטלדיגע סבאָרשציקעס געפּילדערט — לאָמיר
צונויפנעמען חתימות!

די רעוואָלוציאָנערן האָט עס גאָרניט געשמעקט, האָבן זיי זיך
גענומען צו גערבילן... זיינען אים אַ פּאָר מאָל באַפאַלן, אים
געזידלט „פּאָ רוסקאָמו“ און רוסישע קולאַקעס נעוויזן.

— ד״ר לעווענטאַל האָט רעכט געהאַט! —האָט בלומענפעלד
און סטאָליאַר צו אים געטענהט — ביזט אומפעדיג צו אַזאַ אַמט!

— מיר האָבן אומזיסט און אומגיישט עגמת נפש פאַרשאַפט דעם שווינדזיכטיגן מאַן, דעם אָרנטליכן פילאָזאָפישן ד״ר לעווענ־טאַל. מ׳דאַרף גערבילן פון דאַנען פאַרטרייבן, אים פטרן פון קאָלאָניע! — האָבן די פּאָר איידעלע און זויבערע פאַמיליאַנטן זייער מיינונג אויסגעשפּראָכן... און ס׳איז כמעט אין הסכם געבליבן, אַז מען זאָל פון אים פטור ווערן.

די טרפהגע חברה, וואָס זיינען מיט גערבילן געווען „בלאַט", האָבן זיך פאַר אים איינגעשטעלט און פאַרטיידיגט. צווישן ביידע פאַרטייען איז געוואָרן אַ געפערליכע שנאה, און די ערשטע האָבן, ווי ס׳ווייזט אויס, איינגערעדט גערבילן, אַז די אימיגראַנטן ווילן איב דערהרגענען. דערפון איז אַנטשטאַנען די רעוואָלוציע.

XV

די גערביל־רעוואָליוציע.

ביז היינט איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט די סבה. האָט גערביל טאַקע אין אמתן מורא געהאַט פאַר אַן אויפשטאַנד פון די אימי־גראַנטן און אום זיין לעבן צו זיכערן האָט ער „אָנגעבראַכט“ אַלע „גאַאוטשאָס“ מיט דער פּאָליציי? אָדער דאָס איז בלויז געווען אַ פּאָליטישער איינפאַל, אַן אויפּטו מיט אַ כיון, כדי פּטור צו ווערן פון די בונטאָווּשטשיקעס? ווי די זאַך זאָל ניט זיין און צו וועלכן צוועק ער זאָל געוועסט „די רעוואָלוציע“ ניט האָבן קאָמ־בינירט, שרעק האָט ער אונז איבערגענוג פאַראורזאַכט.

דאָס איז געקומען פּלוצלונג. קיינער האָט זיך דערויף ניט גערעכט. אַ טאָג איז עס געווען אַ ליכטיגער, אַ הייסער, אַלעס האָט געשיינט און געגלאַנצט. אַ פּופציג „כאַלאָסטאָיעס“ האָבן געאַר־בעט אויפן פעלד ביי די איטאַליענער, אַגוסטינאָ און ברונאָ, וועלכע האָבן געדאַרפט שנעל אַרונטערנעמען די „קאָסעטשע“ פון די 500 העקטאַר, וואָס זיי האָבן אין אַרענדע געהאַלטן, אום פון אונזערט־וועגן דאָס לאַנד איבערצוגעבן. דאָרט האָבן זיי געאַרבעט אַלס „פּעאָנען“, בעת אַ 75 שלימזלניקעס האָבן נאָך אַליין זיך גע־פּלאָנט ביים וועג מאַכן, ביים ליים און די ציגעל, אונטער דער קאָמאַנדע פון די נוגשים. מיר, כמעט אַלע פאַמיליאַנטן און די איבעריגע „כאלאָסטאָיעס“, וואָס האָבן קיין אַרבעט ניט געהאַט, זיינען מיר געלעגן פאַרשטעקט אין די ביידלאַך און הייזקעס אום פון דער ברענענדער זון זיך צו שיצן. מיטאַמאָל איז דער לאַגער אויפגערודערט געוואָרן. אַלע זיינען פון די ביידלאַך אַרויס און

מיט ערשטוינונג צוגעקוקט, ווי פון צפון און דרום האָט זיך אַ שטויב ביז צום הימל דערהויבן. די איבערגעשראָקענע נודדים האָבן אָנפאַנגס געמיינט, אַז דאָס קומט אָן אַ נייער שטורם, נאָר גיך האָט מען גאָר דערזעהן עפּעס אַ פופציג רייטער, אַלע אָפּגע־פּליקטע שוואַרצע באָסיאַקעס אויף האַלב־ווילדע פערד, וואָס האָבן זיך ווי אַ וויכער געטראָגן און זיינען מיט בלאַנקע מעסערס אין מויל און „רעווענקעס" אין די הענט, אייניגע מיט פאַרראָס־טעטע ביקסלאַך און פאַרזשאַווערטע שווערדן און פּיקעס, באַפאַלן אונזערע געצעלטן... מיט ווילדע קולות, קוויטשערייען און פייפערייען, אויפן אינדיאַנער שטייגער, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף די ביידלאַך. אַלטע ווייבער האָבן וידוי געזאָגט, די ייִנגערע, מענער ווי פרויען, האָבן זיך צוגעגרייט די קינדער צו באַשיצן... אַ קאָמיסאַר מיט אַ צוועלף „ווידשילאַנטן" האָבן זיך באַוויזן צווישן די ווילדע „גאַאוטשאָס" און אָנגעהויבן דורכפירן אַן אונ־טערזוכונג אין אַלע פאַלאַטקעס און גאַלפּאָנטשיקעס. אין יעדער ביידל האָבן זיי אַ בושעווע געטאָן, אַלעס איבערגעטרייסלט, גע־נישטערט, געטאַפּט און געפּאָרשט...

דאָס האָבן זיי כּלומרשט געוואָר געזוכט. ווער ס'האָט געהאַט אַ רעוואָלווער, אַ האַק, אַ מעסער, זאָגאַר אַ זאַסטופּ, האָט מען עס רעקווידירט און נאָך יעדער רעוויזיע און „אַנטוואָפנונג" פון אַ ביידל האָט מען ביים טיר אַוועקגעשטעלט אַ פאַרקופערטן שומר מיט אַ מעסער אין מויל. אייניגע מענער האָבן פּרובירט זיך אַנטקעגן שטעלן, האָט מען זיי צעקלאַפּט און אַרעסטירט.

די פרויען און קינדער, דערזעהענדיג, אַז די „שוואַרצע" האָבן אַוועקגעפירט די מענער, האָבן אַ מוראדיגע יללה אויפ־געהויבן. אַ גרוזינער בחור'ל האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון לאַגער, ערגעץ דערטאַפּט אַ פערד און איז אַוועק אויפן פעלד, כּדי די „כאַלאָסטאָיעס" צו מעלדן מכּח דעם איבערפאַל... ס'האָט פיל ניט געדויערט; מיר האָבן דערהערט אַ רוסישע „פעסניע" און הורראַס. אַ פופציג פון אונזערע בחורים, מיט די שטאָלענע ווי־לעס, מיט וועלכע זיי האָבן די סנאָפּעס אין סטערטע געלייגט,

אין די הענט, זיינען אָנגעקומען אין שערענגעס, ווי די סאָלדאַטן. זיי האָבן מאַרשירט מיט קוראַזש, אויפן רוסישן שטייגער. פאָרנט האָבן איינינע אויף פערד געריטן, באַגלייט פון עטליכע איטאַ־ליענער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט זיי געאַרבעט אַלס טאָגלוינער, און וועלכע האָבן זיך פרייוויליג אָנגעשלאָסן אָן אונזערע טאַפּפערע יונגעלייט.

— האָט קיין מורא ניט, ברידער! מיר גייען אייך צו הילף! מירן זיך נוקם זיין אָן זיי. מירן די שפּאַניער ווי די מייז אויס־הרגענען! — האָבן זיך קולות געטראָגן.

ביידע מחנות, אונזערע און פון די „גאַאוטשאָס" האָבן זיך באַ־געגנט. מיר פון די ביידלאַך האָבן זיך תיכּף געשטעלט הינטער די מיט ווילעס באַוואָפנטע אַרבעטער. מיר זיינען צעהנפאַך מער געווען פאַר די באָסיאַקעס.

דער קאָמיסאַר האָט אויסגעטיילט באַפעלן. די וויזשילאַנטן האָבן אויסגעשאָסן אין לופט. אונזעריגע האָבן זיך שוין מיט די אויפגעהויבענע שטאָלענע גאָפּלען געוואָרפן אויף זיי, אָבער אין דעם איז אָנגעלאָפן גערביל—אַפּנים ס׳איז אַזוי אָפּגערעדט געווען! — ער האָט זיך צווישן ביידע מחנות אַריינגעוואָרפן און מעכטיג געשריען:

— יידן! ייד׳ רוהיג! לאָזט אַרונטער די „האַרקיזשאַס", זאָל קיין בלוט פאַרגאָסן ווערן! דאָס זינד ווילדע מענשן, זיי וועלן אייך אויסשלאַכטן!

קיינער האָט זיך אָבער צו זיינע רייד ניט צוגעהערט.

— האָט מיטלייד אויף אייערע פרויען און קינדער! בלוט וועט זיך גיסן! — האָט גערביל נאָך העכער געשריען, און דאָס לעצטע האָט געווירקט. אונזערע האָבן די ווילעס אַרונטערגעלאָזט, האָבן זיך אונטערגעגעבן... דער קאָמיסאַר האָט 22 פון זיי, אויף וועלכע גערביל האָט וואַרשיינליך אָנגעוויזן, גלייך אַרעסטירט און מיט זיי באַנייט די תּפיסה, וואָס מיר האָבן אויפגעבויט אַלס ערשטע אינסטיטוציע אויפן באַראָנס באָדן...

ווי אָפּגעשמיסענע קינדער, מיט טרערן אויף די באַקן, איז יעדערער פאַרקראָכן אין זיין נאָרע און אָנגעהויבן טראַכטן איבער די מיטלען, ווי צו אַנטלויפן. די חרטה האָט ווי תמיד נאָך יעדער קאַטאַסטראָפע געגומען נאָגן ביים האַרצן.

* * *

ווי נאָר די זאָגענאַנטע רעוואָלוציאָנערן זיינען אונטערן ריגל פאַרשפאַרט געוואָרן, האָט איינער פון די האַלב־ווילדע געבראַכט צו טאַסקען מיט זיין לאַסע אַ רויטע יונגע קוה. אַלע „גאַאוטשאָס״, מיטן קאָמיסאַר בראש, זיינען פון די פערד אַראָפּ. מ׳האָט דער בהמה פאָסטאַמפּעוועט, און דער עלצטער פון דער פּאָליציי האָט זיין מעסער פון ווייטנס קינסטלעריש געוואָרפן, אַריינהאַקנדיג אים גלייך אין דער קוהס האַלז... אַ פאָנטאַן בלוט האָט אַ שפּריץ געטאָן, און די באַנדע האָט מיט אַ טייוולשן געלעכטער אויסגעשאָסן... נאָכדעם האָט יעדער איינער פון זיי די זעלבע קונץ געוויזן, זיין מעסער געשליידערט און אים אין דער קוה אַריינגעשטאָכן, די אָרימע בהמה האָט יעדעס מאָל ווילד אונטערגעשפּרונגען, שרעקליך און רחמנותדיג געברעוועט, און די נפשות האָבן פּשוט אָנגעקוואָלן פון אַזאַ מין תענוג... ביז די קוה איז ענדליך געפאַלן טויט. דאַן האָט יעדער זיין מעסער אַרויסגעצויגן, מ׳האָט די קוה אין גרויסע העלפטן צעשניטן און מיטן פעל צוזאַמען בראָטן געלייגט.

אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דעם גרויסן פייער, וואו מ׳האָט געפּראַוועט אַן „אַסאַדאָ קאָן קועראָ״, געשניטן שטיקער פון האַלב רויען „בראָטן מיט פעל״ און פאַרטרונקען מיט אַ זופּ וויין פון אַ פעלענעם לאָגל. אַלע האָבן זיך אומגעהייער געפרייט, וואָס זיי האָבן, משטיינס געזאָגט, די רעוואָלוציע איינגעשטילט.

* * *

אַכט טאָג האָט מען אונזערע צוויי און צוואַנציג אין תפיסה געהאַלטן, מ׳האָט כּלומרשט פּראָטאָקאָלן געמאַכט... די אָנפּי־רער: בּלומענפעלד, קאַביץ, גערצקי, זיי האָבּן נעבּאַך קיין האָניג ניט געלעקט... וואָס האָבּן מיר געקענט טאָן? מיר האָבּן פאַר גערבילן געוויינט, געזוכט רחמנות צו דערוועקן — ס׳האָט אָבּער ניט געהאָלפן. זיך ווענדן צו אַ העכערן נאַטשאַלניק? זיינען מיר געווען גרינע און ניט געוואוסט צו וועמען און וואוהין. דער איידעלער ד״ר לעווענטאַל האָט פאַרלאָזן זיין אַמט. סער טשאַרל עדוואַרד קוליען מיט אַ געוויסן אַדאָלף ראָטה, אַ דייטשער ייד, וואָס האָט זיך געפונען אין בּוענאָס־איירעס — האָבּן איבּערגענומען די דירעקציע פון דער קאָלאָניזאַציע.

אָט דער ראָטה איז שוין געווען דער אמתער פויגל! אַ סברה, אַז אויף זיין פאַראָרדענונג האָט גערביל די „רעוואָלוציע“ אָרגאַ־ניזירט, כּדי דעם עולם אָנצושרעקן: למען ישמעו ויראו... אין דער קורצער צייט פון זיין „רעגירונגס־פּעריאָד“ האָט ער אונז אומבּרחמנותדיג געפּלאָגט און געקוועלט. אָבּער זיין אייגענער סוף איז אויך אַ טראַגישער געווען. זאָל אים האָבּן די השגחה פּילייכט בּאַשטראָפט פאַר זיינע רשעות, פאַר די צרות, וואָס ער האָט אונז פאַרשאַפט און פאַר די מיליאָנען, וואָס ער האָט געלקחנט בּיים איינהאַנדלען אַלע לענדערייען פון סאַנטאַ־פּע און פון דער ענטרע־ריאָסער פּראָווינץ? אפשר, ווער קען עס וויסן? „גאָטס מילן מאָלן לאַנגזאַם, אָבּער זיי מאָלן דאָך!“ פון דאַמאָלסט אָן האָבּן מיר פון אים ניט געהערט. נאָר פּלוצים, מיט אַ צוועלף יאָר צוריק, אין 1909, האָט זיך ווידער גערעשט מיט אָט דעם ראָטה, און אַלערליי קלאַנגען האָבּן זיך וועגן אים פאַרשפּרייט און צעטראָגן.

יום כּפּור פון יענעם יאָר איז פּלוצים ראָטה אויסגעוואַקסן אין טעמפּל פון קאַזשע ליבּערטאַד 785, אומגעאַכט דערויף, וואָס ער האָט יאָרן לאַנג קיין שול ניט בּאַזוכט... אַ גאַנצן טאָג, בּיז נאָך נעילה, איז ער אויף די פיס געשטאַנען, געוויינט און פלייּ־סיג טריי געדאַוונט. אויף מאָרגן גאַנץ פריה האָט מען ערפאַרן,

אַז מוצאי יום־כּפּור האָט ער זעלבסטמאָרד בּאַגאַנגען, אַריינגעיאָגנ־דיג זיך אַ קויל אין קאָפּ... דער פּרעזידענט פון טעמפּל, לואיס ה. בריה, און דער ראַבּינער העגרי יאָזעף, וויסנדיג, אַז ראָטה׳ס פרוי און זיינע קינדער האָבּן זיך געטויפט, זיינען געגאַנגען אין זיין וואוינונג, אום זיין קערפּער אַרויסצובּאַקומען און אים צו קבר ישראל בּרענגען... אָבּער זיי האָבּן שוין געטראָפן זיין גוף אַרומגעשטעלט מיט צלמים און אַ גלח בּיים צוקאָפּנס... די יידישע פאָרשטייער האָבּן אָנגעהויבּן פּראָטעסטירן, אָבּער זיין טייער ווייבּל האָט ערקלערט, און דער גלח האָט בּאַשטעטיגט, אַז פאַרן טויט האָט ער זיך אָפּגעשמדט...

יידן האָבּן געוואָלט אַ פּראָצעס פאַרפירן, האָבּן זיך צו אַ ריכטער געווענדעט מיט דער טענה, אַז ווען ער וואָלט בּדעה געהאַט זיך צו שמדן, וואָלט ער זיכער ניט פאַרבּראַכט אַ גאַנצן מעת לעת אין טעמפּל און חוץ דעם איז דער זעלבּסטמאָרד בּאַ־גאַנגען געוואָרן מיט קוים אַ האַלבּער שעה נאָך זיין אַוועקגיין פון דער „קאָנגרעגאַציאָן איזראַעליטא“, און ער האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך צו טויפן... אָבּער ס׳האָבּן זיך אָנגעהויבּן אויפדעקן זעהר שמוציגע פאַמיליען־מעשים... די גאַנצע משפּחה ווערט אויסגעהאַלטן פון עפּעס אַ גייסטליכן... אַז פון זיין ריזן־פאַר־מעגן, וואָס ער האָט בּיים בּראָנס קאָלאָניזאַציע געמאַכט, איז קיין זכר ניט פאַרבּליבּן: אַלעס איז מיאוס און העסליך פאַרשווענדעט געוואָרן, אַלעס איז לאיבוד געגאַנגען און... קוריץ, די יידן האָבּן זיך פון אים אָפּגעשאָקלט. ער איז בּאַגראָבּן געוואָרן אויפן קריסטליכן צווינטער, און זיינע יורשים, די משומדים, זיינען יעצט געטרייע קאַטאָליקן... אָרימער ראָטה, נעבּאַך!

נאָר מירן נאָך שפּעטער דערמאָנען דעם צווייטן דירעקטאָר, — נאָך דעם גרויסן, גייסטרייכן ד״ר לעווענטאַל, — דעם ענג־הערציגן אַדאָלף ראָטה.

אויפן ניינטן טאָג נאָכן „אויפשטאַנד“ זיינען געקומען הויכע צווייערדערדיגע ווענן, מ׳האָט די 22 אַרעסטאַנטן אַרויסגעפירט און יעדן צוגעבּונדן צו די בּרעטער פון דער „קאַרעטע“. איין בּאַ־

וואָפנטער „ווישילאַנט“ איז אויפן וואָגן גופא געשטעלט געוואָרן און צוויי רייטנדיג, פון ביידע זייטן. עפּעס אַ קלייניגקייט ? אַזעלכע שרעקליכע פאַרברעכער ! און אַזוי האָט מען זיי אונטער אַ מבול טרערן אַוועקגעפירט קיין קאַסאַרעס און פון דאָרט מיטן באַן קיין נועווע־דע־כוליאָ, וואו דער ריכטער האָט זיי געדאַרפט משפטן פאַר דער „רעוואָלוציע“, וואָס זיי האָבן ש ו י ן געמאַכט...

דער גוטהאַרציגער ד״ר יאַפּע איז נאָכגעפאָרן, אום פאַר זיי זיך משתדל צו זיין...

בעת מען האָט זיי אַרויסגעפירט פון דער קאָלאָניע, האָבן זיך 48 „כאַלאָסטאָיעס“ אויפגעהויבן, און אַלס פּראָטעסט קעגן דער אכזריות, זיינען זיי צופוס אַוועק קיין קאַסאַרעס מיטן געדאַנק פון דאָרט זיך צושלאָגן ביז בוענאָס־איירעס און זיך ווענדן נאָך גערעכטיגקייט צום רוסישן קאָנסול... גערביל איז זיי נאָכגעפאָרן און מיט דער הילף פון דער „אָפּגעבעטער“ פּאָליציי, האָט ער זיי אַלע אַרעסטירט, אַ מעת־לעת געהאַלטן אין די קאַסאַרעסער „קאַלאַבאָסן“ — ענגע, פינסטערע און נאַקעטע געפענגעניש־חדרימלאַך — און נאָכדעם האָט מען זיי צוריק „געטריבן“ אין דער קאָלאָניע אַריין...

צוויי וואָכן זיינען די 22 אַרעסטאַנטן אָפּגעזעסן אין נועווע־דע־כוליאָ, און נאָך פיל שתדלנות האָט מען זיי צוליב רחמנות קוים באַפרייט.

ס׳איז אַפילו אַ בושה, נאָר דעם אמת מוז איך שרייבן. פילע פון די אימיגראַנטן האָבן דאַמאָלסט אונטערגעפּאָנפּעט : „אַ מצוה אויף זיי ! מ׳דאַרף זיך ניט בונטעווען ! נאַטשאַלסטווע דאַרף מען געהאָרכזאַם זיין ! אַן אַדמיניסטראַטאָר איז ווי אַ ספּראַווניק, מען ברויכט פאַר אים דעם קאָפּ בויגן !“ אַלע דאָרפס־יידן, געוועזענע קרעטשמאַרעס, אַפילו ערליכע מענשן און ניט קיין עמי־הארצים, נאָר געוועהנטע צו שפּאָט און חוזק, צו חנפענען דעם פּריץ, אָפּלעקן דאָס שפּייעכץ, וואָס דער פּאָלאַק האָט זיי אין פּנים אַריינגעכאַרקעט, און נאָך זאָגן, אַז דאָס איז אַ סגולה צו

פרנסה... — אָט דיזע יידלאַקעס האָבן מקבל באַהבה געווען דעם אַדמיניסטראַציאָנעס יאָך, און נאָך ביז היינטיגן טאָג, הגם זיי זיינען שוין כמעט פריי און זעלבסטשטענדיג, בויגן זיי נאָך אַלץ דעם רוקן פאַר יעדן לומפּ פון דער אַדמיניסטראַציע...

אַלע באַפרייטע אַרעסטאַנטן זיינען געקומען צוריק אין קאָ־לאָניע, חוץ בלומענפעלד. אים האָט מען „ווּיסילקע“ געגעבן, ס'איז אים פאַרבאָטן געוואָרן דעם באַראָנס ערד צו באַטרעטן... ער איז צוריק נאָך רוסלאַנד אָפּגעפאָרן. קאַביץ, גערצקי און די איבעריגע האָבן זיך ביים „כועז“ אין נועווע־דע־כוליאָ אונטער־געשריבן, אַז זיי וועלן שוין זיין גוט און פרום... אַ צייט לאַנג זיינען זיי צווישן אונז מיט פאַרביסענע ליפּן אַרומגעגאַנגען.

ערשט שפּעטער מיט אַ יאָר האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דער „כועז“ מיטן „קאָמיסאַר“ האָבן 500 קיה פונם סקאָט, וואָס מען האָט צוזאַמען מיטן לאַנד געקויפט, באַקומען אַלס מתנה פונם דירעקטאָר ראָטה, דערפאַר וואָס זיי האָבן אַזוי בריהש גע־האָלפן דורכפירן דעם „אויפשטאַנד“...

אַ מאַסע פון די „כאַלאָסטאָיעס“, מענשן מיט פרייע נאַטורן, האָבן קלעק געשפּיגן אויף דער קאָלאָניזאַציע, האָבן זיך באַזעצט אין די סטאַנציעס אַרום דעם באַראָנס נחלאות. אַנדערע זיינען אַוועק קיין בוענאָס־אַיירעס, און אָט דיזע „אָפּגעפאַלענע“ האָבן עס געבויט די יידישע קהלות, וואָס געפינען זיך איצט אין אַלע שטעט און שטעטלאַך פון דער רעפּובליק.

אין קאָלאָניע זיינען פאַרבליבן, פון איין זייט: די מה־יפית יידלאַך, קנעכטישע נשמות, אייניגע קרעמער, מעקלער, חזנים, מלמדים, מקבלים, סתּם בטלנים, און אויך די גנבים און זונות האָבן זיך פאָרלויפיג ניט גערירט; און פון דער צווייטער זייט אַ הייפעלע בעלי־בתּים, באַלאָדענע מיט קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך ווירקליך ניט געקענט רירן פון אָרט... דאַן אַ גרופּע אידעאַ־ליסטן, וואָס האָבן זיך פּשוט מקריב געווען פאַרן הויכן רעיון „יידן אין אַקערבויער צו פאַרוואַנדלען“.

אָטאָ די אָפּטימיסטן האָבּן געוואַרט און געהאָפּט, געגלויבּט, אַז דער בּאַראָן וועט זיין אידעאַל אַדורכזועצן, אַלעס וועט געענדערט ווערן, און מ'וועט נאָך גליקליך זיין.

פון אָט די פּאַסירונגען האָט געגאָסן קאַסאַרעס.

די שטאָט קאַסאַרעס, וואָס ציילט יעצט כּמעט בּיז צוויי טויזנט יידישע איינוואוינער; קאָסאַרעס, וואָס שלינגט איצט איין די קאָ-לאָניע מיט איר ערד, אירע בּהמות, איר גאַנצן דרייסיג-יעריגן פאָרשריט, — דאָס דאָזיגע קאַסאַרעס איז פון נאָך דער רעוואָ-לוציע אָן געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

די „צירולניעס" מיט די קאַבּאַקלאַך, וואָס די נברחים האָבּן נאָך פריהער געעפנט, האָבּן נאָכן „אויפשטאַנד" פריש אויפגעלעבּט אינם זכות פונם בּאַראָן הירש און אַ דאַנק דעם בּאַראָנס גרויסן פאַרמעגן און זיינע נאמנים, די געטרייע פאַרוואַלטער...

XVI

מען שפּילט חתונות.

בײַ פילע משפּחות איז די צייט געקומען קינדער חתונה צו מאַכן.

קבצנים, רייך און צו האַלבע טוצן מיידן, איינע גרעסער פאַר דער אַנדערער, און אַז נדן האָט דער באַראָן הירש צוגעזאָגט צו געבן: ערד, בהמות, אַ שטוב — האָט דאָך טאַקע באמת פאַר יונגעלייט מער ניט געפעלט ווי די עקרת הבית.

די השגחה האָט אַכטונג געגעבן. ס'האָט זיך געיאַוועט פייטל־שדכן, אַ ייד פון סמאָטריטש, פּאָדאָליער גובערניע, אַ טיפּ ווי געשאַפן פאַר זיין מיסיע. אַליין אַ דאַרער, מיט אַ היפּשן קנאָפּ אין האַלז, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט פון הינטער זיין נעל צינן־בערדל און איז האַסטיג אַרומגעלאָפן הין און צו־ריק, בעת ער האָט גערעדט... צוויי ווייסע אַרבל האָבן אים אַרויס־געשטעקט פון זיין שוואַרצן פּראַק, וואָס דער קאָמיטעט פון בערלין האָט אים געשענקט, אַ פּאַטשיילע אין דאַמקע־קעסטלאַך האָט ער שטענדיג אין האַנט געטראָגן און זיך כסדר געווישט דעם שוויים פון דער שווערער ביטערער אַרבעט מזווג זווגים צו זיין!

— „אויסגענאַרט בײַם בורא עולם דעם שליסל האָב א י ך, פייטל!" — איז זיין ווערטל געווען. און ער איז אַרומגעלאָפן צווישן די פּאַלאַטקעס און ביידלאַך, אויסגעזוכט אַלטע און יונגע בחורים, זיי צוזאַמענגעפּאָרט מיט גרושות און בתולות און בחנם, נאָר פון מצוה וועגן, גאָטס וועלט געבויט... שפּעטער איז ער אויף זיין לוין געקומען: דער י ו ש ב ס ת ר, וואָס זאָרגט פאַר

זיין וועלט און זעהט, דאָס זיין ברכה פון פרו ורבו זאָל מקויים ווערן, האָט איהם ערליך באַצאָלט. אין שיקאַגאָ, נאָרד־אַמע־ריקא, פאַרמאָגט ער היינט דריי איינענע הייזער, איז פאַבריקאַנט פון „ליידיס וועסטלאַך" און הייסט: מיסטער פ. כ'ן...

די ערשטע התונה. דער התן יוסל שטיינשלעגער און די כלה פייגע, אַ יתומה, ביידע פון פראָסקוראָוו, פאָדאָליע.

ס'איז געווען פאַר פורים. די נאַכט זעהר אַ שיינע. די לבנה אַזוי העל און קלאָר — אויף פערל צו ציילן. כ'בין געבן מייןביידל געזעסן און זיך מיט מיין פרוי געזאָרגט איבער דעם יום־טוב פסח, וואָס קומט אָן. פלוצים דערזעה איך, ווי אַ בינטל מענשן ציהען זיך צווישן די פּאַלאַטקעס, קומען אַליך נעהענטער און בלייבן שטיין נעבן מיין טיר. אַ נידעריג יידל, מיינער אַ באַקאַנטער, אברהמל ראָזענפעלד, קומט צו און ווענדעט זיך מיט פאָלגנדער בקשה:

— מיר גייען צו אייך: ביי אייך איז אַ גרויסע און גראָמע פּאַלאַטקע און כ'וויל שטעלן אַ חופּה. מיין שוואָגערל יוסל מיט מיינער אַ געשוועסטערקינד, פייגע, אָט זיינען זיי, מיט אונ־זערע מחותּנים די שיפס־ברידער...

קענן דער לבנה־שיין האָב איך חתן־כלה באַטראַכט: אַ הוי־כער שוואַרצער בחורל, אָנגעטאָן אין אַ צילינדער פון עפּעס אַן אַלטן דייטש, אַ פּאַסקעוואַטע רעקל און אַ פּאָר הילצערנע שיך, וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט אַרויסגעגעבן... ער שטייט און שמייכלט און נעבן אים די כלה — אַ יונג שיין, וויים מיידל, ניט רייכער געקליידעט פאַרן חתן, איז צעשראָקן, צערויטלט און פאַר־שעמט און קוקט צו דער לבנה אַרויף, מעגליך דאָס זי זוכט דאָרט אירע עלטערן, וויל זעהן צי זיי קוקן אַראָפּ פונם הימל אום זייער קינד צו דער חופּה צו בענשן. און אירע אויגן ווערן אָנגעפילט מיט טרערן...

פון צווישן עולם איז אַרויסגעוואַקסן פייטל־שדכן מיט אַ בלעכענעם בעקן אין האַנט, אויף וועלכן ער האָט אויפגעשפּילט דעם חופּה־מאַרש. וויבער האָבן אויף אַ קעסטל אין דער פּאַ־

לאַטקע באַזעצט די כּלה. בּוזי שאַרגאָראָדסקי און דער מחותּן ראָזענפעלד האָבּן בּדחנות געפּראַוועט, די כּלה באַזונגען און מיט גראַמען געשאָטן... די פרויען און די כּלה האָבּן קיין טרערן ניט געשפּאָרט.

אברהם „דער גיהנום־שמש" האָט אָנגעהויבּן קאָמאַנדעווען:

— ווייבּער, צו דער חופּה!

בּחורים האָבּן אויף פיר ווילעס צעצויגן אַ שאַל. דער שוחט אייזיק גלאַזערמאַן האָט מסדר קדושין געווען, און יצחק קרעל שוחט האָט דאָס גלעזל בּראָנפן אין האַנט גענומען און די צווייטע בּרכה געזאָגט מיט ליטווישער עברי. און אונטערן קלאַנג פון די טאַצן און בּעקנס האָט אין מאַאוריציא אָפּגעהילכט דער ערשטער „מזל טוב!"

גערבּיל מיט זיין פרוי זיינען בּיי דער צערעמאָניע געווען. אַ גאַנצן זאַק גאַליעטן מיט פינף פלאַש ספּירט האָט ער געשאָנקען פאַרן עולם; פון פלייש איז דאָך קיין רייד ניט, דאָס איז דאָך געווען איבּערגענוג — אויך צו אַרויסוואַרפן... נו, האָבּן זיך אַ מאַסע אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע אימיגראַנטן בּיי די הענט גענומען, געשלאָסן אַ קאַראָהאָד און דעם כּשרן כּלה־טאַניק אַנטקעגן דער זילבּער־ריינער לבנה אויסגעהאָפּקעט און בּיזן טאָג התּן־כּלה משמח געווען.

דער באַוואוסטער דר. שטיינשלעגער, פון קליניק אין בּוענאָס־איירעס, איז די פרוכט פון יענער ערשטער חתונה אין מאַאוריציאָ.

* * *

די אייגנאַרטיגע מידה פון קאָנקורענץ, וואָס אונזער פאָלק פאַרמאָגט, האָט זיך בּיי די חתונות אויך אַרויסגעוויזן. איינער האָט זיך מתקנא געווען אָן צווייטן. קיין נדן, אויסשטאַטונג, דאָס האָט מען ניט גענדאַרפט! עטליכע בּולקעלאַך, אַ זייט פון אַ קוה, וואָס מ׳האָט אָפּגעבּראָטן, צוויי פלעשלאַך בּראָנפן — דאָס האָט פאַרזאָרגט די אַדמיניסטראַציע: בּיידע שוחטים האָבּן

איך געשאָנקען די מצוה: חתונה מאַכן כּדת משה וישראל...
נו, האָט שוין פייטל שדכן מיט אברהם „גיהנום שמש“ נאַכט
בּיי נאַכט פאַרלאַך אויסגעזוכט...

— „דעם יחוס האָט מען אין ים אַריינגעוואָרפן און דאגות
פּרנסה — אויפן בּאַראָן, און איר, רבּ זיידע, מאַכט חתונה!“ —
דאָס איז געווען פייטלס לאָזונג אָדער מאָטאָ.

אָט אַזוי זיינען די פאַרוואָגלטע עלטערן פון אַלערליי גרושות,
אלמנות און אַלטע מיידן פטור געוואָרן. די האָפנונג האָט גע-
שמייכלט, דאָס גליק האָט געשיינט, דער אָפּטימיזם פון דער
יידישער נשמה, וואָס איז דורכגעוועבּט מיט פעדים פון הערליכע
אילוזיעס, האָט אויף זיין גאָלדענער האַרפע אַ גרויסע סימפאָ-
נישע הללויה געשפּילט, צו עהרע פונם בּאַראָן הירש, צום רום
פון דאָס וואַרעמע פרייע לאַנד, וואָס האָט אונז אונטער זיינע
פלינלען אַרונטערגענומען!

ניט איינמאָל פלעג איך אויפציטערן און אויפשוידערן, שטיי-
ענדיג בּיינאַכט אָנגעשפּאַרט אָן אַ בּיידל און צוקוקנדיג, ווי די
וואַנדערער פראַווען אַ חתונה. אָרימע מענשן, נאַקעטע און
בּאָרוועסע, אין אַ פרעמד לאַנד, שטומע ווי די בּהמות, און האַלטן
זיך פערציג-פופציג בּיי די הענט און „גייען“ אַ קאַראַהאָד, טאַנצן
און זינגען פרייליכע לידער. בּאַגייסטערט פון אַ שטאַרקער
אמונה, בּאַלאָדן מיט דער יידישער געדולדזאַמקייט, קוקן זיי
מונטער אין דער צוקונפט אַריין, לאַכן מיטן פולן מויל גלייך
דער לבנה אין פּנים און הערן די וועלט ווי אין טראָק... דאַן
פלעגט מיך איין רעיון בּאַהערשן: „אָ, וויפיל לעבּנסקראַפט פאַר-
מאָגט אין זיך אונזער יידיש פאָלק!“

אינטערעסאַנטער איז געווען די חתונה פונם גרוזינער בּחור
מיט דער קאַווקאַזער מיידל מירעלע בּאַכמוט.

דאָס האַרצרייסנדע חופּה-ליד, וואָס די כּלה האָט געזונגען אי-
בּער אַ טשערקעסיש מיידל, וואָס ווערט געפאַנגען און אין דער
פרעמד אַוועקגעפירט — דאָס ליד וועלן די קאָלאָניסטן קיינמאָל
ניט פאַרגעסן!

דאַן דעם חתנס דרשה וועגן די גדולים פון די קאָמיטעטן אין לעמבערג, קראָקוי און האַמבורג, ווי זיי האָבן אונזערע ברידער געפּלאָגט און געפּייניגט. ער האָט זיי פּשוט מיט תּוכחה־קללות געשאָלטן און מיט די האַרבסטע אויסדרוקן פאַרדאַמט.

— זאָג איך דען ניט דעם ריינעם אמת? — פרעגט ער שטורמיש און שטעלט אויף אונז אָן זיינע שוואַרצע דיאַמאַנ־טענע אויגן.

— יאָ, אמת. — באַשטעטיגט אַ טונקעלע, הויכע, מאָגערע פרוי. — געלויבט איז גאָט, צוויי גלותן געפּטרט: פּאָניען און די הילפס־קאָמיטעטן...

און כּהרף עין נעמט זי שוין מיט די הענט צונויף דאָס קליידל, און טאַנצט אַ קאָזאַטשאָק... דער עולם פּליעסקעט צו.

כ׳האָב די פרוי גלייך דערקאָנט. ווייל די זעלבע ווערטער האָב איך פון איר געהערט אין אַ וואַגאָן אויף דער רייזע פון לעמבערג נאָך קראָקוי. דאַמאָלסט האָט זי אויך געטאַנצט, נאָך מיט מער עקסטאַז...

אָ, יענע גדולים, ווי מיר קענען זיי ניט פאַרגעסן און ווי מיר פאַראַכטן זיי!

כ׳בין אַ בעלן צו פאַרצייכענען אַ קאַפּיטל פון מיין רייזע קיין אַרגענטינע און די באַרירונג, אין וועלכער כ׳בין געקומען מיט יענע צילינדערהיט, וואָס האָבן זיך דאַמאָלסט אַרומגעפּאָרעט ביים פּעטן עמיגראַציאָנס־טאָפּ... איר, לעזער, ווועט מיר מוזן פאַרצייען פאַר אָט דער לאַנגווייליגקייט, אַ ברירה האָט איר דען?

XVII

הילפס־קאָמיטעטן פאַר עמיגראַנטן.

נאָך פּסח פון יאָר תּרנ״א, ווען אויפן יידישן הימל פון רוסלאַנד האָבן זיך אָנגעקליבן געדיכטע פינסטערע וואָלקנס, האָבן מיר ביי דער עסטרייכישער גרענעץ זיך צוזאַמענגעטראָפן זיבן עמיגראַנטן, פאָרנדיג אין דער וועלט אַריין, אום ערגעץ אַ נייע היים צו זוכן.

אַזוי ווי איך האָב אַ בריוו געהאַט פון מיינעם אַ חבר, גבריאל רייך, וועלכער איז מיט אַ פּאָר יאָר פריהער אָפּגעפאָרן נאָך אַרגענטינע און אין וועלכן ער האָט פּאַרזיכערט, דאָס מ׳קען ביי דער אַרגענטינישער רעגירונג באַקומען לאַנד כּמעט אומזיסט, האָבן מיר זאַלבעזיבעט באַשלאָסן קיין אַרגענטינע צו פאָרן, כּדי דאָרט אַקערבויער צו ווערן... קיין קאָמיטעטן, קיין קאָלאָני־זאַציע פונם באַראָן הירש איז נאָך דעמאָלט ניט געווען.

אין באַן פאַר סטאַניסלאַוו האָבן מיר זיך צעשמועסט מיט אַ לעמבערגער תּושב, וועלכער האָט אונז געראָטן זיך אָפּצושטעלן אין לעמבערג, מחמת אין לעמבערגער קולטוס־פאָרשטאַנד קומען כּסדר אָן גרויסע סומעס געלט פונם באַראָן דע־הירש מיטן צוועק אונטערצושטיצן די רוסישע יידן, וואָס פאָרן נאָך אַמעריקע. מיר האָבן די עצה אָנגענומען.

אין אַ שבת פאַרמיטאָג האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט פאַרן פּרעזעס פון דער קולטוס־געמיינדע, אָדער פונם ווינער „אַליאַנץ״, הער, אָדער דר. נירענשטיין. אַ שיינער ־ יונגערמאַן מיט סימ־פּאַטישע געזיכטסצוגן איז ער געווען און דערצו טאַקע אַ מענש

מיט אַן איידעלער נשמה. מיט אויפמערקזאַמקייט האָט אונז דר. נירענשטיין אויסגעהערט און ערקלערט:

— ריכטיג, דורך דער „אַליאַנץ“ פון ווין באַקומען מיר פונם באַראָן הירש זעקס טויזנט גולדן אַ מאָנאַט. אָבער דאָס געלט איז באַשטימט נאָר פאַר די לעמבערגער האַנטווערקער און ניט פאַר רוסישע דורכרייזנדער. נאָכדעם האָט ער אויסגעפרעגט מיינע קאָלעגן, וואָרום זיי האָבן פאַרלאָזן רוסלאַנד, און ווען זיי, דאָרפס יידן, פאַרטריבענע דורך איגנאַטיעווס גזרות, האָבן אים זייער בינטל צרות דערציילט, האָט ער זיך צו מיר, אַלס צום ראש המדברים, געווענדט, זאָגנדיג:

— קומט איר אַליין אַרויף צו מיר היינט אין אָוונט, וועלן מיר זיך דורכגיין צום הער שלמה באָבער, אונזער עלטסטער כלל־טוער, וועלן מיר עפּעס צוטראַכטן וועגן אייך.

אין אָוונט זיינען שוין איינגע פון די „פּני“ פאַרזאַמלט גע־ווען אין הויז פונם ה׳ באָבער. מען האָט מיך אויסגעפרעגט, פאַרשריבן אונזערע נעמען, און ווען דער קליינוואוקסיגער און גרויסער געלערנטער הער שלמה באָבער האָט דערהערט, דאָס איך דערמאָן אַ פּאָר פון זיינע מאמרים, וואָס ער האָט דאַ־מאָלסט אין „המליץ“ געדרוקט איבער זיינע שפּעטערדיגע „תנחומות“, איז ער, דער גרייז־גרויער מאַן, ווי אַ קינד פריילין געוואָרן:

— אַ, איר זיינט אַ בן תורה, מוזן מיר אייך העלפן!

זיי האָבן אויסגעשטעלט אַ טעלעגראַמע צום „איזראַעלי־טישן אַליאַנץ“ פון ווין, און דר. נירענשטיין האָט צו מיר געזאָגט:

— קומט מיט! איך וועל אייגנהענטיג די טעלעגראַמע אַוועק־שיקן, און איר וועט דערווייל טאַקע זעהן די פּראַכטפולע פּאָסט־ביורא פון לעמבערג, אַזאַ שיינע געביידע האָט איר געוויס נאָך ניט געזעהן!

אַז איך האָב געוואָלט באַצאָלן פאַר דער טעלעגראַמע, האָט ער ניט דערלאָזן.

— לאָזט מיר די מצוה — האָט ער געטענהט — קומט אַרום מאָנטאָג נאָך אַן ענטפער, ווייל זונטאָג אַרבעטען זיי דאָרט ניט.

מאָנטאָג איז אָנגעקומען אַן ענטפער, וואָס האָט געלויטעט:

„פאַרזאָרגן זי די זיבן פאַמיליעס. מיר וועלן זיי נעקסטנס נאָך אַרגענטיניען שיקן".

פרייליך זיינען מיר נאָך דער אכסניה געגאַנגען און באַלד אָנגעשריבן בריוו אַהיים צו די פאַמיליעס, דאָס זיי זאָלן זיך רייזעפאַרטיג מאַכן, ווייל מען שיקט אונז קיין אַרגענטינע.

מיר האָבן גענומען וואַרטן. ס'איז דערוויייל אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג.

פלוצלונג האָבן זיך גענומען יאַווען מאַסן עמיגראַנטן פון רוסלאַנד. שטראָמענווייז זיינען זיי אָנגעקומען קיין לעמבערג. זיי האָבן די קולטוס-געמיינדע באַלאַגערט. דאָרט זיינען געווען אָרימע אָנגעלאָפענע יידן פון אַלע קאַנטן, מיט זייערע ווייבער און קינדער און מיט זייערע בעבעכעס. זיי האָבן שיפסקאַרטן געפאָדערט, האָבן פאַרלאַנגט עסן, ביז ס'איז צו דעם צוועק געשאַפן געוואָרן אַ „נייער" קאָמיטעט, אַ הילפס-קאָמיטעט מיט אַלע באַקאַנטע לומפּעריען... דר. נירנשטיין און באָבער ז"ל האָבן פונם פּרעזידיום רעזיגנירט: די נייע „פירער" האָבן אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען און איינגעשטעלט אַ מאַשין מיט אַלע קלימפּערלאַך: משרתים געדונגען, שווייצאַרן געשטעלט און אָט די האָבן זיך היפּשליך נוקם געווען אָן רוסישן עמיגראַנט. פון די טרעפ פלעגן זיי אַרונטערשליידערן, טרייבן ווי די הינט און זידלען ווי די שיכּורים... דער קאָמיטעט פלעגט זיך שטאַרק מתעסק זיין: האָט געשריבן פּראָטאָקאָלן און באַריכטן, אויסגעטיילט פּאָרציעס ברויט מיט סטוסאַקעס און באַגאָסן מיט שימפּווערטער, ווי „רוסישער חזיר! שנאָרער!" מיט אָט די טיטלען האָבן אונז די באַאַמטע כּסדר באַעהרט...

דאָרט האָב איך קענטשאַפט געשלאָסן מיט אַ יונגנמאַן, אַ ברונעט, אַ לעמבערגער משכּיל און אַ ליבהאַרציגער מענש, מיטן

נאָמען גרשם באָדער, וועלכער איז יעצט איינער פון די שטענדיגע מיטאַרבעטער אין ניו־יאָרקער „טאַגעבלאַט" און אין „די יידישע גאַזעטן". מיר פלעגן צוזאַמען טרויערן איבער די ענגהאַרציגע עוסקים בצרכי צבור מיט זייערע פאַרקריפּלטע נשמות.

אַזוי זיינען פאַרביי גאַנצע זיבן וואָכן. אין אַ טאָג איז פון ווין אָנגעקומען דר. קליין, און אַ קלאַנג איז אַרויס, אַז מען הויבט שוין אָן צו טראַנספּאָרטירן די עמיגראַנטן קיין אַמעריקע.

מיך מיט מיינע זעקס קאָלעגן, אַלס די ערשטע אויפן צעטל אינם קאָמיטעט, האָט מען אויך פאָרגערופן צוערשט, און דר. קליין האָט תיכּף אויסגעפונען, אַז מיך ברויכט מען צו קנסענען און קיין אַמעריקע ניט שיקן.

צוליב דיזן — האָט ער ערקלערט — איז דער קאָמיטעט אין לעמבערג געשאַפן געוואָרן, ער האָט אויף אונז די דאָזיגע כאַ־ליאַסטרע אָנגעשיקט. ער האָט צעשיקט בריוו אין אַלע שטעטלאַך און די דאָזיגע מאַסע אָרימעלייט זיינען אויף אונז אָנגעפאַלן!

קורץ, די זעקס האָט מען אויפגענומען און מיך אויסגע־בראַקירט...

איך בין געלאָפן צום ה' באָבער, און ער האָט טעלעפאָנירט צו נירנשטיינען, וועלכער איז גלייך געקומען און אָנגעמענדיג מיך ביים האַנט, האָט ער פאַרדראָסיג געזאָגט:

— קאָמען זי מיט מיר צון קאָמיטעע!

דורך אַ גאַנצער „טאָלפּא" ווייבער און קינדער, מיט אַפּאָר פּאָליציאַנטן ביי די טרעפּ, האָבן די שווייצאַרן אונז אַ דורכגאַנג געעפנט. ביי אַ לאַנגן טיש, אַ פאַרלייגטן מיט פּאַפּירן, זיינען גע־זעסן די „אַז־אָך־און־וויי"־גדולים, די עוסקים בצרכי צבור „באמונה", און האָבן זיך געוויצלט און לוסטיג געמאַכט איבערן בראָך פונם רוסישן יידן... ווי די רוסישע „סליעדאָוואַטעלעס" האָט מען יעדן אויסגעפרעגט, אויסגעפאָרשט און די קעשענעס גע־טאַפּט, אום זיך צו איבערציינגן, צי באַהאַלט מען ניט קיין געלט... פון יעדן איינעם אַביסל דמים אָפּגעצאַפּט...

— נו, דעם מאַן מוזן מיר צוריק נאָך רוסלאַנד שיקן! — האָט זיך געוויצלט אַ גראָבער בויך, מיט רייכע טינגעטן אויף די פינגער און אַן אָרימע נשמה און מוח. און דאָס האָט זיך געהאַנדלט איבער אַ דעזערטיר, וועלכער פלעגט אויפציטערן, אַז מען האָט אים דערמאָנט זיין פאַרלאָזן לאַנד...

ביי יענע קאָמיטעטס־פאָרשטייער האָב איך דעם „כובד ראש" ניט געזעהן: האָב ניט באַמערקט קיין שום מיטליידס־געפיל צום פאַרוואָגלטן „גולה". מען האָט נאָר אָפּגעחוזקט, אָפּגעשפּאָט און כסדר אַרויסגעוויזן די פאַראַכטונג פונם נותן צום מקבל... דערצו נאָך האָבן זיי זיך היפּאָקריטיש געפּוצט מיטן רחמנות־אויסדרוק און זיך אַרויסגעוויזן שטאָלץ און פול מיט גאוה. פּי־לייכט, כדי מען זאָל נישט דערקאָנען, אַז דאָס וואָס זיי גיבן איז ניט זייערס און אַז אָפטמאָל זיינען זיי מער נהנה דערפון, ווי דער אָרימאַן, פאַר ווענען דאָס געלט איז באַשטימט געוואָרן...

ווען כ'בין ערשינען מיטן דר. נירנשטיין, האָבן זיך אַלע אויפ־געהויבן און אים העפליך באַגריסט. אַז די צערעמאָניעלע עטי־קעטע איז פאָריבער, האָט נירענשטיין צו זיי מיט בייזקייט געזאָגט:

— מיינע הערן! אויב איר האָט באַשלאָסן דעם ה' אַלפערסאָן נאָך אַרגענטינע ניט צו שיקן, אומגעאַכט דערויף, וואָס די „אַלי־אַנץ" האָט צו מיר דעפּעשירט: „פאַרזאָרגן זי דיזע לויטע, מיר וועלן זיי נעקסטענס נאָך אַרגענטינע שיקען", דאַן ברויכט מען פאָרלויפיג דיזן מאַן טויזנט גולדן געבן און אים אַ פרנסה שאַפן אין לעמבערג גופא. אַדיע, מיינע הערן! — האָט ער זיך צו זיי פאַרנויגט, און מיך אָנגעמענדיג ביים האַנט געזאָגט:

— קאָמען זי מיט!

מיט אויפרעגונג און כעס האָט ער צו מיר געזאָגט שוין זייענ־דיג ביי זיך אין הויז:

— האַבן זי בעמערקט דיזע הערן אין די צילינדער־היט? אַממיינסטן דיבע... איך קאַן זיי שוין פון לאַנג! איך וויל איהנען נור איין טאַטזאַך ערצעהלען.

און מיט אַ באַצערטן טאָן האָט ער אָנגעפאַנגען:

— „אין יאָר 1882, אין דער צייט פון דער שרעקליכער עמיגראַציע פון רוסישע יידן און דעם אָנגעלאָף אין בראָד, האָב איך פון מיין טאַנטע אויס ווין אַ טעלעגראַמע ערהאַלטן, דאָס איך זאָל ביים באַן עמפּפאַנגען דעם סיר רבי שמואל מאָנטיאַגו פון לאָנדאָן (שפּעטער לאָרד סווייטלינג), מיטן ראַבינער פון בראָד, וועלכע פאָרן אין אנגעלעגנהייטן פון דער עמיגראַציע. איך האָב עס ערפילט, און דאָס ערשטע וואָס סיר מאָנטיאַגו האָט מיר געזאָגט איז פאָלגנדעס געווען:

— וויסן זי ניכט, הער נירענשטיין, וואו מיר קענען כשר עסן בעקומען?

איך האָב אים מיין הויז אָנגעבאָטן, אָבער ער האָט מיר געענטפערט, דאָס אויף זיין לעבן איז ער נאָך „ניע צו לאַסט געפאַלן"... כ'האָב אים אין אַ האָטעל געפירט, אויף זיין פאַר־לאַנג אונזער שוחט געשיקט, און מיין פרומע, גאָטזעליגע מוטער האָט אירע כלים געשיקט, און אַליין האָט זי אַ פאָר טאָג אָבאַכט געגעבן אויפן כשרן אין קיך... ווען דיזער פרומער גאָטס־פאָרכטיגער מאַן איז נאָך עטליכע טעג פון שווערער אַרבעט אין דאַמאָלסטדיגן קאָמיטעט פון דאַנען אָפּגעפאָהרן, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— הער נירענשטיין, עס טוט מיר זעהר לייד; אייערע הערן פון קאָמיטעט... טהוען מיר שרעקליך וועה.

ער האָט זיי באַלד דערקאָנט! ער האָט די לייט תופס געווען! און יעצט, הער אַלפערסאָן, — האָט ער זיך צו מיר געווענדעט, — פאַנגט ווידער אָן אַ גרויסע עמיגראַציע פון רוסלאַנד, און די זעלבע לייט זיינען אויבן אַרויפגעשוואומען... שווערע טויזנטער וועלן זיי אין די קעשענעס אַרונטערלאָזן... איך און ה' באָבער האָבן דימיטירט, אין זייער מיט ווילן מיר ניט זיין!"

כ'האָב נאָך ניט אוספּייעט צו מיין אַכסניה צו קומען, האָט מיך שוין אַ קאָמיטעטס־דינער געזוכט.

— דער קאָמיטעט רופט איהנען!

דר. בייזער, דער פּאָרזיצנדער האָט מיך שמייכלענד אויפ־גענומען:

— הער אַלפּערסאָן — האָט ער געמיטליך גערעדט — מיר האָבן אייך באַשטימט פאַר אַ צוגפירער פון דרייסיג פאַמיליעס. היינט אָוונט פאָרט איר מיט זיי אָפּ קיין קראַקוי, און פון דאָרט וועט דער קאָמיטעט אייך נאָך אַרגענטינע איבערשיקן. מאַכט אייך רייזע־פאַרטיג. אום 9 אור גייט אָפּ דער צוג.

אַלע „גדולים" פונם קאָמיטעט זיינען אָוונט ביים באַן געווען, אום דעם ערשטן טראַנספּאָרט עמיגראַנטן, וואָס די לעמבערגער שיקן אַרויס, צו באַגלייטן. דר. ביק האָט מיר דרייסיג גולדן און דרייסיג פּעקלאַך טאַבאַק מיטגעגעבן, אום איך זאָל עס פאַרטיילן צווישן די רייזנדע עמיגראַנטן, און אַ בריוו האָב איך באַקומען צום דר. ראָזנפעלד, אַ קאַרטל צום פּאָליציי־שעף האָט דר. בייזער מיר דערלאַנגט.

— היט דאָס קאַרטל, זאָנסט וועט די קראַקויער פּאָליציי אַרעסטירן דעם גאַנצן צוג! — האָט ער מיך געוואָרנט.

דער צוג האָט גערירט. מיט דער ליסטע אין האַנט בין איך אַרומגעגאַנגען פון וואַגאָן צו וואַגאָן, יעדן אויסגערופן ביים נאָ־מען, אים איבערגעגעבן אַ זילבערנעם גולדן מיט אַ 13־גער פּעקל טאַבאַק. און אין איין וואַגאָן, בין איך איבעראַשט געוואָרן. אַ טונקעלע פרוי איז ביי די ווענט אַרומגעשפּרונגען און אויפגערעגט ביז נאַר, האָט זי מיט אַנטציקונג געשריען:

— געלויבט איז גאָט! צוויי גלותן געפּטרט — פּאָניען און דעם קאָמיטעט! מיר פאָרן שוין קיין אַרגענטינע! אַ קאָלאָניסטקע וועל איך זיין! אַך, געלויבט איז גאָט! לאַנג לעבן זאָל דער באַראָן...

טרערן האָבן זיך מיר אין די אויגן געשטעלט, ווי שטאַרק איז דער יידישער אָפּטימיזם און ווי גרויס איז די צעווייטאָגטע יידישע נשמה!

אָט יענע פרוי האָט ביים גרוזינער אויף דער חתונה ווידער־האָלט אירע ווערטער פונם וואַגאָן.

איך האָב אויך איר מאַן דערקאָנט. ד. ג. איז פאַר די גאַנצע דרייסיג יאָר איינער פון די בעסטע קאָלאָניסטן אין מאַאוריציאַ.

מיט מיין מענשן-טראַנספּאָרט בין איך אָנגעקומען קיין קראַקוי. דער הויף פון יידישן שפּיטאָל, וואו ס'האָט זיך געפונען די ביורא פונם קאָמיטעט, איז באַלאַגערט געווען פון טויזנטער עמיגראַנטן. די משרתים האָבן דאָרט אויך געטראָטן איבער די יידישע קעפּ... פּרויען האָבן דאָרט אויך אויף די טרעפּ געחלשט. אָבער אינעווייניג זיינען וויינינגסטנס געזעסן צוויי גרויסע יידן: דר. לאַנדוי און אַ צווייטער, וועמען מ'האָט הער אַהרן גערופן.

און ביי אַ קליין טישעלע איז אַ פּאָרל געזעסן: רבּי אבֿרהמעלע מלאך מיט זיין פרוי. וואָס האָבן ממש מיט געלט געשאָטן, ווי איך האָב עס שוין פריהער ערינערט.

אין דאָזיגן קאָמיטעט האָט זיך אַ צאַרטע מילדקייט געשפּירט. דער יידישער ווי האָט זייער האַרץ גערירט... דאָרט האָט מען וויינינגסטנס ניט געצאַפּט דעם אומגליקליכן וואַנדערער אַזוי פיל בלוט, ווי אין די אַנדערע ערטער.

אַן אומפּאַרצייליכן פעלער זיינען זיי באַגאַנגען קעגן די פּאַר-בלאָנדזשעטע נשמות, די משומדים... די געטויפטע יידן, וואָס דער עמיגראַציאָנס-שטראָם האָט צווישן אונז פאַרטראָגן. אָט די אומגליקליכע, וואָס האָבן זיך געוואָלט אומקערן צוריק צו זייער פאָלק, צום גאָט פון זייערע אבות, האָבן די צוויי גרויסע אָרטאָדאָקסישע יידן, רבּי לאַנדוי און רב אהרן, באין אופן ניט געוואָלט אויפנעמען און האָבן זיי אָפּגעשטויסן... וואָס זיי האָבן זיך ניט געבעטן, וויפיל זיי האָבן ניט געוויינט, האָט ניט געהאָלפן: זיי האָבן געבאַך נאָך אַמאָל געמוזט פעלשן דעם נאָמען... אין האַמבורג זיינען פילע פון זיי אויפגענומען געוואָרן קיין אַרגענטינע. זיי געפינען זיך צווישן אונז און זיינען ערליכע און טרייע יידן.

דאַגעגן האָבן די רעדל-פירער פון די קאָמיטעטן אַ סך אַן ערגערן קלאַס ווי די משומדים אויפגענומען. דאָס שמוץ פון זנות, גנבים, אָסטראָזשניקעס און נאָך אַזעלכע נפשות האָבן זיך דורכ-

נעשמוגלט צווישן די עמיגראַנטן, און אַזוי ווי דער „קאָמיטעט" האָט קיין אַרגענטינע מערסטנס געזוכט איינצלנע מענשן, בחורים, און „כאַלאָסטאָיעס", האָבן אַ מאַסע יונגע „פאָדליעצעס" פאַר־לייקנט זייערע פרויען און זיך פאַרשריבן אַלס „אונפאַרהייראַטע".

אינם חתונה־פעריאָד ביי אונז אין קאָלאָניע האָבן יענע פאַר־שוינען זיך פאַרהייראַט מיט פילע פון אונזערע מיידלאַך, און אַ היפשע צאָל ביגאַמיסטן האָבן מיר אויף אונזער חשבון באַקומען.

XVIII

ביגאַמיסטן.

איך וועל זייערע נעמען לאָזן זינקען אין דער טיפעניש פון דער פאַרגעסנהייט — ווייל פילע פון די אַמאָליגע ביגאַמיסטן זיינען היינט גאַנץ שיינע און רייכע בעלי־בתּים, האָבן געבילדעטע קינדער, איינינגע אויסגעשטודירטע, און מערערע פון יענע זינדיגע זיינען איצט דערצו נאָך די ראָשים פון דער היגער יידישער קאָ־לעקטיוויטעט... געווים האָבן זיי שוין פאַרגעסן די סקאַנדאַלן און די צרות, וואָס זיי האָבן פאַראורזאַכט! איך וועל זיי חלילה דאָס איצט ניט דערמאָנען.

אין מיין זכּרון זיינען זיי אָבער טיף איינגעקריצט געוואָרן, און דאָס שווימט אַרויף אין רעיון, און עס שטעלט זיך מיר אַזוי בולט פאָר פאַר מיינע אויגן, פונקט ווי דאָס וואָלט נעכטן געשעהן:

אָט שטייט זיסל, דאָס קליינשטעטלדיגע ווייבל מיט אַ קינד אויפן האַנט, און באַגיסט מיט אירע טרערן די שוועל פון דער אַדמיניסטראַציע.

שוחט! — שרייט גערביל און וואַרפט מיט זיינע לאַנגע הענט — וואָס זאָגען זי, האַ ? אַ, פאַרפלוכטער! זאָ איין אונרעכט! זאָ איין פערברעכן! איינע געזעצליכע פרוי מיט אַ קינד צו הויזע געלאַסען אונד היער איינע מעדכען געהייראַט!

די פּאָליציי האָט דעם באַטרעפנדן אין תּפיסה אַריינגעוואָרפן. דער סוביעקט האָט אָבער געלייקנט שטיין און ביין... „דאָס איז ניט קיין כּשר קינד" — האָט דער אויסוואורף געטענהט. אָבער שוחטים האָבן די כּתובה געלייענט, רחמנות האָט זיך ווי

וואַסער גענאָסן. יידן האָבן זיך געהיצט און געגוואַלדעוועט. ביז דער ה׳ ש. איז מרוצה געוואָרן... די שוחטים האָבן דער אָרי־מער פרוי אַ גט אויסגעשטעלט און דער בינאַמיע־העלד איז מיט זיין ניי ווייבל אָפּגעפאָרן קיין בוענאָס־איירעס...

אַזעלכע סקאַנדאַלן האָבן זיך מערערע מאָל ווידערהאָלט. איינינע פון אָט די אומגליקליכע ווייבלאַך זיינען פאַר צרות און עלנטקייט אַוועק אַהין, פון וואַנען מען גייט שוין נאָר אויפן אָפּעראַציאָנס טיש פונם שפּיטאָל... אַ סך עגונות זיינען אַליין אַהערצו, קיין אַרגענטינע, געקומען און מערערע האָבן שריפטליך געבעטן דורך דער אַדמיניסטראַציע, אַז מען זאָל ביי זייערע מאַנען כאָטש אויסווירקן באַדאי אַ גט. ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגעוואוינט צו דער דאָזיגער בושה. אין בוענאָס־איירעס האָט זיך ניך געעפנט אַ נ י ט י ן־פאַבריקל... ס׳איז געוואָרן אַ טאַקסע: הונדערט מיט צעהן פעזעס אַ גט. די מוידן זיינען לאַנגזאַם איינגעגאַנגען אויף דעם מקח: זיי האָבן אין פאָראויס די פרייז באַצאָהלט, אַפּי אַ „באַשערטן״ צו באַקומען... ווי נאָר מ׳האָט יענער, אויפן צווייטן זייט אָקעאַן, אָפּגעשיקט ד י צ ו ו ע ל ף ש ו ר ו ת, איז דער יונגערמאַן געוואָרן אירער, פון דער היגער כלה־מויד, און תיכף האָבן מחותנים אויסגעפונען, דאָס ער איז אַ כשרער, אַ זויבערער, ממש אַ צדיק געווען...

פיין, אָרנטליך און שטיל איז דאָס צוגעגאַנגען. יידן, געבענשטע מיט אַ סך מיידן, האָבן דערפון הנאָה געהאַט, דעם רבש״ע אַ דאַנק געגעבן און אַליין טאַקע זיך אַלס עדות אויף די גטן אונטערגעשריבן... הכלל, דאָס איז געוואָרן אַ האָכעדיגער געשעפט...

איינס נאָר איז אַ גליק! זעהר ווייניג פון די בינאַמיסטן זיינען אין דער קאָלאָניע פאַרבליבן. איינינע זיינען אַליין אַוועק, און די דאָזיגע, וואָס האָבן זיך ניט געאיילט דאָס צו טאָן, האָט מען שפּעטער, אונטער קאָלאָנעל גאָלדשמידס דירעקציע, בערקנהיימס אַדמיניסטראַציע און נאַכהער אין לאַפּינס פעריאָד, פון דער קאָלאָניע פאַרטריבן און אַרויסגעשיקט, צוזאַמען מיט אַלע איבעריגע שעדליכע עלמענטן: די גנבים, פראָסטיטוטקעס און סתם וואַגאַבונדן.

XIX

דער ערשטער פסח אין מאַאוריציאָ.

פסח! דער גליקליכער פרייהייטס יום־טוב!

ווי פריילּיך מען איז געווען, אָדער מען האָט זיך בלויז פריי־לּיך געמאַכט אויף אַ חתונה, איז מען טויזנטפאַך מער טרויעריג געוואָרן אין אַ יום־טוב.

יעדער יום־טוב האָט אַרויסגערופן פאַרביטערניש. נידער־שלאָגן און באַטריבט האָבן מיר דעם גרויסן נאַציאָנאַלן „זמן חרותינו" געפייערט.

ביים היסטאָרישן קאַנעצל, אָדער דעם „באַראָנס לעמפל", איז זיך יעדערער אין זיין האַלב פינסטערער נאָרע געזעסן און ביי דער „גאָוויאַדינע" מיטן לחם־עני זיך גוט אויסגעוויינט, דערמאָנענ־דיג זיך אָן די ליכטיגע סדרים, וואָס מען האָט אָפּגעריכט אין דער היים.

אַ שווערע אַטמאָספערע האָט יעדן געדריקט: אַ בענקעניש האָט דאָס האַרץ גענאָגט און עפּעס אַ טרויעריגער, פיינליכער פאָרגעפיל האָט נביאות געזאָגט אויף אַ נייעם ע ב ד י ם ה י י נ ו — לאַדמיניסטראַציע. . .

איינער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז אַלע אימיגראַנטן זאָלן פּסח אין דער פריה דאַוונען אין דרויסן אין איין גרויסן מנין. איינשטימיג איז עס אָנגענומען געוואָרן. אנשים, נשים וטף האָבן זיך פאַר־זאַמלט אונטערן פרייען הימל, אָנגעטאָן אין די יום־טובדיגע מלבושים, ד. ה. טראַנטעס און שמאַטעס פון אַלערליי מיתה־משונה קאָלירן, באָרוועסע, אַנדערע מיט הילצערנע שיך, און

אין אונזערע בגדים — האָבן מיר, ווייזט אויס, נאָך מער גע־שיינט קענן דער ליכטיגער זון, וואָס האָט אונז מיט אירע שטראַלן רייך באַצירט און אויף אונז אַראָפּגעגאָסן גאַנצע שטראָמען ליכ־טיגקייט. געדאַוונט האָט מען שטיל, כמעט שווייגזאַם, ווייל יעדערער האָט זיך געסטאַרעט איינצוהאַלטן זיינע טרערן און ניט אַרויסווייזן דעם גרויסן טרויער, וואָס האָט אַלעמען געדריקט אינם פרילינגס־יום־טוב.

אָבער, בשעת דער חזן האָט אָנגעפאַנגען הלל צו זאָגן, האָבן אַלע דערשטיקטע ליידן אַן אויסגאַנג געפונען. אַ פאַרצאַגטער יאָמער האָט זיך אין רוים דערהויבן און אפשר דערגרייכט ביז דער פמליה של מעלה... איין הארבע קשיה האָט יעדנס מחשבות באַהערשט: עד מתי? ביז וואַנען וועלן מיר זיך וואַל־גערן אין די ביידלאַך און וואו איז שוין די נחלה? פאַרוואָס ווערט דאָס לאַנד ניט פאַרטיילט?

ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס: באַלד נאָך יום־טוב צו זעהן מאַכן אַן ענדע צו דער אומבאַשטימטער לאַגע. „אַהער אָדער אַהין! לאַנד. קוים ניט, גייען מיר אַלע מענער, באָדאַי צו פוס, גלייך קיין בוענאָס־איירעס“.

דעם צווייטן טאָג פסח איז אין לאַגער אַ בשורה טובה אָנגע־קומען און דעם אומעט פאַרטריבן. אַ קלאַנג איז אַרוים, אַז אַ זעהר גרויסע פערזענליכקייט, עפּעס אַ גואל, קומט צו אונז דירעקט פון אייראָפּע.

אייניגע האָבן באַהויפּטעט, אַז דער באַראָן הירש אַליין קומט אינקאָגניטאָ, ער וויל ניט מען זאָל וויסן, אַז ער איז אַליין צווישן אונז, און ער פאַרשטעלט זיך. אַנדערע האָבן געדרונגען, דאָס עס קומט זיינער אַ שוואָגער און וועט אונז אַריבערפעקלען קיין ארץ ישראל.

אין לאַגער האָט דערווייל געטומלט און גערעשט.

אָנפאַנגס האָבן מיר, די פּאַציפיסטן, גערעכנט, אַז די בשורה איז אַ פּראָדוקט פון די גאולה־אילוזיעס, וואָס דערוועקן זיך אין יעדער יידישער נשמה פסח־צייט, ווען עס ווערן אַזוי פיל צערע־

מאָניעס געמאַכט אין שייכות צו „פּרייוייט". אָבער נאָכדעם, אום אחרון של פּסח, איז טאַקע ערהאַלטן געוואָרן אַ טעלעגראַמע, דאָס דער אינזשענער טיראַטשיני זאָל גלייך קומען קיין בוענאָס־איירעס מיט זיינע פּלענער פון מאַאוריציאָ, ווייל ס'איז אָנגעקומען אַ נייער דירעקטאָר, סיר אַלבערט גאָלדשמיד, אַ קאָלאָנעל פון דער ענגלישער אַרמיי און דעם באַראָנס אַ פאַר־טרויאונגס־מאַן, וועלכער איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן, אום די קאָ־לאָניזאַציע איינצוואָרדנען און די קאָלאָניסטן צו אָרגאַנזשירן.

אויף יעדן פּנים האָט געגלאַנצט די פרייד. מען האָט אין שפּאַנענדער ערוואַרטונג געציילט די טעג, די מינוטן, אום ענדליך דעם ענגלישן גואל צו זעהן...

אויף מאָרגן, אסרו חג של פּסח, איז אָנגעקומען אַ נייער אַדמי־ניסטראַטאָר, הער וואולף, מיט אַ באַפעל פון גאָלדשמידן, דאָס ער, צוזאַמען מיט גערבילן, זאָלן אָנפאַנגען צו באַזעצן די אימיגראַנטן אויף לאַנד.

אין הויף פון דער אַדמיניסטראַציע האָט מען פלייסיג גע־אַרבעט. עס זיינען אָנגעקומען האַנט־פלוגן, אייזערנע און הילצ־ערנע בּאָראָנעס. מ'האָט אויך געבראַכט צו טרייבן 250 „מו־לאַס" — מויל־אייזלען, אַ 500 מאַנסירטע אָדער געצאַמטע אָקסן, ווייל די, וואָס האָבען זיך געפונען אויף די פעלדער פון דער קאָ־לאָניע, זיינען אַלע געווען ווילדע, פאָלגליך אומנוצליך צו דער באַל־דיגער אַרבעט. הכלל, די אַדמיניסטראַציע איז טעטיג געוואָרן. מען האָט אָנגעהויבן איינטיילן דאָס לאַנד.

XX

דער „גורל“.

יעדער איינער, וואָס איז פאַרגערופן געוואָרן אין אַדמיניסטראַ־ציע אויף „לאַנד צו גיין“, האָט אַ „גורל“ געצויגן, און זיין נחלה איז באַשטימט געוואָרן לויט דעם נומער, וואָס דער מזל האָט אים אין האַנט אַריינגעבראַכט. די חלקים ערד זיינען אויפן פּלאַן נומערירט געווען, באַצייכנט און איינגעטיילט אין גרופּעס צו אַכט הייזער, צו זעקס און צו פיר אין יעדער, און ביים עק, צו דער גרענעץ פון לאַנד, איז פאַרבליבן אַ גרופּע פון צוויי און אויך פון איין איינציגן קאָלאָניסט. אַזוי איז אַרויס פון אַגרימענסאָרס אויס־מעסטעריי און דעם אינזשענערס פּלענער.

ווען איניגע באַקאַנטע אָדער קרבהשע משפחות האָבן זיך געוואָלט באַזעצן צוזאַמען, אום זיי זאָלן וואוינען אין שכנות, אין איין און דער זעלבער „גרופּע“, האָט עס די אַדמיניסטראַציע ניט ערלויבט. יעדער איינצלנער האָט געמוזט ציהען אַ באַזונדער נומער, און וואו זיין „גורל“ איז געפאַלן, מיט ווילד פרעמדע, אָפּט אומווירדיגע מענשן, אַהין האָט מען געמוזט גיין און פאַר ליב אָננעמען.

מיר האָבן פּראָטעסטירט קעגן אָט דער פאַראָרדענונג, און גער־ביל האָט זיך געהיצט:

— אַ, זי וואָללען אַלע רעוואָלוציאָנערן צוזאַמען זיין! וואָהגען אַלע באַנאַנד! אָ ניין! ניין, ציהען זי אַ לאָזע אונד באַסטאַ!

מיט שווערינקייט האָבן מיר געפּועלט, דאָס ברידער, אַ פֿאָטער מיט קינדער זאָלן נאָר איין נומער, דעם פון דער גרופּע, אַרויסצי־

הען. אויך די עלנטע, וואָס האָבן קיין קרובים ניט געהאַט צווישן די אימיגראַנטן, מעגן זיך יעדערער צוזאַמענפּאָרן מיט אַן „אַמיגאָ" און צוזאַמען מיט דעם „פּריינט" איין גורל אויף צוויי נומערן לאַנד אַרויסציהען, בכדי זיי זאָלן וואוינען אין שכנות. דאָס האָט מען אָנגערופן דער „ברודער־גורל" אָדער „גורל־שכן".

דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן אויף פאָלגנדן אופן: צוערשט האָט מען אַרויסגעצויגן דעם נומער פון אַ „גרופּע", נאָכהער האָבן די 8 אָדער 6 קאָלאָניסטן פון דער גרופּע אַיעדער געצויגן אַ נו־מער, אום צו באַשטימען, וואָסער חלק לאַנד ס׳געהערט צו אים. דאָ האָט ווירקליך געשפּילט דער מזל די איינציגע ראָל: מחמת וואָס פּאַר אַ לאַנד, וואַסערדיגס, טרוקנס, פּעטס אָדער מיזערנע, ס׳איז אָנגעקומען, וועלכע שכנים ס׳זיינען אויסגעפאַלן — מיט דעם האָט מען זיך געמוזט צופרידנשטעלן און אָננעמען פאַר ליב.

זעקס „כאַלאַסטאָיעס", ברידער און שוואָגערס — די פאַמיליע קיילעס און שמולטשוק זיינען די ערשטע אויפן לאַנד אַרויף. פאַ־מיליאַנטן האָבן זיך ניט געוואָלט רירן פון אָרט, ביז עס וועלן אויפן „קאַמפּ" קיין הייזער ניט אויפגעבויט ווערן.

פילע פון די אימיגראַנטן זיינען געגאַנגען קוקן, ווי מען וועט די קיילעסעס אַרויספירן אויפן פעלד אום ענדליך קאָלאָניסטן צו ווערן. אַנדערע האָבן זיך געפרייט: סוף כל סוף ווערט מען שוין אַקערבויער. אָבער די מערסטע האָבן געוויינט, געשאָלטן די גאַנצע וועלט און פעסט באַשלאָסן, אין אַזאַ קלאָגליכער פאָרם — מיט די ביידלאַך, מיט אַ קליין האַנט־פלוגל און איין פּאָר אָקסן — אויפן פעלד נישט צו גיין, סיידן מ׳וועט פריהער געבן גוטן רע־מאַנענט און אויסבויען פאַסיגע הייזער צום וואוינען.

איינינע טעג נאָך פּסח בין איך געגאַנגען אין דער אַדמיניסטראַ־ציע, אום דאָרט, ביים דר. יאפּע צו פאַרשרייבן מיין מיידעלע, וואָס מיין פרוי האָט אסרו חג של פּסח געבוירן. איך האָב געראַדע גע־טראָפן ביים דאָקטאָר דעם ה׳ גערבּיל מיטן נייעם אַדמיניסטראַ־טאָר וואולף.

— ווי וועט הייסן אייער ניי־געבוירענע טאָכטער ? — האָט דער דר. געפרעגט.

— מרים אסתּר וועט איר נאָמען זיין — האָב איך געענטפערט.

— אַ, וואס פאַר אַ שעהנער נאָמען דאָס איזט ! — האָט גערביל באַהויפּטעט — פּיעלעס איז ביי די יודען שעהן, שעהנע, צאַרטע פרויען, שעהנע קינדער, אָבער קיינע שעהנע זיטען ! די זיטליכקייט איז געמיין, עקעלהאַפט ! — האָט ער פאַר־אַכטליך געזאָגט.

איך בין געבליבן שטיין, ווי פאַרגאַפט און פאַרשעמט, פילענ־דיג, דאָס דאָס בלוט איז מיר אין פּנים אַריין. ער האָט, ווייזט אויס, באַמערקט און שוין מיט אַ פריינטליכן טאָן געזאָגט :

— זייט רוהיג : איך דענק אייך ניכט צו סיקירען. איך זאָג עס אין בעצוג צו דער אימיגראַנטען מאַסע... צוערשט שרייען זיי אַלע : לאַנד! לאַנד! יעצט ווילען זי זיך פון פלעק ניכט ריה־רען... נור די גרופּע 41, מיט די געברידער קיילעס, איז׳טס אונז צום אָראַנזשירען געלונגען, און ניכט מעהר !

— שיקט מיך, הער גערביל ! — האָב איך אַנטשלאָסן געפּאָ־דערט — שיקט מיך, איך גיי אין קאַמף און וועל אייך נאָך דאַנק־באַר זיין.

— „בוענאָ“ — האָט ער צופרידן געענטפערט — זוכן זי אַ לאָז־ ברודער אונד קאָממען זי מיט צעהן טאַגע שפּעטער, אום אייער לאָטערי־לאָז צו ציהען, דאַן ווערדען מיר אייך אַם לאַנדע שיקען“.

מיט שמחה בין איך געלאָפן דער קימפּעטאָרן אָנצוזאָגן, דאָס אינגיכן וועלן מיר באַקומען אונזער נחלה און פּטור ווערן פון דעם לאַגער, פון דער כאַליאַסטרע און פון דעם גאַנצן אָנגעזאַמלטן שמוץ...

XXI.

הערש־לייביקל גנבֿ.

אַ פּאָר טעג שפּעטער זיץ איך מיר אין אַן אָווענט אין מיין ביידל און קוק אַריין אין אַ ספר... אינווייניג איז קאַלט געווען און די געווינערין, מיין ׳פרוי, ליגט מיטן פּיצל קינד אויף דער „קראַטע״ און בעט מיך, איך זאָל אויסזוכן נאָך עפּעס אַ שמאַטע און זי בעסער איינדעקן, ווייל זי פּילט אַ שרעקליכע קעלט. איך טו אויס איינעם פון מיינע צוויי רעקלאַך, די בגדי־מלכות מיינע, און דעק זי איין. אין דעם עפּנט זיך שטיל דאָס בלעך, וואָס האָט געדינט אַלס טיר, און עס קומט אַריין אַ באַוואָקסענער פּנים, מיט אַ רויטער געדיכטער באָרד און אַ גאַנצער קוטשמע האָר.

— וואָס טוסטו, דו לערנסט ? — פרעגט ער מיך גראָב, מיט אַ הייזעריגן קול — דיין ווייב איז אַ יולדות און אין ביידל אין דיינער איז שטאַרק קאַלט! פאַרוואָס מאַכסטו ניט קיין פייער, יאָלד אייינער? די געווינערין קאָן דאָך אַזוי אויסגיין פאַר קעלט!

איך האָב זיך דערשראָקן פאַרן ברייטביינערדיגן געזונטן יידן מיט דער האָריגער צורה און איבערהויפּט פאַרן פלאָקן, וואָס ער האָט אין האַנט געהאַלטן און דאַן פאַר זיין שטעכענדיגן בליק, וואָס ער האָט אויף מיר שפּאָטיש געוואָרפן מיט זיינע גרויע אויגן — ער האָט אַ פּנים מיין שרעק באַמערקט און האָט זיך צו מיר געיוענדעט שמייכלענדיג:

— שרעקט אייך ניט. איך בין ־דער וועכטער. גערביל האָט מיך אַוועקגעשטעלט אַלס שומר אָפּצוהיטן דאָס געהילץ און דעם בוימאַטעריאַל, וואָס ליגט דרויסן נעבן דער אַדמיניסטראַציע,

אום די אימיגראַנטן זאָלן עס ניט צעשלעפּן צום הייצן... וואַרט אַ מינוט, ס׳איז אַ רחמנות אויף דער קימפּעטאָרין, איך וועל דיר ברענגען האָלץ. האָסט אַ האַק? אַ? געווים צוגענומען ביי דיר, בשעת ס׳איז די רעוואָלוציע געווען? — האָט ער מיט פּאַרדראָס אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און איז אַוועק.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער צוריק געקומען, מיטברענגענ־דיג אַ לאַפּאַטשע־ברעט, וואָס האָט געווים אייניגע פּעזאַס די ווערט געהאַט. פונם גאַרטל האָט ער אַרויסגענומען אַ שאַרף העקל און די ברעט צעהאַקט אויף שטיקלאַך, מיר געבנדיג דערביי עצות:

— מאַך פייער, יאָלד! קאָך אָפּ טיי און דערלאַנג דער יולדות!

איך האָב געפאָלגט. ווען די טיי איז פאַרטיג געוואָרן און די קימפּעטאָרין האָט אָפּגעטרונקען, האָט ער זיך נעבן מיר אויפן קעסטל אַוועקגעזעצט און מיך געפרעגט איראָניש:

— ווייסטו, ווער איך בין? ווייסט ווער גערביל האָט פאַר אַ שומר געשטעלט?

— וואָס זאָל איך וויסן? — האָב איך גלייכגילטיג געזאָגט — איך זעה דאָס איר האָט אַ גוט יידיש האַרץ...

ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און פאָרטגעזעצט:

— איך בין הערש־לייביקל גנב, דו הערסט? מיין פאַמיליע־נאָמען איז ג י י ע ר, אין קאָנסטאַנטין פון רוסלאַנד האָט מען פאַר מיר מורא געהאַט אימת מות! די ערד האָט דאָרט געברענט אונ־טער מיינע פיס... כ׳בין פון טורמע אַנטלאָפן. און דאָ בין איך אַ שומר געוואָרן: כ׳היט, דאָס גנבים זאָלן ניט לקחענען! כאַ! כאַ! כאַ!

ער האָט זיך, ווייזט אויס, זעהר געפרעהט מיט זיינע ערי־נערונגען און האָט מיר גענומען דערציילען די פלאי פלאות פון זיינע גנבות, מערדערייען, כיטראָסטן און זיין שפּיצבובעריי, אַז די האָר האָבן זיך מיר אַזש קאַפּויר געשטעלט.

עטליכע נעכט כסדר איז ער געקומען און אַלץ דערציילט די עפּיזאָדן פון זיין לעבן און די וואונדער, וואָס זיינען מיט אים גע־שעהן, און פון אַלע זיינע מעשיות פלעגט ער אַלץ אויסברייען, דאָס קיינער איז ניט בעסער פון אים; דאָס יעדער מענש איז אַ גנב,

אַ שווינדלער און אַ לומפּ; אַלע לעבן דאָך פון גנבה, גזלה און אָפּנאַרעריי; איינער דעם אַנדערן האַלט מען אין איין באַשווינדלען און באַטריגן... נאָר די איבעריגע מאַכן עס פּאָלירטער, מיט מער צביעות, מער פליטערלאַך און זיין חברה מאַכט עס פּראָסט און פּשוט...

— דאָ זיינען פאַרהאַן פילע פון אונזערע ברידער! — האָט ער מיר איין מאָל אין אַ שמועס פאַרטרויט — דאָ זיינען פאַרהאַן אונזעריגע פון אַלע טורמעס... אַ טייל פון זיי ווילן טאַקע אין אמתן אָנהויבן פירן אַן אָרנטליכן לעבן, אַוועקוואַרפן פריהערדיגע „פּראָפעסיע" און זיך אָפּגעבן מיט ערד־אַרבעט... ווייל נאָר ביי איר, ביי דער „מאַטושקאַ זעמליאַ", איז ניטאָ קיין גנבה און קיין שווינדל, וואָס ניט אַזוי? הער נאָר דו, קלויזניק וואָס דו ביזט!

— ניט ער זיך שעלמיש אַ כאַפּ און שטעלט אויף מיר אָן זיינע שווימענדע גרויע אויגן — אַ יאָ, אַז די קאָלאָניזאַציע איז אַ ריין, כשר, אָרנטליך שטיקל ברויט? אָבער—טוט ער אַ טרייסל מיט זיין באַוואַקסענעם קאָפּ — אָבער ס'איז שווער זיך דערצו צוגעוויינען! כ'לעבן שווער... בפרט דאָ אין אַרגענטינע, אַזאַ פריי פעלד, אַ נייע וועלט... אונזער חברה וועט דאָ מאַכן געשעפט און נתעשר ווערן...

איך האָב קוים דערלעבט, אַז מיין פרוי זאָל אויפשטיין פון קימפּעט און תיכף בין איך געגאַנגען צו גערבילן און אים געבעטן, אַז ער זאָל מיך אויפן לאַנד שיקן. כ'האָב שוין אויך געפונען אַ גורל־שכן, אַ יונגן מאַן פון אַ יאָר צוואַנציג, לייב ווילענסקי, מיט זיין אַכצעהן יעהריגער ווייבל, ראָזע — אויך עלנטע, אָהן קרובים אין לאַגער און וועמעס ביידל איז געווען אין שכנות מיט מיין גאַלפּאָנטשיק. הער ווילענסקי האָט היינט ב"ה צעהן קינדער, פילע אויסגעגעבענע, איז אַן אָרנטליכער קאָלאָניסט, און מיר זיינען ביז היינט די בעסטע פריינט פאַרבליבן. אינם לויף פון דער דערציילונג וועט מיר נאָך אויסקומען אַ סך מאָל אים צו דערמאָנען.

איך האָב אַרויסגעצויגן דעם נומער 43, אי פאַר מיר, אי פאַר מיין שכן ווילענסקי, און ס'איז באַשטימט געוואָרן אַז מיר גייען אויפן קאַמפּ.

XXII

די ערשטע טעג אויפן קאַמפּ.

אין אַ פרייטאָג גאַנץ פריה איז צו מיין ביידל צוגעפאָרן אַ „קאַרעטע“ און מיך, מיין פאַמיליע, מיין בלעבענע שטוב, מיין קליין הינטעלע גלינקאָ, מיט בכל־מכל־כל, אַלעס אַרויפגענומען, גערביל איז דערביי געשטאַנען און מיר צוגעזאָגט, אַז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער וועט ער אויך ווילענסקין אַריבערפירן. דער וואָגן האָט געדירט, און אויף אַ הייסבלוטיגן שוואַרצן פערד האָט פּאָראויס גאַלאָפּירט דעם אינזשעניערס אַ פּעאָן מיטן פלאַן אין האַנט, אום אנצוצייגן דעם נומער לאַנד.

אַ שעה רייזע האָט געדויערט מיטן וואָגן געשפּאַנט צו צעהן פערד. לאַנגזאַם האָבן זיך די רעדער געקייקלט צווישן די הויכע דערנער און גראָזן, ביז מיר זיינען געקומען צום באַשטימטן פלאַץ, וואו מען האָט אונז אַראָפּגעוואָרפן אויפן סטעפּ: אַ פּוסט פעלד באַוואַקסן מיט הויכע ווילדע גראָזן מכל המינים. דער אָנטרייבער האָט מיט זיין בייטש אויסגעקנאַלט און איז אַוועקגעפאָרן.

האָבן מיר אָנגעפאַנגען צוזאַמענלייגן אונזער בעל־הביתישקייט: אַ זעקעלע גאַליעטן, אַ קאַפּעטשקע צוקער, טיי, אַ שטיק פלייש — דעם פּראָוויאַנט, וואָס מען האָט אונז פון דער אַדמיניסטראַציע מיטגעגעבן. דאַן דעם רעמאַנענט: אַ ריסקאַל, אַ האַק, אַ שטריק, אַ עמער אויף וואַסער, שוועבעלאַך און קעראָסין.

דערווייל איז אויך אָנגעלאָפן דעם אינזשעניערס „פּעאָן“:

— קומט, וועל איך אייך אָנצייגן אייער לאַנד! — ער האָט פונאַנדערגעוויקלט זיין פלאַן און מיטן פינגער געוויזן — אָט זעהט:

גרופּע נומער 43. טויזנט מעטר די לענג צו „אָעסטע" — צום מערב־זייט, פינף־הונדערט די ברייט פון זיך צו נאָרד — דאָס שטעלט צוזאַמען פופציג העקטאַר. אָט דאָס איז אייער ערד! אַדיע! — האָט ער פאַרענדיגט — די „עסטאַקאַס", דאָס וועט איר שוין אַליין געפינען: פלעקער פון רויט־האָליץ, אויף וועלכע עס איז אויסגעברענט דער נומער 78 פון אייער לאָטע; פאַרשטאַנען, האַ? — און ניט אָפּוואַרטנדיג קיין ענטפער, האָט ער צע־לאָזן זיין פלינקן פערד און איז פאַרשוואונדן.

— וואָס זאָגסטו אויף וואָס פאַר אַן אַרט מען האָט אונז דאָס לאַנד איבערגעגעבן? — האָב איך צו מיין פרוי געזאָגט — איך הויב ניט אָן וויסן וואָס און ווען...

— אַ דאַגה האָסטו — ענטפערט זי מיר — מירן שוין שפּע־טער אויסגעפינען די גרענעצן און זיך אויסלערנען די מלאָכה, דערווייל לאָמיר אויפשטעלן אונזער געצעלט און אָנהאָדעווען די קינדער. אָט לאָמיר עפּעס טאָן און ניט זיצן ליידיג...

די ערשטע נויטווענדיגקייט, וואָס מיר האָבן באַלד דערפילט, איז געווען: וואַסער. עסן האָבן מיר זיך פאַרזאָרגט. אָבער וועגן וואַסער האָבן מיר אַפילו ניט געטראַכט. וואו נעמט מען וואַסער? אַרום און אַרום — פעלד און גראָז, פּוסט און לער, הימל און ערד. גיין ערגעץ זוכן אַ טייכל האָבן מיר מורא געהאַט פאַרן ווילדן סקאָט וואָס האָט זיך אין די טויזנטער שטיקלאַך אַרומגע־דרייט איבערן „קאַמפּ".

מיר האָבן שוין אַ ביישפּיל געהאַט פון יוסל באַלאַטניקאָוו, וועמען עס האָבן אַ הונדערט „שטיקלאַך" אַרומגערינגלט אין מיטן פעלד, האָבן גערעוועט, געברומט, מיט די פיס די ערד גע־וואָרפן און אַ דריי שעה אים אין פלען געהאַלטן. ער איז שיער ניט אויסגעגאַנגען פאַר שרעק, וואַרפנדיג זיך אויף אַלע זייטן, גוואַלדעווענדיג און טרייבנדיג, וואָס עס האָט זיי נאָך מער צע־רייצט. גליקליכערווייזע איז אָנגעלאָפן אַ רייטער, פאַר וועלכן זיי האָבן גרעסטנטיילס מורא, און האָט זיי צעטריבן, באַפרייענדיג דעם געפאַנגענעם.

— אַ פּעלער האָבן מיר געמאַכט. מיר האָבן געדאַרפט מיטנעמען אַ „דאַמאָכוואַן“ — אַ בוטל מיט וואַסער — האָט מיין פרוי באַמערקט.

די נויט איז דער בעסטער לערער, און זי האָט אונז אָנגעוויזן דעם מיטל. מיר האָבן גענומען דעם ריסקאַל און זיך געשטעלט גראָבן די ווייכע ערד. וועקסלענדיג זיך מיט מיין פרוי, האָבן מיר מיטן שאַרפן רידל אויסגעגראָבן אַן אָנדערטהאַלבן מעטער די טיף און באַלד אָנגעטראָפן פריש־וואַסער. היינט מוז מען שוין גראָבן 10 און 15 מעטער די טיף, אום צוצוקומען צו אַ וואַסער־אָדער. ווי גליקליך זיינען מיר געווען, באַקומענדיג זיסע, גוטע וואַסער! ס׳איז נאָך אמת געווען עטוואָס ליימיג, אָבער באַטעמט.

— ווי גליקליך! — האָט מיין פרוי אַנטציקט געזאָגט — אייגענע וואַסער אויף אייגן לאַנד און דורך אונזער אייגענער אַרבעט באַקומען. אַברהם — האָט זי זיך געווענדט צו אונזער בכור, דעם אַכט־יעריגן יינגל — מאַך אַ ברכה און טרינק דאָס זיסע וואַסער!

— נאָך מער דאַרפן מיר זיך פרייען, וואָס מיר האָבן געפטרט די כאַליאַסטרע, דעם שמוץ, די פרויען־הענדלער און די גנבים — האָב איך צוגעגעבן.

מיר האָבן אויפגעגעסן אַ „גאַליעט“, פאַרטרונקען מיט דער געשמאַקער וואַסער און זיך פלייסיג גענומען אונזער געצעלט אויפצושטעלן. מיין אַברהם און דאָס מיידעלע רבקה, פון זעקס יאָר, האָבן מיטגעהאָלפן אַרבעטן, דערלאַנגענדיג אַלעס צום האַנד.

די נאַכט איז אונטערגעפאַלן, און מיר האָבן פון די בלעכן קוים צוויי ווענט באַוויזן אויפצושטעלן.

ס׳איז שבת געוואָרן. מיין פרוי האָט אירע צוויי שבת־ליכט געבענטשט, און איך מיט מיין יינגל האָבן אונטער גאָטס גרויסן און ברייטן הימל מקבל שבת געווען.

אונזער פרייטאָג־צו־נאַכטיגע סעודה איז געבאַך אַן אָרימע געווען. ווידער גאַליעטן מיט וואַסער. אַ שטיקל פלייש קיין צייט ניט געהאַט אָפּצוקאָכן אָדער אָפּצובראטן. אין דער האַלבער ביידל האָבן מיר די קינדער שלאָפן געלייגט און אַליין זיך אין

דרויסן אויף אַ קעסטל אַנידערגעזעצט און גענומען פּלאַנעווען, ווי אונזער נייע היים, איינצואָרדענען.

די לבנה איז פון די „זשווזשעס״ אַרויסגעקראָכן און אין אַ צירקל געשוואומען אַנטקעגן אונז. איך האָב דער נאַכט־הער־שערין אין פּנים אַריינגעקוקט און מיר האָט זיך געדאַכט, דאָס זי שמייכלט צו אונז ביידן... זי איז אפּנים צופרידן געווען, מיט מענשן צו פאַרברענגען אינם פוסטן פעלד, וואו זי בלאָנזשעט אַרום טויזנטער יאָרן און זעהט פאַר זיך ניט קיין פריינטליכן געזיכט...

ס׳האָט זיך געהערט דאָס קוואַקען פון זשאַבעס — אַ סימן, אַז ניט ווייט איז אַן אָזערע פאַראַן... אַ פּאָר סאָוועס זיינען אָנ־געפלויגן און האָבן זיך אפּנים פאַרוואונדערט, דערזעהענדיג אומ־געריכטע געסט. זיי האָבן עטליכע הקפות געמאַכט אַרום אונזער געצעלט און אויף זייער לשון גענרילצט אין די אויערן. האָבן זיי געשאָלטן, געבענטשט? ווער ווייסט עס. ענדליך זיינען זיי מיד געוואָרן, האָבן אויף אונז אָנגעשטעלט זייערע געל־מעטאַלענע, קיי־לעכדיגע אויגן, אונז צולעצט פאַרגלעזערט אָנגעקוקט און לסוף זיך אַוועקגעטראָגן הינטער דער לבנה.

מיר זיינען פאַרבליבן אַליין, גאַנץ אַליין אין דער מוטער־נאַכט, צווישן די ששת־ימי־בראשיתדיגע גראָזן, וואָס די פוס פון אַ ווייסן מענשן האָט נאָך געווים ניט באַטראָטן... אַליין אין געהיימנים־פולן פּאַמפּאַ־מדבר. אָבער די האָפנונג, וואָס באַגלייט תמיד דעם מענשן אין זיין שווערן לעבנס־וועג, האָט אונז דאַן אויך ניט פאַר־לאָזן און האָט אונז איינגעפליסטערט זיסע טרוימען איבער אַ גליקליכער צוקונפט.

זיינען מיר געזעסן און פּראָיעקטן געפלאָכטן: פּלענער גע־מאַכט, ווי די שטוב צו פאַרפוצן, אַ גאָרטן זעצן, אַ סאָד און אַ גאַנצן וואַלד פלאַנצן. האָדעווען בהמות און עופות און ענדליך ווערן רייך, שטיין־רייך, אַריבערברענגען די עלטערן פון רוסלאַנד און פון גאַליציע, קינדער אויפציהען און פאַר לייט מאַכן, און... און...

לאַנג האָבן מיר געשמועסט, ביז ס׳איז געוואָרן שפּעט ביי נאַכט, און ווען מיר האָבן ערוואַכט פון אונזערע חלומות און זיך אַרומגעקוקט, האָבן מיר זיך איבעראַשט אויפגעשטעלט, און מיין פרוי, צוטולענדיג זיך צו מיר, האָט מיט אַנטציקונג און עהרפורכט שטיל געפליסטערט.

— ווי שיין די נאַטור איז! ווי גרויסאַרטיג ס׳איז רונד־אַרום; אַך, ווי זעלטען שיין!

אַרום, אין דער אומענדליכער ווייטקייט, אויף וויפיל דאָס אויג האָט פאַרכאַפּט, האָבן געשימערירט עלעקטרישע פונקען: ליכט־לאַך האָבן אויפגעפלאַמט און צווישן די גראָזן געצאַנקט... אויף דער ערד זיינען צעשאָטן געווען גין־גאָלדענע פליטערלאַך. אַ שטיל מורמלען האָט זיך געטראָגן פון צווישן די גראָזן. אַ לייכט וויג־טעלע האָט די קעפּלאַך פון די אייביגע געוויקסן איינס צום אַנדערן צוגעבויגן, און זיי האָבן זיך שטיל געסודעט — אפנים פון ליבע גערעדט... איך קען שווערן, דאָס מיר האָבן אַליין געהערט, ווי די נאַטור זעלבסט האָט צו אונז גערעדט און אונז איבערגעגעבן די אומשטערבליכקייט פון איר גרויסער מיסטעריע...

מיר זיינען ביז צום העכסטן באַגייסטערט געוואָרן. די מורא איז פון אונז פאַרשוואונדן, און מיר האָבן זיך געפילט זיכער, אונטער דער שוץ פון גאָטס גרויסקייט און אין דער נאָהענטקייט פון דער נאַטורס רייכטימער...

קיין חיות רעות זיינען אין געגנט ניט געווען — דאָס האָבן מיר געוואוסט. די אינדיאַנער, וואָס האָבן זיך אַמאָל דאָ אויפגעהאַלטן, זיינען שוין לאַנג פאַרטריבן געוואָרן העט־העט גאַנץ ווייט, און פילנדיג זיך זיכער, ווען זאָגאַר איינזאַם, האָבן מיר אַפּאָר בלעכן אַוועקגעלייגט קווער ביי דער זייט פון ביידל, און מיט צופרידנ־הייט איינגעשלאָפן די ערשטע נאַכט אויף אונזער ערד.

שבת פריה, פייער טאָר מען ניט מאַכן. די פרוי מיינע זויגט אַ פּיצל קינד, זי דאַרף נויטיג אַ גלאָז טיי, און כ׳האָב געוואָלט מתיר זיין מיין אברהמען ער זאָל פייער מאַכן. אָבער מיין פרוי, אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישע, האָט עס ניט דערלאָזט.

— מיר טאָרן ניט ווייזן די קינדער קיין וועג מחלל־שבת צו זיין! — האָט זי געפּאָדערט.

אָבער יעצט האָבן די קינדער אַליין אַ היתר אויסגעפונען, און נאָך וואָס אַ היתר: אויף כּל התורה כּולה...

דאַמאָלסט האָבן מיר דעם טאָג אָפּגעפאַסט, די קינדער איינגע־ווייקטע גאַליעטן מיט שוואַרצליכן זאַמדצוקער באַשאָטן, און מיר האָבן זיך געשפּייזט מיט גאָלדענע חלומות... דערפאַר אָבער מוצאי־שבת האָבן מיר פון אַ פּאָר קילאָס פלייש אַ בראַטן גע־מאַכט, געגעסן פעט־פלייש און פאַרטרונקען מיט זיסער טיי.

זונטאָג האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט. די דריקלאַך פון דעם ביידל זיינען געוועזן צוגעמאָסטענע, צוגעפּאַסטע און צוגע־שניטענע; שרויפן און טשוועקעס לרוב אַזוי, אַז גיך איז אונזער בלעכענע הייזקע פאַרטיג געוואָרן. דעם צינקענעם עמערל צו־געבונדן צו אַ שטריק און אויך צורעכט געמאַכט דעם ברוינעם, דאָס מ׳זאָל קענען וואַסער שעפּן. אָט אויף אַזאַ אופן זיינען מיר צו מזל בעלי־בתּים געוואָרן.

XXIII

אומזיסטע שרעק פאַר ניצליכע רוהיגע חיות.

אויפן דריטן טאָג האָבן מיר אַרום שטוב אָפּגעשאָבן אַ גרויסן פּלאַץ, אָפּגערייניגט די דערנער און גראָזן און אויסגעבויט אַן ער־דענעם אויוון. דאַמאָלסט האָבן מיר זיך אַרומגעזעהן, אַז עס וועט אונז פעלן הייצונג.

— מען דאַרף גיין קלויבן קיזיק. קיין ווילדן סקאָט זעהט מען ניט, איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן.

— נעם מיט גלינקאַן! — האָט מיר מיין פרוי אַן עצה געגעבן. איך האָב גענומען אַ זאַק, גערופן מיין הינטל, וואָס איז געוועזן אַ נאָמען נאָכן קאַמענעצער גובערנאַטער, און זיך געלאָזן אין פעלד אַריין.

אָפּגייענדיג אַ שטיק־וועג, האָב איך זיך באַטראַכט, אַז מען דאַרף אָפּט זיך אומקוקן אויף הינטן, אום ניט צו פאַרבלאָנדזשען אינם וואַלד גראָזן. אויף אַ מרחק פון עטליכע הונדערט מעטר, האָבנדיג אָנגעקליבן דאָס מין, נעם איך מיר דעם פולן זאַק אויף די פּלייצעס און וויל זיך לאָזן גיין אַהיים; אָבער ווענדנדיג מיין בליק אין ריכטונג צו מיין הייזקע, דוכט זיך מיר, דאָס אַ מענש שטייט אויפן דאַך. וואָס זאָל עס זיין? בלויז אַ מיראַזש? איז עס די קראַפט פון כח הדמיון, וואָס בלענדט מיר די ראיה? אַ פּחד האָט מיך באַהערשט. זיינען דאָרט חלילה גאַאוטשאָס אָנגעפאַלן אויף מיין פרוי מיט די קינדער? פּילייכט בלאָנקען נאָך אַרום מענשנפרעסער אינם נעגנט?

איך שליידער אַוועק דעם זאַק און לאָז מיך לויפן צווישן בו־ריאַן. וואָס איך דערנעהנטער זיך, אַליץ דייטליכער זעה איך דאָרט

די מענשליכע פיגור: אָבער די שאַרפע זונגען־שטראַלן, וואָס פינ־קלען פונקט אַנטקעגן, שטערן די פערזאָן צו דערקאָנען.

— שנעל „גלינקא" — רייד איך צום הינטל, אום אַזוי זיך מוט צו שאַפן — קום לאָמיר לויפן, עפּעס איז דאָרט געשעהן.

איינגעטונקען אין שוויס, צעשמיסן ביז בלוט פון די בוריאַ־נעס און גראָזן, וואָס האָבן מיר איבערן געזיכט געצוויקט, בין איך מיט אימפעט און שרעק געלאָפן... איך דערקען שוין די פער־זאָן: מיין פרוי מיטן יינגל שטייען אויפן פלאַכן דעכל און קוקן עפּעס ווייט פאָריבער אין די גראָזן. שרייען האָב איך מורא גע־האַט, ווייל ווער ווייסט, וואָס דאָרט קומט פאָר, און איך מיט מיינע קולות קען נאָך פאַרגרעסערן די געפאַר... לויף איך נאָך האַסטי־גער. אָבער „גלינקא" האָט אָנגעהויבן האַווקען: מיין פרוי האָט מיך דערזעהן און מיטן האַנט האָט זי מיר אָנגעצייגט: דאָס איך זאָל זיך פאַרנעמען לינקס און ניט גיין אין דער זייט, וואוהין זי, די פרוי מיינע, קוקט.

אין איייניגע מינוט אַרום בין איך אויך אויפן דאַך געשטאַנען. מיין פרוי, אַ בלאַסע, אַ דערשראָקענע ציינט מיר, אַז דאָרט דרייט זיך אַרום עפּעס אַ משונהדיגע חיה, מיט אַ לאַנגן האַלז, און דער־ציילט מיר, דאָס די בריאָה איז אָקאָרשט געוועזן נאָהענט פון הייזל, האָט זי פאַר מורא גוט פאַרריגלט די טיר און אַרויפגעקלעטערט אויפן דאַך.

— זעה נאָר, זעה נאָר! דאָרט איז עס! — ציהט מיך ביים האַנט מיין איבערראַשטע פרוי.

„גלינקאַ" האָט די חיה דערפיהלט און זיך געוואָרפן אויף איר סליאַד און זי צעפּוזשעט. ערשט דאַן האָב איך דערזעהן אַ פויגל גרויס ווי אַ קאַלב, מיט גרוי־ווייסליכע פעדערן, אַ פּאָר שוואַרצע הויכע און פעסטע פיס, מיט אַן אומגעלומפערטן לאַנגן האַלז.

— דאָס איז דאָך אַ שטרויס־פויגל! — האָב איך זי באַרו־היגט. אומזיסטיגע שרעק געוועזן.

שפעטער פלעגן מיר פאַנגען די יונגע שטרויסן אַקוראַט ווי די גרויסע „גאמאָס“ — די הירשן, און צוזאַמען מיט זייער קליינ־וואַרג זיי צוגעוואוינען צום שטוב און זיי פאַרוואַנדלען אין נוצ־ליכע הויז־חיות.

אויפן דריטן טאָג נאָך דער פריהערדיגער פאַסירונג, האָט אַ וואָגן געבראַכט מיין גורל־שכן, ווילענסקין מיט זיין פרוי.

אונזער שמחה איז געוואָרן אַן אומבאַשרייבליכע, מיר זיינען שוין מער ניט געווען איינזאַם.

און פון דעם מאָמענט הויבט זיך אָן אונזער שאַפן, בויען און פלאַנצן, די לאַנדווירטשאַפטליכע איינאָרדנונג אין אונזער נייער היים.

XXIV

מיין ערשטע „מולא" און די ערשטע קוה.

אַז מיר האָבן מיין שכנס שטוב צונויפגעשטעלט, בין איך מיט אים צופוס אַוועק אין דער אַדמיניסטראַציע. מיר האָבן זיך אַדורכגעגנבעט דורך די סטאַדעס ווילדע פי און בשלום אַהינצו אָנגעקומען. מיר האָבן זיך צו די אַדמיניסטראַטאָרן מיט אַ בקשה געווענדעט, אַז זיי זאָלן אונז געבן רעמאַנענט, אום צו קענען אַקערן און זייען, און פערד צום רייטן: ווייל אָהן אַ פערד איז אין „קאַמפּ" אוממעגליך דורכצוקומען.

דער הער וואולף האָט שטיל זיך באַראַטן מיט גערבילן און באַלד עפּעס באַפוילן דאָן כוליאָן, וועלכער איז שנעל אַוועקגעריטן און גיך געבראַכט אַ מוילאייזל — „מולאַ" און איין פערד.

— איך זעה אָן אייך — האָט דער אַדמיניסטראַטאָר שמייכלענד געזאָגט — אַז איר זיינט פון צו הויז ניט פון די גרויסע רייטערס. דארום וועל איך אייך געבן אַ שפּאַנישן זאָטל מיט דער דאָזיגער צאַהמער געלער „מולא" און אייער „אַמיגאָ" ווילענסקי, וואָס שיינט אַ געשיקטער יונג צו זיין, וועל איך דערווייל געבן דעם ברוינעם „פּאָטראָ", אָבער אָהן אַ זאָטל. שפּעטער וועט ער אויך ד אָ ס באַקומען.

אַ גאַנצע מענגע מענער, פרויען און קינדער, זיינען זיך פון לאַגער אָנגעלאָפן, כדי צו זעהן, ווי די ע ר ש ט ע ק אָ ל אָ נ י ס ט ן — אזוי האָט מען אונז און די ברידער קיילעס אָנגערופן — וועלן זיך זעצן אויף די פערד. ווילענסקי איז טאַקע געוועזן אַ

גוטער רייטער נאָך פון דער היים אויס: ער האָט פלינק זיך אויפגעזעצט אויפן יונגן, פרייליכן פערדל, און הגם ער האָט תחילת געטאַנצט, זיך געוואָרפן און די ביישטייענדע האָבן אַלע אָפּגעוואַרט צו זעהן, ווי ער שליידערט אים אַרונטער — דאָך האָבן זיי אַזאַ שמחה זיך ניט דערוואַרט. ווילענסקי האָט דאָס פערד באַהערשט, די לייצעס פעסט געהאַלטן און מיטן אייזער־נעם מושטוק אים צוערשט דאָס מויל צעבלוטיגט, ביז דער „פּאַטראָ“ האָט זיך אונטערגעגעבן. דאַגעגן איז מיין געלע „מו־לאַ“ געווען אַ רוהיגע, שטילע בהמה... האָט מיט מיר אַ פּאָר הקפות געמאַכט, זיך אויסגעהירזשעט און דערמיט, ווייזט אויס, אָנערקענט מיין אויטאָריטעט, אַוועקטראָגנדיג מיך געדולדיג.

די לאַנגער־יידן האָבן אָפּגעשפּאָטן פונם גאַנצן געשעפט. קאַ־בייץ מיט זיין חבריא האָבן אונז באַדויערט, באַמערקנדיג: — מען האָט געדאַרפט וואַרטן אויף גאָלדשמידן און ניט נעמען אויף זיך אַזוי איילענד דעם שקלאַפן־יאָך.

מיר האָבן אונזערס געטאָן און רייטנדיג אַהיים געקומען.

— זעה נאָר, ראָזע — האָט מיין שכן, אָנקומענדיג פון ווייטן, געשריען — זעה נאָר מיין „מישאַק“ — אַזוי האָט ער זיין „ברוינעם“ מיט אַ נאָמען געבענשט.

די פרויען און קינדער זיינען מלא שמחה געוואָרן, דערזעהענ־דיג דאָס פערד מיטן מויל־אייזל.

— אַהאַ! מיר ווערן טאַקע קאָלאָניסטן אויף אַן אמת! — האָבן זיי פרייליך אויסגעשריען.

צו אַלעם ערשט האָבן זיך די פרויען און קינדער גענומען לערנען רייטן. די גוטע, אַלטע, רוהיגע „מולא“ איז אַ גע־טרייע לערערין געווען. עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָט זיך אַלע מאָל אַן אַנדער פרוי אַרויפגעזעצט אויפן ווייכן זאָטל, און איינער פון אונז פלעגט זי אויפן „מישאַק“ באַגלייטן. אַזוי איז מען אַרומגעריטן איבערן סטעפּ, געזוכט אייער פון פויגל און באַטראַכט די פּי, וואָס האָבן זיך אין די אלפים געפּאַשעט אויפן פעלד.

שפּעטער זיינען די פרויען אויסגעצייכנטע רייטערינס געוואָרן און אונז דערמיט פיל נוצן געבראַכט. מיר פלעגן אַרבעטן אין פעלד מיטן פלוג, און זיי זיינען געפאָרן אין קלייט און גע־בראַכט די נויטיגע שפּייז. נאָר דערפון וועל איך נאָך רעדן.

האָבנדיג „פערד", האָט זיך שוין געגלוסט אַ קוה צו באַקו־מען — אַביסל מילך פאַר די קינדער.

— אַזוי פיל קיה מיט קעלבלאַך דרייען זיך אַרום איבערן קאַמפּ! — טענהן די פרויען — איר האָט שטריק, טאָ כאַפּט אַ קוה, וועלן מיר זי צאַהמען און מילך האָבן.

מיר האָבן פון אַ שטריק אַ „לאַסאָ" געמאַכט, זיך געזעצט אויף די פערד און זיך געלאָזט אויפן געיעג.

אויפן גרענעץ פון אַליסע מיט אַלגאָרָאָבאָ האָט זיך דאַמאָלסט געפונען אַ גרויסער און היפּשער וואַלד. קיינער ווייסט ניט באַ־שטימט ווער ס׳האָט אים געפלאַנצט, ווייל סעניאָר רעמעלאָ פראַנקאָ, דער ערשטער ווירט פונם לאַנד, פאַרזיכערט, אַז זיינע עלטערן, וואָס האָבן דאָרט כסדר געקעמפט מיט די אינדיאַנער, האָבן שוין דעם וואַלד געטראָפן פונקט אַזוי צעוואַקסן און גע־דיכט, ווי ער איז איצט געווען. שפּעטער איז דער דאָזיגער וואַלד נאָכן גורל אַריינגעפאַלן צו אונזער שוחט יצחק קרעל, און ער האָט פון זיין שיינקייט און עלטער אַ תּל געמאַכט. מיטן יידישן מכחר־גייסט און שוחטישער תּמימות האָט ער פונם אורוואַלד ביז צום לעצטן בוים אויסגעהאַקט און פאַרקויפט... אָט צו יענעם וואַלד זיינען מיר צוגעריטן.

אונטערן שאָטן פון די בוימער מיט די גרינע צווייגן, וועלכע זיינען אַריבערגעהאַנגען איבער אַ שמאָל טייכל, וואָס איז באַ־וואַקסן געווען מיט טשערעט אָדער קאַמיש, האָבן זיך געפּאַ־שעט אַ סך קיה מיט קעלבלאַך. נאָרוואָס געבוירענע קעלבלאַך זיינען געלעגן נעבן די קוסטעס, פינטלענדיג אַנטקעגן דער זון מיט זייערע תמעוואַטע, פאַרטערנטע אויגעלאַך. ווילענסקי, אַלס דאָרפס־מאַן, איז אַנטציקט געוואָרן פון סקאָט.

— זעהט נאָר, אָט יענע ראַבע קוה! — זאָגט ער ענטוזיאַס־טיש — אַן עכטע האָלענדער, און דאָרט זיינען שווייצאַרסקע קיה, ביי אונז אין אוקראַינע האָט אַ יעדע דעם ווערט פון צוויי הונדערט רובל.

לאַנגזאַם זיינען מיר אַרום וואַלד גערוטן און אַלעס באַטראַכט. יעדע קוה האָט אויף די הערנער געהאַט אַן אויסגעברענטן נומער. „געוויס פון ריין בלוטיגער ראַסע" — האָבן מיר געטראַכט.

מיר האָבן פלענער געמאַכט ווי־אַזוי איינער פון די „פינאַ" קיה צו פאַנגען.

— אָט־אָ־דאָ! — זאָגט צו מיר מיין חבר גאַנץ שטיל — איר זעהט דאָ די צעצווייגטע ווערבע, וואָס איז אָנגעבויגן ביז צו דער ערד? פאָרט נאָר צו נעהענטער!

בלייך שנעל איז ער פונם פערד אַראָפגעשפרונגען, צווישן די צווייגן געכאַפּט אַ קליין קעלבעלע און דאָס אַריבערגעלייגט איבער מיין זאָטל און באַפוילן: „פאָרט און האַלט זיך נאָר פעסט!" אַליין איז ער שוין ווידער אויפן „מישאַק" געזעסן.

דאָס קעלבעלע האָט יאָמערליך געמעקעט און אַ יונגע קאַש־טאַנע קוה האָט עס דערהערט און זיך ווילד געלאָזט לויפן, אום מיך דורס צו זיין און איר „קינד" צו פאַרטיידיגן... ווילענסקי איז אָבער פלינק צוגעשפרונגען מיט זיין פערד און מיטן שטילכל פון דעם אַראַפּניק דערלאַנגט אַ מעכטיגן זעץ דער קוה צווישן די הערנער: די קוה איז אָפּגעלאָפן אָן אַ זייט, האָט נערוועט און ביז מיט די קלויען די ערד געפּאָרפּעלט. איך האָב דערווייל אָפּגעריטן אַ היפּשע שטרעקע. דאָס קעלבל איז זיך געלעגן קווער איבערן זאָטל און אומאויפהערליך געמעקעט, און די קוה האָט עטליכע מאָל זיך געוואָרפן אויף דער „מולאַ", זוכנדיג מיט די הערנער זי דורכצולעכערן, אָבער שטענדיג איז זי אָפּגע־טראָטן פאַר דער „רעווענקאַ" פון מיין שכן, וואָס האָט מיך באַ־וואַכט. אַזוי זיינען מיר געקומען אַהיים, באַגלייט מיט דער משונה־דיגער רעווערײ פון דער בהמה, און פאַמעלאַך האָבן מיר זי אויך אַריינגענאַרט אין „קאָראַל", וואָס מיר האָבן נאָך פון פריער

פאַרטיג געהאַט, אַרומצוימענדיג מיט סלופּעס אַ שטיק פּלאַץ. דאָרט האָבן מיר אויף איר די לאַסע פּאַרוואָרפן, זי אויף דער ערד אַנידערגעלייגט, אָפּגעזעגט די שפּיצן פון אירע הערנער, אום זי זאָל ניט קענען דורכלעכערן, אין פאַל זי וועט אימעצן שטעכן און טאַקע ליגנדיגערהייט זי שוין אויך אויסגעמאָלקן.

שפּעטער האָבן מיר נאָך אַ פּאָר קיה געפאַנגען. אייניגע האָבן זיך אונטערגעגעבן, אַנדערע האָבן מחמת ווילדקייט פּשוט געקראַפּירט אָדער פלעגן זיך פאַרפּלאָנטערן אין די שטריק און דערוואָרגן ווערן. די אַלטע „מולאַ" פלעגט שוין מוזן מיט אַלע כחות אוועקשלעפּן די פגירות ביז דער אָזערע, אום די לופט ניט צו פאַרפּעסטן און בכדי די אַדמיניסטראַציע זאָל זיך ניט דערוויסן... צעהנדליגער בהמות זענען אַזוי קאַפּוט געגאַנגען אין די הענט פון די ערשטע קאָלאָניסטן.

אויף אַזאַ אופן, מיט מסירת נפש און שווערער מיה, איז אונז געלונגען אויסצומאַנסירן צו צוויי קיה פון די בעסטע. מילך און פּוטער איז געווען לרוב.

XXV.

די אָקסן און אונזער „דיאַדקאָ“.

אונזער גאַנצער אידעאַל איז דאַמאָלסט געווען „ווערן אַ קאָלאָניסט“, און דערצו האָבן מיר טאַקע געשטרעבט מיט אַלע כחות.

האָט אונז דאָס גליק צוגעשפּילט. עפּעס אַ פּריש ווינטל האָט געוויהט אין דער אַדמיניסטראַציע. בשעת מיר זיינען אַראָפּגעקומען בעטן פּלוגעס און אָקסן וועגן לאַנד־אַרבעט, האָט מען אונז תיכף געגעבן צו צוויי אָקסן אויף אַ משפּחה. מיר — איינעם אַ שוואַרצן און איינעם אַ ווייסן, אַ „נעגראָ“ און „פּאַלאָמאָ“, און מיין שכן — אַ ראַבן, „פּיקאַסאָ“, און דעם צווייטן, אַ טונקל־ברוינעם, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „טשאַווטשאָ“. ביידע פּאָרלאַך זיינען צוזאַמענגעבונדן געווען מיט נייע גראָבע שטריק. דערצו אויך צוויי קליינע איין־לעמישנע האַנט־פּלוגלאַך, מיט די נויטיגע מכשירים צו דער אַרבעט; דהיינו: אַ היל־צערנעם „זשוג“; „קאָזשונטאַס“ אָדער רימענעס, אמת ווייכע ווי רצועות, אויסגעגאַרבעטע מיט חלב; אַ לאַנגע „פּיקאַנאַ“ מיט אַ פאַרשאַרפטן טשוואָק, אום אָנצוטרייבן די אָקסן; אַן אויער־שטריקל פאַרן „רעכטן“ אָקס... פּריילין, בלויז אונטערן באַדרויערנס־בליק און קנאה פון די לאַנגער־יידן, זיינען מיר מיטן דאָזיגן אַגרי־קולטור־רכוש אַהיים געגאַנגען.

אונזערע פרויען, די קאָלאָניסטקעס, האָבן תענוג געשעפּט פון די צונויפגעבונדענע אָקסן, וואָס האָבן זיך רוהיג געפּאַשעט נעבן די הייזקעס. אַממייסטן איז זיי געפעלן געווען דער „פּאַלאָמאָ“

— ווייס ווי שניי און גוט, ליבליך ווי אַ טויב. אפשר דערפאַר האָט מען אים באַקרוינט מיטן נאָמען „פּאַלאָמאָ“ — טויב. די ווייבער האָבן אים געגלעט, געלאַסטשעט און צו אים גערעדט, און די קינדער האָבן זיך געצאַצקעט מיט די בלאַסקענדע שטאָלענע לעמישעס פון די פּלוגלאַך און זיך געשפּיגלט אין זייער מעטאַלענעם גלאַנץ.

צומאָרגענס, נאָך איידער די זון האָט זיך פון צווישן די קאַמיש-גראָזן אַרויסגעפּלאָנטערט, ווען דער טוי האָט נאָך געטריפט איבערן קאָפּ, איז צו אונזערע הייזקעס צוגעפאָרן אַ רייטער, דער אַלטער מ ו ר ע ט אָ, דער מחנך, וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט באַדונגען די רעקרוטן-קאָלאָניסטן צו לערנען אַקערן...

אויפן „דיאַדקעס“ באָרד האָבן, ווי די פּליטערלאַך, טראָפּנס טוי געפינקלט: אַ זיסער שמייכל האָט זיך איבער זיין צעפּאַלבטן ברוינעם פּנים צעגאָסן, בשעת זיינע דינע ליפּן האָבן מיט גוטמוטיגער ליבליכקייט אונז באַגריסט מיט אַ „בוען דיאַ“.

— דער רבי איז געקומען אונז דאָס ערשטע מאָל אָנצוטאָן די תּפילין! — האָט מיין שכן זיך געוויצלט.

אַ חדוה האָט אונז אַרומגעכאַפּט, דאָס האַרץ האָט זיך ווי אין האָניק געגליטשט... עפּעס אַ קליינינקייט! מיר הויבן זיך אָן לערנען ה ל כ ו ת ע ב ו ד ת ה א ד מ ה!

צוזאַמען מיטן „דיאַדקאָ“ האָבן מיר „מאַטע“ געטרונקען און זיך פלייסיג צוגעקוקט, ווי דער אַלטער קרעאָל בינדט צו די רצועות אויפן זשוג און מאַכט די הכנות צום סדר... די אָקסן האָט מען אין „קאָראַל“ פאַרטריבן און דאָן מורעטאָ האָט אונז געגעבן די ערשטע לעקציע אין הלכות ז ש ו ג ע ו ו ע ן אָקסן. געדולדיג און פּאַמעלאַך האָט ער אונז געוויזן ווי צו מאַכן דעם קשר: וויפיל מאָל מען ברויכט די רצועה אַרומוויקלען אַרום רעכטן האָרן און וויפיל אַרום לינקן. צוערשט דעם אָקס רעכטס, נאָכהער דעם צורקאָ-אָקס — לינקס. ווי מ׳דאַרף צוטשעפּען דעם פּלוג, אָנבינדן דאָס אויערל-שטריקל, במקום וואַשקע; ווי צו נעמען דעם מלמד הבקר — די „פּיקאַנאַ“ אין דער רעכטער האַנט, די

וואַשקע אין דער לינקער, אַ שטורך געבן דעם אָקס אין דער בראָזגע — „צורקע", און זאָגן די ברכה:

— „וואַמאָס"! — געגאַנגען!

אַלע זיינען מיר געגאַנגען, אפילו די דריי־יעריגע נאַניע האָט אויך נאָכגעפויזעט נאָכן פלוג, וואָס האָט זיך איבער די גראָזן געגליטשט ווי אויף שניי.

ווער איז דען אימשטאַנד אונזער פרייד אָפּצומאָלן, ווען נאָכ־דעם ווי דער „דיאַדקאָ" האָט אַ פאָר „וואָלטעס" געמאַכט, האָב איך מיט ווילענסקין ביי אים דעם פלוג איבערגענומען און מיר האָבן אַליין די ערד געעפנט? מיר האָבן די „טיעררא ווירכען" — די קרקע בתולה, די אומבאַרירטע ערד, וואָס קיין מענשליכע האַנט האָט נאָך ניט באַאַרבעט — אַליין געאַקערט! שוואַרצע, לאַנגע פאַסן פון איבערגעקערטע סקיבעס האָבן זיך אויסגעלייגט אין אַ גלייכער ליניע און פאַרדעקט די ששת־ימי־בראשיתדיגע גראָזן. אַ פרישער דופט, אַ ריח שדה, האָט אָנגעפילט די לופט.

— קע בוענאָס מוטשאַטשאָס! — וואָס פאַר אַ וואוילע יונ־גען, האָט דער קרעאָל אונז אַ קאָמפּלימענט געמאַכט.

— מאַכט כאָטש אַ ברכה, גוים וואָס איר זיינט! — האָט מיין פרוי געזאָגט, און פריידן־טרערן האָבן אירע אויגן אָנגעפילט.

— ריכטיג, „יעיי באָגו" פאַרגעסן! — פאַרענטפערט זיך דער נאַאיווער ווילענסקי, — מ'דאַרף מאַכן: „בורא פרי האדמה" מיט אַ „שהחיינו" דערצו...

— גאָטעניו, זאָל זיין אין אַ גוטער, אין אַ מזלדיגער שעה! מיר זאָלן שוין דאָ האָבן אַ זיכערע היים און מער ניט וויסן פון קיין פאָגראָם! — האָט די צאַרטע פרוי ווילענסקי מיט אַנדאַכט גע־זאָגט, אויפהויבנדיג אירע אויגן צום הימל.

אַ הייליגער עקסטאַז האָט אונז באַהערשט, און אַ ציטער איז דורך אונזערע גלידער, ווי אַ עלעקטרישער שטראָם אַדורכגע־פלאָסן, און פון אַלעמענס ליפּן האָט הויך און ספּאָנטאַניש אָפּגע־קלונגען אַן „אָמן!"

דער שוויס האָט פון אונז געגאָסן, ווען מיר האָבן מיטן פלוג פאַרענדיגט די אַכט „וואָלטעס“ איבער אַ באַדייטנדן שטיק פעלד. די פרויען זיינען באָרוועסע נאָכגעגאַנגען אין דער מעזשע און האָבן זיך געוויצלט:

— אַ שיינע סאַמעטענע סטענגע טוען זיי אָן אונזער נייער היים — האָט איינע באַמערקט.

— און ווי האַרציג דאָס פּאַסט איר! — האָט די צווייטע איר פריילעך אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין.

זיי האָבן פון פרישע ווייכע ערד קייקעלאַך געמאַכט און מיט אַ מין באַוואוסטזיניגן טריאומף עס אויף אונז געוואָרפן, אויסדריקנ־דיג דערביי אַזאַ מינע, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „נאַט העלדן, קאָ־לאָניסטן אונזערע! איר האָט די שלאַכט העלדיש געוואונען!...

דער „דיאַדקאָ“ האָט אָפּגעגעסן מיטאָג, אָנגעזאָטלט זיין „פאַנגאַרעע“ און זיך שמייכלענדיג געזעגנט מיט אונז:

— בוענאָ מוטשאַטשאָס, האַסטאַ מאַניאַנאַ! — ער איז זיך אַוועקגעריטן מיט דער פאַרשפּרעכונג מאָרגן ווידער צו קומען.

XXVI

אונזערע טראַנספּאָרט־מיטלען.

אַ ליכטיגע וועלט האָט זיך אָנגעהויבן ביי אונז. ס'איז געווען אַרבעט און חשק צו אַרבעטן... און די אָקסן האָבן אונז דאָס לעבן פאַרגרינגערט.

פריער, אַז מען האָט געדאַרפט פון אַלגאַראָבאָ ברענגען היי־צונג אָדער פּראָוויאַנט, איז מען רייטנדיג געפאָרן. די פרוי האָט זיך אויפן מויל־אייזל געזעצט און דאָס זויג־קינד אין אַ דעק אויפגעהאַנגען אויפן האַלז, ווי אַ ציגאַנקע. פון ביידע זייטן זאָטל זיינען נאָכגעהאַנגען „מאַלעטאַס“, אָדער סאַקוועס, וואוהין מ'האָט אַריינגעלעגט די גאַליעטן, צוקער, קעראָסין, און איינער פון די מענער איז געריטן אויפן הוילן רוקן פונם פערד, פירנדיג די איבעריגע אַרטיקלען: פלייש, קובעבע... מיט די אָקסן איז אָבער שוין גאָר עפּעס אַנדערש...

פון אַ פּאָר בלעכן האָבן מיר אַ שליטן געמאַכט; אַרויפגעזעצט די פרוי מיט די קינדער, צוגעשפּאַנט די אָקסן און היידאַ! — גלייך צום אַלמאַסען צו! די גראָזן האָבן זיך אונטערן שליטן גע־לייגט ווי שניי, און מיר האָבן זיך געשליטעלט — פּשוט אַ מחיה...

אויב אפילו די אָקסן האָבן אָפטמאָל אַ נעם געטאָן אָן אַ זייט, אָדער דער שליטן פלעגט זיך אָן אַ גראָבן בוריאַן פאַר־טשעפּען און אונז אַלעמען אויסשיטן, איז אויך קיין אומגליק ניט געווען; מען האָט זיך פרייליך צעלאַכט און צוריק אויפן בלעך אַרויפגעקראָכן.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז געווען, בעת מיר זיינען צום ערשטן מאָל מיט אונזער „סאַנאָטשקע“, געשפּאַנט צו מיין „נעגראַ“ און „פּאַלאָמאַ“, אין אַדמיניסטראַציע אָנגעקומען. אַלע זיינען מיר געווען באַשאָטן מיט אַ ווייס־געלבליכן שטויב — די גראָז־זוימען, וואָס דער שליטן האָט צעריבן, און דער ווינט האָט אויף אונז אַרויפגעבלאָזן.

— אַ זאַווערוכע! אַ זאַווערוכע! וואו האָט איר געפּאַקט אַזאַ רוסישן שניי־שטורעם? — האָבן די לאַנגער־יידן פון אונז חוזק געמאַכט.

— איר קומט פון סיביר? האָט מיך סאַרקאַסטיש געפרעגט דער יאַבעדניק קאַביץ — איז פאַר וואָס־זשע האָט איר ניט איינגעשפּאַנט אין דער „סאַנאָטשקע“ אַ פּאָר הינט, פון דעם באַראָנס משרתים?

— וואַרטס, וואַרטס, אַלטיטשקער! — האָט אים דער יונגער ווילענסקי אָפּגעענטפערט — מיר וועלן נאָך דאָ פאָרן אין איינגענע פאַיעטאָנען, מיט פיר שפּאַנעס נאַשפּיץ...

— נישט ביי זייער לעבן! — האָט בייז ערווידערט דער היים־געבאָרענער קאַביץ, אָנווייזנדיג אויף ביידע אַדמיניסטראַטאָרן, וועלכע זיינען געשטאַנען אין טיר.

די „פּעאָנען“, די טאָג־לויינער פון דער אַדמיניסטראַציע, די בני דאָן, איז דער איינפאַל מיטן שליטן שטאַרק געפעלן:

— בוען קאָטשעסיטאָ! אַן אויסגעצייכנטער קאָטש — האָט אויך דער אַדמיניסטראַטאָר וואולף לאַכנדיג באַמערקט — איר וועט מיט אים מעגן פאָרן אַנטקעגן דעם קאָלאָנעל גאָלדשמיד, וואָס דאַרף אין גיכן אַהערצו קומען.

פון די לאַנגער־יידן האָבן איינגיע מחמת קנאָה אויך געבעטן, מען זאָל זיי אויפן לאַנד אַרויסשיקן — וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט גערן געטאָן. אָבער די מערהייט פון זיי האָט זיך אַלץ געבונטעוועט, געבלאָזן דעם פייער פון שנאָה צווישן די קאָלאָניסטן קעגן דער אַדמיניסטראַציע און האָבן געוואַרט אויף דעם קאָלאָנעלס באַזוך.

XXVII

הויפט־דירעקטאָר גאָלדשמיד.

מאָנטאג, דעם 12־טן מאַי, איז צו אונז, אין גרופּע 43, גע־קומען אַן אַדמיניסטראַציאָנס־שליח אום צו מעלדן, אַז מאָרגן גאַנץ פריה זאָלן מיר אַלע זיין אין אַלגאַראָבאָ, כדי מקבל־פּנים זיין דעם קאָלאָנעל גאָלדשמיד. דאָרט האָבן מיר שוין אַלעמען, אַנשים, נשים וטף, געטראָפן. זיי זיינען אויסגעשטעלט געווען אין צוויי שרעגנגעס ביי ביידע זייטן פון קאַסאַרעסער וועג, אָפּוואַרטנדיג דעם גאַסט.

די צוויי שורות האָבן זיך געצויגן אומגעהייער לאַנג, און טי־ראַטשיגים מיטהעלפער זיינען ווי זשאַנדאַרן אויף פערד אַרומ־געפלויגן איבערן מיט־וועג, אום צו האַלטן אָרדנונג אין דער ליניע. יונגע לייט און אייניגע פריילינס האָבן אַ חופּה געהאַלטן, און דאָס שענסטע מיידל, אַניטאַ ראָזענבלום, האָט אַ טאָרט גע־טראָגן (שפּעטער האָט גאָלדשמיד זי צוזאַמען מיט אַ ברודער אַרויסגעשיקט פון דער קאָלאָניע!). די שוחטים אונזערע, מיטן זקן רבי הירש יאַקובאָף, זיינען געשטאַנען נעבן דער חופּה, מיט אַ ספר תורה אויפן האַנט. די שטימונג איז אַן אויסטערלישע געווען. מ׳איז געשטאַנען מיט אַזאַ יראת הכבוד, אַקוראַט ווי מען וואָלט אָפּגעוואַרט אַ קיסר.

די רגע האָט אויסגעשלאָגן. ס׳איז אָנגעלאָפן דער קאָטש, געשפּאַנט נאַשפּיץ מיט ווייסע פערד און שטיין געבליבן אונטער דער צעעפנטער חופּה.

— ברוך הבא! — האָט די אימיגראַנטן־מחנה אויסגעהילכט.

— הורראַ! — האָבן אַ פּאָר טויזנטער העלזער אַרויסגע־דונערט, און כּהרף עין זיינען די פערד אויסגעשפּאַנט געוואָרן און אַ געדיכטער צירקל פון מענשן־קעפּ האָבן זיך אַרום קאָטש צו־זאַמענגעקוועטשט, שרייענדיג: „הורראַ! היפּ, היפּ, הורראַ! קאָלאָנעל!“...

דער פּאָלקאָווניק האָט דעם ספר אַ קוש געטאָן, זיך העפ־ליך פאַרנויגט פאַר דאָס שיין מיידל מיטן צוקער־ברויט און אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט. ס'איז תיכּף שטיל געוואָרן.

— ברוכים אַתּם אַחי! — האָט ער מיט אַ מעכטיגער שטימע געזאָגט — איך דאַנקע פיר דיזע אויפנאַמע! — ער האָט זיך אויפ־געשטעלט אינם צעעפנטן קאָטש און מיט נייגיריגקייט באַטראַכט די פיל־קעפּיגע אימיגראַנטן־מאַסע — אַלע ברודיגע, אָפּגעריסענע, באָרוועסע און פאַרחושכטע. אַ פּאָר מינוט איז ער אַזוי געשטאַ־נען, און די קאָלירן האָבן זיך אַלע ווײַלע געביטן אויף זיין פּנים.

דאַמאָלסט האָב איך אים גענוי באַטראַכט: אַ מיטל־וואוקסי־גער מענש, אין מיטעלע לעבנס־יאָרן. ער האָט געטראָגן אַן אָפּי־צערסקן שינעל מיט גאָלדענע עפּאָלעטן און איז געשטאַנען אויס־געצויגן ווי אַ קאָמאַנדיר, וואָס דאַרף מושטירן זיין חיל.

אין יענעם אויגנבליק האָט מיך שרעקליך פאַרדראָסן. איך האָב דאַן דערפילט אונזער גאַנצע נישטיגקייט און קליינקייט אין בעצונג צו די געלד־מאַגנאַטן, אונזערע הערשער, און מיין נשמה איז אויפגעציטערט געוואָרן... ניט שוין־זשע זיינען מיר סאָל־דאַטן? וואָס עפּעס שיקט מען אונז גאָר אַ פּאָלקאָווניק מיט אַ מיליטערישער טאַקטיק? אָבער אַריינקוקנדיג אין זיינע אויגן, בין איך באַרוהיגט געוואָרן, יענעם מילדן בליק זיינעם וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן! די קאַרגע דרייסיג יאָר, אַלע גוטע און שלעכטע צופאַלן! מיר דוכט, דאָס איך פיל נאָך איצט, ווי די מיסטעריעזע שיין פון זיינע בלויע אויגן רוהט אויף מיר און ווי זיין מיסטישער בליק דרינגט מיך אַדורך! עפּעס טרוימערי־שעס, געהיימניספולעס, האָט זיך געוויגט אינם בלויען ים פון

זיינע פאַרחלומטע אויגן... ניט קיין סאָלדאַטסקע האַרטקייט, נאָר די ווייכקייט פון אַ געטאָ־טרוימער, פון אַ פאָלקס גואל, האָט אין זיי געפינקלט און געגלאַנצט. וואָס פאַר אַ מאָדנע קאָנטראַסטן, טראַכט איך מיר, באַזועלן אָט דעם מענשן: סאָלדאַט, האַרטקייט און קוראַזש — אויסערליך; ווייכקייט, צערטליכקייט און מילדקייט ליגט אין זיין אינערליכן וועזן.

פיל טראַכטן האָב איך דאַן ניט געקענט, ווייל ער האָט אָנגעהויבן רעדן. אָנפאַנגס האָט ער גערעדט שטיל, כמעט מיט אַ וויינענדיג־ציטערנדער שטימע: מען האָט געזעהן, דאָס ער איז שטאַרק גערירט פון אונזער עלנטן אויסזעהן, פון אונזער לאַגע, און דאָס אונזער צושטאַנד האָט אים אויפגערעגט. נאָר ביסלאַכוויז איז זיין טאָן געוואָרן זיכערער, קרעפטיגער, און ער האָט צווישן אַנדערעס געזאָגט:

„ברידער! דער באַראָן, וועמעס אידעאַל איז נאָר אייך גוטעס צו טאָן, האָט ביים ענגלישן גענעראַל־שטאַב פאַר מיר אַן אורלויב אויסגעווירקט, אום איך זאָל אימשטאַנד זיין אויף אַ קורצער צייט אָפּפאָרן צו אייך קיין אַרגענטינע און אייך אַראַנזשירן אין אייער נייער היימאַט. כ׳בין שוין דריי וואָכן דאָ אין לאַנד, האָב שוין אַלעס געזעהן, אַלע פּראָיעקטן און פּלענער פון די לאָקאַלע באַאַמטע באַטראַכט און ווייס אויך פון אַלע אייערע ליידן... אַלעס, וואָס ס׳איז אין מיין קראַפט, וועל איך אָנווענדן, אום אייך מיטצוהעלפן. אָבער איך בעט אייך פאָרלויפיג געדולדיג און רוהיג זיך צו פאַרהאַלטן! שטרענגט אָן אונזער יידישן פלייס, נעדולדזאַמקייט, ענערגיע און בטחון, און נעמט אייך אַרבעטן די ערד, אייער אייגן ערד... גרינדעט אַ פרייע היים אויפן פרייען באָדן, וואָס זאָל נוצן אי פאַר א י י ך, א י פ אַ ר א י י ע ר ע נעדריקטע און געדרודפטע ברידער! לאָמיר זעהן ערציהען אַ דור פון ערד־אַרבעטער: זאָל ענדליך פאַרשווינדן דאָס שאַנדוואָרט „שאַכער־מאַכער“, מיט וועלכן די שונאים באַטיטלען אונזער פאָלק ישראל!...

„איך בעט אייך, ברידער! צייגט דער גאַנצער וועלט, אַז איר

זיינט די געווינשטע און פאַסינע פּיאָנערן: אַז אין אייערע אָדערן פליסט דאָס בלוט פון די בני ראובן ובני גד. די געשיכטע האָט אויף אייך איר גורל געוואָרפן, דאָס אין אייער דור זאָל דער גוטער מלאך, דער באַראָן הירש, לעבן און איר זאָלט זיין די חלוצים הראשונים, אום אויסצוטרעטן דעם גרויסן פרייען וועג פון אייער צוקונפט. דער וועג איז ווייט! — האָט ער באַגייסטערט גע־שריען — די אידייע איז גרויס! מיר וועלן אָנפאַנגען מיט דער „אַ“—מיט אַרגענטינע—און פאַרענדיגן מיטן „זעט“—מיט ציון!“

— אָמן! — האָט די מאַסע געיובלט — הוראַ! — לעבן זאָל דער באַראָן הירש! הוראַ! לעבן זאָל דער חובב ציון קאָלאָנעל גאָלדשמיד!

די מענשן־מאַסע איז פלוצים אין עפּעס אַנדערש פאַרוואַנדלט געוואָרן... מען האָט געכאַפּט דעם אָפּגעשפּאַנטן קאָטש מיטן פּאָלקאָווניק און אים אַ האַלבן קילאָמעטער געשלעפּט ביזן הויף פון דער אַדמיניסטראַציע...

ער איז אַריין אין דעם אַדמיניסטראַציאָנס הויז, מן הסתם זיך אַרומצוּוואַשן... אָבער אין דרויסן האָבן די יאַבעדניקעס אויפגעהויבן אַ שרעקליכן געפּילדער. ס׳איז אַ מהומה געוואָרן, די בונטאָווששיקעס האָבן געשריען:

— דרשות האָט ער אונז געבראַכט! מיר זיינען שוין זאַט מיט זייערע פּזמונות! אַלע האָבן זיי איינע און די זעלבע לידל!

דער המון, וואָס האָט אים סיי ווי סיי נישט פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט גערעדט אי שלעכט דייטש אי צעקאַליעטשעטן יידיש, האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומדרייען, און די „פּיספּאַקעס“, די שטענדיגע מתאוננים, זיינען אומעטום פול געווען, היצנדיג זיך, שרייענדיג, אויף וואָס די גרויסע מערהייט האָט גלייכגילטיג צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ...

— לאָמיר צו אים שיקן אַ קאָמיסיע! זאָל ער אַליין אַרויס־קומען צו אונז! מיר ווילן קלאָרע דיבורים! — האָט מען צום אַדמיניסטראַטאָר וואולף פון אַלע זייטן געשריען.

און ער איז אַרויסגעקומען. אָבער אין זיין בליק איז שוין מער ניט געווען די פריערדיגע מילדקייט, זיינע אויגן זיינען פאַר־גלעזערטע געווען, און זיין שטימע האָט פאַרלאָרן איר ווייכקייט... כ׳איז ערשינען דער סאָלדאַט: ס׳האָט גערעדט דער מושל צו זיין המון...

„איך פאָדער פון אייך, אַז איר זאָלט פאָלגן און שווייגן! דיסציפּלין פאַרלאַנג איך פון אייך! — האָט ער גערונערט — איך בין ניט מער ווי דער דינער פונם באַראָן, געשיקט געוואָרן אום אויסצורייניגן די שטאַל... ווער ס׳איז ניט צופרידן, זאָל זיך פאָרן וואוהין ער וויל! פּאַספּאָרט! איך גיב אייך פּאַספּאָרט קיין נאָרד־אַמעריקע, קיין אייראָפּע, אויף דער גאַנצער וועלט, נאָר ניט צוריק קיין רוסלאַנד! זאָלן די יעניגע, וואָס ווילן אָפּפאָהרן, זיך מעלדן אין דער אַדמיניסטראַציע, און זיי וועלן די פּאַספּאָרט ערהאַלטן!... ביז צעהן טאָג וועל איך אייער לאַגער צעפּליקן: די גאַלפּאָנטשיקעס, ביידלאַך און קאַרפּאַס וועלן צעוואָרפן ווערן, און די קאָלאָניסטן וועלן גיין אויף זייער לאַנד! דעם סקלאַד מיט אַלע סחורות וועל איך פאַרקויפן! אויס אַלמאַסן, מיט ביכלאַך, שרייבערייי און... געלד, געלד וועל איך די קאָלאָניסטן געבן אויף זייער אייגענעם חשבון! — האָט ער נאָך קרעפטיגער גע־שריען — יעדערער וועט באַקומען אויסגעצאָלט אַזאַ סומע, לויט דער צאָל פון זיינע פאַמיליע־מיטגלידער, און זאָל זיך יעדער איינער קויפן מיטן געלד וואָס ער וויל, און וואָס אים אַליין וועט געפעלן!"

שטאָלץ ווי אַ קעניג האָט ער אויסגעדרייט זיין רוקן צום המון און איז, ציילנדיג די טריט, צוריק אַריינגעגאַנגען אין הויז פון דער אַדמיניסטראַציע. און איידער דער עולם איז זיך פונאַנדער־געגאַנגען, זיינען שוין אַרויסגעהאַנגען געוואָרן גרויסע צעטלען מיטן פאָלגנדן נוסח:

„ווער עס וויל אָפּפאָרן נאָך אויסלאַנד, חוץ קיין
„רוסלאַנד, זאָל זיך קומען פאַרשרייבן. אָבער די
„פאַרשריבענע וועלן אויסגעמעקט ווערן פונם
„קאָלאָניסטן־רייסטער, און חרטה וועט ניט העלפן!"

מערקווירדיג, ס'איז כּדאַי איר זאָלט עס וויסן, ביז דאַמאָלסט האָבן הונדערטער מענשן געשריען: „אַ ה י י ם! וואו נעמט מען אויף הצאות, אום וואָס גיכער צו אַנטלויפן!" און ווי נאָר גאָלד־שמיד האָט געמאָלדן, אַז ער גיט אַלע רייזע־שפּעזן, האָט מען זיך אויפגעהערט צו איילן... איינגאַנצן זיינען אָפּגעפאָהרן פיר פּאַרטיעס. צו זיבעציג פּערזאָן יעדע. אַזוי איז שוין אונזער פאָלק, אַן עס קשה עורף: „ווען י ע נ ע ר וו י ל, ו ו י ל ע ר נ י ט!"

אהרן ראָזענצווייג און פישל דרומער האָבן זיך פאַרשריבן און נאָכדעם חרטה געהאַט, נו, האָט זיי געקאָסט גענוג טרערן און שתדלנות, ביז מען האָט קוים געפּועלט ביים שטרענגען קאָלאָנעל, אַז ער זאָל זיי איבערלאָזן. דער ערשטער איז ביז היינט פאַרבליבן אַ קאָלאָניסט, און דער צווייטער האָט מיט דריי יאָר שפּעטער די קאָלאָניע אַוועקגעוואָרפן...

דער גרויסער ייד, גאָלדשמיד, האָט טאַקע די שטאַל אויס־געריינינגט, פּונקט ווי זיין וואונש איז געווען. אָבער שמוץ איז נאָך אַליין גענוג פאַרבליבן. דער קאָלאָניזאַציאָנס־קערפּער האָט אין זיך שוין אַריינגענומען גענוג מיאַזמען און האָט צוגע־קרענקט... ערשט דער דר. בערקנהיים פון פּעטערסבורג האָט די ערשטע שווערע אָפּעראַציע געמאַכט, און נאָך אים האָט אויך גענוג פאַרפוילטע אברים אָפּגעשניטן דער כירורג י ה ו ש ע ל אַ־פּין. נאָר פאָלויפיג האַלטן מיר נאָך אין גאָלדשמידס פּעריאָד, און לאָמיר דאַרום גיין כּסדר.

פון דער בוענאָס־איירעסער דירעקציאָנס־ביוראָ איז אַ דע־פּעשע אָנגעקומען צו גאָלדשמידן, אַז זיין אָנוועזנהייט איז נויטיג אין ענטרע־ריאָס. אויפן דריטן טאָג איז ער פון מאַאוריציאָ אָפּ־געפאָרן.

XXVIII

מען האָט אַלעמען געקאָלאָניזירט.

גאָלדשמידס פּאַראָרדנונג איז דורכגעפירט געוואָרן. אַלע בײדלאַך זײנען פאַנאַנדערגענומען געוואָרן. דעם לאַגער האָט מען אױפגעהױבן, און די פּאַלאַטקע־ײדן האָט מען, קענן אַלע זײערע טענות, אַרױפגעזעצט אױף װעגן און יעדן אַװעקגעפירט אױף זײן לאַנד.

אַלעס איז ערפילט געװאָרן מיט מיליטערישער שטרענגקײט און פּינקטליכקײט. די פעלדער זײנען נאָכן פּלאַן־נאָך באַזעצט געװאָרן. צו אַכט, זעקס, פיר, אָדער צװײ הײזקעס, זײנען אין אַ גרופּע אױפגעשטעלט געװאָרן. אין דער מיט פון דער הײזער־גרופּע איז אַװעקגעשטעלט געװאָרן אַ שותּפותדיגער „קאָראַל“ פאַרן סקאָט — און פּאַרטיג: נאַט און װערט אַקערבױער! די אָקסן, פערד, מולאס, פּלוגן, באָראָנעס, אַלצדינג װאָס ס׳איז אָנ־געגרײט געװען אין דער אַדמיניסטראַציע — איז צעטײלט געװאָרן. אײניגע קרעאָלן און אַ פּאָר דײטשן זײנען אָנגעשטעלט געװאָרן, אום די קאָלאָניסטן צו לערנען װי די ערד צו באַאַרבעטן. אין אַ קורצער צײט אַרום האָט דער „װאַמאָס!“ געהילכט איבער די מאַאו־ריציער פעלדער.

אַ פּשוטער חיות! אַ פאַרגעניגן אָנצוקוקן! ײדן מעקלער, קרעמער, בטלנים און פּוסט־און־פּאַסניקעס, אַ פּײטל־שדכן און זײן גלײכן — אַלע באַאַרבעטן שױן די ערד!

אָבער דאָס איז ניט אַזױ גיך און גרינג צוגעגאַנגען, װי עס שרײבט זיך. אַ סך האָבן אױפריכטיג ט א ק ע נ י ט גע־

וואָלט אַרבעטן, אייניגע האָבן נעבאַך ניט געקענט; אַ גרויסע טייל האָבן ניט ערהאַלטן דעם געהעריגן און פּאַסיגן רעמאַנענט: אָפּטמאָל גאָר ווילדע אָקסן אָדער פּשוטע פּגירות, צעפּאַלענע פּלוגלאַך... אָבער דאָך האָט איבעראַל געהערשט אַ טעטיגקייט. דער לעבנס־פּולס האָט וואַרים און ראַשיג געשלאָגן: די שטראַלן פון דער פרימאָרגן־זון האָבן באַגאָלדעט די צינקענע דעכער פון די אויפן גלאַטן שטח־ערד אויסגעשטעלטע הייזקעס, און דער בת־קול פון דעם „וואַמאָס קאַסטאַניאָ" „וואַמאָס נעגראָ" — דוקא מיט אַן יידישן אַקצענט און אַ גמרא ניגון — האָט ווייט און ברייט אָפּגעהילכט איבער די „פּאַמפּאַס". דאָס האַרץ האָט ממש אָנגעקוואָלן פון תענוג, צוצוקוקן ווי שטעטלדיגע לופט־יידן באַשעפטיגן זיך פלייסיג ביי לאַנד־אַרבעט.

איך מיט מיין שכן האָבן שוין פּאַראַקערט אַ היפּשע שטיק פעלד און אונז האָט אויסגעדוכט, אַז מיר האָבן שוין איבערגענוג. דארום האָבן מיר צוגלייך מיט די קיילעסעס זריעה געבעטן, אום מיט ווייץ דאָס פעלד צו פאַרזייען. אויף דער נעכסטער וואָך האָט אונז די אַדמיניסטראַציע געגעבן פערציג זעק „סעמיזשאַ" און געשיקט דעם דייטשן אַגראָנאָם, הער רוף, אַז ער זאָל אונז לערנען ווי מיט דער זיי־מאַשין צו אַרבעטן.

מען קען זיך שאַפן אַ באַגריף אויף וויפיל מיר, צוזאַמען מיט דער אַדמיניסטראַציע, האָבן אַ ידיעה געהאַט אין אַגריקולטור, אַז גאַנצע אַכצעהן טאָג האָט דער אַגראָנאָם געאַרבעט ביי אונז אויפן לאַנד!... אַלע טאָג האָט ער אַביסל געזייהט מיט דער מאַשין, האָט אַלערליי עקספּערימענטן געמאַכט: דריי מאָל אין טאָג צעשרויפּט די „סעמבראַדאָראַ", אונז געוויזן דעם מעכאַניזם, די שרייפעלאַך און די אייזנס, ביז ער האָט ענדליך אַלע פערציג זעק ווייץ אויסגעשאָטן אויפן צעאַקערטן פעלד, וואָס איז בסך הכל באַשטאַנען פון גאַנצע צוועלף העקטאַר! די ברידער קיילעס, אַקערבויער נאָך פון צו הויז, האָבן חוזק געמאַכט פונם „מאַשיניסט" אָדער אַגראָנאָם, און האָבן פאַרזיכערט, דאָס עס איז איבערגענוג איין זאַק זריעה פאַר אַ העקטאַר.

נאָר ווער האָט זיי געגלויבט? געוויס, נאַטשאַלסטווע ווייסט מער!...

מיר האָבן מיט גאוה געקוקט, ווי דער געזייהטער ווייץ איז אויפגעגאַנגען געדיכט ווי אַ באַרשט, ווי געדיכטע גרינע נאָדלען שטופּן זיך אַרויס פון דער שוואַרצער ערד: פריילעך זיינען מיר ביז גאָר געווען: סטייטש אַ קלייניגקייט! אונזער אייגענע אַר־בעט! די מזונות קוקן שוין אַרויס צו אונז פון דער מוטער־ערד!

אונזער שמחה איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען אין אונזער גרופּע 43 זיינען נאָך זעקס פאַמיליעס באַזעצט געוואָרן. זעקס נייע ביידלאַך, זעקס נייע שכנים האָט מען דורך גאָלדשמידס באַ־פעל ביי אונז אָפּגעוואָרפן... נו, ווידער אַ גדולה: מיר זיינען שוין זאַלבע־אַכט!

עסן איז נאָך דערווייל געווען פון באַראָנס סקלאַד. ד י נ ה מ א ד כ ס י פ א האָט זיך שוין אין האַלז געגליטשט גאַנץ געשמאַק... געפעלט האָבן אונז שיך. דעם „באַראָנס שיך" די הילצערנע זיינען צעבראָכן געוואָרן, און נייע סחורה האָט מען אויף גאָלד־שמידס פאַראָרדנונג מער ניט געבראַכט. איז וואָס זאָל מען טאָן? גיין באָרוועס ביים אָנפאַנג אַקערן איז אוממעגליך געווען צוליב די שלענג און „לאַגאַרטאָס" — יאַשטשערקעס מכל המינים, וואָס האָבן זיך אונטער די פיס געפּלאָנטערט. נו, האָבן דאָרפס־יידן אַן עצה געפונען: פון שטיקער רויע פעל לאַפּצעס אָדער כאָדאַקעס אויפגענייט און מיט רימענדלאַך צוגעשנורעוועט צום פוס... מיט אַן אַלטן זאַק אַרומגעבונדן די לענדן, אַ שטיק טראַנטע — אנשטאָט אַ העמדל און אָט אין די דאָזיגע בגדי מלכות, ווי עס פּאַסט פאַרן באַראָנס קינדער, האָט מען דאָס לאַנד געאַקערט.

אברהם וויינשטיין, איינער פון אונזער גרופּע, האָט אַ שכלדיגע ערפינדונג געמאַכט: ביי אַ געפּגרטן פערד פון די פיס, גאַנצע־נערהייט, אַראָפּגעצויגן די שטיקער פעל און עס אַרויפגעצויגן, ווי אַ כאָליאַווקע, אויף זיינע אייגענע נאַקעטע פיס און מיט דיזער ערפינדונג איז ער קיין אַלגאַראַבאַ געגאַנגען, כדי דאָרט זיך צו

באַרימען: „נאַט און זעהט! פּאַרטיגע שטיוול מיט כאָליאַוועס ביז איבער די קני, און זיי קאָסטן מיר ניט קיין איין פּיאַטאַק“.

אָט דער גראַנדיעזער ערפינדער איז אין די דאָזיגע „אַרט-נאָוואָ“ שטיוול אַ גאַנצן טאָג אָפּגעגאַנגען. די זון האָט אויסגעטריקנט די פעל אויף זיינע פיס, איז זי ממש צוגעזאָטן צום לייב... שפּעטער האָבן מיר זיך גענוג געמוטשעט, אום אים די פעל אַראָפּצוציען. די שמערצן, וואָס דער יונגערמאַן האָט נעבאַך געליטן, איז זיך גאָרניט פאָרצושטעלן! און אַזוי-ווי אויפצושניידן די אויסגעדאַרטע פעל איז אויך ניט מעגליך געווען — חוץ דעם געפאַר אים זיין לייב איינצושניידן, איז מען לסוף געפאַלן אויף אַ פּלאַן: אים אין אַ ביטל וואַסער אַריינצוזעצן... אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך אין וואַסער געווייקט, ביז ס'איז אים געלונגען פון זיין ערפינדונג ערלייזט צו ווערן!

די שטימונג אין דער קאָלאָניע איז אַ געהויבענע געווען. שבת איז מען זיך צונויפגעקומען צו אונז, אין גרופּע 43, און מען האָט אָנגעהויבן זאָרגן פאַר א ספר תורה, כדי עס זאָל אַ מנין זיין. מ'האָט געשמועסט איבער פּאָליטיק און אומגעדולדיג געוואַרט אויף גאָלדשמידס הבטחה: „געלט וועל איך אייך געבן!“ און אַז מען וועט האָבן מזומנים, וועט דאָך טאַקע ליכטיג ווערן אין די אויגן! צו אַלעם ערשטן וועט מען קויפן שיך און אפשר טאַקע אויך אַ זעקל מעל אויף צו באַקן ברויט און פּטור ווערן פון די גאַליעטן...

אָט אַזוי איז ענדליך פאַרשוואונדן די פּוסטקייט. די פעלדער רונד אַרום זיינען באַזעצט און באַלעבט געוואָרן. אומעטום האָט מען מענשן געטראָפן און אַלעם איז אַנגענעמער און ליבליכער געוואָרן.

אונזער ווייץ איז אויפגעגאַנגען שיין און געדיכט, פאַרשפּרייטנדיג זיך ווי אַ גרינער טעפּיך. מילך און פּוטער האָבן מיר געהאַט לרוב, און מיר האָבן שוין ערוואַרטעט פּויקעלאַך... די דאָזיגע בשורה האָט מיין פרוי אונז אָנגעזאָגט: זי אַליין האָט שוין געהערט, ווי אונטער דער „באַטאַראַסאַ“ הון פּישטשען די הינדעלאַך.

איר, לעזער פון אָט די שורות, ווען אפשר לאַכן פון מיר. דען וואָס פאַר אַ ווערט האָט בײַ אײַך אַ קוואָטשקע מיט פויקע־לאַך? אָבער בײַ אונז, מיט דרײַסיג יאָר צוריק, ווײַט פאַרוואָגלט פון דער היים, דערווײַטערט פון טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, קרובים און פרײַנט, עלנטע, ווי די פעלז אין רווישנדן ים — איז יעדעס ווען, יעטווידער לעבעדיגע באַשעפעניש געווען אַ גאַנצע מציאָה, אַ גרויסער פאַרמעגן, וואָס האָט אונז היימליכער געמאַכט די משפּחה און דאָס לעבן פאַרזיסט: ווײַל אין יעדער זאַך האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אונזער גלענצנדע צוקונפט אין דער גײער היים! דאַן, דאַרפט איר ווישן, אַז יעדעס פּיצעלע, איידער מ'האָט עס ערוואָרבן, איז עס אונז אָנגעקומען זעהר און זעהר שווער, אַזש מיט בלוט פאַרלאָפן...

אפשר מיינט איר, אַז די קוואָטשקעס זײַנען גרינג אָנגעקו־מען? דאַן האָט איר אַ גרויסן טעות. דען וואו אייגנטליך זעהט מען הינער אין אַזאַ ווילסטער געגנט?

דאָס האָט אויך אַ ספּעציעלע געשיכטע:

בער דער בחור, אַ לאַנג־אויסגעצויגענער דאַרער ליטוואַק, מיט אַ צעשויבערטער טשופּרינע, וועלכע האָט קיין מאָל קיין קעמל ניט געזעהן, איז אונזער היסטאָרישער קורעלאַפּניק געווען... ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן ווײַט, צווישן די האַלב ווילדע נאָמאַדן, און מיט זיי אַ חליפין־האַנדל געטריבן: ווײַל געלט, דאַרפט איר ווישן, איז בײַ קיינעם דאַמאָלסט ניט געווען! ער פלעגט בײַ אונז נעמען טאַבאַק, צוקער און אַנדערע אַרטיקלען, וואָס מיר האָבן פון אַלמאַסען באַקומען, און פלעגט דאָס אַוועקפירן צו די ווילדע און אויסטווישן אויף הינער, אייער, שטרויספויגל און הירשלאַך. איך האָב אַזוי דעם גאַנצן טאַבאַק פון אַ חודש צײַט אַוועקגעגעבן פאַר דער ערשטער פּאָר הינער, וועלכע האָבן שוין פויקעלאַך אויסגעבריהט. איר פאַרשטייט? דעם טאַבאַק אַוועקגעגעבן!

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט דאָס לעבן געשווימלט אַרום אונז. אַרום אונזער הייזקע האָט געררווישט און געזשומעט פון לעבעדיגע באַשעפענישן. מײַן „גלינקאָ" האָט זיך צוגעוואוינט

צום קליין הירשעלע, און ביידע זיינען זיך געלעגן בשלום, און ער פלעגט בלויז אָפּטמאָל אויסשטשירען מיט קנאה די ציין, ווען מען האָט אַ רוף געטאָן „צבי“, און דאָס הירשעלע האָט אינסטינק־טיוו געוואוסט, אַז דאָס מיינט מען אים, און פלעגט צולויפן לעקן די הענט און דרייען מיטן געל־ווייסליכן קאָדקעלע. דאָס האָט אים פאַרדראָסן — פאָרט אַ הונט!

מיר האָבן אויך צוגעוואוינט צום שטוב אַ פּאָר יונגע שטרויסן, און צו דעם זיינען נאָך צוגעקומען די קעלבלאַך פון די מילך־קי אַזוי, אַז די „כאַדאָבע“ האָט זיך פאַרגרעסערט, און זיצנדיג אין דרויסן, טרינקענדיג אַ מאַטע, האָט מען אָנגעקוואָלן פון נחת.

אָבער צווישן דער פרייד האָבן מיר אויך אַ צייטווייליגן עגמת־נפש געהאַט: אונזער ווייץ איז שוין געווען אַ 30 צענטימעטער די הויך, זיינען אין אַ נאַכט אויף אים אַרויף אַ פּאָר הונדערט שטיק־לאַך סקאָט: מסתּם האָט יעדער „שטיקל“ געוואָלט טועם זיין פונם קולטיווירטן ווייץ... נאָכדעם ווי די סטאַדע האָט אָפּגע־פּאַשעט דאָס גרינע פעלד, איז זי באַפאַלן אונזערע הייזקעס און זיך באַקוועם גענומען קראַצן ביי די ווענט, פּילייכט אום זיך צו איבערציינגן, ווי פעסט זיי זיינען... מיר זיינען אין איין שרעק געווען, אַז מיר זאָלן ניט פאַרבלייבן אונטער דעם בלעך מיטן האָלץ פון אונזערע ביידלאַך: אָבער גליקליכערווייזע, אפשר צו־ליב „גלינקאַס“ בילן — זיינען זיי ענדליך אָפּגעטראָטן, איבער־לאָזנדיג אונז צעטרייסלטע הייזער און אַן אָפּגעפּאַשעט שוואַרץ פעלד, אַקוראַט ווי עס וואָלט נאָרוואָס פריש צעאַקערט געוואָרן.

וויפיל טרערן האָבן אונזערע פרויען פאַרגאָסן אויף אָט דעם „חורבן“, שייך, זיי האָבן באַגזלט אונזער ברויט פון אַ גאַנץ יאָר!

ערשט שפּעטער האָבן מיר ערפאַרן, אַז דאָס איז גאָר געווען אַ גליק, וואָס דער סקאָט האָט דאָס פעלד אָפּגעפּרעסן: ווייל דער ווייץ איז צו געדיכט פאַרזייהט געווען און ס׳וואָלט לחלוטין קיין תּבואה ניט געווען — אַזוי האָבן מיר כאָטש אַ „קאָסטשקע“ (תּבואה) פון אַכציג זעק אַראָפּגענומען!

ניט פיל איז אונז אויסגעקומען צו ליידן פונם סקאַט: ווייל דער ערליכער (?) דירעקטאָר, אַדאָלף ראָטה, האָט נאָך פריהער פאַרקויפט עטליכע, היפּשע עטליכע טויזנט „קעפּ“, וואָס מען האָט גיך צוגענומען, און זיי האָבן די קאָלאָניסטן מער ניט דער־קוטשעט... גליקליך זיינען בלויז געווען די מקדימין, וואָס האָבן באַוויזן אַ פּאָר מילך־קיה צו פאַנגען; ווייל די שפּעטערדיגע האָבן קיין בהמות נישט געהאַט ביז וואַנען ד״ר בערקנהיים איז אָנגעקומען.

XXIX

איינגעפירט אַ שטרענגע דיסציפּלין.

אין יולי פון 1892, צוויי מאָנאַט נאָך גאָלדשמידס אָנקומען, איז אַ נייער אָדון אַרויף אויפן אַדמיניסטראַציאָנס בענקל... אַ רויטער ענגלענדער, סער אַרטהור בּוטעל. קאַלט און שטרענג האָט ער אויף אונז געקוקט פון אויבן אַראָפּ... מיט פאַראַכטונג האָט ער אונז באַטראַכט: אונז אויפגענומען מיט אַ מין עקל, ווי עפּעס אַ שמוציגע באַשעפעניש.

אַ נידעריג געמיין יידל איז אַלס דאָלמאַטשער נעבן זיין שטול געשטאַנען און האָט אים אָפטמאָל איבערגעגעבן דאָס, וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט גערעדט...

ניט צו יעדער צייט האָט־מען געקענט צוקומען צום אָדון און בכלל קיינמאָל ניט האַלטן אויפגעהויבן דעם קאָפּ... אַ נייע אָרדנונג, אַ קאַזאַרמע־לופט האָט אָנגעפילט די קאָלאָניע, און אַ גרויזאַמע דיסציפּלין האָט גענומען הערשן.

אַן אייזערנע ענערגיע און אַ קופּערנעם געדולד האָט מען געדאַרפט באַזיצן, אום צו קענען איבערטראָגן די באַליידיגונגען און דעם דעספּאָטיזם, וואָס גאָלדשמידס ממשלה האָט מיט זיך געבראַכט. דאָס איינציגע, וואָס האָט אונז מוט געגעבן צו ליידן און שווייגן, איז געווען זיין אַקטיוויטעט. די קאָלאָניע איז ראַשיג געבויט געוואָרן און מען האָט געזוכט שנעל דעם עולם אין אַקערבויער צו פאַרוואַנדלען — דאָס האָט טיילווייז גערעכטפערטיגט די סאָלדאַטסקע דיסציפּלין.

די האָפענונג אַ זיכערע היים ענדליך צו געפינען האָט פאַר־זיסט די גאַל־טראָפּנס, וואָס די קאַזאַרמע האָט אונז אין אַ גרויסן דאָזים טעגליך אַריינגעגעבן, און אויך פאַרטריבן די מרה שחורה.

מיט שטורם, מיט ענגלישער פּינקטליכקייט און מיליטערי־שער שנעלקייט, האָט גאָלדשמיד די קאָלאָניע געבויט. מיטן פּאָדריאַטשיק כּוהן אַלפּאַראָ איז אַ קאָנטראַקט געשלאָסן געוואָרן אויפצובויען אַ שולע אין דער גרופּע 39 און אויך אויפשטעלן די סקעלעטן פון אונזערע הייזער, וועלכע מען האָט געמאַכט פון אַ דאַך מיט הילצערנע סלופּקעס, אַרומגעצויגן מיט דראָט, און די קאָלאָניסטן אַליין האָבן שוין גע־דאַרפט מאַכן די ווענט, אויספילנדיג מיט געקנאָטענער ליימיגער בלאָטע דעם שטח צווישן די דריקלאָך און דעם דראָט. אַזוי זיינען געוואַלקעוועט געוואָרן אונזערע הייזקעס, אָדער „ראַנ־טשאָס“.

טעגליך האָט מען געבראַכט אַלץ נייעם רעמאַנענט: אַלערליי מאַטעריאַלן, אייזנס, האָלץ און מען האָט די קאָלאָניסטן געטריבן צו דער אַרבעט. יעדערער האָט אָבער אויך געאַרבעט מיט חשק און פלייסיג זיך גענומען אַקערן.

געאַקערט האָט מען ווי אַזוי מען האָט נאָר געקענט און וויפיל מען האָט געקענט. יעדערער האָט געפּראַקטיקירט אויף זיין אופן, און די מערסטע האָבן לחלוטין נישט געוואוסט ווי אַזוי דערמיט אומצוגיין.

דאָס קען גענוי כאַראַקטעריזירן פאָלגנדער עפּיזאָד:

אין דער גרופּע 47 איז באַזעצט געוואָרן דער זקן לייבעלע זייגערמאַכער, מיט זיין 22־יעריגן זון, ביידע אַלס „כאַלאָסטאָיעס“. דער אַלטער איז פאַרבליבן אין ביידל אום מיטאָג צו קאָכן, און דער יונגערמאַנטשיק, אַ קליינישקער, אַ מאָגערער, איז מיט אַ פּאָר אָקסן און אַ האַנט־פלוג אַרויסגעגאַנגען אַקערן.

דער „דיאַדקאָ“ האָט די ערשטע מעלגע אָפּגעצויגן, אים איבערפלעכליך געוויזן ווי אַזוי דעם פלוג צו האַלטן, און איז אַוועקגעפאָרן. און דער יונגער נאַאיווער קאָלאָניסט האָט אָנגע־

פאַנגען די „וואָלטעס“ צו מאַכן אַרום דעם אָ פּ נ ע מ ע ו ש ע־ וועטן פעלד. נאָר אַנשטאָט צו שטעלן דעם לעמיש פונם פלוגל אויף דער האַרטער ערד, אַז עס זאָל שניידן אין דער ברייט, האָט ער דאָס מעסער געשטעלט אַליין אין דער זעלבער בראָנזע און ג ע ג ר אָ ב ן אין דער טיף, אַזוי איז זיך דער לינקער אָקס כּסדר געגאַנגען אין דער זעלבער „צורקע“ און דער רעכ־ טער אויפן אומבאַרירטן באָדן. אַ צען מאָל איז דער ח כ ם דורכגעגאַנגען אין דער זעלבער מעלגע ביז דער צורקע־אָקס איז אויסגעקומען אין אַ טיפן גראָבן, און דער רעכטער — ווי ער וואָלט רייטן אויפן לינקן: אויף אַזוי פיל העכער איז ער געווען! ווען דער אַלטער זייגערמאַכער איז אַרויסגעגאַנגען רופן זיין יורש צום מיטאָג, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן, זעהענדיג בלויז איין אָקס — און ניט מער, האָט ער זיך צעגוואַלדעוועט... פון דער שכנישער הייזקע איז מען אָנגעלאָפן, געאַיילט אויפן פעלד, און ערשט דאָרט דערזעהן, ווי דער כניאָק גייט זיך גאַנץ צופרידן אינם גראָבן, וואָס ער האָט אויסגעאַקערט, און זינגט נאָך עפּעס אַ ניגונדל.

אַ סך יאָרן האָבן די קאָלאָניסטן נאָך אַליין געלאַכט פון יע־ נעם אַקערבויער... דאָך האָבן אַלע דאַמאָלסט געאַקערט. שוּ־ סטער, שניידער, קרעמער, מעקלער, חזנים, מלמדים, אַפילו גנבים, און אפילו גאָלדשטיין — וואָס האָט אונז שפּעטער מיט אַ יאָר דעם ערשטן שאַנדפלעק געמאַכט, עפּענענדיג אַ בית־זונות אין קאַסאַרעס, אָט דער פאַרשוין מיט אַלע איבעריגע איטשע־ מייערס און לייבישעס האָבן אונטערן קאָלאָנעלס דיסציפּלין די ערד געאַקערט און געאַרבעט.

לאַנגע שטיקער שוואַרצע פאַסן האָט מען פון דער „טיעררא ווירכען“, פון דער קרקע בתולה געריסן, און אייניגע קאָלאָניסטן האָבן נאָך דעם זעלבן ווינטער פאַרזייט ווייץ.

כּדי די פאַרוואַלטונג פון דער קאָלאָניע אויסצובעסערן און דעם אַדמיניסטראַטאָר צו פאַרלייכטערן זיין טעטיגקייט, האָט דער קאָ־ לאָנעל איינגעטיילט די קאָלאָניע אין צוועלף דיסטריקטן און

אויף יעדערן אַן אינספּעקטאָר באַשטימט. די אינספּעקטאָרן האָבן געדאַרפט אַרומפאָרן צווישן די גרופּעס און אַכטונג געבן, דאָס מ'זאָל אַרבעטן — נישט פוילענצן.

די דאָזיגע משרתים און די יוצר משרתים, אָדער ווי די קאָלאָניסטן האָבן זיי אָנגערופן: „די נוגשים ושוטרים פון מצרים", זיי האָבן די אינסטרוקציעס אויסגעפילט מיט אַזאַ מין אכזריות, די קאַזאַרמע-דיסציפּלין מיט אַזאַ אייזערנער האַנט אַרויפגעדריקט, אַז מיר האָבן אין אמתן באַלד באַגריפן דעם ריכטיגן זינען פון ע ב ד י ם ל ע ב ד י ם.

ניך האָבן אָנגעהויבן פליהען מסירות. איז געקומען די אַלטע סדרה פון רוסישע „דאָנאָסן".

זאָל ער מיר מוחל זיין, יענער גרויסער ייד אין ענגלישן מונדיר! אַ סך פּיין, פיל שמערצן און גייסטיגע פּלאָגעניש האָט ער אונז דאַמאָלסט דורך זיין סאָרט אָ ר גַ נ י ז י ר ן צוגעטיילט; הגם ער האָט געווים נאָר צום גוטן געמיינט, הגם ער האָט די שטאָל טיילווייז אויסגערייניגט, הגם ער האָט אונז צוויי שולן פאַר די קינדער אויסגעבויט, הגם ער האָט דעם פּאַרעיפּושטן סמיטניק — דעם לאַגער צעשטערט און די אימיגראַנטן איבער די פעלדער צעשפּרייט און באַזעצט!

אָבער דעם אמת מוז מען פעסטשטעלן. אַ קורצזיכטיגער אָרגאַניזאַטאָר איז ער דאָך געווען! נאָך אַ קלענערער — פּסיכיאַטער, ער האָט ליידער די נשמה פונם רוסישן יידן לחלוטין ניט געקענט! ניכער וואָלט ער געקענט מושטירן אַ דיוויזיע, ווי איין גרופּע קאָלאָניסטן צו אַראַנזשירן!

ער האָט כּלל ניט געזעהן דעם שקלאַפישן יאָך, וואָס ער לייגט אַרויף אויף זיינע ברידער, וועלכע ער האָט אמת געליבט. אומבאַוואוסטזיניג און בלינד האָט ער אונז איבערגעגעבן אין די הענט פון דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט אונז דערנידערט און דעמאָראַליזירט, צונעמענדיג ביי אונז יעדע מענשליכע ווערדע און זעלבסטשעצונג. די שפּורן פון יענער שקלאַפעריי זיינען ביז היינט ניכּר אין די קאָלאָניעס!

XXX

מאָנאָפּאָל און געלטשטראַפעס.

— ענדע יוני האָט דער קאָלאָנעל צעשטערט די גנבים־נעסט — דעם באַראָנס גרויסע קלייט — און אָנגעהויבן אויסטיילן די קאָלאָניסטן „סובסידיע", אָדער שטיצונג אין געלט . . . אַלע משרתים, בוכהאַלטערס, פאַרוואַלטער און שרייבער האָט ער פּשוט אַרויסגעטריבן און אָפּגעשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט די סעניאָרעס אינגאָסיאַ מורעטאַ און לאַזאַכאַ פערנאַנדעז, און זיי האָבן מאָנאָפּאָליזירט דעם גאַנצן האַנדל אין דער קאָלאָניע.

קיין פּריוואַט־מענש, נאָך ווייניגער אַ קאָלאָניסט, האָט דאָס רעכט ניט געהאַט אַריינצוברענגען וואָסער ניט איז סחורה צום פאַרקויפן אויפן גאַנצן שטח פון באַראָנס לאַנד, חוץ די צוויי אויבן דערמאָנטע סוחרים, וועלכע האָבן איבערגענומען דעם אַלמאַסען, אַלע סחורות פונם סקלאַד, און אונז, עטליכע טויזנט נפשות, אַלס פאַנשטשיזניקעס, פאַרטיגע קונים, וואָס האָבן אומבאַדינגט געמוזט קויפן נאָר ביי זיי!

מכוח דעם פּרייז, כדי די דאָזיגע קאָמערציאַנטן זאָלן ניט באַרייסן אין די מקחים, איז באַשטימט געוואָרן, אַז די אַדמיניסטראַציע זאָל זיי קאָנטראָלירן. כ'לעבן, אַ זיכערע באַוואָרעניש!...

מעגליך, אַז דער געדאַנק איז געווען אַ גוטער. פּיליכט איז עס באַצוועקט געווען, אָפּצוגעוואוינען יידן פון אַ קרעמל, אַ שענקל . . . אָבער די פאָלגן זיינען זעהר טרויעריגע געווען. מען האָט אונז אומערבאַרעמליך די הויט געשונדן. פינפאַך זיינען געווען די פּרייזן פון אַלע אַרטיקלען אין פאַרגלייך ווי אין די אַנדערע

פריוואַט=קלייטן פון דער סביבה, און די אַדמיניסטראַציאָנס=קאָנט=ראָלירער האָבן, ווייזט אויס, מיט די מאָנאָפּאָליזירער בלאַט גע=שלאָסן. איינגאַנצן די גליקליכע „סובסידיע“, וואָס מיר האָבן באַ=קומען, איז ביי זיי פאַרבליבן, און מיר האָבן געהאַט אַ ברירה צו הונגערן... אָט דערצו זיינען נאָך אַלס צוגאָב געווען די מסירות, און אַלס רעזולטאַט די „מולטאַס“ — געלטשטראַפעס פאַר יעדער קליינינקייט און פאַרן קלענסטן חטא... פון אָט די דאָזיגע צרות און די באַליידיגונגען סתם אין דער וועלט אַריין איז ממש דאָס לעבן נמאס געוואָרן.

אויך דאָס פלייש, וואָס איז ביז צו דער „סובסידיע“ געווען פריי און אומזיסט, האָט דער קאָלאָנעל איבערגעגעבן אין מאָנאָ=פּאָל איינעם אַ בערדיטשעווער מיטן נאָמען: מאָטל סאַטאַנאָווסקי, וועלכער האָט ביי גאָלדשמידן אָפּגעדונגען, אַזוי צו זאָגן, די קאָ=ראָבקע, און איינגעפירט אַ פּשוטע טאַקסע, 15 סענט אַ קילאָ כשר פלייש און צען סענט טרפהנע. סקאָט צום שעכטן האָט ער לויטן אָפּמאַך געדאַרפט קויפן אין אַדמיניסטראַציע. נו, האָט זיך שנעל אַנטוויקלט אַ נייע פאָרם פון גנבה, און פלייש איז געוואָרן אַ צוגעקומענער גלות=פּראָדוקט.

יענער געניטער קאָראָבקע=ייד האָט איינגאַנצן צוויי יאַטקעס געשטעלט, איינע אין אַלגאָראָבא און די צווייטע אין אַליסע. קעפּ אויף קעפּ, פון פריה ביז נאַכט, איז מען ביי דער יאַטקע געשטאַ=נען, וואַרטנדיג אי אויף „אָטשערעד“, אי טאַקע אויף פלייש... מען איז פון די קצבים געזידלט געוואָרן און אָפטמאָל געכאַפּט אַ ביין אין קאָפּ. זיך באַקלאָגן? וואוהין? צו וועמען? דער שטומער ענגלענדער, סער בוטעל, האָט געקוקט דעם דראַגאָמאַן אין מויל אַריין, און דער איז מיטן „קאַרניסעראָ“, דעם בוטשער (קצב) איינס געווען... ווער ס'האָט זיך געקלאָגט, איז מול=טירט געוואָרן...

זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן דער פאַקט איבער אַ „מולטאַ“ פון 120 פעזאָס, וואָס אונזער אַ קאָלאָניסט האָט פאַר גאָלדשמידס פעריאָד געמוזט באַצאָלן.

יצחק וויינפעלד, פון לאַנצקאַרון, פּאָדאָליע, אַ פּעהיגער קאָ־לאָניסט און דער פאָטער פון אַ זעהר גרויסער משפּחה, האָט זיך צונויפגערעדט מיט אַ סך אַנדערע קאָלאָניסטן, און זיי האָבן אַ בונט געמאַכט קעגן בעל־טאַקסע סאַטאַנאָווסקי. דער לעצטער אָבער, אום פון אַ געגנער פּטור צו ווערן, האָט אָפּגעטאָן אַ רו־סישע שטיקל אַרבעט: צוגעשיקט אַ דאָנאָס צו די מאָנאָפּאָליזי־רער פון קלייט מיטן בלבול, אַז וויינפעלד האָט בײַ זיך אין הייזקע אַ געהיימע קלייטל... מען איז איבערגעפאַלן זיין וואוינונג אין באַגלייטונג פון אַ קאָמיסאַר מיט זעקס וויזשילאַנטן, אַן אונטערזוכונג געמאַכט, און לײדער טאַקע געפונען — צוויי קאַס־טענס פאַרפאַקעוועטע און פאַרחתמעטע, נאָך מיטן שיפסזיגל פון האַמבורג.

— אַהאַ, קאָנטראַבאַנד! — האָט דער קאָמיסאַר געשריען — ער אימפּאָרטירט סחורה פון אייראָפּע און גנבעט די „אַדואַנא“, — צאָלט ניט קיין טאַמאָזשנע!

מען האָט דעם אַלטן וויינפעלד אַרעסטירט, די „סחורה“ קאָנ־פיסקירט און אַלעס איבערגעשיקט אין געריכטסהויז פון נועווע־דע־כוריאָ.

דאָרט האָט מען די קאַסטנס געעפנט און געטראָפן געשיר, טייערע גלעזערנע און פאָרצעלייענע כּלים, אַ גרויסן קריסטאַלע־נעם כּוס מיטן אויפשריפט: „כּוסו של אליהו הנביא“, וואָס איז פאַבריצירט געוואָרן אין ווין, עסטרייך, נאָך אינם יאָר 1845, טעצלאַך, שיסעלאַך, ווערטפולע פאָסודע. אָט וואָס דאָרט איז פאַרפאַקעוועט געווען!

דער אַלטער וויינפעלד האָט געטענהט, אַז דאָס זיינען פּסחדיגע כּלים, ירושה נאָך פון זיין זיידן, רבי קלמן. „אַליץ — האָט ער געקרעכצט — אַליץ האָב איך אין רוסלאַנד אויסגעפאַרקויפט, נאָר פון אָט די ירושה־כּלים האָב איך זיך ניט געוואָלט שיידן און האָב זיי אַהער געבראַכט!“

נאָר ווער האָט אים דען געוואָלט גלויבן? אויף דער פאָסודע איז דער קאָמיסאַר און דער ריכטער, דוקא אויף חמצדיגער בעלנים

געוועזן, און זיי האָבן דעם קאָלאָניסט צוויי וואָכן אין תפיסה געהאַלטן, ביז די ביוראָ האָט נאָך פאַר אים 120 פעזאָס אַ „מולטע“ באַצאָלט...

אין אַרכיוו, וואָס געפינט זיך אין דער אַדמיניסטראַציע פון מאַאוריציאָ, קען מען נאָך היינט, אין דער אָפטיילונג פון יאָר 1893, געפינען דעם בריוו מיט דער פאַראָרדנונג פון סיר אַלבערט גאָלדשמיד, אַז מען זאָל ביים קאָלאָניסט וויינפעלד אַלע מאָנאַט אַרונטערנעמען צוואַנציג פעזאָס פון זיין סובסידיע, ביז ס'וועלן געדעקט ווערן די 120, וואָס די ביוראָ האָט פאַר אים, אַלס געלטשטראָף, באַצאָלט אין „כוזגאַדאָ“ פון גוועוע דע בוליאָ.

אָט אַזוי זיינען מיר לאַנגזאַם געבויגן און איינגעצאַמט געוואָרן אונטער אַן אייזערנער דיסציפלין. קיין פריי וואָרט האָט מען פון מויל ניט געטאָרט אַרויסברענגען. די קאַפּאַטאַסן, אינספּעקטאָרן, מאָנאָפּאָליזירער און סתם מוסרים האָבן אונז טעראָריזירט. פאַר דער קלענסטער אומאָרדנונג, פאַר ניט אָפּענטפערן מיט הכנעה, פאַר וועלכן ס'איז וואָרט — האָט מען תיכּף מולטירט, אָדער גאָר איינגעוואָרפן די הייזקע און דעם זינדיגן אַרויסגעטריבן פון דער קאָלאָניע דורך פּאָליציאישן געוואַלט...

אַזוי האָט מען „אַרויסגעטריבן“ די משפּחות וועקסעלבלאַט, קופּערמאַן און פייערמאַן.

יענקל קאַלקערן און בעריש פינקעלשטיינען האָט אַ קאַפּאַטאַס פאַרמסורט, אַז זיי האָבן צופיל געשלאָגן אַ פערד — אַן אַדמיניסטראַציאָנעם פערד. האָט דער קאָלאָנעל פון בוענאָס־איירעס שריפטליך באַפוילן, אַז מען זאָל ביי די צוויי קאָלאָניסטן פון זייער שטיצע אַלס „מולטע“ אַרונטערציהען צו פינף פעזאָס, און אויב דער פערד וועט חלילה פגרן, זאָל מען פון זייער וויין־קאָסטשקע איינקאַסירן דעם גאַנצן ווערט פון יענעם פערד (דעם בריוו האָב איך געזעהן אין אַרכיוו פון דער אַדמיניסטראַציע).

פאַר יעדער קליינינקייט איז מען באַשטראָפט געוואָרן. אַ „מולטע“ און ווידער אַ „מולטע“!

דער נעכסטער נאָך סער בוטעלן, דער אַדמיניסטראַטאָר שטורם, אַ דייטש, איז נאָך ערגער און שטרענגער געווען. ער האָט באַשטראָפּט ווען אַ קאָלאָניסט האָט זיך צופיל אָנגעשפּאַרט אויפן אַדמיניסטראַציאָנעם דראָט...

שרעקליך, גרויזאַם האָט ער אונז אין סאָלדאַטן פאַרוואַנדלט! יענער גרויסער טרוימער, וואָס האָט געחלומט אין אַרגענטינע אַ גרויסע אַגריקולטור-שולע צו מאַכן, אום נאַכהער פעהיגע ערד-אַרבעטער פאַר ארץ ישראל צו באַקומען, האָט אויף אונז אַ שווערן יאָך אַרויפגעלייגט. מיר זיינען געקומען זוכן פרייהייט אונ-טער די שיינע אַרגענטינישע בלויע הימלען און געפונען האָבן מיר שקלאַפעריי! צו אייגענע פּריצים זיינען מיר פאַרשקלאַפט געוואָרן...

אַך, וואָס פאַר אַ נאָבעלע יידישע האַרץ ער האָט פאַרמאָגט! נאָר זי האָט געבאַך געקלאַפּט אונטער אַ סאָלדאַטסקן אוניפאָרם. אויף זיין באַזוך אין מיין גרופּע האָב איך זעהר פיל מיט אים גערעדט, און כ׳האָב אין אים דערקאָנט אַ מענשן מיט אַ ווייכער און גוטער האַרץ און אַ מילדער נשמה — אָבער דער סאָל-דאַט האָט איבערגעוואויגן ביי זיין קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיגקייט.

אין חודש אויגוסט, סאַמע ווינטער, האָט ער אָנגעטראָפן די ברידער קיילעס גראָבנדיג אַ „כאַוואויל״, ווייל ס׳האָט געפעלט וואַסער פאַרן סקאָט. אַ שוואָגער זייערער, דער גאָטזעליגער יענקל שמוקלער, איז אין גרויסן ברונעם געשטאַנען באָרוועס, אַרומגעוויקלט מיט אַ זאַק בלויז, און מיט אַ לאָם געהאַקט דעם שטיינערנעם גרונט.

— וואָרום דיזער מאַן אין זאַק געקליידעט? — האָט דער קאָלאָנעל געפרעגט אין זיין צעבראָכענעם יידיש-דייטש.

— ווייל ער פאַרמאָגט נאָר איין רעקל מיט איין פּאָר הויזן, מוז ער זיי אָפּהיטן — האָט אים דער שטילינקער יענקל קעס-לער אָפּגעענטפערט.

אין ברונעם ניט קאַלט אַרבעט צו מאַכן? — האָט ער אָפּ-זיפצנדיג ווידער געפרעגט.

— ביי דער אַרבעט איז ניט שטאַרק קאַלט! — האָט מאָזעס שמולטשוק אים פאַרזיכערט.

אויף מאָרגן האָבן די פינף, וואָס האָבן דעם ברונעם געגראָבן, ערהאַלטן פון גאָלדשמידן אַ מתנה פון גאַנצע 25 פעזאָס.

אָט אַזוי האָט זיך דאָרט אין זיין נשמה געפּלאָנטערט: ווייכקייט מיט האַרטקייט, איידלקייט און גראָבקייט, אידעאַלע טרוימען און סאָלדאַטסקע ווירקליכקייטן...

זאָל אים גאָט מוחל זיין! ער האָט אונז בכלל ניט פאַרשטאַנען.

XXXI

סובסידיע.

„געלט וועל איך אייך געבן!" — האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט צו די אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך אַלס פערד איינגעשפּאַנט אין זיין קאָטש און אים קייזערליך אַריינגעשלעפּט קיין מאַאוריציאָ.

וויקטאָריעס דינער האָט וואָרט געהאַלטן. אָבער אַז אָך־און ווי איז צו דעם געלט געווען! סובסידיע — שטיצע האָט דאָס געהייסן.

וויפיל דערנידערונגען, באַליידיגונגען, חרפּה, חניפה און קריכעריי עס געפינט זיך אויף דער גאַנצער וועלט, איז דאָס אינגאַנצן און אפשר נאָך מיט פּראָצענט, פאַרקניפּט, פאַרבונדן און פאַרקערפּערט מיטן שטיצע־סיסטעם!

מיין פעדער ציטערט מיר אין האַנט, בעת איך שרייב די דאָזיגע שורות. ווען פאַר מיינע אויגן ערשיינען יענע בילדער, ווי מ׳פלעגט אויסטיילן די „סובסידיע", ווערט מיר דער פנים פאַרפלאַמט פאַר בושה און שאַנד.

אָט שטעלט אייך פאָר דאָס בילד:

אַ האַלב־רונדע לאָך, אויסגעשניטן אין אַ געל־געפאַרבט ווענטל פון ברעטער — דאָס איז געווען די קצבה־לאָך! אַ פלאַכע לענגליכע ברעטל, צוגענעגלט אין פראָנט ביים חלל, וואָס אויף דעם ליגט דער ספר החשבון, וואו מ׳דאַרף זיך אונטערשרייבן. פון יענער זייט ווענטל זיצט דער „קאַבעראָ", אָדער קאַסירער פון דער אַדמיניסטראַציע, אַדאָלף בערנהיים, אַ קורצער

עלזאַסישער יידל, און רופט אוים די נומערן, וועלכע דער משרת האָט פריהער פאַרטיילט צווישן די קאָלאָניסטן.

ווען דער „נומער" קומט צו צום לאָך, הויבט זיך אָן דער עקזאַמען:

— ווי הייסען זי? וויפיל קינדער האַבען זי? אַרבייטען זי? וויפיל לאַנד האַבען זי פערפלוגט?

— טרינקען זי שנאַפּס? — פלעגט דער אַדמיניסטראַטאָר שטורם אַריינפאָרן מיט אַ שטעכעדיגן וויץ.

האָט מען נאָר דערטאַפּט אַ „בעזגראַמאָטנעם" — און זייער צאָל איז אַ באַדייטנדע געווען — אַזוי האָט מען אים גענומען אָפּחוזקן און קיבעצן און מ'פלעגט פּשוט אויסצאַפּן די דמים...

יענער בערנהיים איז געווען אַ שטיק ליץ... ער פלעגט אָפּ-האַלטן אַ צייט לאַנג דעם „נומער" און זיך איבער אים וויצלען. דער ציפער-קאָלאָניסט איז געשטאַנען אין געהאַקטע וואונדן און געשווינגן — ווייל רעדן קענן נאַטשאַלסטווע האָט מען אין גאָלדשמידס צייטן ניט געטאָרט. פאַר אַ קרום וואָרט איז די שטראָף געווען: צום ערשטן מאָל — פינף פעזאָס, צום צווייטן — צעהן, און דאָס דריטע — „ווייסילקע", פּשוט אַרויסטרייבן פון דער קאָלאָניע און אַ סוף... דער נידעריגסטער משרת פון דער אַדמיניסטראַציע האָט מער צוטרוי און גלויבן געהאַט, ווי דער געאַכטעטסטער און אָרנטליכסטער קאָלאָניסט, און אָט די דאָזיגע מכה איז כראָניש פאַרבליבן ביז צום היינטיגן טאָג.

יענקל ווינדאָווסקי און קאַפּלאַן זיינען פאַרן חטא — רעדן קעגן אַדמיניסטראַטאָר „אַרויסגעשמיסן" געוואָרן פון דער קאָלאָניע. סאַלאָמאָן טראַפּ און בערל שוואַרץ זיינען פאַר דער זעלבער עבירה צוויי מאָל מולטירט געוואָרן און צום דריטן האָבן די גאַאו-טשאָס זייערע בעביכעס אַרויפגעוואָרפן אויף די וועגן, און מען האָט זיי פאַריאָגט פון באַראָנס טעריטאָריע.

ביים צימערל, וואו דאָס שטיצע-לאָך איז געווען, איז אַ מודעה געהאַנגען מיט דער וואָרנונג: „ווער עס וועט ניט אויספאָלגן,

אָדער זיך אַנטקעגן שטעלן דעם קלענסטן באַפעל פון אַן אַדמי־ניסטראַציאָנס־באַאַמטן—וועט באַשטראָפט ווערן מיט אַ „מולטע“.

די נוגשים, די קאַפּאַטאַסן מכל המינים, פלעגן זיך באַניצן מיט אָט דעם „אוקאַז“, און ווען ס׳האָט זיך זיי פאַרגלוסט, האָבן זיי אומערבאַרעמליך געפּייניגט.

שטעלט אייך פאָר: די „סובסידיע“ איז אַזוי אויסגערעכנט געווען נאָר אום די נשמה צו דערהאַלטן. אַכט פּעזאָס פאַר אַן ערוואַקסענעם און פיר — אויף אַ קינד פון דריי־יאָרן; ביז דריי יאָר זאָל זיך עס שפּייזן פון דער מוטער! 8 און 4 — האָט עס געהייסן — דער פּעזאָ האָט דאַמאָלסט באַטראָפן קאַרגע פופציג רוסישע קאָפּיקעס. אַלעס איז געווען שרעקליך טייער: די מאָנאָפּאָל־קלייט האָט די הויט געשונדן! נו, קומט מען אין קצבה־טאָג נעמען די סובסידיע און מען רעכנט נאָך אַרונ־טער פינף, אָדער צעהן פּעזאָס אַלס געלטשטראָף! וואָס איז? דער נוגש האָט פאַרמסרט, אַז מען האָט די אָקסן ניט געגעבן צום טרינקען, אַ פערד געשמיסן, אָדער אויפן קייזערטום גערעדט — און גייט לעבט דורך אַ חודש צייט מיט די מיזעראַבלע סענטן, וואָס ס׳זיינען פאַרבליבן!

יאָ, אַ קייזערליכע עהרע האָבן די קאַפּאַטאַסן געפּאָדערט! דער „שוואַרצער מצרי“, אַ נידעריגער טונקעלער בחורל, מיטן נאָמען ה. איז געווען דער בעסטער אינספעקטאָר ביי גאָלדשמידן. אַ ביטערער, שלעכטער יונג איז עס געווען! אָט דער „מצרי“ האָט די קאָלאָניסטן די יאָרן דערגאַנגען... מיט אַ בלויען בליי־שטיפט פלעגט ער אייגנהענטיג פאַרצייכענען אין שטיצע־בוך די שטראָפעס, און ווען דער אַקערבויער איז נאָך קצבה געקומען, האָט ער שוין געטראָפן אַ צעהנפּעזאָסדיגע „מולטע“, און שריי חי וקיים!

ניט איינעם פון די מולטירטע פלעג איך טרעפן וויי־נענדיג נעבן דראָט אַנטקעגן דער שטיצע־טיר: „מיינע קינדער וועלן שוין דעם מאָנאַט הונגערן, דער מצרי האָט מיך פאַר־מסרט!“ — פלעגט נעבעך דער באַשטראָפטער שלוכצן.

אַ גומער נאָך אַ גומער זיינען אויפֿן פאַרהער פונם אַד־מיניסטראַטאָר און קאַסירער אויפגענומען געוואָרן, און גליקליך זיינען געווען יענע, וועלכע זיינען עס בשלום אַדורכגעקומען, ער־האַלטנדיג די גאַנצע ש ט י צ ע זייערע, וואָס עס האָט זעהר זעלטן פּאַסירט! די בלעטער פונם קאָפּיר־בוך באַשטעטיגן די דאָ־זיגע טאַטזאַך.

הונדערטער קאָלאָניסטן זיינען פון באַגינען ביז צעהן ביינאַכט געשטאַנען און אויף „אָטשערעד" געוואַרט. אָפט איז מען אַהיים געפאָרן מיט ליידיגן, אום אויף מאָרגן ווידער אַ גאַנצן טאָג ביי דער גיהנום־טיר אָפּצוקרענקען. די מלאכי־חבלה פון דער אַדמיני־סטראַציע האָבן זיך ניט געאיילט, פלעגן אָפּשיקן אַ צעהנדליג קבצנים און זיך גיין עסן, טיי טרינקען, קאָרעספּאָנדענץ איבער־נעמען, אַ צייטונג לייענען אָדער גאָר אַביסל זיך איבערשלאָפן... און ביים טיר שטייען מענשן, געוועזענע בעלי־בתים, און הונ־גערן, פרירן, קוקן זשעדנע אין קצבה־לאָך און פאַרשעלטן זייער מזל, וואָס האָט זיי צו אַזאַ מדרגה געבראַכט.

קצבה, פאַרפלוכט זאָלסטו ווערן! „שנאָרער! בעטלער־באַנדע!" — פלעגט אונז שטורם אָנרופן, און דער קאַסיר בערנהיים, שפּעטער אַדמיניסטראַטאָר, דוקא ניט קיין שלעכטער מענש און אין כאַראַקטער אַ גוטער העברעער, וועלכער האָט לשון קודש זיך אויסגעלערנט ביי אַ גלח אין בעלגיע און וואָס איז שפּעטער אפילו געוואָרן מיינער אַ פריינט, אָט דער דאָזיגער קאַסירער פלעגט אונז מיט זיין לצנות שניידן פאַסנווייז.

— ס'איז אַ צדקה־געשעפט! פלעגט ער שטילערהייט זאָגן צו די ווייסבערדיגע קאָלאָניסטן — אַ הכנסת אורחים! אַן אַזיל פאַר קבצנים!

— נהמא דיכסיפא, אַלפּערסאָן! — האָט ער צו מיר אַרויס־געשריען פונם חלל אַרויס, און טרערן האָבן מיך ביי דעם שטאָך־וואָרט באַוואַשן. יאָ, „העסליך ברויט" דאָס איז דער אמתער טייטש־וואָרט פון ס ו ב ס י ד י ע.

וואָס האָב איך געוואָלט טאָן? אין אַ פרעמד לאַנד, שטום, אָרים, מיט קליינע קינדער, וואָס ווילן עסן... אַך, הונגער! וואָס פאַר אַ געפערליכער שונא דו ביזט!

מיט געבויגענע קעפּ, פאַרפלאַמטע פּנימער, אָהן אַ פונק פון מענשנווירדע, האָט מען זיך געשטופּט צום קצבה-לאָך, געחנפעט דעם משרת, כדי ער זאָל איבערבייטן דעם נומער אויף אַ פריהער-דיגן — אום וואָס שנעלער דעם באַראָנס „נדבה" צו באַקומען... הגם מיר באַצאָלן איצט מיט פּראָצענט און פּראָצענט פון פּראָ-צענטן פאַר יענע בלומרשטדיגע נדבות...

ברידער, מענשן! ווער פון אייך עס וועט אַמאָל די דאָזיגע שורות לייענען: האָט איר שוין געפּרובט נעמען אַ נדבה? האָט אייך דער שיקזאַל געבראַכט צו דער מדרגה—אַ מקבל צו ווערן? איר קענט די שאַנד און דעם ווייטאָג נאָר פיהלן, אויב איר אַליין האָט עס פאַרזוכט אָדער כאָטש געוועזן דערביי!

דאָס האַרץ קלעמט און טוט שרעקליך וויי; די בלוטן פליסן מיט אַזאַ האַסטיגקייט אין די אָדערן, אַקוראַט ווי עס וואָלטן דאָרט אַרומגעקראָכן מיליאָנען מוראַשקעס; דער מוח ברענט, און די גאַל צעגיסט זיך אין יעדן אבר, אַזש מען ווערט אָנגעפילט מיט אַ פאַרביטערניש אויף זיך אַליין, אויף דער גאַנ-צער מענשהייט, מיט איר באַרעמהערציגקייט, מיט איר פאַרשאָל-טענער צדקה, מיט איר אַכזריותדיגן רחמנות, מיט איר גאַנצן וואוילטאַט-סיסטעם! אַ צוויקנדע בושה כאַפּט אָן, און פאַר די אויגן שוועבן איראָניש האַרבע פראַגע-צייכנס: פאַר-וואָס? נאָך-וואָס? צו-וואָס פריהער דורך אַלערליי פּסלנות צוזאַמענ-שאַרן דעם פאַרפלוכטן מעטאַל, אום נאָכדעם אַ פילאַנטראָפּ צו ווערן? איז דען די צדקה אַליין ניט די גרעסטע נקמה-נעמערין פון דער אָרימער נערעכטיגקייט? נאַ, זעה, ווי דו מוזט שטיין געבויגן ביי מיין טיר? איז דען בכלל דאָס רחמנות נישט די גרעסטע באַליידיגונג פאַר דער מענשליכער נשמה? איז דען רחמנות נישט קיין פאַקטאָרין ביי גזלה אין די הענט? מען פאַרקריפּלט טויזנטער אַרבעטער, מען פאַרשקלאַפּט די מוטער,

מען פראָסטיטואירט די טאָכטער, און ווען מען איז שוין אויפן שפּיץ פון סאָציאַלן לייטער, פאַרגלוסט זיך כּבוד, עהרע — דאַן ווילט מען זיך איין אין מאַנטל פון רחמנות, מען ווערט אַ בעל-צדקה און מען וואַרפט-צו די הונגעריגע אַ ביין: „נאַט, גריזעט און זינגט צו מיר שירים ותשבחות, איך וויל הנאָה האָבן פון מיין געלט און בין אַ נדבן, אַ פילאַנטראָפּ!"

פאַרשאָלטן זאָל ווערן די חצופה רחמנות! פלוך אויף דער גאַנצער צדקה-סיסטעם!

נאָר צו וואָס האָב איך זיך פּלוצים פינאַנדערגעפילאָזאָפירט? איך וויל דאָך נאָר דערציילן די געשיכטע פון דער קאָלאָניזאַציע און ווי ס'איז צוגעגאַנגען מיטן אויסטיילן פון דער „סובסידיע".

מיט אַ טרוקענעם גאַליעט אין קעשענע, אָנגעטאָן די פּעלענע לאַפּצעס, צוגעבונדן מיט אַ רימענדל פון אַ רויער פעל, אינם געשענקטן קאָמיטעט-רעקל, אויפן קאָפּ אַ מיצל מיט צוויי דאַשקעס — בין איך אויף דער געלער „מולא" נאָך דער קצבה געפאָרן. עלטערע יידן פלעגן עולה-רגל זיין, מחמת זיי האָבן אנפאַנגס מורא געהאַט צו רייטן אויף די אָרטיגע משוגענע פערד. די גרעסערע גומערן פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן אין קרייזלאַך ערגעץ אויף אַ בערגל אָדער אונטער אַ געדיכטן בוים, זיך אויסזעצן, ווי די טערקן, מיט די פיס אונטער זיך, און איינער פאַרן אַנדערן אויסגיסן דאָס פאַרביטערטע האַרץ...

אַזוי האָט מען טעגווייז פאַרלוירן, וואַרטנדיג אויף שטיצע!

XXXII

תּכליתים און פּרוכטבאַרקייט.

עטליכע פון די עלטערע קאָלאָניסטן, וואָס מען האָט זיי גע־האַלטן פאַר די חכמים, און אויף זיי האָט מען שוין טאַקע אויך אַרויפגעלייגט דעם כּלָלישן יאָך, האָב איך אין אַ „שטיצע־טאָג“ געטראָפן פאַרזאַמלט אונטער דער קלאָנגדינגער ווערבע, וואָס קוקט צום בית־עלמין. אַלע זיינען אויסגעזעצט געווען אויפן גראָז, און אַ מאַסע „כאַלאָסטאָיעס“ און פאַמיליאַנטן זיינען אַרום זיי געשטאַנען.

מען האָט שטאַרק געזאָרגט איבערן נייעם נאָמען, וואָס די קאָלאָניזאַציע האָט באַקומען. ביזן אַכצנטן יאַנואַר פון 1893־טן יאָר האָט עס דאָ אָפיציעל געהייסן: „די קאָלאָניזאַטאָ־רישע אונטערנעמונג פון באַראָן הירש! און פּלוצים איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „די יידישע קאָלאָניזאַ־ציאָנס־געזעלשאַפט — יק״א.

פון

EMPRESA COLONIZADORA „BARON HIRSCH“

אין

„JEWISH COLONIZATION ASSOCIATION“.

— מען האָט אַרויסגעוואָרפן דאָס וואָרט באַראָן הירש: אוים טאַטע! צו אַ שטיף־מאַמע זיינען מיר איבערגעגבן געוואָרן! צו עפּעס אַ משונה בריאה, וואָס הייסט: יק״א! — האָבן איינינגע באַמערקט. און פון יענעם טאָג אָן האָבן די קאָלאָניסטן

אינסטינקטיוו גענומען האַסן די דאָזיגע באַשעפעניש און איר נאָמען.

שניאור מלמד, יוסל דראָהל, אליהו פּאַק און דער כשרער מנקר האָבן געוואָלט דרינגען, אַז דאָס דאַרף זיין עפּעס אַ באַנדע מיסיאָנערן, רייכע ענגלענדער, וואָס ווילן אונז מעביר זיין על דת... דערפאַר איז דער נאָמען אין ע נ ג ל י ש.

דער קליינינקער קאַנטאָניסט ראָגאָוו, פון טאַמבאָוו דוכט מיר איז ער געווען, און וועלכער האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט אַ ספר־תורהלע, קושנדיק דאָס מיט צערטליכקייט און מיט האַר־ציגער תמימות — האָט זיך ווי אַ קינד צעכליפּעט:

— איך האָב די שניי־פעלדער פון סיביר אַדורכגעבראָזשעט, ימים דורכגעפאָרן און געקומען ווידער א ייד צו זיין, דעם צלם אַוועקשליידערן, און איצט...

דער קליינער קיבוץ אויפן גראָז האָט ביי די ווערטער פון ניקאָלאַיס אַן אָנוס די קעפּ טרויעריג אַראָפּגעלאָזן, און אַלע האָבן זיך פאַרטיפט אין פיינליכע געדאַנקען.

ישראל ליסין, אַן עלטערער קלוגער ייד, האָט זיך אויפגע־שטעלט און צעשריען:

— שוטים — טפּושים! מלמדים, וואָס איר זיינט! ווער דאַרף אייער דת, וואָס האָט איר זיך פאַרזאָרגט, און וואָס האָט איר מורא פאַרן נייעם נאָמען? מיר וועלן נאָך פון דאַנען פאָרן אין אַ קאָמיסיע צום באַראָן, אָדער מיר וועלן א י ם אַהער, צו אונז ברענגען! מיר וועלן זיך ניט לאָזן טרעטן מיט די פיס — האָט קיין מורא ניט!

אָט דער דאָזיגער ליסין איז געווען אַ הייסער ייד מיט אַ סך בטחון, דערפאַר האָט מען אים שפּעטער, אַלס רעוואָלוציאָנער, אויף לאַפּינס אַ באַפעל, אַרויסגעוואָרפן אויף אַ וואָגן און פון דער קאָלאָניע אַרויסגעשיקט!... מירן נאָך צוריקקומען צו זיין טעטיגקייט.

ס'איז שטיל געוואָרן. דער אַלטער ווייַנפעלד, וואָס האָט שטענדיג צווישן די ציין געביסן דעם ציגאַרשפּיצל און משלים

געזאָגט, האָט פּלוצלונג אין אַ גאַנץ ערנסטן טאָן אָפּגעווענדעט דעם שמועס אויף אַן אַנדער ענין.

דערווייל, ברידער, איידער ה׳ ליסינס חלום וועט פאַרווירק־ליכט ווערן, און מיר וועלן די זכיה האָבן דעם באַראָן דאָ צו זעהן, וואָלט איך געזאָגט, אַז ס׳איז אַ סך גלייכער אַ טראַכט צו טאָן מכוח אַ דאָקטאָר. דער ליבער ד״ר יאַפּע איז אַוועק פון אונז. ער האָט מער ניט געקענט איבערטראָגן די פּאַרפּעסטעטע קאַזאַרמע־לופט פונם ענגלישן פּאָלקאָוואָדיעץ. ווען ער האָט, למשל, פערד געבעטן, אום צו פאָרן צו אַ קראַנקן — האָט אים די אַדמיניסטראַציע אָפּגעזאָגט. דאָס ווייסט איר דאָך! און מיט אַזעלכע „שפּיצלאַך״ האָבן זיי אים געזוכט צו פּטרן און האָבן עס דערגרייכט... דערווייל אָבער, ברידער, האָבן זיך די ווייבלאַך צעקינדלט באַלד ווי אין מצרים אונטער י ע נ ע נ ו ג ש י ם... צוועלף פּאָרלאַך האָבן מיר שוין דאָ געהאַט, און איצט איז ביי בצלאל ליפּמאַן אַ דריילינג געבוירן געוואָרן... מער פון הונ־דערט געבורטן אין פערציג טאָג! און אַחוץ די קינפּעטאָרינס זיינען פאַראַן אַ סך אַנדערע קראַנקע. זאָל דער קאָלאָנעל אונז שיקן אַ דאָקטאָר און פאַר אים באַשטימען זעקס פערד און נישט די פּאַדלעס, וואָס די אַדמיניסטראַציע שטופּט אונטער גראד דעם דאָקטאָר!...

— און טאַקע „מימאָכאָדאָס״ לאָמיר אויך שרייבן וועגן אַ מקוה! — האָט רבי לייב דינער געפּאָדערט — די ווייבלאַך גייען טבילה־האָבן אין דער „לאַגונאַ״, די ש וו אַ ר צ ע קוקן זיך אונטער... און ס׳איז קאַלט... די סכנה איז אַ צווייענדיגע!...

— נו, און אָן אונז, אָן די „כאַלאָסטיאַקעס״, פאַרגעסט מען?

— האָט זיך אויפגעהויבן אַ לאַנגער ייד מיט אַ באָראָדעווקע אויפן נאָז, אַ מעזשביזשער חסיד מיטן נאָמען לייזער ניסענזאָן — איר — טענהט ער — זאָרגט זיך פאַר פרו ורבו, און מיר דוכט, אַז די „לאַגונא״־וואַסער איז אויסגעצייכנט פאַר פּריה ורביה, אַ סימן: די צווילינגס און די דריילינגס, וואָס זיינען געבוירן גע־וואָרן... וואָרום זאָרגט איר ניט פאַר א ו נ ז ע ר ע פרויען און

קינדער, וואָס שמאַכטן דאָרטן אין רוסלאַנד ? דאָרט לײַדן זײ
נעבאַך פון הונגער און פון קעלט ! — זײַן שטים ווערט איבער־
געריסן פון אויפרעגונג, און ער שלעפּט אַרויס דעם ברײטן אַרבל
פון זײַן העמד און ווישט זיך אויס די פײַכט געוואָרענע אויגן —
בערל ! — גיט ער אַ געשרײ און שטורכעט מיטן עלנבויגן אַ
ברייטבײנערדיגן יידן מיט אַ שײנער און גרויסער בלאָנדער באָרד
— דער „געלער ראַבינאָוויץ" האָט מען אים גערופן, אַ ייד פון
„עקרים", „כוורי" און „עקידה", — וואָס שווײַגסטו וואָס ?
גולם אײנער ! זעה דעם בן הרב, ווי ער קען אַ מויל ניט עפע־
נען! די פאַמיליאַנטן האָט מען אין זינען, און אָן אונז פאַרגעסן זײ!

דער דאָזיגער בערל בורטשעט אונטערן נאָז, לאָזט אַראָפּ זײַן
בליק צו די באָרוועסע פיס — קײן גוישע כאָדאַקעס, אַזוי
ווי מיר, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט אָנטאָן — און ענט־
פערט אָנצײַגנדיג מיטן האַנט אויף מיר :

— זאָל ער, מיטן פעלענעם גאַרטל, מיט אליד׳ום אוזר עור,
אײך אָנשרײַבן אַ ביטע אין לשון הקודש. דער פאָלקאָווניק, זאָגט
מען, קאָן די ציונס שפּראַך...

— צוערשט זאָל מען שרײַבן פון די „כאַלאסטאיעס" ! —
היצט זיך אַ מאגערער ווײַסינקער מענשעלע, שמחה פלײשהעקער
איז זײַן נאָמען געווען — לאָמיר אויך דאָ האָבן אונזערע משפחות
און זײַן גלײַך מיט אַלעמען !

— מאָטל ! — קאָמאַנדעוועט דער אַלטער ליסין — מאַך
אַ „טשארנע" מיט אַ קאַראַנדאַש טאַקע דאָ אויפן אָרט, און מיר
וועלן דיר שוין אויסטאָלקאָווען !

ס׳איז באַלד געשאַפן געוואָרן פּאַפּיר און אַ בלײַשטיפט, און
יונה פרענקל, מיט זײַן גלײַכער פלײצע, האָט געדינט אַלס שרײַב־
טיש... דער אַלטער ליסין האָט דעם שפּיץ פון זײַן ציגענער
בערדל אַרײַנגענומען אין מויל, האָט אַרויפגעצויגן די זאָק, וועלכע
פלעגט זיך אים כסדר אַראָפּרוקן, האָט צוויי מאָל אָפּגעווישט די
נאָז מיט דער האַנט, וואו ס׳האָט געפעלט דער גראָבער פינגער,

זיך צוגערוקט צום לעבעדיגן שרייבטיש און גענומען דיקטירן — איך האָב געשריבן...

דער עולם ארום איז ערנסט געוואָרן און איז געשטאַנען שטיל רוהיג... לייב דינער האָט נאָר איינאיינציגן מאָל אַרויסגענומען זיין טאַבאַקערקע מיטן צעריבענעם טיטון — קיין שמעק-טאַבאַק איז נאָך דאַמאָלסט ניט בנמצא געווען. האָט מען זיך צופרידנגע-שטעלט, שמעקנדיג צעריבענע מאַבאָרקע — און ווי די מאָדע איז געווען, האָט ער זיך גענומען מכין זיין צום דאַוינען עונג... אָבער אין זעלבן אויגנבליק האָבן זיך דערהערט קולות פון צווישן עולם: „לאָזט צורוה, רבי לייב, מיט אייער טאַבאַק שמעקן, עפּעס שרייבט מען דאָך!" און ווידער איז איינגעטראָטן די שטילקייט, און איבער יעדנס געזיכט איז צו באַמערקן געווען, דאָס מען איז אין רעיונות פאַרטיפט... אַלע האָבן פון זייער היים גע-טראַכט, און ביי די אומגליקליכע „כאַלאָסטאָיעס" זיינען די אויגן אָנגעדראָלן געוואָרן...

איך האָב די „פּראָשעניע" געענדיגט. אַברהמל ראָזענפעלד האָט דאָס פּאַפּיר אין האַנט גענומען און איבערגעזעצט אין יידיש דעם אינהאַלט פון דער העברעאישער בקשה.

פּלוצים האָט זיך אויפגעהויבן וועקסלבלאַט, אַ בכבודיגער ייד, אַ גאַנצער פּאַרנעס, האָט געהאַט אַ זעהר געבילדעטע פאַמיליע, (גאָלדשמיד האָט אים טאַקע אומגעזאַמט אַרויסגעשיקט פון דער קאָלאָניע) און האָט אונז מיט זיין הייזעריגער שטים כמעט ווי אין צווייפל געטריבן.

— דומהייטן! נאַרישקייטן! — האָט ער מיט זיין פּעסי-מיזם באַהויפּטעט — אומזיסט איז אייער שרייבן! דאָקטוירים, מקוואות, די פאַמיליעס זאָלן זיי אייך ברענגען? ניין, ניין! איר האָט צו טאָן מיט רשעים, מיט שקלאַפנהענדלער! ס'איז גאָר קיין בּאַראָן נישטאָ! מיר זיינען זעהר שלעכט פאַרפאָרן! מ'דאַרף טראַכטן ווי זיך צוריק אַהיים צו דערשלאָגן...

דער עולם האָט אויפגעציטערט. דאָס וואָרט אַ ה י י ם האָט יעדן עלעקטריזירט.

— אַ ה י י ם ? — האָט אַ הויכער קול אין אַ סאַרקאַסטישן טאָן אָפּגעקלונגען — אַהיים ! וואָט טיעבע נאַ !

דאָס האָט אויסגעשריען אברהם הויכבערג, אַן אדעסער און אַ געוועזענער סאָלדאַט, וואָס האָט תּמיד גערעדט „פּאָפּאָלאַם פּאָ רוסקי" ...

— אַהיים ! — האָט ער ווידער געשריען, נאָכקרימענדיג זיך ווערקסלבלאַטן און האַלטנדיג זיך פּאָדבאָקאָם — אַהיים ! טאָם גדיע מ'ברענט הייזער, מ'גראַבעוועט די קלייטן, מ'הרגעט די סטאַרצי, אי מען פּיצלט רעביאָנושקי און מען ז'גוואַלדעוועט אונ־זערע סיאָסטרי ! ... אָ ! — האָט ער אַזש געדונערט — סאָם יאַ ווידיעל אַ פּאָגראָם ! נו, דאַ, אַליין געזעהן ! מיין פּראַפּאָר־שטשיק געשטאַנען נעבן מיר און געקוקט ווי די באָסיאַקעס בושע־ווען און ראַזגראַמליעווען און מיר געהייסן האַלטן קאַראַאול ! אַ שיינע היים ! וואָט טיעבע נאַ ! היי, ווילענסקי ! — מיר זיינען זדיעס אין דער רעספּובליקע אַרגענטינע : זדיעס איז אונזער היים !

און יענער הויכער, פעסטגעבויטער ייד צעטאַנצט זיך פריי־ליך פאַרן גאַנצן עולם.

מיר האָבן אַלע פרייער אָפּגעאָטעמט, דער יאוש איז פאַר־שוואונדן, און די האָפענונג האָט איר געוועהנליכן אָרט פאַר־נומען.

אין צעהן טעג אַרום איז אויף אונזער ביטע אָנגעקומען אַן ענטפער.

גאָלדשמיד מעלדעט : „דאָס קיין מקוה קען די ביוראָ ניט מאַכן, עס דאַרף קאָסטן פיל געלט", און ברענגט אַ חשבון : 500 פעזאָס אַ הויז, היינט די גרוב, ד. ה. די מקוה, דאַרף האָבן ציגל און צעמענט אין באַטרעף פון נאָך 200 פעזאָס. די אַדמיניסטראַ־ציע קען אַזאַ אויסגאַבע ניט מאַכן. „אויב די קאָלאָניסטן ווילן, זאָל זיי עס אויפבויען פון זייערע ס ו ב ס י ד י ע ־ געלטער" ...

— ווי געפעלט אייך דער שפּאַס ! — האָט אימיצער אויס־געשריען.

וועגן אַ דאָקטאָר, פאַרזיכערט ער, אַז מאָרגן שיקט ער אַרויס דעם ד״ר שוואַרץ, אויף יאַפּעס פּאָסטן, און מכּוח די פאַמיליעס פון רוסלאַנד צו ברענגען ווערט צוגעזאָגט איינגיכן צו באַציהען די משפּחות פון יענע „סאָלטעראָס“, וועמעס אויפפירונג איז אין די פאַרוואַלטונגס־ביכער פון מאַאוריציער אַדמיניסטראַציע פאַר־צייכנט אַלס אַ גוטע; די בונטאָווטשיקעס און רעבעלן האָבן אַבסאָלוט ניט וואָס צו וואַרטן און האָפן, אַז מען זאָל זיי נאָך זייערע פאַמיליעס ברענגען!

באין ברירה, האָבן מיר מיט פאַרדראָס דעם ענטפער אַראָפּגע־שלונגען.

די פרומע יידן האָבן שוין מקוואות אַליין פאַרזאָרגט: ביי מאָטיע פרענקל, אין גרופּע 54, האָט מען איין גרוב אויסגע־גראָבן און ביי הירש שאַפּאָטשניק, אין גרופּע 31 — די צווייטע. מען האָט געגראָבן ביזן וואַסער, נאָכדעם איבערגעצויגן די גרוב מיט אַ לייוונטענעם דאַך, און די שוחטים האָבן די קאַלטע וואַ־סער־גריבער מיט אַ הייסן מקוה־הכשר געוואַרימט... און דוכט זיך, אַז זיי האָבן די דאָזיגע מקוואות מיט מילך געכשרט... דער יונגער דור, די 20 ביז 30 יעריגע (מחמת עלטערע מענשן זיינען נאָר ווייניג געווען), האָבן זיך פאַר צרות געגומען מערן און מערן, ווי אין פּסוק שטייט: וכאַשר יענו אותו, כן ירבה!...

אָבער קינדלען אין אַ בודקע פון בלעך, דאָרט האָדעווען קינדער, זיי זויגן און ערציהען אויף דער פאַרשאָלטענער מאָגערער שטיצע, איז נאָרניט אַזוי קפּריסינדיג געווען. האָבן זיך מיישב געווען איניגע פון די יונגע קימפּעטאָרינס און געווינערינס און גע־כאַפּט אַ שטאַרב...

קיין דאָקטאָר איז גיך ווידער ניט געוואָרן. ד״ר שוואַרץ איז קוים געווען פון יולי ביז סעפּטעמבער. ער האָט זיך מיט דער אַדמיניסטראַציע צעריסן, אַקוראַט ווי אַלע איבעריגע דאָקטוירים, און איז אָפּגעפאָרן, שפּייענדיג קלעק אויף זיי...

איז ווידעראַמאָל אַ יללה געוואָרן:

— דאָקטאָר! — האָט מען פון אַלע זייטן געשריען!

דאָ איז אַ קימפּעטאָרין געשטאָרבן. דאָרט האָט זיך אַ קאָלאָ-
ניסט פאַרטשעפּעט אָן אַ בראָנע און דאָס לייב צעפּליקט. אַן
אַנדערער איז פון פערד אַראָפּגעפאַלן און אַ פוס צעבראָכן...
איבערהויפּט זיינען די שטאָטיגע יידן כמעט אַלע גרויסע בריהס
געווען צום פאַלן און זיך אויסגליטשן...

— גוואַלד, אַ דאָקטאָר! — האָט די גאַנצע קאָלאָניע געיאַ-
מערט. די אַדמיניסטראַציע האָט צו דער דירעקציע געשריבן, און
דער ענגלישער קאָמאַנדיר, וואָס יעדער סאָלדאַט-קאָלאָניסט איז
ביי אים טייער געווען, האָט פאַראָרדנט, אַז די אַדמיניסטראַציע זאָל
יענע מיט די צעבראָכענע ביינער אַריבערשיקן קיין בוענאָס-
איירעס אין „האָספּיטאַל-פראַנסעס"; און דאָס די געווינערינס זאָלן
דערווייל צוואַרטן... מילא, האָט מען די קאַליקעס אויף שליטנס
פון בלעך צוגעטאַסקעט ביז קיין אַלגאַראבאָ, און די באַרעמהאַר-
ציגע אַדמיניסטראַציע פון גאָלדשמידס מאָנאַרכיע האָט זיי אָפּ-
געשיקט אין שטאָט אַריין. וואָלט דאָך שוין געווען נישקשה!
איז אָבער דערביי אַן ערגערע צרה געווען. אַז מען האָט דעם
קאָלאָניסט דאָרט אויסגעקורירט, און ווען ער איז מיט אַ פאַר-
גיפּסעוועטן פוס בשלום אַהיים געקומען, האָט דאַן זיין געזונטע
פאַמיליע אָנגעהויבן קרענקען פשוט פאַר הונגער... ווייל די
אַדמיניסטראַציע האָט אַלע מאָנאַט אַראָפּגעצויגן אַ חלק פון זיין
שטיצע, אום צו דעקן די אויסגאַבן פונם קראַנקנס רייזע קיין
בוענאָס-איירעס: פאַר די שפּעזן פון דער קוראַציע, וואָס זי האָט
דאָרט פאַר אים באַצאָלט, אָדער, וויניגסטנס, געזאָלט באַצאָלן!...

נאָך אַ פּאָר מאָל האָבן מיר געשריבן צום קאָלאָנעל. ער
האָט ענדליך געענטפערט, דאָס ער האָט ווענן ענין דאָקטאָר דע-
פּעשירט צום באַראָן און ער האָט אַ תשובה באַקומען, אַז עס
ווערט אַרויסגעשיקט אַן ערצטין, אַ יידישע פריילין...

די אומגליקספאַלן האָבן אָבער ניט געוואָלט וואַרטן אויף דער
דאָקטערשע, דער פריילין... יונגע מאַמעס זיינען דערווייל אַלס
קרבנות געפאַלן!

האָט מען געמוזט באַדינגען אַ קריסטליכן אַרצט פון שטעטל פּעהואַכאָ, אַ מרחק פון צוועלף לעגוועס (60 קילאָמעטר) פון אונזער קאָלאָניע, צוויי מאָל אין וואָך פלעגט ער קומען צו פאָרן און מיט דעם דאָזיגן אַרצט איז אונזער ביטערער כּוס פאַרפולט געוואָרן...

XXXIII

צעזאַר ראָדעס — אַן ארצט, און „האָטעל טשאַנטשא״ — אַ שפּיטאָל.

אויך בײַ די טויערן פון מענשליכע שמערצן און יאָמערן, אויפן שוועל פון שפּיטאָל, האָבן די באַאַמטע פון דער באַרעמהאַרציגער פילאַנטראָפּיע אונז אויף חוזק גענומען; האָבן זיך אויסגעלאַכט פון אונזערע ווייטאָגן, זאַליק געשאָטן אויף אונזערע וואונדן, און זיך געוויצלט איבער אונזערע שטאַרבנדע...

יענע בילדער קאָנען פון מיינע אויגן ניט פאַרשווינדן. תמיד ערשיינען זיי בולט און שטענדיג ערוועקן זיי בײַ מיר די פראַגע: איז טאַקע ווירקליך דער איידעלער קאָלאָנעל אַזוי בלינד געווען, אַז ער האָט דאָס אַלעס גאָרניט געזעהן? וואָרום האָט ער עס ניט פאַרהיט? פאַרוואָס האָט ער דעם ניט געשטערט? ווי אַזוי האָט ער עס געקענט געבן אַזאַ אומבאַגרענעצטע ממשלה אין די הענט פון אַ באַנדע וואַגאַבונדן, וואָס האָבן נאָר געוואוסט, דאָס זיי דאַרפן די אומגליקליכע אימיגראַנטן פייניגן? ווי קומט עס, וואָס פאַר אַלעמען און אויף אַלעס האָט ער אַזאַ אָפענע רייכע האַנט געהאַט, אַחוץ פאַר אונז קאָלאָניסטן?

הערט חידושים! אויף אַלצדינג האָט דעם באַראָנס פאַרמעגן געקלעקט! אַ קאָמיסאַריע האָט מען אויסגעבויט ביד רחבה, זאָל פּאָליציי האָבן וואו צו וואוינען און פאַרברענגען! אַ תפיסה, מיט אַ סך קאַזעמאַטן, צימערלאַך מיט אייזערנע גראטעס, גוטע זיכערע שלעסער מיט באַקוועמע וואוינונגען פאַר די וועכטער, אַלעס פון ציגל מיט צעמענט, גוטע טירן, פענסטער, כדבעי... אַן אדמיני-

סטראַציאָנס־געביידע, הויך און לאַנג ווי דער יידישער גלות...
מיט צימערן גרויסע און ברייטע — אָהן אַ שיעור. אפילו פאַר
דער בלאָנדער פּראַנצויזין, דעם אינזשענערס מעטרעסע, וועלכע
פלעגט מיט איר אויסגעלאַסענעם געלעכטער פאַרהילכן דעם
גאַנצן „הויף“, האָט מען צוויי חדרים אויסגעבויט. די צוויי
ריזיגע גאַלפּאָגעס פאַר די פערד און די קאָטשן פון דער אַדמיני־
סטראַציע האָבן מיר מיט אונזערע הענט אויסגעבויט. „פּיתום
און רעמסס“ האָבן מיר זיי אַ נאָמען געגעבן — אויף אַלעס איז
די האַנט ברייט צעעפנט געוואָרן, נאָר פאַר אונז, קאָלאָניסטן, איז
זי פעסט געשלאָסן געווען!

מילא אַ באָד, אַ מקוה האָט גאָלדשמיד אָפּגעזאָגט, דאַן ווען
אפילו אַרעסטאַנטן אין סיביר באַקומען אויך אַ באָד זיך צום ריי־
ניגן... די אַדמיניסטראַציע קען קיין געלט אויף אַ באָד ניט
אויסגעבן! אויף מקוואות — נו פאַנאַטיזם אפשר, איך וויים?
אָבער אַ שפּיטאָל? אַך, מיין גאָט! ווייסט איר, וואו ער האָט
אַ פּלאַץ געפונען פאַר אַזאַ דרינגענד נויטיגן אינסטיטוט? ס'איז מיר
פשוט אַ בושה צו דערציילן. יענע אויבנדערמאָנטע חזיר־
שטאַל, וואו מיר זיינען צוזאַמען מיט די שווייגען געלעגן ביים
אָנקומען, אַהין האָט מען איצט די חולאים פאַרשיקט! די ווענט
פון בלאָטע, דער דאַך פון שטרוי, — איז דער באַרימטער „האָ־
טעל טשאַנטשאָ“ געשטאַנען אויף אַ בערגל אַנטקעגן בית עלמין
און פאַרבליבן בירושה פון דעם עקס־פּאַטראָנס, רעמעלאַ פּראַנ־
קאָס חזירים!

יענע „ראַנטשאָ“ האָט דער קאָלאָנעל געהייסן כלומרשט פאַר־
ריכטן. מע האָט אויפן שטרויענעם דאַך אַרויפגעליינט בלעכן,
די ווענט מיט קאַלך אָפּגעווייסט, אָפּגעטיילט צוויי פּראָנט־צימער־
לאַך, איינעם אַלס קאָנסולטאָריע פאַרן דאָקטאָר, וואו קראַנקע
אויפצונעמען און דעם צווייטן, צוליב די עטליכע פלעשלאַך מע־
דיצין וואָס מ'האָט אָנגערופן אַפּטייק.

הינטער די צוויי חדרים איז געווען אַ לאַנגער שמאָלער חדר,
מיט צוויי קליינע בויער־פענסטערלאַך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט

צום „הייליגן אָרט“. אין יענעם צימער האָט מען אַריינגעשטעלט צוויי „קאַטרעס“, און דאָס האָט מען אַ נאָמען געגעבן שפּיטאָל! נעמט יידן, ווי איינער רעדט — און קרענקט אייך וויפיל איר ווילט: איר קענט אויך דורך די פענסטער־לעכער קוקן גלייך צום עולם האמת — און צופרידן זיין.

אַט דער „האָספּיטאַל“, וואו עס געפינען זיך נאָך עטליכע פלעשלאַך מיט מעדיקאַמענטן, שטייט ביז היינט אויפן זעלבן אָרט, קיין בעסערן האָבן מיר ניט זוכה געווען אויפצובויען; נאָר היינט דרייען זיך דאָרט אַרום גרויסע שטשורעס, ראַצן און מייז פון אַלע סאָרטן און מינים.

דער פאַראָנדעק איז געווען פאָלגנדער: צוויי מאָל אין וואָך זיינען די „דאָקטאָר־טעג“ געווען — מאָנטאָג און דאָנערשטאָג.

הונדערטער חלאים זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן אָדער צונויפגעקומען קיין אלגאראבא און זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד, פון ביידע זייטן וועג וואָס ציהט זיך פון דער אַדמיניסטראַציע ביזן „האָטעל טשאַנטשאָ־האָספּיטאַל“. דאָרט איז מען געזעסן און געוואַרט אויפן דאָקטאָר פון פעהואַכאָ.

נאָך יעצט דוכט זיך מיר, ווי איך זעה יענע אָרימע קראַנקע; אַווירקליך גיהנום־בילד, וואָס נאָר אַ דאַנטע וואָלט אַ מייסטער געווען ריכטיג צו שילדערן!

אָט ליגט דער אַכצעהן־יעריגער שיינער בחור, שמשון מעלמאַן, וועלכער איז פון אַ פערד אַרונטערגעפאַלן און אַ פוס צעבראָכן. ער קרעכצט און אויקעט, אַז עס שניידט אַזש ביים האַרצן. זיין פאָטער, משה חנה־גאָלדעס פון סקאַלאַ — אַ שפּעטערדינגער רעוורענד, חזן ומוהל אין ניו־יאָרק — שטייט נעבן אים, לייגט אים צו קאָמפּרעסן פון קאַלט וואַסער און באַוואַשט זיך מיט טרערן... ווייטער אַביסל ליגט לייב יוטעס מיט אַ צעבראָכענעם ריפּ אין זייט. אַביסל אָפּגערוקט טרעפן מיר אונזער באַקאַנטן, דעם אַלטן ישראל ליסין, וועלכער איז געפאַלן אויף אַ בראָנע און אַ פּאָר אייזערנע ציין זיך אַריינגעשטאָכן. נאָכדעם קומען יונגע פרויען, מיט אַרומגעבונדענע

קראַנקע ברוסטן, פּאַרקילט צווישן די אָנגעפּרוירענע קאַלטע בלעכן. מאַמעס מיט שלאַפּע און קראַנקע קינדער, רינענדיגע אויערן, שטיקנדיגע העלזער, צעיאַטערטע מכות און שלעק פון דער גאַנצער וועלט... אָט די דאָזיגע אַלע פאַרוואָגלטע ליגן אויפן גראָז און וואַרטן, דער דאָקטאָר זאָל זיי ברענגען זיין מע־דיצינישע הילף. הימל! איז דען מעגליך דאָס בילד צו פאַרגעסן?

אויף אַ לייכט רייט־וועגעלע, איינגעשפּאַנט צו אַ ברענענדן שוואַרץ־סאַמעטענעם פערד, לויפט אָן דער דאָקטאָר צעזאַר ראָ־דעס. ער איז שנעל מיט זיין געשפּאַן דורכגעלאָפן די צוועלף־לעגוועסדיגע שטרעקע. די באַאַמטע פון דער אַדמיניסטראַציע שטייען און גלעטן דעם פאַרשוויצטן „נעגרא", פּאַטשן אים אין הינטן, גלעטן אים די גריווע, קוקן אים אין די ציין און זאָגן מבי־גות, לויבנדיג דעם פערד ביז גאָר... דער דאָקטאָר שמועסט מיט זיי און צעשמעלצט זיך פון נחת. אויף די קראַנקע קוקט מען זיך אפילו ניט אַרום!

דער דאָקטאָר וואַשט זיך אַרום, טרינקט מיטן אַדמיניסטראַטאָר קאַווע און וואַרפט צו עטליכע קאָמפּלימענטן דער יונגער פראַנ־צויזין... ערשט אַרום עלף אַזייגער קומט ער אַרויס, אָפּט באַגלייט פונם אַדמיניסטראַטאָר, שפּאַצירט אַדורך די שורות מיט קראַנקע, פאַרשרייבט, אַז די מיט צעבראָכענע גלידער זאָל מען שיקן אין אַ שפּיטאָל קיין בוענאָס־איירעס, און פאַר די איבעריגע חולאים פאַראָרדנט ער אַביסל מאַגנעזיע, ביקאַרבאַנאַטאָ פון סאָ־דיום, זאָגט עטליכע פאָרנאָגראַפישע פראַזן צו די יונגע ווייבלאַך און גייט תיכּף אַוועק, אום מיטאָג צו עסן...

זיצן די קראַנקע און וואַרטן ביז צוויי אַזייגער! ווען דער דאָק־טאָר קומט פונם עסן מראה כּהנדיג, זעצט ער זיך אַוועק אויף אַ שטול און באַהאַנדלט אונזערע קראַנקע מיטן גרעסטן ציניזם...

— טשע גרינגאָ! — זאָגט ער צום יונגגמאַנטשיק, וואָס פאַר־טרעט כּלומרשט אַן אַפּטייקער און פאַרוואַלטעט מיט די עטליכע פלעשלאַך און פעקלאַך רפואות — דו ווייסט דאָך שוין אַליין!

זאַלץ — די האַלז־קראַנקע, יאָדאָ טינקטור — פאַר די פאַר־וואונדעטע...

דריי אַזײנער קומט אַריין דער אַדמיניסטראַטאָר און מ׳שמועסט אַביסל, מען לאַכט, מ׳חוזקט און מען טרינקט „מאַטע“, וואָס אַ שותּפותדיגע שיקסל דערלאַנגט... אַזוי ווערט צווישן זיי באַ־שטימט בהסכּם, דאָס די אַלע קאָלאָניסטן קרענקען גאָר דערפאַר, ווייל ס׳איז אומזיסט די קוראַציע... ווען זיי וואָלטן דאַרפן צאָלן פאַר יעדן וויזיט פונם דאָקטאָר און פאַר די מעדיקאַמענטן, דאַן וואָלט קיינער פון זיי ניט שלאַף געווען...

זייגער פיר איז שוין דער „נעגראָ“ אָפּגעבאָדן, אַרומגעוואַשן, איסנגעקעמט, אָנגעהאָדעוועט און איינגעשפּאַנט — און דער דר. פּאָרט אַוועק.

אויף אַזאַ סמך האָבן די רשעים אויפגעהויבן אַ פּראָטאָקאָל, און צעזאַר ראָדעס האָט באַשטעטיגט, אַז די אימיגראַנטן קרענקען פּשוט פון וואוילטאָג, און זיי קורירן זיך נאָר, ווייל דאָס איז אויפן באַראָנס חשבון. „זעהר ווייניג זיינען ווירקליך קראַנק!“ — פאַר־זיכערט מען דאָרט. אָט דאָס איז אָפּגעזיגלט געוואָרן מיטן שוואַרצן חותם פון דער אַדמיניסטראַציע און איבערגעשיקט גע־וואָרן אין דער דירעקציע פון בוענאָס־איירעס.

אומגעזאַמט איז אָנגעקומען אַן אוקאַז פונם קאָלאָנעל, אַז יעדער קראַנקער זאָל צאָלן פון 50 ביז 80 סענט פאַר יעדער רפואה, וואָס ער באַקומט פון אַפּטייק... דאָס זאָל זעלבסט־פאַרשטענדליך אַרונטערגערעכנט ווערן יעדן מאָנאַט פון דער „סובסידיע“.

און די נוגשים האָבן טריאומפירט, אָנצייגנדיג דעם פּאָלקאָווי־ניק, אַז זייער מיינונג איז אַ ריכטיגע געווען; אַז זינט ס׳איז איינ־געפירט געוואָרן דער אָפּצאָל, קומען אַ סך ווייניגער קאָלאָניסטן צום דאָקטאָר... אָ! דער ר י י כ ע ר גאָלדשמיד האָט מן הסתּם ניט געוואוסט, אַז דער אָרימער טאַטע וואָס ברויכט די 80 סענט אויף ברויט פאַר זיינע קינדער, וועט גיכער ליידן דעם ווייטאָג,

זיך בעסער פאַרלאָזן אויפן בוראס רפואות, איידער ביי זיינע בני־בית צוצונעמען דאָס עסן!...

ניינציג פּראָצענט פון די ערשטע קאָלאָניסטן זיינען טאַקע ביז היינט פאַרבליבן קראַנקע, רעוומאַטישע, געבראָכענע פון צו שווערער אַרבעט, פון דעם לעבן אין דחקות בעת דער פאַרשאָלטענער שטיצע־עפּאָכע, פון דעם וואַלגערן זיך איבער אַ יאָהר אין „קאַרפּאַס" און אין בלעכענע בודקעס, — און אַלעס צוזאַמען האָט אונטערגעגראָבן דאָס געזונט פון די ערשטע פּיאָנערן.

אַ גרויסער טייל פון די כחות האָט אַוועקגענומען דאָס הייזער־בויען. בעת דער פּאָדריאַטשיק האָט שוין אויפגעשטעלט די הייזער־סקעלעטן, האָבן מיר אַליין געדאַרפט אויסקנעטן די בלאָטע, אום די ווענט צו מאַכן. אונזערע פרויען און קינדער האָבן ווי ביי פרעהן אין די גרעסטע קעלט געקנאָטן באָרוועסער־הייט דאָס ליים. אין יולי און אויגוסט, אין סאַמע מיט פון היגן ווינטער, זיינען מיר ביזן האַלז אין בלאָטע געלעגן און אַזוי זיך הייזער געבויט...

איז דען אַ חידוש, אַז מען האָט ביי אַזוינע אומשטאַנדן אַלערליי קראַנקהייטן ערוואָרבן און אָפט אַ דאָקטאָר געברויכט? די פילאַנטראָפּן האָבן עס אָבער נ י ט ג ע ו ו א ָ ל ט באַגרייפן.

XXXIV

קורציזיכטיקייט און אומפאַרשעמטקייט.

נאָך אַ מיהזאַמער פּלאָג פון פערציג טעג, נאָכדעם ווי אונזערע פיס זיינען געשוואָלן געוואָרן קנעטנדיג דאָס ליים, איז ענדליך אונזער „ראַנטשאָ“, געדעקט מיט שטרוי, פאַרטיג געוואָרן אויף שבת סליחות פון תרנ“ג. איך דערמאָן זיך איצט, מיט טרערן אָנגעפילטע אויגן, אָן יענעם מאָמענט, ווען מיר האָבן אונזערע צרהדיגע געלעגערס אַריבערגעטראָגן פון דער בודקע אין שטוב אַריין און ווי מיין פרוי האָט באַגייסטערט אויפגעהויבן די אויגן צום קאַמישענעם דאַך, זאָגנדיג:

— אָ, איך דאַנק דיר גאָט! מיר שלאָפן שוין אונטער אַ דאַך מיט ווענט!

ווען איך דענק איצט איבער יענע יאָרן, ווען איך טראַכט נאָר איבער די ליידן און שמערצן, וואָס מיר האָבן דאַן איבערגעטראָגן, באַגרייף איך באין אופן ניט, פון וואַנען מיר האָבן דאַמאָלסט אַזוי פיל ענערגיע, מוט, אויסדויער און כחות גענומען איבערצוטראָגן דעם שווערן יאָך, וואָס דער ענגלישער ייד האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט. ער האָט אונז פשוט פאַרן באַראָנס שקלאַפן געמאַכט, פאַר זיין לייב־איינגטום פאַררעכנט.

— מיר זיינען קנין כספו של הבאַראָן! — פלעגן די תלמודיסטן ניסנזאָן און ראַבינאָוויטש כסדר באַהויפּטן.

גאָלדשמיד האָט נאָר אַכטונג געגעבן, אַז מ׳זאָל פּאָלגן נאַטשאַלסטוואָ. מען זאָל חלילה ניט עובר־זיין אויפן קלענסטן פאָרשריפט, וואָס דער קאַפּריז פון זיינע משרתים האָט דיקטירט. אונז

האָט ער באַטראַכט אַלס אומוויסנדע ברואים, וועלכע מען דאַרף האַלטן אין קולאַק, ווי סאָלדאַטן אין אַ קאַזאַרמע... דערצו נאָך איז ער געווען אַ קמצן, אַ קאַרגער פון דעם סאָרט, וואָס ציילט די גרויפּן אין טאָפּ און לאָזט אויסרינען די מילך... אין איינינע פּרטים איז זיין באַגריף איבער עקאָנאָמיע פּשוט צום לאַכן געווען.

אין אַרכיוו פון סעפּטעמבער 1892 טרעפט מען אַ פּאַראָרדנונג צום אַדמיניסטראַטאָר פון מאַאוריציאַ, אַז ער זאָל ניט שרייבן אויף קיין גרויסן בלאָק-פּאַפּיר די קליינינקע באַריכטן פון דער קאָלאָניע, וואָס קענען געשריבן ווערן אויף פירטל-בויגעלאַך פון די מעמאָ-ראַנדומס, ווייל ס'איז אַ שאָד געלט... דאָס בלאָק-פּאַפּיר קאָסט צו טייער!

דאָס, וואָס די באַאַמטע האָבן טויזנטער געגנבעט — דאָס האָט אים ניט געאַרט, אָדער אַזוי ווייט האָט ער מיט זיין שכל ניט גע-קאָנט זעהן... ער האָט אויך ניט באַמערקט דעם טעראָר מצד די באַאַמטע און זייערע אומפאַרשעמטע באַנעמונגען און באַציהונגען צו א ו נ ז. ווייל חוץ, וואָס זיי האָבן אונז קערפּערליך געבראָכן, האָבן זיי נאָך אונזער גייסט אויך געוואָלט פאַרטיליגן און אונזער טהרת המשפחה געזוכט צו פאַרניכטן.

אַ געוויסער אַדמיניסטראַטאָר, גאָספּאָדין ב. ז., אַ רויטער בייזער נאַטשאַלניק, וועלכער פלעגט שטענדיג אונטערפאָנפען, און וועמען מיר האָבן אַלס פאַרזאָרגער געהאַט ביים סוף פון גאָלד-שמידס פּעריאָד און פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דער פּראָוויזאָרי-שער דירעקטאָר, מאַקסים קאָגאַן, האָט געוועלטיגט, — האָט פילע פון אונזערע פרויען באַליידיגט מיט די שמוציגסטע כּוונות...

אין אַ „דאָקטאָר-טאָג" האָב איך געבן דער אַדמיניסטראַציע אָנגעטראָפן אַ פרוי, שטייענדיג אונטער אַ בוים און ביטער וויינענ-דיג. איך בין נעהענטער צוגעגאַנגען און אַ באַקאַנטע דערזעהן — איר מאַן איז מיינער אַ גוטער ברודער געווען, און מיר זיינען אויף דער זעלבער שיף געפאָרן.

— וואָס וויינט איר? וואָס איז אייך געשעהן? — האָב איך גענומען זיך נאָכפרעגן.

דאָס ווייבל האָט זיך אָנפאַנגס געקווענקלט. עפּעס האָבן זיך איר פּאַר שאַנדע אַלע ווײַלע די קאָלירן געביטן און ענדליך האָט זי, אונטער אַ ים טרערן, מיר דערציילט:

זי ליידט שוין אַ צייט לאַנג אויף אַ ברוסט, עפּעס אַ צוקילונג. איז זי צום דאָקטאָר געגאַנגען, האָט זי דערזעהן דער אַדמיני־סטראַטאָר און זי צוגערופן.

— איר ברויכט צום דאָקטאָר? — האָט ער געפרעגט, — קומט אַריין, ער איז אָט־דאָ אין צימער.

ווען זי איז אַריין, האָט ער די טיר הינטער זיך פאַרמאַכט און זיך צו איר געווענדעט:

— אַנו, ווייזט נאָר די ברוסט, איך וועל אייער דאָקטאָר זיין און אייך קינסטלעריש אויסהיילן... — און דאָ האָבן געפאָלגט אַ ריי פון ציניש אויסדריקן און שמוציגע ווערטער, וועלכע זיינען באַגלייט געוואָרן מיט געוואַגטן גוואַלדטאַט...

זי האָט גענומען שרייען, גוואַלדעווען און זיך קוים פון זיינע הענט אַן אומבאַפלעקטע געראַטעוועט.

אַ סך אַזעלכע לומפּיגע סצענעס זיינען פאָרגעקומען. ס׳האָט זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבן אונזער פאַמיליען־ריינקייט צו פאַרשוועכן.

אמת, זיי האָבן געהאַט גענוג אומריינע, וואָס דער עמי־גראַציאָנס־שטראָם האָט ביז צו די אַרגענטינער גרעניצן פאַרטראָגן און אַרויסגעוואָרפן אויף מאַאוריציער פעלדער. דר. בערקנהיים און לאַפּין האָבן שפּעטער אָט די אַלע דאָזיגע נפשות פאַרטריבן און אַרויסגעיאָגט: די קאָלאָניע איז פאַרבליבן אַ ריינע, אַן אומ־באַפלעקטע, ביז צום היינטיגן טאָג.

אָט אַזוי האָט מען אַלץ געדולדיג אַריבערגעטראָגן. געשפּיגן די ליידן אין פּנים אַריין... די האָפענונג האָט אַלצדינג פאַרזיסט מיט אירע פאַרשפּרעכונגען.

— מיר וועלן אַלע אדונים איבערקומען, אפילו דעם קאָלאָנעל מיט זיינע גאָלדענע עפּאָלעטן איבערלעבן!

פלייסיג האָט מען אַלץ ווייטער געאַרבעט: מענער, קינדער און פרויען זיינען קיינמאָל ניט אָפּגעשטאַנען.

XXXV

אונזערע פרויען.

איך זעה זיי אַרומגעהילט אין אַ שימערירנדיגער ליכטיגקייט —
יענע מוטיגע און שטאָלצע קאָלאָניסטישע פרויען.

ניט דער שוואַרצער טראַר פון יענער פאַרשאָלטענער צייט,
ניט די דערנידערנדיגע שמוציגע שטיצע, ניט יענע פאַרדאַר־
בענע נאַטשאַלניקעס — האָבן זיי געקאָנט פאַרטונקלען, זיי מאַכן
קאַמפּלאָז אָדער פאַרצווייפלט. האָט ביי האָט מיט זייערע
מענער האָבן זיי העלדיש געקעמפט, און די נויט אויסגעלאַכט.

זיי האָבן די גאָלדענע האָפענונג מיט זייער פרויען־חן באַפּוצט.
אין זייער פאַנטאַזיע האָבן זיי געמאָלט די שענסטע צוקונפטס־ביל־
דער און פאַר די מענער פאָרגעשטעלט, גלויבנדיג פעסט אין אַ
רייכן, פרייען, גליקליכן עתיד אין דער נייער היים, פאַרזיסנדיג
דערווייל די גאַל־ביטערניש פון דער פינסטערער געגנוואַרט.

ווי די ליכטיגע פינקלענדיגע שטערן אין אַ פינסטערער נאַכט,
אַזוי שיינען יענע פרויען פיאָנערינס פון דער אַרגענטינישער קאָ־
לאָניזאַציע, וועלכע, אויב זי וועט נאָר לאַנג אויסהאַלטן און עק־
זיסטירן, — וועט אַ גרויסן דאַנק שולדיג בלייבן אָט צו יענע
נאָבעלע דאַמען.

באַלד ווי די ווענט פון הייזל זיינען מיט דער בלאָטע אָנגעוואַל־
קעוועט געוואָרן, ווי די פרוי האָט אירע עופּהלאַך דערזעהן אונ־
טער אַ דאַך, געשיצט צווישן פעסטע ווענט, אַזוי האָט זי זיך תיכּף
מיט לייב און זעל צו דער לאַנדווירטשאַפט איבערגעגעבן. אונ־
טער די שניידנדיגע פּאַמפּאַ־ווינטן, אין דער ברוכטאָגיגער גיפטי־

גער קעלט איז זי שוין געשטאַנען אין „קאָראַל" נעבן איר מאַן און געהאָלפן א י י נ ז ש ו נ ע ו ו ע ן די אָקסן. נאָכן אויסריכטן איר מאַן צום אַקער־ן איז זי באַלד אויפן פערד געזעסן און ווי אַ ווינט זיך געטראָגן קיין אַליסע אָדער קיין אַלגאָראָבאָ, אום צו ברענגען פלייש פון דער יאַטקע. אָט אַזוי אַרום זיינען פילע פון זיי פלינקע און פעהיגע רייטערינס געוואָרן; גאַנצע סקוואַדראָנען אַזעלכע אַמאַזאָנקעס פלעגן זיך יאָגן איבער די וועגן, אום פונם מאָנאָפאָליזירטן אַלמאַסן פראָוויאַנט צו ברענגען.

פעסיע רעזניק און מלכה דינעץ פלעגן זיך פאַרוועטן מיט די געשיקטסטע יונגע רייטער אַ „קאַרעראַ" צו מאַכן און זיינען שטענדיג די רייסעס (געווינערינס) געווען.

פיי'ע מיידלאַך און ווייבלאַך זיינען מיט די פלוגעס געגאַנגען: האָבן געאַקערט און געבאָראָנעוועט צוגלייך מיט די מענער.

שרה ניעמיטשיניצער און חנה חיה ווייננאַסט האָבן דעב ערשטן שניט געמאַכט מיטן סערפ; פון פריה ביז נאַכט האָבן זיי דעם ווייץ צוזאַמענגעקליבן. דבורה חת, אַ הויכע קרעפטיגע טונקל־ברוינע פרוי, האָט זיך דאָס „סיעווא" אָנגעטאָן אויפן האַלז און מיטן זאַק געשפּאַנט אויף דער ר ע ל ע אַ און די קוקורוזע געזייט. איר מאַן, שלמה חת, אַ שטיק שלומיאל, איז געגאַנגען פאָראויס אום איר די ליניע אָנצווייזן און זי האָט אַלע ווילע צו אים געשריגן:

— שלמה, אָט־אָ־דאָ! דו האָסט פאַרפעלט אַ מ ע ל ג ע, ס'וועט זיין אַ פליך...

דאָס האַרץ האָט געפרייט צוקוקנדיג, ווי די שטאָטיגע יידישע טעכטער, וועלכע זיינען געוויינט געווען צו גיין אין סאַמעט און אין זייד, אין הענטשקעס און אין היטעלאַך, גייען איצט אָנגעטאָן אין אָקספאָרד און אין סיץ, שטייען אין פעלד און אַרבעטן באַגלייך מיט די מענער!

די יידישע פרוי האָט אַרויסגעוויזן איר טרייהייט און איבער־געבנקייט צום אָרנטליכן פאַמיליע־לעבן און צו דער ערליכער אַגרי־קולטור־אַרבעט! ניט אין שענק, אין קלייט צי אין מאַרק צווישן טענדלערס, מוכרים און קונים איז דער פּלאַץ פון דער אויפריכ־

טיגער אשה עבריה, נאָר אין פעלד, אין גאָרטן, ביי דער לאַנד־ווירטשאַפט! נאָר דאָרט דערקענט מען די עקרת הבית. אין גאָרטן און אין סאָד מיט די בוימער און בלומען, וואו ס׳שיינט אַרויס די ווייס־געקאַלכטע שטוב מיטן אויפגערוימטן הויף, וואו הינדערטער עופות פון אַלערליי סאָרטן און מינים פילן אָן די לופט מיט זייער פיסטשעריי און קוואָקעריי, — אָט דאָרט אין דעם נוה השלום דערקענט זיך די אשת חיל, וועלכע איז אַ קרוין פאַר איר מאַן און אַ צירונג פאַר אירע קינדער!

און דאָס זיינען די מאַאוריציער קאָלאָניסטישע פרויען גריילעך געווען.

ניט נאָר ביי דער אַגרי־קולטור אַליין האָט זיך די פרוי צו דער העכסטער מדרגה דערהויבן; אויך ביי דער קולטורעלער אַנט־וויקלונג, ביי דער פאַרשפּרייטונג פון קאָנען און וויסן זיינען די קאָלאָניסטינס די ערשטע איניציאַטאָרינס און מיטאַרבעטער געווען.

אין דעצעמבר פון 1892 איז די ערשטע שול אין אַליסע פאַר־טיג געוואָרן. האָבן די פרויען זייער׳ע קינדער געפירט אין שול רייטנדיג. (מיר, מענער, זיינען נאָך אַזוי פאַרטאַראַראַמט געווען, אַז מיר האָבן דאַמאָלסט לחלוטין ניט אין זינען געהאַט די קינדער־ערציהונג). ווען די פרויען האָבן באַמערקט, אַז סאַלאָמאָן כהן, דער ערשטער לערער, פאַרנאַכלעסיגט זיין אויפגאַבע, זיינען זיי געווען די פּראָטעסטירערינס און האָבן זיך דירעקט ווענן דעם ענין צו גאָלדשמידן געווענדעט.

זיי האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל זאָרגן פאַר די עלטערע, צוועלף־יעריגע ייִנגלאַך, וואָס זיינען שוין „אין די פלוגעס איינגע־שפּאַנט געווען“, ווי זייער ווייבערשער אויסדרוק איז געווען. זיי האָבן געליאַרמט, אַז מען זאָל אָוונט־שולן מאַכן און מען זאָל שאַפן פון זייערטוועגן ביכער צום לעזן, כדי זיי זאָלן ניט פאַר־גרעבט ווערן...

אַכט פרויען, רייטנדיג אויף פערד, האָבן מיך אין אַ טאָג אַרומגערינגלט, בשעת כ׳האָב אין פעלד פאַרבראָנעוועט דעם פאַר־

זייטן מאַאיס און האָבן פון מיר געפאָדערט, אַז איך זאָל מיטהעלפן ליטעראַטור צו פאַרשפּרייטן און שאַפן די נויטיגע ביכער, כּדי עס זאָל זיין וואָס צו לייענען אין די שבתדיגע טעג און אין די ווינטער־אָוונטן.

כ'האָב דאַמאָלסט אין „המליץ“ פאַרעפנטליכט אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען: „לא מעבר לים היא“. „מיר זיינען אָן תּורה, מיר האָבן ניט קיין איין ספר, מיר ווערן פאַרגרעבט אין אַרגעטינע!“ — איז מיין געשריי געווען.

אונזערע ברידער פון יענער זייט ים האָבן זיך תּיכּף אָפּגערופן. פּילע מחברים האָבן אונז זייערע ווערק צוגעשיקט. דר. אייזנשטאט האָט דער ערשטער אונז אַסך ביכער אַריינגעשיקט, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען פּילע עקזעמפּלאַרן פון זיין בוך „יודען און יודענטום“. דאָס ביכל האָבן כּמעט אַלע קאָלאָניסטן זיך אויסגעלערנט אויסווייניג. דר. קאַצענעלסאָן האָט געשיקט זיין ווערק: „רמ״ח אברים“, העד שלמה בובר זיין „מדרש תנחומא“. דערצו זיינען אויך געקומען פּילע ביכער אין יידיש. דער באַרימטער און גרויסער ייד קלמן וויסאָצקי האָט צוגעשיקט צוויי קאַסטנס מיט ביכער, אָבער אויפן אַדרעס פון דער יק״א, און די וואָלטעטיגע באַאַמטע האָבן, ווייזט אויס, אונז ניט פאַרגינען אַזוי פיל ליטעראַטור און האָבן עס געלאָזט פאַרפאַלן ווערן אין אָפּצאָל־אַמט (אַדואַנאַ). אַ ספר־תורה האָט אונז צוגעשיקט דער ראַבינער צוקערמאַן פון קיעוו.

אין קעסטלאַך פון קעראָסין האָב איך ביי מיר אין „ראַנטשאָ“ די דאָזיגע ביכער געהאַלטן, און פרייטאָג נאָך חצות פלעג איך מוזן איבערלאָזן דעם פלוג, אום אַ ביבליאָטעקאַר צו ווערן.

ווי גרויסאַרטיג און ווי אָנגענעם איז דער שבת־טאָג געווען! דאַמאָלסט האָט מען נאָך דעם רוה־טאָג שטרענג אָפּגעהיט און די גאַנצע גרופּע פלעגט צופוס אַרויסגיין אין פעלד, אום די אָקסן צו פּאַשען. אַלע פלעגן זיך אויסזעצן אויפן גראָז, געוויינליך אַנטקעגן דעם אָרט, וואו די אָקסן האָבן זיך אַרומגעדרייט און איינער פון אונז האָט אָנגעהויבן פאָרלעזן פאַרן עולם. אַז מ'האָט

געדאַרפט אָפּטרייבן די אָקסן, אַז זיי זאָלן ניט אַרויף אויפן פאַר־זייטן, האָט מען מיטן לייענען אָפּגעוואַרט ביז דער פאַסטוך פלעגט צוריקקומען. אַזוי האָבן מיר אויפגעהאַלטן די פעלד־ביב־ליאָטעק מיטן פרייען לעזע־זאַל אונטער גאָטס הימל ביז צו לאַפּינס צייט.

די מאַדאַם לאַפּין, אַ דיפּלאָמירטע דאָקטאָרין, זעהר אַ געביל־דעטע און איידעלע פרוי, האָט אונז מיטגעהאָלפן אַ רייכע ביבליאָ־טעק צו שאַפן. צווייהונדערט פּעזאָס האָט זי אַליין דערויף גע־שאָנקען און געפּועלט ביים אָדון לאַפּין, אַז ער זאָל אין אַדמי־ניסטראַציע געבן אַ צימער פאַר די ביכער. די מאַאוריציער ביב־ליאָטעק געפינט זיך ביז היינטיגן טאָג אין זעלבן חדר.

דאָס ביסל קולטור, הגם עס איז נעבאַך זעהר אָרים אין דער קאָלאָניע, האָט זיי אָבער, יענע ערשטע מוטיגע קאָלאָניסטישע פרויען צו פאַרדאַנקען די עקזיסטענץ, און זיי קומט אַלס טרייע פּיאָנערינס — ליב און כבוד.

XXXVI

אַ פראַנצויזישער שפּיאָן, די האָדאָוואַניע פון דער „אַליאַנץ“.

גאָלדשמיד איז דאָ אין לאַנד געווען ביז צום צוועלפטן יולי פון 1893, און אים איז צו פאַרדאַנקען, וואָס די אימיגראַנטן זייַנען געוואָרן קאָלאָניסטן.

פאַר זיין צייט איז דאָס לאַנד איינגעטיילט געוואָרן. אַ גרויסע פאַמיליע האָט באַקומען 50 העקטאַר און קליינע משפחות — צו 25. יעדן קאָלאָניסט האָט מען געגעבן צו זעקס אָקסן, איין פערד, אַ פלוג, אַ בראָנע און אַלעמען אויף לאַנד באַזעצט. דער קאָלאָנעל האָט נאָך די זכיה געהאַט צו זעהן די ערשטע „קאָסעטשע“ פון 1892-טן יאָר, וואָס איינִיגע קאָלאָניסטן האָבן געמאַכט.

— אַלפערסאָן — האָט צו מיר גאָלדשמיד מיט שטאָלץ געזאָגט — אייערע פערציג זעק ווייץ האָבן מיר פאַרקויפט צו 7,60 דאָלאַר — אָבער דאָס געלט דערפון האָב איך קיינמאָל ניט געזעהן און אין חשבון מיט דער יק"א זיינען זיי אויך ניט אַריינגערעכנט געוואָרן!

דער פאָלקאָווניק האָט נאָך באַוויזן כמעט די לעצטע 3200 פי-שטיקלאַך צו פאַרקויפן דעם סעניאָר כאָזע פערעז צום פרייז פון צוועלף פעזאָס אַ קאָפּ... ס'קאָן זיין, אַז דאָס האָט ער געטאָן, בכדי זיי זאָלן אַפנים קיין שאָדן ניט מאַכן אויף די פאַרזייטע פעלדער, אָדער אפשר די באַאַמטע איינצושפּאָרן די מיה-

זאַמע אַרבעט פון גנבה... ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ טובה ער האָט געמיינט דערמיט די קאָלאָניסטן צו טאָן?! און פלוצים, שטיל, אומבאַמערקט, אָהן באַגלייטונג, אָהן אַ „זייַ געזונט" איז ער פון אַרגענטינע אָפּגעפאָרן און קיינער האָט אים קיין ברכה ניט נאָכגעשיקט אויף זיין רייזע...

אַ פּראָוויזאָרישער דירעקטאָר, אַ רוסישער ייד, גאָספּאָדין מאַקסים קאָגאַן איז פון לאָנדאָן געשיקט געוואָרן, גאָלדשמידס אַמט איבערצונעמען. מיט אים איז געקומען אַלס מיטהעלפער דער פעטערבורגער דאָקטאָר בערנקהיים. אַדמיניסטראַטאָר ביי אונז אין קאָלאָניע איז געווען אַ געוויסער ראָזנבערג, אויך אַ רוסישער ייד — און דער דעספּאָטישער רעזשים פון רוסלאַנד איז צו אונז אַריבערגעטראָגן געוואָרן.

נאָך איידער די רוסישע האָבן די הענט צעפירט, איז אין קאָ־לאָניע אָנגעקומען נאָר אַ נייער נפש. אַ קורצער און אַ דיקער, מיט אַ ווייסן געזיכט און קליינע הענטלאַך... אַ שטים האָט ער געהאַט אַ מיידלשע, אויגן שמייכלענדיגע, און אַן אויסזעהן פון אַ גאַנצן פרומאַק, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיג! זיין נאָמען איז געווען פּראָפעסאָר חיים, און די קאָלאָניסטן האָבן אים מיט אַ צונאָמען געבענשט: „דער ווייסער יעזואיט" אָדער „דער פראַנצויזישער שפּיאָן".

געווען איז ער, דאַכט מיר, פון די מאַראָקאַנער־שפּאַניאָלישע פראַנצויזן, אַ פּראָדוקט פון דער „אַליאַנץ איזראַעליט אוניווערזעל" אָדער פון דער אַרכי־אַסימילירטער פראַנצויזיש־יידישער חברה, וועלכער מען האָט אין אַלטע צייטן אָנגערופן „חברת כל ישראל חברים".

געשיקט האָט מען אים, לויט ווי ס'האָט געהייסן, נאָר וועגן דער שול; אָבער וועגן ערציהונגס־פּראָבלעם האָט ער זיך אַבסאָלוט ניט געקימערט. ער האָט בלויז שפּיאָנירט די קאָלאָניסטן און זיי, ווי אַ שלאַנג, הינטן־אַרום געביסן, קרענקענדיג אַ יעדן ביז אין דער טיפעניש פון נשמה...

טענליך, אַז ער האָט געוואוסט פונם „כל המיצר לישראל נעשה ראש״: ער האָט אונז גענוג ווי פאַר־שאַפט און גערודפט. און טאַקע באַלד איז ער געוואָרן דער הויפּט־מאַכער, אַדמיניסטראַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר.

ביים „טרערן־דראָט״, ביי דער „אַלאַמבראַ״, וואָס צאַמט אַרום דעם אַדמיניסטראַציאָנס־הויף פלעגט ער זיך אַרומדרייען מיט ביידע הענט אין די אַרבל אַריינגעשטעקט. אַז ער האָט דערזעהן אַ קאָ־לאָניסט פאַרבייגיין, האָט ער אים מיט אַ יעזואיטישן שמייכעלע אַ „גוט־מאָרגן״ אַנטקעגנגעטראָגן: מיט אַ נעבאַך־פּנימל און אַן אומ־שולדיגער מינע פלעגט ער כלומרשט גלייכגילטיג פרעגן אויף זיין דין און קוויטשיק קולכל:

ווי הייסען זי? וואָס פיר גרופּע? קענען זי יענעם קאָלאָ־ניסטען, וועלכער גייט דאָרט? וואַס פיר מענש איזט ער? זאָ? ער וויל ניכט אַרבייטען? אַ פוילער? שפּיעלט אין קאַרטען? אַך זאָ? אַך זאָ? דאַנקע שען פיר דיזע אויסקינפטע!

דער יעזואיט האָט דעם קאָלאָניסט אָפּגעלאָזט און גלייך אַלץ אין זיין ביכעלע פאַרצייכנט און באַלד באַגעגנט אַ צווייטן קאָלאָ־ניסט, צו וועלכן ער האָט זיך מיט נגיע שאלות געווענדעט:

— ביטע, קענען זי דען מאַן, וועלכער האַט מיט מיר יעצט גע־שפּראָכען? וואַס, ער איז איין פעהיגער, גוטער אַרבייטער? וואַס, ניין? זאָ, זאָ, איין אונניצליכער בורשע: טרינקט פיל שנאַפּס? אַך זאָ? דאַנקע... דאַנקע שען!

אָט אַזוי פלעגט ער שפּיאָנירן, אויספרעגן ביי די תמימותדיגע מענשן די חסרונות פון איינעם אויפן צווייטן... און פון אַזעלכע אַרויסגעפרעסטע ווערטער האָט ער שוין אויסגעקנאָטן אַ מסירה־קיכל, צוגעגעבן זיינע אייגענע געווירצן און עס צוגעטראָגן אַלס פּאָטראַווע צו די הויכע שרים, וואָס האָבן שוין געוואַרט אויף די דאָזיגע מטעמים...

די קאָלאָניסטן האָבן ניט געוואוסט, אַז אַ וואָלף אין אַ שעפּסן־פעל דרייט זיך אַרום צווישן זיי. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ פראָ־

פּעסאָר, אַ לערער פֿאַר די קינדער: אָבער די אַדונים אין פּאַריז, וואָס האָבן דאַמאָלסט איבערגענומען דאָס אַפּוטרופּסות פֿון דער קאָלאָניזאַציע, ווי האָבן אַפּנים גוט געוואוסט, וועמען זיי שיקן... ער האָט געשפּיאָנירט אי די קאָלאָניסטן, אי דעם רוסישן רעזשים, וואָס האָט דאַן פּראָוויזאָריש די מֹמשלה איבער די קאָלאָניעס איבערגענומען און איז אויף דער בּינע אַרויסגעטראָטן.

XXXVII

אונזעריגע זיינען דאָ!

אין אַ פרי־מאָרגן צום סוף מאָנאַט יולי 1893־טן יאָר בין איך מיר געגאַנגען ביי מיין פלוג, געשפּאַנט צו זעקס אָקסן, רייסנדיג די „צעלענאַ“. דער ווינטערדיגער נעפל האָט זיך נאָר־וואָס אויפ־געהויבן, אַנטרינענדיג פאַר דער גרויסער, קיילעכדיגער זון, וואָס האָט גענומען וואַרעמען די שוואַרצע פאַסן ערד, וועלכע מיר האָבן אויפגעאַקערט, כדי ווייץ צו פאַרזייען, פּלוצלונג איז אויף זיין „שימעל“ אָנגעלאָפן אַ פאַרשמייעטער, דער אַלטער ליסין. די פּאָלעס פון זיין קאַפּאָטע האָבן געפּלאַטערט אין דער לופטן און געטריבן דעם ווייסן פערד — ווי די זעגלען פון אַ קאַראַוועלע: ביידע זאָקן זיינען ביי אים אַרונטערגעקאַטשעט געווען אַריבער די שיך און זיין פּנים האָט געפלאַמט. ווי נאָר ער האָט מיך דער־זעהן, האָט ער פריילין זיך צעשריגן:

— נייס, מאָטל, נייס! אונזערע זיינען דאָ! אונזערע רוסישע זיינען אָנגעקומען!

לופטיג שפּרינגט דער אַלטער אַראָפּ פון זיין פערדל און טאַקע כהרף עין איז ער שוין נעבן מיר אויפן גראָז געלעגן. האָט די זאָקן צוערשט אַרויפגעצויגן און דאַן גענומען דערציילן מיט באַגייסטערונג און פרייד, אַז מיר האָבן ענדליך דערלעבט, און אונזער חלום זאָל פאַרווירקליכט ווערן: רוסישע יידן, אונזערע ברידער, האָבן איבערגענומען די הנהגה פון דער קאָלאָ־ניזאַציע.

— איצט ווע‌לן מיר דעם קאָפּ אויפהויבן ! — יחמורט זיך דער אַלטער ליסין. — באַפרייט געוואָרן פון ענגלישן יאָך ! אויס מיט גאָלדשמידס טעראָר ! אונזעריגע זיינען דאָ !

דער געטרייער כלל-טוער ווערט אַליך מעהר ענטוזיאַזמירט, ווישט דעם נאָז מיט דער פירפינגערדיגער האַנט, שלעפּט די פּאָלע פון דער קאַפּאָטע און ווישט ווייטער, ווישט און רעדט :

— צוויי זיינען זיי דאָ. דער דירעקטאָר, אַ פיינער, דיקליכער רוסישער ייד, קאָגאַן אָדער כהן איז זיין נאָמען. אַ מאָסקווער איז ער ! דער צווייטער איז אַ קליינטשקער, אַ מאָגערער און מען רופט אים ד״ר בערקנהיים — קומט פון פּעטערבורוג. מיר — דערציילט ער ווייטער אין איין אָטעם—מיר, עלטערע מענשן, זיינען נעכטן געווען ביי זיי און שוין אַליך געפּועלט. מיר האָבן זיי פּשוט געזאָגט, אַז ס׳וואַקסט אויס אַ גאַנצער דור בני-נידה... די ווייבלאַך ווילן ניט גיין טבילה האָבן אין די קאַלטע גריבער, און די, וואָס גייען שוין יאָ — ווערן קראַנק פאַר קעלט... האָבן זיי קיין צוויי ווערטער ניט איבערגערעדט און אונז באַלד נעגעבן ציגל, אַ באָד צו בויען. — בכלל ניט אַזוי ווי דער ענגלישער פּאָלקאָוואָדיעץ !

און ליסין ווייזט מיר אַ „וואלע“ פון מאַקסים קאָגאַן. אין דעם קוויטל צום פּאָדריאַטשיק אַלפּאַראָ ווערט פעראָרדנט צו געבן ציגל, האָליץ, טירן און פענסטער — אַליך, וואָס מען ברויכט פאַר אַזאַ געביידע.

— איצט — באַפעלט מיר דער זקן — שפּאַן אויס די אָקסן און קום אין שטוב אַריין : מ׳דאַרף אויסשטעלן אַן אויפרוף צו די קאָלאָניסטן, אַז יעדער גרופּע זאָל אַרויסשיקן אַ „קאָמון-וואָגען“ מיט צוויי אַרבעטער, כדי דעם מאַטעריאַל אַריבערצו-פירן פון דער גרופּע 39 ביז צו דער גרויסער „לאַגונאַ“ אין אַלגאַראָבאַ, וואו ס׳איז באַשטימט דער פּלאַץ פאַר דער באָד. און מלאכה-געלד — זאָגט ער ווייטער — ווע‌לן מיר אַליין שאַפן. יעדערער זאָל אַ פּעזאָ אַראָפּגעבן פון דער שטיצע... אַזוי

זאָלסטו שרייבן, הערסט? מ׳דאַרף זעהן וואָס ישנעלער דאָס צו מאַכן! ס׳איז פּיקוח־נפש! פאַרשטייסט?

איך האָב אים געפאָלגט און דעם קול קורא מיטן פּלאַן פון דער באָד און מקוה פאַרטיג געמאַכט. דער אַלטער קהלס־מאַן האָט די פּאַפּירן צוגענומען און די אַרבעט אָנגעהויבן. נאָך אַ פּאָר חדשים פון שווערער מיה האָט ישראל ליסין פאַרענדיגט די ערשטע קהלשע געביידע — אַ באָד...

די קאָלאָניע האָט גערעשט: נייע אַדונים—נייע פאַראָרדענונ־גען, נייע גזרות און נייע משפּטים. פיל קאָלאָניסטן האָבן פאַר שמחה אַזש געטאַנצט, האָבן די נייע בעלי־בתים געלויבט ביזן הימל... נאָר עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן גע־שאָלטן מיט טויטע קללות.

— אַ רוצח איז אָט דער דאָזיגער יונגער בערקנהיים! — פאַרזיכערט מיר מאָזעס קנעפּלער, איינער פון די „סאָלטעראָס" (דער שפּאַנישער איבערגעלייגטער נאָמען פון די „כאָלאָסטאָ־יעס") — אהן רחמנות שיקט ער אַרוים די קאָלאָניסטן! אויפן צעטל ביי אים שטייט שוין אַ גאַנצע מאַסע. דער „מצרי" האָט פון דאָס ניי אויפגעלעבט און איז זיך נוקם אָן די קאָ־לאָניסטן.

די שכנים פון מיין גרופּע זיינען דאַגעגן געקומען פון אַלגאָ־ראָבא דוקא מיט גוטע נייס.

אונזערע רוסישע זיינען בעסער און פּראַקטישער פאַר די ענגלישע — דערציילן זיי, — אין אַ גרופּע אַלאַמבריר ט מען שוין אַרום אַ „סינאדע" — אַ „פּאָטרעראָ" פון 50 העקטאַר, וואוהין אַריינצולאָזן דעם סקאָט אויף ביי נאַכט צום פּאַשען. מען וועט שוין מער ניט דאַרפן אַלע פרימאָרגן אַרומלויפן זוכן די אָקסן און אָפּטמאָל גאָרנישט געפינען, ווייל אַן אַנדער קאָלאָ־ניסט פון אַ וויטער גרופּע האָט זיך דערוויל אויף זיי מרחם געווען און האָט זיי איינגעשפּאַנט אין פלוג... אָדער דער בעל טאַקסע איז איבער זיי געקומען און געלאָזט מאַכן אַ ברכה על השחיטה...

אַזעלכע געשעהעניש פלעגן גאַניץ אָפּט פּאַסירן. אַן אָרענט־ליבער רוהיגער קאָלאָניסט פלעגט מיט מסירת־נפש איינצאַמען אַ פּאָר ווילדע יונגע „נאָוויזשאָס״, כדי ער זאָל האָבן גוטע פּרי־שע עקסלאַך צו דער אַרבעט; אָבער, אָפּלאָזנדיג זיי אויף פּאַשע, האָט ער זיי אויך שוין מער ניט געפונען. אָפטמאָל פלעגט ער זיי, מחילה, פשוט ניט דערקענען... הגם אַ פּאָר קרעמער האָבן אַ תחבולה אויסגעקלערט: האָבן זייערע אָקסן אָנגעבונדן אויף די הערנער קאָלירטע בענדלאַך... אָבער מיט די „קאָמונאַלע פּאָטרעראס״ צום פּאַשען וועט דאָס אויך שוין מער ניט פּאָר־קומען.

גוטע און שלעכטע ידיעות האָבן זיך פאַרשפּרייט און אַלער־ליי קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן: מען גיט זריעה אויף ווייץ, מ׳בייט אין דער אַדמיניסטראַציע די אָקסן — אָנשטאָט די ווילדע, פוילע, אַלטע אָדער נאָראָוויסטע, גיט מען אויסגעלערנטע און פּאַסיגע צו דער אַרבעט; פעהיגע, פלייסיגע קאָלאָניסטן באַקומען איצט נאָך אַ פּאָר אָקסן פרישע, אַחוץ די פריהערדיגע זעקס.

איך האָב אָט די אַלע ישועות אויסגעהערט און ביים אינ־ספּעקטאָר פון דער גרופּע, ביים יונגן דייטש פּעטערסאָן, אַ קוויטל געבעטן, אַז מען זאָל מיר אויך געבן אַ פרישע פּאָר אָקסן; ס׳האָט זיך מיר געגלוסט צווישען די פלייסיגע קאָלאָניסטן אַריינגערעכנט צו ווערן.

דער אינספּעקטאָר האָט מיר צוליב געטאָן, ער האָט אָבער דערביי עפּעס מאָדנע מיט די אַקסלען געצויגן.

— פערענדיגען זי דאַס פפליגען — האָט ער מיר געזאָגט — אונד קאָממען זי דאָנערסטאַג הערונטער נאַך אלגאַראָבא; ד״ר בערקנהיים ווירד זעלבסט פערטיילען די אָקסען. זי ווערדען דאָרט אויך איינע „וואַלע״ ביי דעם פּראָפעסאָר הייאַים בע־קאָממען, אום ווייצען־סעמיליאַ אַבצוהאָלען! — האָט ער מיט אַן אונזיכערן טאָן פאַרענדיגט.

דאָנערשטאָג פאַרטאָג איז גראָד אויסגעפאַלן אַ ווייסער שטאַר־קער פראָסט. איך האָב מיינע פּאָסטאָלעס אויף די פיס אַרומ־

געשנורעוועט, צוגעבונדן דאָס רעקל מיטן רימענדל פון דער רויער פעל, אַ גרינעם רוסישן שאַרף האָב איך אַרום האַלדז פאַר־וויקלט, אנגעטאָן מיין היטל מיט די צוויי דאַשקעס און אין אַזאַ הלבשה אַראָפּגעפאָרן אין דער אַדמיניסטראַציע.

אַ מעננע קאָלאָניסטן, ציטערנדיג און פלאַטערנדיג פאַר קעלט, זיינען דאָרט געשטאַנען נעבן „קאָראַל“ און מיט די ציין גע־קלאַפּט... זיי האָבן געקוקט אויף די איינגעשפּאַרטע אָקסן און האָבן פאַרגנבטע בליקן געוואָרפן אויפן צווייטן זייט פון צאַם, וואו ס'האָבן זיך געפונען די גאַנצע כאַליאַסטרע אַדונים, אינספּעקטאָרן און קאַפּאַטאַסן, וועלכע האָבן מיט קריכערישער הניפה צוגעשמייכלט צום יונגעטשקן ד"ר בערקנהיים, וואָס איז אין זייער מיט געווען.

דער אַדמיניסטראַטאָר ראָזנבערג האָט אינם קאָראַל אַרומ־געשפּאַנט מיט זיינע רויטע כאָליאַוועס און געקאָמאַנדעוועט מיט די גאַאוטשאָס, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט רייטנדיג, און אַרויסגעגעבן די אָקסן צו די גליקליכע, וואָס זיינען ביים ד"ר בערקנהיים בשלום אַדורכגעגאַנגען דעם עקזאַמען.

יעדער אינספּעקטאָר האָט פאָרגערופן זיינע קאָלאָניסטן און איינציגווייז, אַזוי ווי די שאָף צו דער שחיטה, זיינען זיי פאַרביי־געגאַנגען. דער דאָקטאָר האָט יעדן באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, האָט אַריינגעקוקט אין אַ פּאַק געלע פּאַפּירן, וואָס ער האָט אין האַנט געהאַלטן און דעם קאָלאָניסט פאַרשיידענע שאלות געשטעלט, אויף וואָס מען פלעגט געוויינליך שטאַמלענדיג און דערשראָקן אָפּענטפערן. איינינע זיינען פונם פאַרהער פריילי־ך אַוועק, זיי האָבן נושא־חן געווען ביים פּריץ—האָבן באַקומען אָקסן, זריעה און נאָך דערצו אַ פריינדליכן שמייכל אַלס „אַ לאַ זשאַפּאַ“...

אַנדערע אָבער זיינען אַוועק מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און בלוט־פאַרלאָפענע אויגען...

— דעסגראַסיאַדאָ! אַן אומגליקליכער — האָבן די גאַ־אוטשאָס אַזעלכן נאָכגעמורמלט.

— דו זעהסט ? — זאָגט צו מיר לייזער ווילדער, אַן אַלטער מענש און אַ זעהר בכבודיגער קאָלאָניסט. — פיינשטיינען האָט ער שוין אָפּגעשאָכטן; אַ רחמנות, נעבאַך, פיר קינדער האָט ער!

ס'איז דעם „מצרי'ס" אַרבעט! — האָט יאָסל מלמד זיין מיי־נונג געזאָגט. — אָט דער שוואַרצער האָט אין יענע געלע פּאַפּירן איבערגענוג אָנגעפּינטלט.

איך בין געשטאַנען און האָב זיך צוגעקוקט צו דער נייער אינקוויזיציע, און די בלוטן האָבן זיך אין מיר געקאָכט.

— גלויבט איר אין השגחה ? — האָט מיך געפרעגט משה סאַפּיאַן, אַ ייד אַ חקרן, וועלכער איז גראָד געשטאַנען נעבן מיר ביים דראָט: — יאָ, זאָגט איר ? פאַרוואָס־זשע האָט זי באַדאַרפט געבן דעם באַראָן אַזוי' פיל מיליאָנען און נאָך אַזאַ גוט האַרץ דערצו ? האָט זיך דען דאָס יידישע פאָלק ניט געקאָנט באַגיין אָהן איהם, אָהן דעם בעל־רחמים מיט זיין גאַנצער עקלהאַפטער צדקה־קאָלאָניזאַציע ? אַלע מאָל שיקט ער נייע אַדונים — און ניי בלוט ווערט פאַרגאָסן! ווי אַזוי, פרעג איך אייך, האָבן אונ־זערע עלטערן יאָרן אָפּגעלעבט אָהן אַ באַראָן ? נו, איר שווייגט, וואָס ? השגחה פּרטיות...

פּאַר פּאַרדראָס האָב איך דעם פאַרפרוירענעם דראָט אַריינ־גענומען צווישן די ציין און האָב אים מיט כעס געגריזעט...

נאָר פּלוצים האָב איך דערהערט אַרויסרופנדיג מיין נאָמען.

איך בין צוגעגאַנגען און דערלאַנגט די „וואַלע" פון אונזער אינספעקטאָר פּעטערסאָן. דער ייִנגל, וואָס האָט זיך גערופן ד"ר בערקנהיים, האָט זי ביי מיר צוגענומען, האָט מיך דרינגליך אָנגעקוקט, געבלעטערט אַ ביסל זיינע פּאַפּירן און זיך געווענדעט צו מיר מיט געשפּעט:

— איר זייט עס אַלפערסאָן ? איר אַרבעט מיט אייערן אַ זון פון 9־10 יאָר ? אַ שיינע אַרבעט קאָן דאָס זיין!

איך האָב שוין מער ניט געקאָנט איבערטראָגן. דער כעס, וואָס האָט אין מיר פריהער געזאָדן, האָט אויסגעבראָכן און מיט

אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, קוקנדיג אים גלייך אין פּנים אַריין, האָב איך געפרעגט:

— און ווער זיינט איר? איר זיינט עם דער ד״ר בערקנהיים? אונזערער אַ רוסישער, פון דער רוסישער אינטעליגענץ, יאָ? און איר מיט אייער בילדונג זיינט געקומען אָפּשפּאָטן אונזערע ליידן? זיינט איר געווען ביי מיר אויפן קאַמפּ? האָט איר געזעהן מיין אַרבעט? אין די געלע דאָנאָסן זוכט איר די אַרבעט פון אונ־זערע געפּלאָגטע קאָלאָניסטן? ס׳איז, כ׳לעבן, אַ חרפּה און אַ בושה! איר גלויבט, דאָקטאָר, אין מסירות און משפּט אַזוי לייכטזיניג דיני נפשות...

ער איז אומגעהייער בלאַס געוואָרן און האָט אויגנבליקליך אי־בערגעביטן זיין טאַקטיק.

— באַרוהיגט זיך, הער אַלפּערסאָן! — האָט ער גענומען מילד רעדן — איר האָט רעכט... איך וועל זיין ביי אייך... פּעטערסאָן! — האָט ער זיך צום אינספּעקטאָר באַפעלעריש געווענדעט — גיט דעם סעניאָר אַ פּאָר פון די בעסטע אָקסן!...

איך האָב די אָקסן געטריבן אַהיים אין באַגלייטונג פון עטלי־כע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן הנאָה געהאַט, וואָס איך האָב דעם קליינעם יינגלישן דאָקטאָרל אַזוי שטאָלץ געמוסרט.

אויפן וועג, שמועסנדיג צווישן זיך, זיינען מיר צום הסכם געקומען, אַז דער נייער רוסישער רעזשים מיט די דאָנאָסן, דער פראַנצויזישער שפּיאָנאַזש און די ענגליש־עקשנותדיגע האַרטקייט וועלן אונז קיין גליק קיינמאָל ניט ברענגען!... אַזאַ שווערע מלחמה שטייט אונז פאָר, אַ ביטערער קאַמף מיט די באַאמטע פּונם באַראָן הירש!

XXXVIII

ד״ר בערקנהיים — אַ רוסישער צענזאָר!

אומגעריכט, שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג, ווען כ׳בין געשטאַנען אַרומגעבונדן מיט אַ זאַק און געמויערט אַ באַק־אויוון, מיין פרוי און קינדער האָבן מיטגעהאָלפן, דערלאַנגענדיג צום האַנט ציגל און בלאָטע — איז אויסגעוואַקסן ביי מיר אין שטוב דער ד״ר בערקנהיים.

— אַ! — האָט ער פאַרחידושט אויסגעשריגן — איהר זיינט אויך אַ מולער? מאַדאַם — ווענדעט ער זיך שפּאַסנדיג צו מיין פרוי — וויפיל צאָלט איר דעם מולער אייערן? — ער האָט אַריינגעקוקט אין דער סקליעפּניע און באַטראַכט די שטיקער אייזערנע רייפן, וואָס האָבן גערינט אויף אויפצוהאַלטן די „ארקאדע" און האָט געפרעגט:

— וואו האָט איר זיך די מלאָכה אויסגעלערנט?

— צוויי לערער האָבן מיר! — האָב איך געענטפערט.

— אַזוי? און ווער זיינען זיי?

— די נ ו י ט און די צ י י ט! זיי האָבן אונז אַלץ אויסגעלערנט און צו אַלצדינג צוגעוויינט.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ און זיך אַ רגע פאַרטראַכט.

ער איז אַריין אין מיין „זאַל", אָנרופנדיג עס אויפן ציווילי־זירטן אופן, וועלכער איז אין דער ווירקליכקייט געווען אַ שוואַרצע פינסטערע גרוב, באַדעקט מיט טשערעט; פון ווייסע ברעטער — אַ טיר און אַ פירקאַנטיגע לאָך, אָנשטאָט אַ פענסטער. שויבן,

האָט גאָלדשמיד באַהויפּטעט, איז אַ לוקסוס־אַרטיקל און דעריבער האָט מען מיט אַ ווייס ברעטל פאַרשטעלט דעם חלל אין אַ שלעכטן וועטער אָדער אויף ביינאַכט.

ער האָט נייגעריג באַטראַכט מיין מעבל: צוויי „קאטרעס", אַ טישל און אַלם בענקלאַך — אַ פּאָר קעסטלאַך פון קעראָסין. ער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן.

— אָבער עס וועט אייך זיין גוט! דער באַראָן זאָרגט זעהר פיל פאַר אייך! — האָט ער פאַר נויטיג געפונען צו געבן אַ תירוץ אויף דער דריקנדער לאַגע, און דעם זעלבן פּזמון פלעגן מיר הערן פון אַלע נאַטשאַלניקעס.

אויפן טישל האָט ער באַמערקט אייניגע פאַרשריבענע בוי־געלאַך פּאַפּיר.

— וואוהין שרייבט איר, אין „המליץ"? און וואָס, אייגנטליך, שרייבט איר?

די גוגשים, די גאַנצע כאָפּטע באַאַמטע, די רוסישע קליקע האָט מיך שוין פאַרמסרט ביים אדון, אַז איך שרייב שלעכטס אויף דער קאָלאָניזאַציאָנס־פּאָרם און איך האָב אים אַן אָפּנהאַר־ציגע תשובה געגעבן:

— קיין גוטס, דאָקטאָר, שרייב איך ניט!

— אָבער איר דאַרפט ענדערן אייער מיינונג. איך און דער הער קאָגאַן זיינען אַהערצו געקומען נאָר לטובת פון אונזערע ברידער. מיר זיינען אויך רוסישע יידן און מיר פילן מיט אייער נויט. איך מוז נאָר אַ קליינע אָפּעראַציע מאַכן צווישן די קאָלאָני־זירטע, ווייל — און זיין פּנים האָט אַ פיינליכע גרימאַסע אויס־געדרוקט — ווייל ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל ווילד־פלייש! ס'זיינען פאַראַן פּראָפעסיאָנעלע גנבים, אייניגע רוצחים, אַנטלאָפענע פון דער רוסישער טורמע.... דער צענטראַל־קאָמי־טעט פון פּעטערבורג האָט מיך געשיקט, כדי דעם שמוץ אויס־צורייניגן, אָפּשניידן די פאַרפוילטע אברים... דער ה' מאַקסים קאָגאַן ווידער גיט אַכט אויף די אַדמיניסטראַציאָנס־אָנגעלעגנהייטן. איר ווייסט — האָט ער צוגעגעבן שטילערהייד, ווי פאַרשעמט —

מעהר ווי אַ מיליאָן פראַנק זיינען שוין נעלם געוואָרן... און דאָס וועט אַלצדינג אויף אייער חשבון אַרויפגערעכנט ווערן! מיר וועלן צו אַזאַ אומרעכט נישט דערלאָזן... דער באַראָן ווייסט שוין דערפון... איהר מעגט זיין רוהיג. קיין שלעכטס דאַרף מען איבערהויפט ניט שרייבן!...

צו מיין פרוי האָט ער זיך מיט אַ זיסינק שמייכעלע געווענדעט:

— בעט עפּעס, מאַדאַם! אפשר פעלט אייך אַ מילך־קוה? מיר האָבן איצט אַ סך קיה, וואָס די קאָלאָניסטן לאָזן איבער, בעת זיי פאָרן אַוועק פון דאַנען...

— מילך, דאָקטאָר, האָבן מיר; דאָך וואָלט ניט געשאַדט נאָך אַ קוה! — האָט מיין פרוי געענטפערט — אָבער וואָס מיר האָבן נויטיג, איז אַ פערדל אַ רוהיגס פאַר די קינדער, כּדי זיי זאָלן האָבן אויף וואָס צו פאָרן אין שול אַריין.

ער האָט עפּעס פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־ביכעלע און, זיך געזעגנענדיג, אָפּגעפאָרן.

אויף מאָרגן האָבן צוויי קרעאָלן (קריאָזשאָס) געבראַכט מיט דער לאַסע אַ רויטליכע קוה מיט אַ קעלבל, און אַ דריטער האָט מיטן „באָסאַל" אַ „פּעטיסא" — אַ קליין שוואַרץ פערדל איבער־געגעבן מיינע קינדער, אויף וועלכן זיי פלעגן נאָכדעם זאַלבעצווייט און זאַלבעדריט רייטן אין שולע אַריין.

מיט אַ קורצער צייט נאָכדעם האָט ד"ר בערקנהיים אָדער די קליקע מיטהעלפער זיינע אויך באַוואָרנט, אַז מען זאָל קיין שלעכטס קיין אייראָפּאַ ניט שרייבן, — ווי ער האָט עס ביי מיר פאַרלאַנגט. אַ געוויסער טאַנער, אַ קורלענדישער בחור, וועלכער האָט געדינט אין דער ביוראָ, האָט מיט אַ צייט שפּעטער דעם סוד אויפגעדעקט.

מען האָט נעמליך דורכגעפירט ביי דער רעגירונג, אַז אין מאַ־אוריציאָ זאָל געעפנט ווערן אַ פּאָסט־אָפּטיילונג, און טאַקע דער אַדמיניסטראַטאָר אַליין איז אַלס „כעפע דע קאָררעאָ" — אָדער

פּאָסטמייסטער אַוועקגעזעצט געוואָרן, און אַלס שעף האָט ער זיך ערלויבט אַלע אונזערע בריף צו צענזורירן.

דאָס איז די סבה, וואָס צו יענער צייט איז פון אונז כמעט גאָר ניט געשריבן געוואָרן אין דער אייראָפּעאישער פּרעסע, הגם איך האָב מערערע קאָרעספּאָנדענציעס געשיקט אין „המליץ“, אברהם ראָזנפעלד — אין דער „הצפירה“ און אַלכסנדר יאַקובאָווו — צום „וואָסכאָד“. בלויז עפּעס אַ פּאָר בריף, וואָס ס'האָט דעם צענזאָר געלוינט, זיינען אַדורכגעלאָזן געוואָרן און זיינען צו יענער צייט פאַרעפנטליכט געוועזן.

אַ נייער סאָרט אַראַנזשעמענט האָט זיך אָנגעהויבן. פרישע טרערן האָבן די דערנער פון דער פּאַמפּע אין זיך איינגעזאַפּט.

יידישע טרערן! טרערן פון עמיגראַנטן! אַך, ווי ביליג און וואָלוול איר זיינט צו אַלע צייטן און אומעטום! גאַנצע פעסער וואָלט מען געקאָנט אנזאַמלען פון זיי! אָבער וועמען קימערט עס? וועמען אַרט עס, און ווער באַדאַרף זיי דען?

XXXIX

אָפּעראַציעס.

אַ שרעקליכער אָפּעראַטאָר איז ד״ר בערקנהיים געווען! אָהן רחמנות האָט ער געשניטן און צעפּערטלט אַסך פון די יעניגע, וואָס האָבן זיך אַזוי פיל אנגעפלאָגט, זיך גאַנצע צוויי יאָר אָפּגעוואַלגערט אין דרויסן, אין „קאַרפּאַס" און אין ביידלאַך, האָבן אַלערליי יסורים איבערגעטראָגן און קוים דערלעבט אַ שטיקל גרוב — פיר ווענט מיט אַ דאַך, אַ ביסל מילך פאַר די קינדער און אַ צרהדיגן געלעגער פאַר די פרויען — און פלוצלינג איז איינער געקומען און באַפוילן: „אַרויס פונם גרוב, וואָס דו האָסט זיך געמאַכט! גיי ווייטער! גיי, בלאָנדזשע ווייטער, איבער גאָטס גרויסער וועלט! אין נאָמען פון אידעאַל שיק איך דיך אַרויס פון דאַנען ווי אַ פאַרברעכער! דאָ איז אדמת קודש. דאָ גייט דער באַראָן שאַפן אַ רוהיגע היים: גרינדן קאָלאָניעס, מאַכן אַגריקולטורן, וואָס זאָלן מיט זייער ערליכקייט באַשיינען און פאַרדעקן אַלע פגימות פון פאָלק ישראל... און דאָ איז קיין פּלאַץ ניטאָ, פאַר קיין בעטלער, שנאָרער און גנבים, וואָס ווילן זיך אָנלעהנען אויפן באַראָנס רייכטימער!"

— און וואָס דאַרף מען, אייגנטליך, טאָן מיטן געוועזענעם גנב, וואָס וויל אין דער נייער היים אָנהויבן פירן אַן אָרנטליך לעבן? — האָב איך אין אַ טאָג דעם ד״ר געפרעגט. — און וואָס קומט דען דעם שנאָרער, ווען ער נעמט זיך פלייסיג צו דער אַרבעט? טאר מען זיי דען ניט מוחל זיין זייער פאַרגאַנגנהייט?

דאַרף מען זיי דען ניט אונטערשטיצן, כּדי זיי זאָלן שוין אויף ווייטער גיין אין דרך-הישר ?

— עט ! — גיט ער אַ מאַך מיטן האַנד — דאָ שפּילט מען זיך ניט מיט קיין סענטימענטאַליזם ! די קאָלאָניזאַציע פאָדערט קרבנות ! . . .

און קרבנות האָט ער לרוב געבראַכט. מיטן בּיסל ווילד-פלייש האָט ער מיטגעשניטן געזונטע אברים און אַ תּל געמאַכט פון קרעפּטיגע קערפּערס . . .

אָ, וויפיל בלומען האָט ער אויסגעפליקט צוזאַמען מיטן בוריאַן און וויפיל דערנער האָט ער פאַרזעהן און אַ דאַנק די פּושעים, די מיטהעלפער זיינע — איבערגעלאָזן !

אָבער אין אמתן האָבן איינגע זיך ניט שטאַרק מצער געווען, וואָס מען שיקט זיי אַרויס. אַבי מען האָט זיי באַלוינט מיט אַ ביסל געלט, שיפסקאַרטן געגעבן, זיינען זיי תּיכּף מרוצה געוואָרן אָפּ-צופאָרן.

די גנבים אָבער האָבן זיך ניט אַזוי לייכט געלאָזט אַרויסשיקן ! מיטן אויבנדערמאָנטן הערש לייביקל גייער האָט ער גענוג שווע-ריקייטן געהאַט. אַלע שויבן פון דער אַדמיניסטראַציע האָט ער אויסגעזעצט און אַ רעוואָלווער געצויגן קעגן דאָקטאָר, טאַקע אין בּיוראָ גופא. אָבער דער יונגער בּערקנהיים האָט זיך פּונם בּענקל אפילו קיין ריר ניט געגעבן און קאַלטבלוטיג צו אים גערעדט :

— גייער, דו ווערסט ניט שיסן ! דיך קאָן איך אין דער קאָ-לאָניע ניט איבערלאָזן, ווייל דו בּיזט אַ רוצח ! איך וועל דיר געבן געלט וויפיל דו דאַרפסט און פון דאַנען מוזטו אַוועק !

אָט דעם דאָזיגן נפש און אַנדערע אַזעלכע האָט ער אָנגעשאָטן פולע קעשענעס מיט גאָלדענע מטבעות און זיי משלח געווען.

די אָרנטליכע שלימזלניקעס, די יעניגע, וואָס די אַדמי-ניסטראַציע האָט פאַר זיי מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן צו לאַסט ניט פאַלן אויף דער גרויסער קהלשער שיסל, זיי האָט מען געשניטן און מיט זיי אַפילו קיין טענות ניט געמאַכט. זיי האָבן קיין חוצפּה

ניט געהאַט זיך אַנטקעגנצושטעלן, האָבן בלויז געקלאָגט, געגאָסן מיט טרערן און רחמים געבעטן:

— לאָזט אונז לעבן, האַרציגער דאָקטאָר! מיר וועלן זיך בעסערן, מיר וועלן פלייסיג ווערן!

איינינגע האָט ער איבערגעלאָזן און אין בוך דאָרט סימנים געמאַכט ווענן אַ שפּעטערדיגער אָפּעראַציע... לאַפּין האָט נאָכדעם דעם סימן געפונען און האָט זיי דעם דרך געגעבן, אָבער די מערסטע זיינען מיט גוואַלד אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף די וועגן און מ'האָט זיי „ווייסילקע“ געגעבן.

גיך האָט זיך אַלץ איבערגעקאָכט. די טרערן פון די אַרויסגעטריבענע האָבן זיך אָפּגעטריקנט, די קולות און גוואַלטן פון שפּרה דער געלער מיט אירע קינדער, וואָס האָבן די הימלען געשפּאָלטן, בעת מען האָט זיי אויפן וואָגן אַרויפגעליינט, — האָבן זיך ערגעץ פאַרטראָגן העט־ווייט, אַהין צו די אַרומוואַנדערנדיגע ווילדע שבטים און אפשר דאָרט, אין די הערצער פון די נאַטור־קינדער, די אינדיאַנער, אַן אָפּקלאַנג געפונען... ביי אונז איז אַלץ געוועזן גוט, פיין און וואויל...

די צעאַקערטע פעלדער, טיילווייז שוין אויך פאַרזייטע, די ירושה פון די אַרויסגעשיקטע, האָט מען צווישן אונז פאַרטיילט... מען האָט אויך אויסגעשטעלט אַ צעטל פון אַלע פרומע און גוטע „כאָלאָסטאָיעס“, מיט וועלכע די אַדמיניסטראַציע איז צופרידן געווען און זיי מבטיח געווען — שוין אַ רוסישע הבטחה אנשטאָט דער ענגלישער: — זייערע פאַמיליעס פון אייראָפּע אינגיכן צו ברענגען.

דאָס לעבן איז זיך ווייטער זיין וועג געגאַנגען.

XL

נייע ווינטן׳ אַ געהויבענע שטימונג.

מען האָט פאַרענדיגט זייען דעם ווייץ. יענעם ווינטער איז אין קאָלאָניע פאַרזייט געוואָרן 3250 הֶעקטאַר. אמת, ווי די מאָדע איז, אַ ביסל נאָך דער צייט, מחמת די אַדמיניסטראַציע האָט די זריעה געגבן שפּעט, אַקוראַט ווי אַלצדינג, וואָס זי גיט, מוז קומען נאָך דער צייט! דאָך איז דאָס פּאַראַקערטע לאַנד, שוין איינגערעכנט די ירושה פון די אַרויסגעשיקטע, פאַרזייט געוואָרן.

ווער איז דען אימשטאַנד פּאָרצושטעלן די פרייד פון די פאַר־בליבענע קאָלאָניסטן, פון די מיוחסים אָדער נבחרים, ווען זיי האָבן דערזעהן אַזעלכע גרויסע גרינע פעלדער? געוועזענע קרעמער, גרויסע שאַצער, וואָס קאָנען שטענדיג חשבונען ביז אַ פּרוטה, האָבן באַלד אויסגערעכנט דעם ריינעם ריוח: אַזוי און אַזוי פיל פּאַנעגא (100 קילאָ אַ פּאַנעגאָ) פונם העקטאַר, אויף צו 7,60 אַ קינטאַל (100 קילאָ) — נו, איז וויפיל געלט וועט נאָך אין קעשענע פאַר־בלייבן? עס האָט זיך צעשפּילט די פאַנטאַזיע פון די אַמעריקאַ־נער גליקן, און דאָס האָט געמאַכט פאַרגעסן אָן די צרות, די דיס־ציפּלין, די נאַטשאַלניקעס. די שטימונג איז געוואָרן אַ געהוי־בענע, און אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען באַגייסטערט.

איך דערמאָן זיך, אַז אין מיין גרופּע, צווישן די 43־טע און נאָכדעם די 55־טע, זיינען מיר אַכט פאַמיליעס געווען. צווישן אונז זיינען געווען די ברידער ווינאַרסקי, איזוואָזטשיקעס פון קיעוו. דער עלטערער, שלמה ווינאַרסקי, אַ פעסט־געבויטער, ברייט־ביינערדיגער ייד, זעהר אַ פרייליכער מענש, אַ לעבעדיגער טעמפּע־

ראַמענט, — ווען ער איז מיט אונז שבת געגאַנגען באַקוקן דעם „פּאַסיעוו“, האָט ער, דערזעהענדיג די 123 העקטאַר גרינע ווייץ פון אונזער גרופּע, פון התפּעלות זיין היטל געשמיצט אָן דער ערד און אויף זיין באַסאָווער שטים זיך צעיחמורט:

— יעיי באָגו! וואו זיינען זיי דאָרט? זאָלן זיי קומען זעהן און צעפּיקט ווערן! אָט דער קוואַרטאַלנע, דער פּאָליצמייסטער און טאַקע דער גרויסער, דער סאַמע גרויסער גובערנאַטאָר, דרענטלן אַליין! זאָלן זיי זעהן, ווי מיר, יידן, די שאַכערניקעס, באַאַרבעטן די ערד! יעיי באָגו, פּוסט פּריכאָדיאַט! 123 העקטאַר ווייץ האָבן מיר! און ווער זיינען מיר? — האָט ער זיך „גראָמקאָ“ צעשריגן — אפילו ניט איין „זעמליעדעלעץ“ פון דער היים!

דאַן הויבט ער זיך אָן ווינצלען: יעדן איינעם פון אונז רעכנט ער אויס מיטן מורי מורינו, מיט זיין פריהערדיגער פּרנסה און זינגט צו מיטן ניגון פון די שמחת־תורהדיגע הקפות:

„פּיאַווסקי הערש! געגאַנגען מיט באַרזשעס און גאַלערעס אויפן דניעסטער און דניעפּער, פּאַרדינט זעקס קאַרבויצן אַ וואָך!“

„לעווענזאָן שמעון! אַרומגעפּירט לייס אין קאַמענעץ פּאָ־דאָלסק, אַ רובל פּופּציג קאָפּיקעס פּאַר אַ גאַנץ פּורל...“

„ווינאַרסקי סאַלאָמאָן! געפירט באַרעשניעס מיט פּריצים צום וואָקזאַל אין קיעוו און באַקומען נאַ טשיי! פּרנסות, באָזשע טי מאָי!“

מיר האָבן זיך ביי די זייטן געהאַלטן לאַכנדיג, אָנקוועלנדיג פון אונזער מזל.

אַזוי האָבן מיר ביסלאַכווייז ליב באַקומען די ערדאַרבעט און דאָס פעלד־לעבן, און ווי נאָר די אָקסן האָבן זיך אַ ביסל אויס־גערוהט פונם פּאַסיעוו ווייץ, האָט מען זיך גלייך גענומען ווידער אַקערן, אום צוצוגרייטן לאַנד אויף צו פּאַרזייען קוקורוזע.

דער ווינטער האָט זיך שוין געהאַלטן ביים געזעגענען. דער נעפּלדיגער מאָנאַט אויגוסט פון 1893 איז צו ענדע געווען. דער אַרגענטינישער „מאַי“, דער פריהלינג, האָט זיך מיט זיין ליבליכער וואַרעמקייט שין באַוויזן אין פּלאַנצן, ווי מענשן, האָבן פריש אויפ־געוואַכט.

די קאָלאָניסטקעס מיט זייערע קינדערלאַך האָבן זיך ווי די מוּ־ראַשקעס פאַרשפּרייט איבער די גערטנער און האָבן געגראָבן, גע־זעצט און געפּלאַנצט. די מענער האָבן צוגעגרייט די מכשירים, דעם מאַאיס צו זייען, און אַליך איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט אַ מחידהדיקן אַרבעטס־ריח.

פון אונזער גענעראַל־דירעקציע אין בוענאָס־איירעס האָט אויך אַ פּריש ווינטל געבלאָזן. ס'איז אָנגעקומען די בשורה, אַז צוויי דעפּעניטיווע דירעקטאָרן, סאַמועל הירש און דוד קאַזעס, האָבן איבערגענומען די הנהגה פון דער קאָלאָניזאַציע.

אָט די הערן, וואָס האָבן מיט אונז צוזאַמען דורכגעמאַכט אַ משך פון צוועלף יאָר, זיי אינאיינעם מיטן פּראָוויזאָרישן דירעקטאָר מאַקסים קאָגאַן און דעם ד"ר בערקנהיים, וועלכע זיינען נאָך ניט אָפּגעפאָהרן, האָבן ערנסט זיך פּאַרטיפּט אין אונזער לאַגע. מען האָט אָנגעהויבן באַהאַנדלען דעם קאָלאָניסט מיט מעהר, אַזוי צו זאָגן, דיפּלאָמאַטיע. ווענינגסטנס האָט מען ניט געשפּיגן אַזוי פיל אין פּנים אַריין, ווי פאַר דער רעגירונגס־צייט פונם פּאָלקאָווניק.

דעם ווייץ, וואָס מיר האָבן פאַרזייט, האָט וואָס אַ טאָג ווייטער, אַליך מער די ערד באַדעקט. די פעלדער האָבן זיך געגרינט און אין אונז האָפענונג אַריינגעפּלאָסן, אַז גאָר גיך וועלן מיר פּטור ווערן פון דער קצבה, זיך ענדליך זעהן באַקליידט און צו זאַט אָנגעגעסן...

פון די נייע דירעקטאָרן איז אָנגעקומען אַ צירקוליאַר, אַז יעדער קאָלאָניסט זאָל נעבן זיין שטוב פאַרפלאַנצן פופציג בוימער. די אַדמיניסטראַציאָנס־וועלדער פון אַליסע און אַלגאַראָבאָ האָבן צו־געשטעלט די נויטיגע בוימלאַך.

ס'האָט אויך אָנגעהויבן אָנצוקומען אַסך רעמאַנענט. די אַגרי־קולטור־מאַשינען, וועלכע האָבן אויסגעפעלט, האָט מען געבראַכט. יעדער איינציגער האָט באַקומען אַ וואָגן אויף פיר רעדער, אָנשטאָט דעם „קאָמון־וואָגן", וואָס מ'האָט פריהער געגעבן פאַר דער גאַנצער גרופּע. זעקס־און־דרייסיג נייע שנייד־מאַשינען פון סיסטעם „וואַלטער עט וואוד" און די אַכטצעהן אַלטע, פריהערדיגע מאַשי־נען, זיינען פאַרריכט און צוגעגרייט געוואָרן פאַר דער קומענדיגער

קאַסטעטשע פון ווייץ, וואָס האָט אַזוי פיל צוגעזאָגט און איז גע־וואַקסן גרויסאַרטיג שיין.

די דריי „טריזשאַדאָראַס“, די דרעש־מאַשינען, וועלכע זיינען נאָך פאַרבליבן פונם געוועזענעם לאַנד־איינגנטימער, רעמעלאַ פראַנקאַ, זיינען אויך אויסגעפוצט געוואָרן, כדי גרייט צו זיין דעם ווייץ אויסצודרעשן.

אויף שריט און טריט האָט מען געזעהן, ווי עס שפינט און עס וועבט זיך אַ ניי־לעבן און מיטן ווארימען פריהלינג, וואָס איז אָנ־געקומען, האָט צו אונז אויך דערגרייכט אַ פריינטליך־האַרציגער בריף פונם באַראָן הירש, אין וועלכן ער בעט, אַז מ׳זאָל אים קיין פאַריז צושיקן אַ מוסטער פון אונזער ווייץ. ער וויל — שרייבט ער — מיט זיינע אייגענע אויגן זעהן די תבואה, וואָס ז י י נ ע קאָלאָ־ניסטן האָבן אויף דער וועלט געבראַכט דורך זייער אַרבעטסזאַמקייט און פלייס.

אַ גרויסע שמחה, אַ גדולה האָט אונז אַלעמען באַהערשט. מיר זיינען אויפן שוועל פון אַ זיכערער, רוהיגער פרנסה און דאָס נאָך אין אַזאַ פרייען לאַנד! פריי פון פאָגראָמען, פון פאָניעס־גלות, ס׳איז פאַר קיינעם ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, מען פרעגט ניט אויף קיין פאַספאָרטן, מען גייט וואו מ׳וויל, מ׳שלאָפט מיט אָפענע טירן — אַ געבענשט לאַנד! אַ יידישע לאַנד!

עס שיינט אָבער, אַז הינטער יעדן זיסן בעכער איז שטענדיג צוגעגרייט אַ ביטערער טראָפּן. דער ביטערער שיקזאַל פאַרגינט זאָגאַר ניט דעם אָרימען אימיגראַנט צופיל צו פאַנטאַזירן פון גליק...

אין דער פראַכטפולער פריהלינגס־צייט האָט זיך גיך דער הימל פאַרטונקלט. איבער אונזערע קעפּ האָבן זיך פאַרצויגן פינסטערע, חושכדיגע וואָלקנס. שרעק און יסורים זיינען אָנגעקומען.

אַ גרויסער טייל קאָלאָניסטן האָבן אַלצדינג איבערגעלאָזן: דעם ווייץ, די גערטנער, די פאַרפלאַנצטע בוימער, די ווייס־אויסגע־קאַלכטע שטיבער — אַלץ, אַלץ האָבן זיי אַוועקגעוואָרפן, כדי די נאַקעטע נ׳שמה צו ראַטעווען, כדי מיטן לעבן זיכער צו זיין!

XLI

ווי/דע פאַרפלייצען די קאָלאָניע און באַפאַלן פרויען.

קיינער ווייסט ניט, פון וואנען די ווילדע גאַאוטשאָס פון דער פּאַמפּאַ האָבן זיך דערוואוסט, אַז צווישן אונז זיינען פאַראַן שיינע פרויען. ווער האָט דערציילט פונדיק אָנגעזאָגט, דעם אינדיאַנער פון פּאַטאַגאָניע געמאָלדן, דעם קראַל ביי די הייכן און סקאַלעם פון די אַנדען־בערג מיטגעטיילט, דעם אייביגן נאָמאַד פון די אוראַלטע וועלדער אין נעאוקען די בשורה געבראַכט — אַז אין דער קאָלאָניע רוסאָ־כודיאַ געפינען זיך ווייסע, ציכטיגע און חנעוודיגע מיידלאַך ?

פון אַלע זייטן זיינען פּלוצים די דאָזיגע נפשות אָנגעקומען. יעדערער איז געקומען צו רייטן אויף זיין „פאַנגאַרעע“; אַרומגעוויקלט דעם אונטערשטן טייל פון קערפּער מיט דער „טשיריפּא“; אַרום די לענדן אַרומגעבונדן די „באָליאַדאָראַס“ אָדער די שלײדער־קױלן, פון לעדערנעם גאַרטל האָט אַרויסגעשטעקט דאָס העפט פון לאַנגן שאַרפן „פאַקאָן“, וואָס איז אַריינגעשיקט געווען אין דער „ווינאַ“; און פיל האָבן נאָך געטראָגן אָנגעהאַנגען אַ גיטאַרע אויף די פּלייצעס. זיי זיינען אָנגעקומען מיט זייער גאַנצן פאַרמעגן, וואַרפענדיג גלאָצעדיגע בליקן אַרום זיך, נישטערנדיג מיט זייערע שוואַרצע אָדלער־אויגן און בעטנדיג:

— פּאַטראָן, גיב מיר אַרבעט ! לאָז מיך דאָ, נעבן דיין שטוב נעכטיגן, באָדאי אין דרויסן שלאָפן.

אברהם אָבינוס איינגעקלאַך האַלטען פון הכנסת אורחים. מיר האָבן זיי מקרב געווען. ווי אנגענעם, ווי שעצבאַר־טייער איז ביי אונז געווען דער וואַנדערער, דער גר, ווען ער פלעגט אַנטקעגן דער לבנה זיך צעזינגען מיט זיינע עצבות־מעלאָדיען און צושפּי־לען מעלאַנכאָליש אויף זיין גיטאַרע! אין זיינע טרויער־טענער האָבן מיר אונזערע בענקענדע נשמות דערקענט; דער היים־ווייפלעגט זיך אין האַרצן ווי אייל פונאַנדערגיסן, און מיר האָבן זיי מיט פריינדשאַפט באַהאַנדלט און דאַנקבאַר געווען, וואָס זיי פארזיסן אונזער איינזאַמקייט.

די אַדמיניסטראַציע איז אויך צופרידן געווען מיט זייער אָנקו־מען. די קאָסטשע, האָט זיך געוויזן, וועט זיין אַ געראָטענע און מען וועט דאַרפן אַ כך אַרבעטער־הענט.

גיך זיינען אָבער מעררע אינצידענטן פאָרגעקומען. אין איינינ־גע „פאָטרעראס" האָט מען געטראָפן דערשטאָכענע קיה. פון אַזאַ „שטיקל" פלעגט אויסגעשניטן ווערן 15־10 קילאָ פלייש און דאָס רעשט מיטן פעל האָט מען געפונען וואַלגערן זיך... מען האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זייער אַרבעט. דאָס האָבן זיי בלויז גענומען אַ שטיקל פלייש אויף אַן „אַסאַדאָ". — און נישט מער!

אין אַנדערע גרופּעס האָט מען פון לעבעדיגע אָקסן אָפּגע־שניטן אַ שטיק פלייש, אום אָפּצובראָטן אבר מן החי און דעם „נאָוויזשאָ" געלאָזט לעבן.

און ביים גאַאוטשאָ איז דאָס אַן עכט־נאַטירליכע זאַך געווען! ער ווייסט ניט פון קיין אייגנטום־באַגריף: פאַרשטייט ניט דעם חילוק פון מיינס און דיינס; ער נעמט וואו ער טרעפט זיין געברויך און גענוס...

אפילו אין געשלעכטס־אנגעלעגנהייטן איז ער אויך פריי גע־ווען, ווי דער פויגל אין וואַלד! קיין הייראַטס־צערעמאָניע עקזי־סטירט ניט ביי אים. פון מאָראַלישקייט האָט ער ניט געוואוסט און פון קיין רעליגיע קיין באַגריף ניט געהאַט! ווער שמועסט דאַן, מיט דרייסיג יאָר צוריק, האָט ער די אַלע זאַכן בכלל ניט פאַר־

שטאַנען און איז געווען אַן אינסטינקטיווער גענגער פון פריוואַט אייגנטום... וואָס ער האָט פאַרמאָגט איז עס אַלעמענס געווען און י ע נ ע מ ס איז אויך זיינס — ווען ער דאַרף עס נאָר!

ווען ער האָט געפאַנגען אַ הירשעלע, אַ „מאַריטינעטאַ“, אַ „מוליטאַ“, אָדער זאָגאַר אַ „פעלודאָ“, האָט ער זיך צוגעזעצט רחבותדיג ביים פייער, עס אָפּגעבראָטן און איינגעלאַדן דעם פּאַטראָן, די פּאַטראָנאַ, יעדן איינציגן, וואָס איז דערביי געווען, אַז זיי זאָלן מיט אים מיטשפּייזן; — וואָס ער האָט, איז פאַר יעדן פריי... נו, האָט ער זיך אנגעשלאָגן אין דער ציווילזירטער מאָראַל, אין דער געזעצליכער אָרדנונג — אַליין עסן צו זאַט, און דער אַנדערער מעג הונגערן! דאָ זעהט ער, ווי מען שעכט גאַנצע בהמות, מען טראָגט זייטן פלייש, אַלע עסן און ער שלינגט די סלינע, און ווען ער בעט אַן „אַסאַדאָ“, פאָדערט מען „פּלאַטאַ“ — זילבערנע מטבעות: האָט ער זיך מישב געווען, דער אָרימער נאַטור־מענש און אַליין גענומען — מכל הבא בידו.

דעם אמת זאָגנדיג, האָט עס אונז, קאָלאָניסטן, ווייניג וואָס געקימערט: ס׳איז דאָך געווען דעם באַראָנס סקאָט! די גדולים גנבענען אַזוי פיל, נו, מעג דער גאַאוטשאָ כאָטש באַקומען צום עסן... און מיר האָבן צוגעקוקט און געשוויגן. ווען דער האַלב־ווילדער קרעאָל האָט אַפּנים דערזעהן, אַז מען שווייגט, איז ער נאָך דרייסטער געוואָרן און האָט זיינע אויגן אויפגעהויבן צום שיינעם,אָבער שוואַכן געשלעכט.

— לינדאַס מוטשאַטשאַס! — שיינע מיידלאַך — האָט ער אָנגעהויבן אונטערצומורמלען.

דערזעהענדיג דעם ווידערשטאַנד פון די שיינע מיידלאַך, וועלכע האָבן אים גאָר מיט פאַראַכטונג אויסגעווייכט, האָט ער גענומען אָנווענדן גוואַלד־מיטלען... עס זיינען פאָרגעקומען אומאויפהערליכע אינצידענטן.

די פרוי ק. איז מיט איר טאָכטער פון אַ יאָר אַכטצעהן געגאַנגען פון איר גרופּע קיין אַלגאַראָבא. נעבן דער „לאַגונאַ“ פון צווישן די דערנער און בוזיקעס איז אַרויסגעשפּרונגען אַ גאַאוטשאָ און

האָט דאָס מיידל געכאַפּט... די מוטער האָט איר קינד פּאַרטיי־דיגט און דער ליידנשאַפטליכער קרעכץ האָט איר אַ האַנד צע־בראָכן. גליקליכערוויז איז רייטנדיג אָנגעלאָפן דער אינזשענער דאָן סאהאל, האָט אויפן גאַאוטשאָ אויסגעשאָסן און דער אָנ־פאַלער איז אויף זיין פלינקן פערד פאַרשוואונדן געוואָרן.

אַן עלטערע פרוי, וועלכע איז פון איר שטוב אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר הונדערט מעטר צווישן די גראָזן, איז דאָרט באַפאַלן און פאַרגוואַלטיגט געוואָרן.

זיי האָבן געכאַפּט אַ מוטער פון קינדער, זי ווייט אַוועקגע־שלעפּט און די אומגליקליכע דאָרט אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט...

אָבער נאָך שרעקליכערס איז געשעהן מיט דער יונגער אַקו־שאָרקע ראָזע; יענס בילד, וואָס כ׳האָב צופעליג געזעהן, מאַכט מיך נאָך איצט אויפשוידערן בלויז ביי דער ערינערונג.

אין אַ דאָנערשטאג, אַ טאָג, וואָס די פרומע קאָלאָניסטקעס האָבן שטענדיג פאַר אַ תפילה־טאָג געהאַלטן, ווייל אין זעלבן טאָג פלעגט מען אויך פאָרן קיין אַלגאראבאָ איינצוקויפן אויף שבת, האָט זיך סאָסל וואַגמייסטער אַ ביסל פאַרשפּעטיגט און שוין ניט געהאַט קיין קאָמפּאַניאָנקע אויף אַראָפּצוגיין ביזן באָד, וואו די מקוה האָט זיך געפונען. אַליין האָט זי מורא געהאַט צו גיין הינ־טערן בערגל ביז צו דער „לאַגונאַ“.

די שיינינקע אַקושאָרקע ראָזע, אַ זעהר מוטיגע פרוי, האָט זיך אָנגעבאָטן זי צו באַגלייטן און מיט אַ זויג־קינד אויף די הענט איז זי מיטגעגאַנגען.

אין אַ ווייל אַרום איז די פרוי וואַגמייסטער אַרויפגעלאָפן אויף דעם בערגל, רופנדיג צו הילף דורך שרעקליכע קולות און גוואַלדן.

— גוואַלד! יידן, ראַטעוועט! אַ שפּאַניער איז די אַקושאָרקע באַפאַלן! ראַטעוועט! גוואַלד! גוואַלד!

אַסך, וואָס זיינען ביים אַדמיניסטראַציאָנס־דראָט געשטאַנען, האָבן זיך תיכף געלאָזט לויפן; אָבער שרעקליך, שוידערליך איז דאָס בילד געווען, וואָס מען האָט דערזעהן.

אַ צעטראָטענע, אַ געשענדעטע, מיט צעפליקטע קליידער, איז די אַקושאָרקע געלעגן אין גראָז און האָט זיך געבאָרן אין טרערן און אין שאַנד... איר זויגלינג האָט זיך עטליכע מעטר ווייטער געוואַלגערט און מוראדיג געשריגן; דער באַנדיט האָט עס אַהין פאַרשליידערט... דעם פאַרברעכער האָט מען שוין ניט גע־טראָפן, ער איז צווישן די גראָזן נעלם געוואָרן.

די אומגליקליכע אָרנטליכע פרוי האָט שלוכצנדיג געבעטן, אַז מען זאָל ביי אייזיק שוחט פאַרשרייבן דעם פינסטערן טאָג, אום מען זאָל וויסן, טאָמער חלילה ווערט זי שוואַנגער... ווייל איר מאַן איז שוין פיר מאָנאַט אָפּוועזנד געווען פון דער היים...

אַ פאַניק האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצער קאָלאָניע. קיין פרוי האָט ניט געוואַגט אַרויסצוגיין פון שטוב. און אַזוי ווי תמיד, נאָך יעטוויידער קאַטאַסטראָפע, האָבן די שוואַכערע, די וואַקלענדע אידעאַליסטן, אָנגעהויבן פאָדערן, שרייענדיג:

-- אַהיים! דאָקטאָר, שיקט אונז אַהיים! צו פאַרגוואַל־טיגן אונזערע פרויען, צו שענדן אונזערע טעכטער — דאָס האָבן מיר דאָך ביי פאָניען אויך געהאַט!

ד״ר בערקנהיים האָט זיך פאַר עגמת נפש אַזש די האָר פון קאָפּ געריסן און האָט געבעטן:

-- פאָרט ניט! לויפט ניט! איך וועל באַוואָרענען, אַז אַזוינס זאָל מער ניט פאָרקומען...

ער האָט געפּלאַנט ווידער איינצופירן אַ יידישע מיליץ, ווי פאַר גערבילס צייטן.

לאָמיר נאָר האָבן אונזער אייגענע פּאָליציי, דאַן וועט צו די גוואַלדטאַטן אַן ענדע נעמען!—האָט ער דעם עולם געטרייסט.

ער האָט דערפון געשריבן צו די דירעקטאָרן און געבעטן מען זאָל צושיקן אַ פּאָר הונדערט ביקסן. די הערן קאַזעס און הירש האָבן זיך געווענדעט נאָך אַן ערלויבניש צו דער פּראָווינציעלער רעגירונג און דער פּאָליצמייסטער פון לאַ־פּלאַטאַ, אַ געוויסער לאָפּעז, האָט די דאָזיגע בקשה אָפּגעוואָרפן. „ווי אַזוי מעג מען באַוואָפּענען פּשוטע בירגער?“ — איז זיין שאַלה געווען.

אַלע מאָל איז ערגער געוואָרן און די גאַאוטשאָס חוצפּהדיגער. זיי זיינען שוין פּשוט געקראָכן אין די שטיבער אַריין...

די קאָלאָניסטן, צום אָנהויב די יעניגע, וואָס האָבן אין זייערע משפּחות געליטן און נאָכדעם די צעשראָקענע — האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּליטה...

מאַקסים קאָגאַן און ד״ר בערקנהיים, אַליין רוסישע יידן, האָבן שנעל אויסגעפונען די רפואה צום פּאָליציייסקע „ניעלזאַ״... זיי האָבן אין די הויכע פענסטער פון לאַ־פּלאַטאַ און נועווע־דע־כוליאָ איינגעגעבן אַ היפּשע דאָזע פון דער קלינגענדיגער רפואה — און דאָס האָט געווירקט... אָנשטאָט ביקסן האָט די רעגירונג מתיר געווען רעוואָלווערן. צוויי קאַסטנס פּיסטאָלעטן האָט מען פון בוענאָס־איירעס געבראַכט און יעדן קאָלאָניסט געגעבן איינעם אָדער צוויי אין געהייסן שיסן... דער עולם האָט געפּאָלגט און געשאָסן...

מען האָט געשאָסן אין דער לופטן. אַ פּאָר פונדיקעס האָט מען פאַרוואונדעט. אומגערן האָט מען אויך געטראָפן דעם סקאָט אויפן פעלד און אַסך בהמות דערהרגעט. אָפטמאָל האָט מען פאַר גרוים בריהשקייט זיך אַליין אין פוס געטראָפן... ווי ס׳איז נאָר צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען פון אַלע גרופּעס געהערט דאָס אומאויפהערליכע קנאַלן פון די רעוואָלווערן.

דער גאַאוטשאָ, וועלכער איז אומגעהייער געשיקט מיטן מעסער און איז אַן ערשט־קלאַסיגער פעכטער, האָט אָבער דאַמאָלסט שטאַרק מורא געהאַט פאַרן פייער־געווער (היינט האָט ער שוין יענע שרעק פאַרלוירן). פּאַר אַ „שפּייער״ האָט ער דאַן געציטערט און פיל פונדיקעס זיינען זיך צעלאָפן.

די ווייבער זיינען אין מקוה געגאַנגען, באַגלייט פון די מענער... די שומרים פלעגן שטיין אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט פון באָד און וואַרטן ביז זייער פּלוניתטע, אַ פאַרפלאַמטע, אַ פאַרשעמטע, איינגעוויקלט אין דעם צניעות פון דער טבילה — פלעגט אַרויס־קומען...

אין אַ דאָנערשטאג־טאָג האָט מען אָפט געקאָנט טרעפן אַ פּאָר מנינים קאָלאָניסטן, שטייענדיג מיט די בייטשן אין די הענט נעבן דער באָד, און בעת אַ ליידנשאַפטליכער שמייכל פלעגט זיך קרייזלען איבער זייערע ליפּן, פלעגן זיי גאָר שמועסן איבער וועלט־פּאָליטיק, איבער יידישע ענינים און באַשטימען די קהלשע אינ־טערעסן...

מען איז פאַרזיכטיגער געוואָרן מיט די גאַאוטשאָס. די פּאָ־ליציי איז אויך פאַרדאָפּלט געוואָרן און מען האָט אַרעסטירט יעדן פאַרדעכטיגן.

איינעם, וועלכן מען האָט חושד געווען, אַז ער האָט מאָנס גע־ווען די עלטערע פרוי, האָט די פּאָליציי אַ צייט־לאַנג נאָכגע־שפּירט, ביז זי האָט אים באַלאַגערט אין אַ פּוסטער שטוב פון דער גרופּע 57, ביי שמאול ראַבינאָוויטש. אַכטצעהן שטונדן האָט מען צו אים ניט געקאָנט צוקומען. ער האָט געהאַט אַ ביקס, אַ היפּש־ביסל פּולווער און האָט כסדר דורכן פענסטער און די שפּאַלטן פון טיר געשאָסן אויף דער פּאָליציי — ביז ער האָט פאַרוואונדעט אַ סערזשאַנט. יענער, ווערנדיג ווילד פון צאָרן, האָט זיך געוואָרפן צום פענסטער און מיט זיין „רעמינגטאָן" דעם פאַרברעכער דערשאָסן.

פאַרן טויט האָט דער באַנדיט נאָך באַוויזן אויסצושרייען, — און דאָך זיינען די יידישע פרויען די שענסטע!...

ערשט דאַמאָלסט האָט די אַדמיניסטראַציע געלאָזט ריכטן און באַפעסטיגן די „אַלאַמבראַדאָס", וואָס צאַמען אַרום די קאָ־לאָניע. מען האָט די דראָטן אָנגעצויגן מיט נייע שלעסער, אַריינ־געגראָבן גוטע, שטאַרקע „פּאָסטן" (סלופּעס), און אַוועקגעזעצט שומרים ביי די טויערן, וואָס פירן קיין קאַסאַרעס און פאַלאָמאַ, און זיי באַאויפטראַגט ניט אַריינצולאָזן קיין גאַאוטשאָ אָהן דער שריפטליכער ערלויבעניש פונם אַדמיניסטראַטאָר.

איינער פון אונזערע קאָלאָניסטן, דוד טשערניק, אַן אמתער העלד, האָט איבערגענומען דעם אַמט פון אָבער־שומר. בלויז

פערציג פּעזאָס מאָנאַטליך האָט ער געפּאָדערט אויף אַמוניציע און געאַרבעט האָט ער אומזיסט. ער האָט ווירקליך געטריי געהיט די גרענעץ און די האַלב־ווילדע קרעאָלן האָבן פאַר אים געציטערט אימת מות, ווייל ער האָט פילע פון זיי אַוועקגעלייגט...

די קאָלאָניע האָט זיך דערווייל כלומרשט באַרוהיגט און די אַרבעט האָט אָנגענומען איר נאָרמאַלן גאַנג.

XLII

נייע פּנימער אין דער קאָלאָניע.

דעם 19-טן אויגוסט פון יאָר 1893 איז אָנגעקומען יהושע לאַפּין, אַ דיפּלאָמירטער אַגראָנאָם, געבוירן אין גראָדנאָ, ליטע. ער האָט מיטגעבראַכט אַ פאַראָרדנונג פונם באַראָן, אַז מען זאָל אים צו דינסט שטעלן אַלע מיטלען, אַז ער זאָל אימשטאַנד זיין באַזוכן קאָלאָניעס און אויספאָרשן דעם באָדן, אויסשטודירן די געאָלאָגישע צוזאַמענשטעלונג, דעם קלימאַט, די פּראָדוקציע און נאָכדעם זאָל ער פּערזענליך ברענגען דעם באַריכט און פאָרשטעלן דעם ריכטיגן צושטאַנד פון דער לאַנדווירטשאַפט אין אַרגענטינע. ער האָט מיט דעם דאָזיגן צוועק אונז דעם ערשטן באַזוך אָפּגעשטאַט.

אָט דער בלאָנדער יונגערמאַנטשיק אין אַ פּאָר אַלטע שטיוול, מיט אַ באַראַשקאָוון ברוינעם רעקל, האָט פייערדיגע בליקן איבערגעוואָרפן, וועלכע האָבן אומעטום טיף אַריינגעדרונגען... מעגליך, אַז דאַמאָלסט איז דאָס זיין איינציגער פאַרמעגן געווען!

ביי דער אַדמיניסטראַציע האָט ער בלויז פאַרלאַנגט אַ פערד מיט אַ זאָטל און דעם פּלאַן פון מאַאוריציאָ און שטיל, אָהן גערויש, אָהן באָמבאַסטיק, איז ער אומעטום אַרומגעפאָרן און אין אַלע ווינקעלאַך געשנישטערט. יעדן קאָלאָניסט פלעגט ער אויספרעגן, נאָכפאָרשן זיינע מעשים און אויך די טאַטן פון די נאָבעלע הערן באַאַמטע אין דער אַדמיניסטראַציע... דאָס איז זיין אַרבעט געווען דורכן גאַנצן טאָג, און ביינאַכט האָט ער געשריבן, באַריכטן צוגעגרייט. אַזוי האָט ער באַזוכט אַלע קאָלאָניעס,

זיך אָפּגעזאמט גאַנצע צעהן מאָנאַט אין אַרגענטינע און איז אָפּ־געפאָרן.

אָבער ניך איז ער פון אייראָפּע צוריקגעקומען, שוין דירעקט קיין מאַאוריציאָ און אַלס „גראַן סעניאָר" — דער דיקטאַטאָר לאַפּין, פונם באַראָן זעלבסט באַפולמעכטיגט די קאָלאָניסטן צו אַראַנזשירן נאָך זיין איינענער, נאָך לאַפּינס מעטאָדע.

איז אַ נייע איבערקערעניש געוואָרן. ווידער אַ בהלה, אַן אַרויסשיקעניש, אַרויסשמייסעניש און נייע עקספּערימענטן פון אַלערליי סאָרטן, איבער וועלכע מיר'ן נאָך שמועסן.

צו יענער צייט זיינען פון אַלע זייטן געסט געקומען. פּריינט פונם באַראָן, און סתם פּריינט פון דער גאַנצער מענשהייט, פּוס־טעפּאַסניקעס, אומזיסטיגע און אומגעבעטענע פּאַראַזאָרגער און גלאַט רייזנדער פון אייראָפּאַ, איינינע באַרימטע זשורנאַליסטן: צייטונגס־קאָרעספּאָנדענטן, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען דער פּעטערבורגער גאָספּאָדין נ. שעלין.

די אַדמיניסטראַציע פלעגט געוויינליך שוין ערהאַלטן גענויע אינסטרוקציעס פון דער בוענאָס־איירעסער הויפּט־ביוראָ, וואוהין און צו וועמען די דאָזיגע געסט צו פירן: וואָס זיי יאָ און וואָס ניט צו ווייזן... שטענדיג האָבן די אַלע טוריסטן נאָר איין זייט פון דער מטבע געזעהן... און דאָס איז די אמתע סיבה, וואָס אַלע ידיעות אין מיטטיילונגען אין די צייטונגען זיינען נאָר געווען פּרייליכע, גוטע, האָפנונגספולע און קלינגענדע...

פון אויגוסט ביז אָקטאָבער האָט דאַמאָלסט ניט גערעגנט. די ווייצן זיינען געוואָרן פאַרגעלט און הינטערשטעליג. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז אונזער „אוראָזשאַי" וועט שוין פאַרלוירן גיין: נאָר גליקליכערוויז האָט דעם 20־טן אָקטאָבער אָנגעהויבן רע־גענען און אַזוי אונז די „קאָסעטשקע" אָפּגעראַטעוועט.

די דירעקציע האָט תיכף געמאָלדן קיין פּאַריז צום באַראָן, אַז די קאָלאָניסטן זיינען מזלדיג... מיטן רעגן. ער ווידער האָט געענטפערט, אַז מען זאָל באַצייטנס זיך צוגרייטן אַריינצונעמען די תבואות אין ישייער אַריין... און די ביוראָ, אָדער לאָמיר זי

רופן בײַ איר ריכטיגן נאָמען: יק״א, האָט זיך גענומען זאָרגן גאַניץ ערנסט פֿאַר דאָס ערשטע, כמעט גרויסע אַראָפּנעמען די תּבואה אין מאַאוריציאָ; אָבער זאָרגן גאָר אויף אַן אַנדער שטײגער! איר מעגט, כ׳לעבן, װיסן, װי אַזוי און אויף װאָס פֿאַר אַן אופֿן.

צו אַלעם ערשטן האָט מען באַשטימט דרײַ נײַע אינספּעק־טאָרן; אײנעם צו יעדער דרעש־מאַשין, װעלכע מ׳פֿלעגט אויך רופֿן אַגענטן. דער ראש פֿון זײ איז געװען מ א אַ ו ר י ס י אָ כ ה ן, אַ גאַניץ װאַוילער יונגערמאַן, — שפּעטער איז ער געװאָרן אַדמי־ניסטראַטאָר אין דער קאָלאָניע מאָזעסװיל. דער צװײטער איז געװען א י ג נ אַ ס י אָ ש ט ר ו ך, אַ פּױלישער בחור, װאָס האָט געלױפֿיג גערעדט אויף אײניגע שפּראַכן און איז רעקאָמענדירט גע־װען פֿון עפּעס אַ גדול... — שפּעטער האָט ער פֿון דער יק״א באַ־קומען די פֿאַרם „עסטאַנסיאַ״ אַליסע, װאו ער האָט אויפֿ־געשפּילט זעהר גרױס, האָט פֿאַרדינט אַ פּאָר מיליאָן פּעזאָס און נאָכדעם איז עס צעריבן געװאָרן צװישן די שרעקליכע צײַן פֿונם קריזיס, און ער איז אַזוי אַראָפּ פֿון דער סצענע... דער דריטער איז געװען אַ נידעריגער אַדעסיט, װאָס האָט געקוקט דורך פּענסנע, האָט זיך גערופֿן ל ע אָ ן ס י ג אַ ל און איז נאָכדעם געװען אַ צײַטװײליגער רײַכער קאָמערסאַנט און קהלס־מאַן אין בוענאָס־אײַרעס און איז אַ כּלל־טוער אין טשילי.

אָט די דאָזיגע דרײַ אויפֿזעהער האָבן געדאַרפֿט מיטגײן מיט די דרעש־מאַשינען, אַכטונג געבן בײַם אויסדרעשן דעם װײץ און זעהן אויסצופֿירן דעם אוקאַז, װאָס די ליבהאַרציגע מומע, די יק״א, האָט אַרױסגעגעבן אַלס איר ערשטן צירקולאַר אין שײַכות צו איר קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיגקײט אין אַרגענטינע.

אָט דער דעקרעט פֿאַרדינט, בנאמנות, אַ קאַפּיטל באַזונדער.

XLIII

דער ערשטער יק"א־דעקרעט.

ביידע דירעקטאָרן, קאַזעס און הירש, האָבן דעם דעקרעט אונטערגעשריבן.

דאָס איז געווען עפּעס אַ סאָרט מיליטערישער אוקאַז, וואו די ווערטער האָבן זיך געשאָטן, ווי שרויט, און האָבן פאַרוואונדערט די קאָלאָניסטישע הערצער.

זיין אינהאַלט איז פאָלגנדער געווען:

א) יעדער קאָלאָניסט מיט זיינע קינדער, אין עלטער פון 12 יאָר אָן, מוזן אַרבעטן ביי דער דרעש־מאַשין; אַלע איינוואוינער פון אַ גרופּע צוזאַמען, אין קאָמונע, אום דעם ווייץ אויסצודרעשן.

ב) אַ פערטל, 25 פּראָצענט פונם ריינעם ווייץ, דאַרף די אַדמיניסטראַציע אַראָפּנעמען אויפן חשבון פון דער „סובסידיע", וואָס דער קאָלאָניסט האָט באַקומען.

ג) דער גאַנצער ווייץ מוז אַריינגעפירט ווערן אין די אַדמיניסטראַציאָנס „גאַלפּאָנעס". דער קאָלאָניסט האָט ניט קיין רעכט זיך איבערצולאָזן אין שטוב קיין איין קערנדל פונם ווייץ.

ד) פון די דריי פערטל, די 75 פּראָצענט, דאַרף די אַדמי־ניסטראַציע אַרונטערנעמען קערנדל פאַר קערנדל, פּונקט אין גלייכן ווערט, פאַר דער זריעה, וואָס זי האָט דעם קאָלאָניסט אויסגעבאָרגט. וויפיל זעק אָדער קילאָגראַם דער קאָלאָניסט האָט גענומען, דאַרף עס אַרונטערגערעכנט ווערן פון די 75 פּראָצענט, דאַן אויך פאַרן דרעשן, די אויסגאַבן פון דער „טריזשאַדאָראַ" מיט איר מאַנשאַפט, קאַפּאַטאַסן און מאַשיניסטן. אויך פאַר די

שפּייזן ביים שניידן די תּבואה, בינדן די סנאָפּעס; פאַר די טאָג־לוינער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער „קאָסעטשע“, בכלל — פאַר אַלץ דאַרף צוערשט באַצאָלט ווערן דורכן פּראָדוקט אַליין פון די 75 פּראָצענט.

ה) דאָס רעשט, וואָס וועט בלייבן, נאָך דעם ווי אַלע הוצאות וועלן געדעקט זיין, און נאָך דעם, ווי מען וועט אָפּגעבן דער וואַנט אירם (דעם טייוול זיינס און אין ים אויך עפּעס אריינ־וואַרפן, אויב עס וועט בכלל נאָך עפּעס פאַרבלייבן!), זאָל דער אַדמיניסטראַטאָר אויסקלייבן דריי חשובע בעלי־בתים און מיט זיי צוזאַמען פאַרקויפן דעם פּראָדוקט.

ו) אין פאַל, ווען דער אַדמיניסטראַטאָר וועט מיט די דריי חשובים ניט קאָנען איינשטימען ביים פאַרקויפן — פאַרזאָרגט אויסדריקלעך דער צירקולאַר — האָט דער אדון אַליין דאָס רעכט צו טאָן ווי ער פאַרשטייט.

דעם צירקולאַר טרעפט מען נאָך יעצט אויך אין אַרכיוו פון דער מאַאוריציער אַדמיניסטראַציע און ער איז ווירקלעך אַ זעלטנקייט מיט זיין אינהאַלט.

די אַגענטן האָבן די דאָזיגע דעקרעטן פאַרטיילט צווישן די קאָלאָניסטן און די קאָלאָניע האָט אויפגעזאָדן. אַ פּולשטענ־דיגער בונט האָט זיך אויפגעהויבן...

— סטייטש, היתכון? — האָבן די פאַרשטענדיגערע געשריגן — איז דען מעגליך דאָס ערשטע יאָר שוין צאָלן די חובות? אַלץ ווילן זיי צונעמען און אונז כסדר האַלטן ביי דער טיר אַלס בעטלער און אונז באַטיטלען אַלס שנאָרער?!

אָבער די קרעמער, די בעלי־חשבון האָבן געדרונגען, אַז עס וועט קלעקן אי אָפּצוגעבן דער אַדמיניסטראַציע אַלצדינג, וואָס זי פאַרלאַנגט, אי דורכצולעבן דעם קומענדן יאָר.

— עפּעס אַ קליינינקייט, ערד! — האָבן זיי זיך געכּופּלט, — וואָס ערד קאָן נאָר אַרויסגעבן! זי איז דאָך אַזוי רייך! משמעות?

די פּשוטע קאָלאָניסטן האָבן גלאַט געשאָלטן דעם נאָמען יק״א — הגם מען האָט נאָך דאַמאָלסט קיינעם פון די חשובֿע יק״א־פּאַרטרעטער ניט געזעהן; קאַזעס און הירש האָבן נאָך די קאָלאָניע אפילו ניט באַזוכט. מען איז סתּם בּרוגז געווען אויפן באַראָן, וואָס ער האָט די קאָלאָניסטן איבּערגעגעבּן אין פרעמדע הענט... און מען האָט געשאָלטן, אויף וואָס די וועלט שטייט! די אַדמיניסטראַציע האָט מען פיינט באַקומען. ווי אַ פּעסט, ווי אַ מגפה האָט מען זי ניט געקאָנט ליידן און מ׳האָט זיך פּשוט אַרומגעטראָגן מיט נקמה־געפילן.

אָבּער איר מעגט לאַכן. די נקמה האָבּן די קאָלאָניסטן שנעל געהאַט אויף גאָר אַ באַזונדערן אופן און האָבּן אָנגעקוואָלן.

XLIV

פאַרשוואונדן די אייזערנע קאַסע, און אַ דירעקטאָר פּאָרט אָפּ.

אָט האָבן מיר אַ נקמה דערלעבט אָן די אַדונים!

דעם 29־טן אָקטאָבער, ביינאַכט, איז ניט געוואָרן די פייער־קאַסע. גנבים האָבן זי פון דער אַדמיניסטראַציע אַרויסגע־גנבעט... וויפיל געלט און דאָקומענטן ס׳האָבן זיך אין דער אייזערנער קאַסע געפונען — דאָס ווייסן נאָר יענע צדיקים, איך ניט! איך ווייס נאָר, אַז דער געבורטס־רעגיסטער, וואָס ד״ר יאַפּע האָט איינגעפירט, איז אויך דאָרט אין קאַסע געווען און אַז מ׳האָט אים שפּעטער גוט געזוכט...

די פּאָליציי האָט צוגעשיקט „פּעסקיסעס“ אָדער דעדעקטיוון. זיי האָבן געפּאָרשט, געשפּיאָנירט, — און גאָרניט געפונען. דער אייזערנער שראַנק איז ווי אין וואַסער אַריין!

די לאָקאַלע באַאַמטע האָבן איינער דעם צווייטן חושד געווען. די דירעקטאָרן האָבן פייערדיגע בריף געשריבן און ווי דער מנהג פון דער וועלט איז „אַ גנבה ביים גביר, איז די דינסט אַ כפּרה“, אַזוי איז דאָ אויך געשעהן. באַצאָלט האָט דער אָרנטליכער פּע־טערסאָן און נאָך אַ פּאָר קלענערע באַאַמטע, וועלכע האָבן עפּעס אַ מורמל געטאָן אויף אַ גדול... זיי האָט מען אָפּגעזאָגט. אויף עמיצן האָט מען דאָך געמוזט דעם חשד אַרויפוואַרפן!

מיר האָבן דערפון הנאָה געהאַט.

אָבער דער צופאַל האָט אונז נאָך מער פרייד געבראַכט, ווען מיט אַכט טאָג שפּעטער נאָך דער ערשטער גנבה האָט זיך אַרויס־געוויזן נאָך אַ גרעסערע.

עטליכע פון די גוטבאַזיצער, ביי וועלכע מען האָט די גע־צאַמטע אָקסן געקויפט, אום אונז געמאַנסירטע צו געבן, זיינען דעם 7־טן נאָוועמבער געקומען און צוריקגעפאָדערט די אָקסן אָדער געלט פאַר זיי, טענהנדיג, אַז די פריהערדיגע פאַרוואַלטער האָבן די אָקסן אויף קרעדיט געקויפט...

די נייע דירעקטאָרן האָבן די ליפּן פאַרביסן און כּדי קיין סקאַנדאַל ניט אַרויסצורופן, ניט אויסגעלאַכט צו ווערן און משפּטים אין די געריכטס־הייזער אויסצומיידן — האָבן זיי נעבאַך געצאָלט פאַר די זעלבע אָקסן צום צווייטן מאָל!

איי, האָבן מיר געלאַכט! מיר האָבן גוט געקענט און קענען נאָך איצט אויך יענע מחותּנים, וואָס האָבן זיך אַרומגעשאַרט ביים „פּעטן טאָפּ מיט גריוון" און אָפּטמאָל דערפון גענאַשט — און דאָס האָט אונז געגעבן שטאָף זיך צו וויצלען און אָפּצו־שפּאָטן פון אַלע דעדעקטיוון און אונטערזוכער...

אונז האָט נאָר באַנג געטאָן, וואָס דער גוטער מאַקסים קאָגאַן האָט שוין די גנבות ניט געזעהן. פריהער מיט צוויי טאָג, דעם 27־טן אָקטאָבער איז ער אָפּגעפאָרן. אָבער ער האָט אַלע דאַ־מאָלסטיגע הערשאַפטן גוט געקענט. דאָס האָבן מיר אַרויסגעזעהן פון זיין אָפּשיידס־בריף.

דעם 27־טן אָקטאָבער האָט מען אויסגעקלעפּט מודעות אויף די ווענט פון דער אַדמיניסטראַציע, דער קלייט און דער „קאַר־ניסעריא", מיטטיילנדיג, אַז דער פּראָוויזאָרישער דירעקטאָר מ. קאָ־גאַן פאָרט אָפּ קיין פּאַריז, וואו ער וועט זיך טרעפן מיטן באַראָן הירש. ער האָט איבערגעלאָזן אַן אָבשיידס־בריף צו די קאָלאָ־ניסטן מיט דער הבטחה, אַז ער וועט דעם באַראָן גענוי פאָר־שטעלן די ריכטיגע לאַגע, אים אויפקלערן דעם צושטאַנד פון די קאָלאָניסטן, אים דערציילן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און זעהן, אַז מיר זאָלן ניט דאַרפן ליידן און צאָלן פאַר פרעמדע פעלערן

און שנעונות. ער האָט אָבער ניט דערמאָנט די גנבות פון די ערשטע באַאַמטע, וועלכע זיינען אויף אונזער חשבון פאַרצייכנט געוואָרן...

קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן, אַז יענער נאָבעלער רוסישער ייד האָט זיין צוזאָג ערפילט, אַז דאָס פערטל פון אונזערע חובות, וואָס דער באַראָן האָט אין זיין צוואָה אונז געשענקט, האָבן מיר דעם הער קאָגאַן צו פאַרדאַנקען.

דערווייל איז אָנגעקומען די קאָסטעשע־צייט.

XLV

די „קאָסטעטשע“ פון 1893-4.

די „קאָסטעטשע“ איז געווען אַ פאַרשפּעטיגטע.

דעם 20-טן דעצעמבער האָט די אַדמיניסטראַציע באַפוילן, אַז מ׳זאָל זיך נעמען שנײַדן. צי דער ווייץ איז שוין צייטיג אָדער נאָך גרין, דאָס האָט זי ניט געקימערט. די פאַראָרדנונג האָט געמוזט אויסגעפירט ווערן! האָט מען די שנייד-מאַשינען אַרויס-געפירט אויפן פעלד, און זיך גענומען צו דער קצירה.

אומפּראַקטישע שטאָט-יידן, וואָס האָבן ביי זייער לעבן קיין תבואה פון פעלד ניט אַרונטערגענומען און אַפילו די עטליכע דאָרפס-יידן, וואָס האָבן בלויז געזעהן, ווי די גוים באַ-אַרבעטן די ערד, אָבער מיט גאַנץ פּרימיטיווע מיטלען און ניט מיט די מאָדערנע מאַשינען, די „אַטאַדאָראָמס“, וועלכע וואַרפן אַרויס צו 5-4 געבונדענע סנאָפּעס אויף איינמאָל — אָט אַזעלכע מענשן האָבן זיך אַליין געשטעלט אַרבעטן מיט די בינדמאַשינען.

צום אומגליק האָבן נאָך די יק"א-באַאַמטע איינגעהאַנדלט די שנייד-מאַשינען פון דער פירמע „וואַלטער ענד וואוד“, אַן אומ-געלומפּערטע אַנטיקוואַרע באַנדורע, וואָס די סוחרים כוואַן אי באָסע דרייסדאַל האָבן יאָרן-לאַנג ניט געקאָנט פּטרן, ביז זיי האָבן אויסגעזוכט אונזערע פילאַנטראָפּן. אונזערע אומערפאַרענע יידלאַך האָבן זיך אַזוי נאָך געהאַט צו מוטשען מיט די דאָזיגע „קאַליקעס“.

נו, האָט מען זיך שוין איינמאָל געמוטשעט און געפּלאָגט!

דער מאַשיניסט, וועלכן די פירמע האָט פלומרשט געשיקט, אום די מאַשינען דאָס ערשטע מאָל „דורכצולאָזן“ איבערן פעלד, האָט, ווי אַ דאָקטאָר, אָפּגעשטאַט יעדער גרופּע אַ וויזיט, האָט אַ פּאָר מאָל פון מויל אויסגעשפּיגן דעם זאַפּט פון זיין קיי־טאַבאַק, אָפּגעזאָגט אַן „אָללרייט“ און גלייכגילטיג זיך ווייטער געפאָרן...

האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שניידן, ס׳האָט אַזש געשניטן אין בויך און אין האַרצן... איז מען אָפּגעגאַנגען אַ צוויי „וואָלטאַס“ און „סטאָפּ מאַשינאַ!“ — ניט איין טריט ווייטער! דאָ פאַרגרויזניעט זי ביז אַריבער די רעדער, דאָרט כאַפּט זי אַריין אַ קוסט אינם בינדער אָדער האַקט כסדר דעם פאָדעם... דערצו פאַלט אַלע ווײַלע אַראָפּ די גרויסע קייט, וואָס פירט דעם בינדער פון די ציין ביים ראָד און די וויכטיגסטע העלפּט בלייבט פּאַראַליזירט.

שטופּט יענקל די האַנט אין בינדער און לאָזט איבער אַ פינגער... משה פינקל פאַלט אַראָפּ דוקא אויף דער זעג און צעקאַראַוואַטשעט זיך ביזן טויט...

דאַרף נאָך צום אומגליק אין סאַמע ברען פון דער אַרבעט, ווען פאַרוואונדעטע און קראַנקע מערן זיך פון טאָג צו טאָג, איינפאַלן דעם ד״ר ראָדעס מער ניט צו אַרבעטן. — מוז מען די געפערליך־צעשניטענע מענשן פירן קיין בוענאָס־איירעס און די לייכט־פאַרוואונדעטע קרענקען זיך ביסלאַכווייז ביי זיך אין שטוב. טעלעגראַפירט מען צום באַראָן, און מ׳בעט רחמים אַ דאָקטאָר, און ער ענטפערט, אַז מיטן ערשטן דאַמפער פאָרט אַרויס אַ דאָקטאָר, מיטן נאָמען וועקסלער — אָבער פאָרלויפיג מוז מען געדולדיג צו־וואַרטן...

נאָר ווען קימערט אין אַזאַ ברען דאָס געזונד? אַבי מ׳קען אַרבעטן! בינדט מען צו דעם קאָפּ אָדער די האַנט מיט אַ שמאַטע און מ׳שניידט ווייטער דעם ווייץ... רייטערס לויפן, ווי די שדים, איינגעטונקען אינם מאַשין־בוימאייל, אויסגעניורעטע ווי רוחות, אָן רעקלאַך, מיט די הוילע אַרבל, פאַרשמאַיעטע, קומט מען אין דעפּאָ פון דער אַדמיניסטראַציע, וואו דער „ווייסער יע־

זואיט", דער פּראָפעסאָר חיאים, טיילט אַרויס די ערזאַץ־שטיקער: רעדלאַך, שרייפלאַך, פליגל, און אַנדערע „פּיעסאַס", וועלכע ברעכן זיך פּונקט ווי גלאָז און אַז מ׳ברענגט צו אים די צעבראָכענע שטיקער, גיט ער אַן אַנדערע אַ גאַנצע, אויב ער האָט נאָר אַזעלכע, און קוים ניט, טעלעגראַפירט ער צו דער הויפּט־ביוראָ קיין בוענאָס־איירעס, וועלכע שיקט אין דריי אָדער אַכט טאָג אַרום, די געפּאָדערטע „שטיק" — און דערווייל שטייט דער ווייץ אויפן „פּיען" און שיט זיך ביסלאַכווייז פון די זאַנגען אַרויס...

ווען דער יעזואיט דערזעהט דעם פּאַרסאָפּעטן רייטער מיטן ברוך־שטיק אין האַנט, גייט ער אים אַנטקעגן מיט אַ היפּאָקריטישן שמייכל:

— גוט מאָרגען! שאָן צערבראָכען? יאַ, שאָן? נון, מזל־טוב! — און הויבט זיך אָן ווינצלען אויפן חשבון פון די דאָזיגע אומפּראַקטישע ערד־אַרבעטער, וועלכע מוטשען זיך ממש ביזן טויט מיט די אומניצליכע מאַשינען.

רייטער זעהט מען לויפן, ווי פון אַ שלאַכט־פעלד. איינער מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ, אַן אַנדערער מיט אַ האַנט, אַ פוס, און ווער מיט אַ צעבראָכן רעדל פון מאַשין. די אַדונים מיט די רויטע כאָליאַוועקעס, אָנגעפּרעסענע ווי די חזירים, אַנדערע אָנגעשיכורטע ווי לוט, פאָרן אַרום צווישן די ווייץ־שניידער, קאָמאַנדעווען, באַפעלן, זידלען, שפּאָטן און מאַכן סתם חוזק, גלאַט אין דער וועלט אַריין, פון די נאַרישע ערשט־געוואָרענע קאָלאָניסטן, וועלכע באָדן זיך נעבאַך אין שווייס, באַוואַשן זיך אָפט מיט טרערן, באַקלאָגנדיג די „וואַלטער ענד וואוד" מאַשין און זייער ביטערן מזל, וואָס האָט זיי פאַראורטיילט צו ווערן עבדים ביים באַראָנס אַדונים.

אָט אַזוי האָט זיך דאָס שניידן געשלעפּט. וויפיל די 36 נייע מאַשינען האָבן די קאָלאָניסטן מקצר־ימים געווען, האָבן די צוועלף אַלטע, די ירושה פון רעמעלא פראַנקאָ, נאָך טויזנט מאָל מער דאָס לעבן גענומען...

דאָס זיינען געווען פונם אַלטן סאָרט מאַשינען, מיט בלויז איין באַוועגליכן לייוונט; אַלט און פאַרזשאַווערט זיינען זיי געווען און אַלע ווילע האָט אַן אַנדער „פּיעסאַ" געפּלאַצט...

אויף מיין גרופּע איז אויסגעפאַלן אין גורל איין אַלטע און איין נייע מאַשין, צו פיר קאָלאָניסטן אויף אַ מאַשין. איך, ווי־לענסקי, וויינשטיין און פּיאַווסקי, האָבן אַלע פיר באַקומען די אַלטע און די איבעריגע פיר שכנים — די נייע.

אין אַ טאָג, ווען מיר האָבן אַלע פיר געשניטן אויפן פעלד מיט דער אַלטער מאַשין, האָט זי זיך פאַרגרוזניעט, די אָקסן האָבן זיך שיער אונטערגעריסן, די קייטן האָבן געפּלאַצט און ס'איז ניט פונם אָרט צו רירן. בעת מיר זיינען אין שוויים פאַרטונקען גע־ווען פון דער האָראָוואַניע, אום אַרויסצושלעפּן די באַנדורע, איז גראד אָנגעלאָפן דער אַדמיניסטראַטאָר ר., וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ האַלב־שיכורן צושטאַנד, און אים האָט באַגלייט דער שוואַרצער מצרי.

קיין „גאָט העלף", קיין „בוענאָס־טאַרדע!" — ניט קיין שוואַרץ־יאָר האָבן זיי געזאָגט. נאָר דער פאַרשיכורטער אדון האָט זיך הילכיג פונאַנדערגעלאַכט.

— שיינע קאָלאָניסטן! — האָט ער זיך גענקאָכט. — אָט אַזוי אַרבעט מען מיט אַ מאַשין? ניעגאָדיאַעם וואָס איר זיינט! מלמדים!

וויינשטיין, וואָס איז גראד דאַמאָלסט געלעגן אונטערן מאַ־שין און זיך דאָרט געפּאָרעט מיט די שרייפלאַך, האָט דערהערט דאָס פאָנפעוואַטע קולכל פונם נאַטשאַלניק, האָט דאָס אים שטאַרק פאַרדראָסן, איז ער אַרויסגעקראָכן און האָט זיך צו אים געווענדעט:

— אַנו, פּריצל! קריכט אַרונטער אָט־אָ־דאָ, אונטער דער מאַשין, און ווייזט נאָר אַקאָרשט, ווי־אַזוי מ'דאַרף אַרבעטן? אייך איז גוט צו לאַכן! וויפיל כאַבאַר האָט איר גענומען ביי די פאַרקויפער פון די אומניצליכע אַגריקולטור־מאַשינען?

דער אדון איז געוואָרן ווי אַ בוראַק: האָט זיך אָנגעצונדן פאַר כעס און בייז זיך צעשריגן:

— מאָלטשי, סוואָלאָטש! — און צוזאַמען מיטן מצרי, האָבן זיי זיך געלאָזט מיט די פערד, אום וויינשטיינען דורס צו זיין; אָבער יענער האָט פון מיין האַנט אַרויסגעכאַפּט די „פּיקאַנאַ" און דערמיט פאַרפאָרן איבער די פערד, וועלכע האָבן פאַר שרעק און ווייטאָג אָנגעהויבן ווילד צו שפּרינגען. דער „מצרי" איז אַ געשיקטער רייטער געווען, האָט ער זיין צעפּודזשעטן „אַלאַסאַן" באַלד איינגעהאַלטן, בעת דעם אָדון האָט זיין פערד ווייט אַוועקגעטראָגן... דער שיכּור האָט אָנגעהויבן גוואַלדעווען, שרייען „קאַראַאול" און איז שיער ניט נהרג געוואָרן.

מיר האָבן צוגעקוקט און אָנגעקוואָלן פון אַזאַ מין נקמה... אָבער ס'האָט אונז טייער געקאָסט די מאָמענטאַלע פרייד! וויינשטיין איז באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ „מולטע" פון אַ גאַנצן חודש שטיצע, און מיר, די איבעריגע דריי, זיינען אָפּגעקומען צו צעהן פעזאָס שטראָף!

דאָס שניידן האָט זיך געצויגן ביז צום 21־טן יאַנואַר 1894. אַ סך האָבן אָפּגעשניטן ליידיגע זאַנגען, די קערנער זיינען לאַנג אויסגעשאָטן געוואָרן פאַר צייטיגקייט צוליב דעם אָפטן וואַרמעניש אויף „פּיעסאַס", די מאַשינען און די פילע אַנדערע שטערונגען.

XLVI

אַ גאַסט אויף אַ ווילע, – און די אַרבעט ברענט.

ענדע יאַנואַר, אַז מ׳האָט אָנגעהויבן צוזאַמענפירן דאָס ברויט, האָט דער דירעקטאָר סאַמועל הירש צום ערשטן מאָל באַזוכט אונזער קאָלאָניע. ער האָט מיטגעבראַכט אַ נייעם אַדמי־ניסטראַטאָר, דעם מוסיע ערנע בראַנדעס, אַ פּאַריזער לעבּ־יונג.

דער דירעקטאָר הירש איז דאַמאָלסט געווען אַ מאַן פון אַ יאָר פופציג, אַ נערוועזער מענש מיט אַ בלויליכער נאָז; פריער איז ער פערצן יאָר כסדר געווען לערער און נאָכדעם דירעקטאָר פון דער שול „מקוה ישראל", וואָס די „אַליאַנץ" האַלט אויס אין פּאַלעסטינע. אַ גרויסער קפדן און אַ קליינער חכם איז ער געווען, נאָר אַן אָרנטליכער מענש. פון אַגריקולטור האָט ער געוואוסט אַזוי פיל, פּונקט ווי די מייסטע קאָלאָניסטן.

צו יענער צייט האָט ער איין גרויסע מעלה געהאַט: ער האָט דעם ריינעם אמת אַרויסגעזאָגט. ביים קבלת־פּנים, וואָס מיר האָבן אים געמאַכט, האָט ער אונז ערקלערט:

— איר זיינט קרבנות פון דער אומוויסנקייט. מיט אייך ווערן געמאַכט עקספּערימענטן. דורך אייך ווערט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אויסגעפּרובט, אום צו וויסן צי ס׳איז מסוגל צו דער עבודת האַדמה... אייך מיינט מען כלל וכלל ניט, מען דענקט נאָר פון אייערע קינדער, צי זיי וועלן שוין ווענינסטנס זיין גוטע ערד־אַרבעטער...

ווען מיר האָבן אָנגעוויזן אויף דעם צירקולאַר, באַמערקנ־דיג, אַז די גאַנצע קאָסטשע פאַרבלייבט דאָך ביי דער אַדמי־ניסטראַציע, האָט ער זיך צעשמייכלט:

— שוטים! קינדער! — האָט ער גערזאָגט, — מיר ווילן ב י י א י י ך געלט צונעמען? מיר'ן דאַנקען גאָט, אַז איר זאָלט ניט דאַרפן ביי אונז נעמען! איר אַרבעט נאָר און האָט אייך... ס'איז אייער אייגנס!

ער מעג מיר מוחל זיין, דער זקן. ער האָט אונז אָפּגענאַרט, אָדער ער איז אַליין גענאַרט געווען. ער לעבט דאָך נאָך, און זאָל ער לאַנג לעבן! דאַן זאָל ער זעהן, ווי מען מאָנט איצט ביי אונז געלט... פאַר שבת, ריפוי און בושת — לאָזט מען זיך רייכליך באַצאָלן! מען פאָדערט און מען רייסט דורך די גע־ריכטס־הייזער, וואו מען האַלט אָנגעשטעלט גאַנצע באַנדעס מיט געזעצליכע „אַוועס נעגראַס“, — שוואַרצע פויגלען, וועלכע פיקן צוזאַמען מיט די צעהנדליגער אַדוואָקאַטן, אַוועקרויבנדיג פון אונז דאָס לעצט ביסל חיות. דאַנקענדיג דער יק"א, נעמט מען יעצט צו ביים קאָלאָניסט זיין לעצטע מילך־קוה, מען שניידט שטיקער לעבנס — אָפּרייסנדיג גאַנצע שטיקער פעלד: מען שמייסט אַרויס די ערשטע פּיאָנערן, וועלכע ער האָט דאַמאָלסט אָנגערופן: „שוטים, קינדער“ און זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן קיין מורא ניט האָבן, מען וועט ביי זיי „גאָרניט צונעמען“. אונזער שיינע מאַאו־ריציאָ ווערט יעצט פאַרוואַנדלט אין רואינען, אין חורבות. פיל פון די קאַמפן ווערן דורך די יק"א־משרתים צו גוים פאַרקויפט, צו פ ר ע מ ד ע ווערט עס איבערגעגעבן און נאָר איין גאָט אין הימל ווייסט, צי ס'וועט אַפילו אַ זכר פאַרבלייבן פון אונזער, מיט בלוט און שווייס דורכגעווייקטער קאָלאָניע...

נאָר לאָמיר גיין כסדר, ניט פאַרלויפן דעם וועג, און איבער־געבן דברים כהויתן.

דער דירעקטאָר הירש האָט ביי אונז אין קאָלאָניע פאַרזאַמט אַ פּאָר טעג און איז אַוועקגעפאָרן, איבערלאָזנדיג בראַנדעסן אַלס מושל. און מיר האָבן ווייטער פלייסיג געאַרבעט ביז און איבער די כוחות.

ווי נאָר מיר זיינען דערלייזט געוואָרן פון די שנייד־מאַשינען מיט די אַדמיניסטראַטיווע אַגענטן, איז די אַרבעט אַוועק פיל בעסער.

פרויען און קינדער האָבן זינגענדיג, פריילין גענאַרבעט אין פעלד. מען האָט צונויפגעשטעלט די סנאָפּעס, געמאַכט קאָפּי־צעס און נאָכדעם צוזאַמענגעפירט דאָס ברויט אין „פּאַרוועי“ אַריין. פיל כוואַטסקע ווייבלאַך זיינען מיט די וועגן געגאַנגען, געלאָדן הויכע „טשאַטאַס“ און צו דער „פּאַרוועי“, צום סטויג צוגעפירט. אַלע האָבן מיטגעאַרבעט אין דער „וואָזאָוויצע“.

איינגנטליך קאָן איך עס מיר ניט דערקלערן, ווי אַזוי די שטאָ־טישע מענשן האָבן זיך אַזוי גיך צוגעוויינט צו שטיין אַ לאַנגן, 18־שעהדיגן טאָג אויף דער „פּאַרוועי“ אונטער דער גליהענדער יאַנואַר־זון און צונויפלייגן די סטויגן תבואות!

וואו האָט מרדכי בליצמאַן, אַ צעלניק־קרעמער פון קאַמענעץ, זיך אויסגעלערנט אַזעלכע גלייכע און שיינע סטערטעס צונויפ־לייגן? וואו האָט זיך גענומען ביי די קיעווער און אָדעסער באַריש־ניעס אַזוי פיל כח און חושק, אום מיט דער ווילע פון פיר אייזערנע ציין אַ גאַנצן טאָג אויף דער סטערטע צו שטיין אַלס מיטהעלפע־רינס, אום די „פּאַרוואַדאָרן“ די סנאָפּעס צו דערלאַנגען? אָט די דאָזיגע מיידלאַך, וואָס זיינען געוויינט געווען אין זיידענע הענטשקעס צו גיין און זאָנטיקעס צו טראָגן, זיינען פרייווילינע „אַזשודאַנטע דע פּאַרוואַדאָרעס“ ביי די סטויג־צונויפלייגער גע־וואָרן!

מעגליך, אַז דערינען ליגט טאַקע דער סוד פון יידישן פאָלק; דערין זאָל מען אויך טרעפן דעם קערן פון זיין אייביגן דורכלעבן און עקזיסטענץ: זיין צוגעוויינען זיך שנעל צו יעטווידן קלימאַט, צו יעדער אַרבעט, צו אַלע לעבנס־פאָדערונגען. מעגליך, ווער ווייסט עס?

אַך, מיט וואָס פאַר אַ ליבע און איבערגעבנקייט דאָס ברויט איז צוזאַמענגעפירט געוואָרן! ווער איז עס דען אימשטאַנד צו באַשרייבן?

אַז די „פּאַרוועס“ אין גרופּע זיינען פאַרטיג געוואָרן, האָבן אַלע שכנים צוזאַמען די „טריזשאַדאָראַ“ געבראַכט. יעדער קאָ־לאָניסט האָט זיינע אָקסן איינגעשפּאַנט און מען האָט די דרעש־

מאַשין מיט שמחה אַריינגעפירט און גורל געוואָרפן: בײַ וועמען צוערשט דאָס דרעשן אָנצוהויבן.

איך זאָג זיך אָפּ פאָרצושטעלן די גדולה און דעם יובל, וואָס ס'האָט געהערשט אין דער גרופּע, בשעת דער מאָטאָר האָט דעם ערשטן פּייף געטאָן. אַלע פרויען מיט די קינדער, אפילו די וויג-קינדער זיינען אַרויס טאַנצנדיג:

— אָט קומט מען דרעשן אונזער תּבואה, אונזער אייגן ברויט!

די מאַמעס האָבן אָנגעוויזן די קינדער:

— זעה, קינדעניו: דאָרט שטייט דער פּאַפּאַ, אויבן נעבן צילינדער פון דער דרעש-מאַשין, ער איז אַ „קאָרטאַדאָר“, ער צעשניידט די שטריקלאַך פון די סנאָפּעס, וועלכע גליטשן זיך אין באַראַבאַן אַריין...

— אָט שטייט מיינער! — זאָגט אַ פרוי מיט שטאָלץ: — ער איז אַ ל י י ן אַ צילינדריסט!

אַ פאַרפלאַמט יונג-ווייבל שטופּט זיך צו איר מאַן, וועלכער שטייט בײַ דער מאַשין מיט אַ זאַק איבערן קאָפּ, ער איז אַ „גאַלעראַ“ — ער שאַרט אָפּ די אויסגעדראָשענע שטרוי, וואָס די „טריזשאַדאָראַ“ וואַרפט אַרויס.

— זאָלסט רופן דעם מאַשיניסט מיטן „אַסיטעראָ“ צו אונז אויף מיטאָג, הערסט הערשל! — זאָגט זי אים אין אַ געהיימ-ניספולן טאָן.

שטענדיג איז עס יום-טובדיג געווען אין דער גרופּע, בעת די מאַשין האָט דאָרט געדראָשן. מ'האָט געקוילעט עופות, איינגע-לאַדן די הויפּט-אַרבעטער צום עסן און געקיכלט דעם מאַשיניסט, דעם „פאָגיסט“, דעם מאַשין-שמירער, דאַן די „באָלסעראָס“. אָ, אונזערע „באָלסעראָס“! מיט זיי זיינען מירווירקליך שטאָלץ געווען, ווייל זיי האָבן פאַרשעמט די שטאַרקסטע, געניטסטע און פעהיגסטע איטאַליענישע זעק-טרעגער.

ישראל גערשמאַן, אַ יונגערמאַן פון די קאָלאָניסטן, וועלכער האָט שפּעטער געטריבן געשעפטן אויף מיליאָנען פּעזאָס, איז גע-

ווען אַ „באָלסערא“, אַ גאַנצער שם דבר; דער גאַנצער אַרטיעל אָדער „קוואַדריזשאַ“ פון 32 פּערזאָן, האָט פּאַר אים רעספּעקט געהאַט צוליב דער דאָזיגער מעלה...

— בּוען טראַבּאַכאַדאָר! — אַ גוטער אַרבּעטער איז ער, האָבּן אַלע שפּאַניער באַשטעטיגט.

גרשון קרעל, דעם שוחטס פאַרשטאָרבּענער זון, איז אין שטאַנד געווען צוויי זעק ווייץ מיט איינמאָל אַרויפטראָגן אויף דער „פּילאַ“.

דאָס דרעשן איז צוגעגאַנגען פרייליך און לוסטיג. מען האָט אין זיך אַליין און אין פּרוכטבּאַרן אַרגענטינישן בּאָדן אַ שטאַרקע אמונה געהאַט און געהאָפט אויף לויטער גוטס.

נאָר קוים איז די אַרבּעט אַרונטערגעפאַלן אונטערן אויפזיכט פון די פאַרפלוכטע יק"א־משרתים, ווי נאָר די אַדמיניסטראַציע האָט אָנגעהויבּן קאָמאַנדעווען און איר יד אַרויפלייגן, איז תיכּף אַ מרה־שחורה, אַ גוואַלטיגער יאוש אונז בּאַפאַלן און מען האָט זיך בּאַלד דערפילט דערנידעריגט און פאַרשקלאַפט: אַזוי, אַז די אַרבּעט איז שוין אויך געגאַנגען אָן אַ טאָלק און אָן אַ סיסטעם.

XLVII

דאָס צוזאַמענפירן די תבואות.

עס האָבן זיך צוזאַמענגענומען קאָלאָניסטן פון 2—3 גרופּעס, איינגעשפּאַנט די אָקסן אין די װעגן, אָנגעלאָדן צו 30-35 זעק אויף יעדן און הײדאַ קײן קאַסאַרעס, אום די תבואָה אַרײנצו־פירן אין גאַלפּאָן פון דער אַדמיניסטראַציע.

װי אַזוי דאָס פאָרן אָדער „װיאַכעװען", װי ס'איז פאַרײדישט געװאָרן דאָס װאָרט „װיאַכע" — אַ רײזע — איז צוגעגאַנגען, טוט מיר ממש װיי דאָס האַרץ, אום עס צו באַשרײבן. די װעגן זײנען געװען זעהר שלעכטע, גרױסע בלאָטעס, „פּאַנטאַנאָס", טיפע גריבער און גאָר אָפט איז מען פאַרגרוזניעט געװאָרן ביז איבער די אַקסן. בײ אַזאַ צופאַל האָט מען, מחילה, געמוזט אַראָפּ־װאַרפן די תחתונים, אַרײנקריכן אין זומפּ, אַריבערטראָגן אײנ־ציגװײז די זעקלאַך ביז דער יבשה, צושפּאַנען נאָך זעקס אָקסן, כּדי קױם אַרױסצושלעפּן דעם פאַרזונקענעם לעדיגן, אָבער אומ־געלומפּערט־שװערן װאָגן.

קײנעם װאָלט איך ניט געװאונשן אָנצוקוקן אַזאַ קאַראַװאַן ײדישע טשומאַקעס מיט פאַרבלאָטיגטע בערד, אױסגעשמירטע, װי די שדים, און װי זײ פּליושקען זיך מיט האַלב־נאַקעטע קערפּערס אין די קאַליוזשעס און שלעפּן די זעק. דאָס װאָלט אַ צו גרױ־סער צער געװען פאַר יעדן פילנדן מענשן, אפילו פון װײטן אָנ־צוקוקן!

מילא פּטור, מען בעל־עגלהװעט דאָך בײ זיך אַלײן! אײנער דעם אַנדערן העלפט װי װײט מען קאָן. ס'איז דאָך עפּעס פאַרט אײגן ברױט! די אַרבעט איז נאָך אַלעמען זיס געװען...

איז מען אָבער די „וויאַכע“ אַריבערגעקומען בשלום און דער־גרייכט ביז צו די טויערן פונם אַדמיניסטראַציאָנס נאַלפּאָן, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס ווירקליכע ביטערקייט: מען האָט זיך ווידער דערזעהן שרעקליך פאַרשקלאַפּט און דערנידערט. די אומצופרידנקייט איז צו מערקן געווען אויף יעדנס געזיכט. מען האָט תיכּף אַרויסגעזעהן די עקלהאַפטע הנהגה, די סיסטעמאַטישע גנבות, וועלכע זיינען קאַלטבלוטיג געטריבן געוואָרן דורך די אדונים, די נאַלפּאָנעראָס, די שרייבער און אפשר דורכן אַדמי־ניסטראַטאָר אַליין. ווער ווייסט?

דער בלעכענער שייער איז פאַרמאַכט — נאַטשאַלסטוואָ איז עכן געגאַנגען. אונזערע טשומאַקעס זעצן זיך אויס אין אַ רעדל, מיט די בייטשן און „פּיקאַנאַס“ אין האַנט. איינער קייעט אַ גאַלעט, אַ צווייטער רויכערט אַ פּאַפּיראָסל, אַנדערע וואַשן אויס די בלאָטע פון די אויגן... מען שעלט, מען פלוכט און מען באַקלאָגט זיך אויף דער גאַנצער וועלט... עס זיינען אָבער אויך פאַראַן „בייטשן“, וואָס שמועסן פון גאָר הויכע ענינים; למשל, זיי ווילן דערגיין, וואָס דער באַראָן עסט צו וועטשערע, וואָס ער טראַכט צו מיטאָג און אַלע באַדויערן, וואָס ער האָט אַזאַ נאַריש־קייט געטאָן און זיין גרויסע קאָלאָניזאַציאָנס־אידעע ניט פאַרוואַנ־דעט אין ארץ ישראל, אין אַן אמת יידיש לאַנד... די אָ נ ג ע־ ז ש ו ג ע ו ו ע ט ע אָקסן האָבן, אַפּנים, זיך אויך געוואָלט אַריינ־מישן אינם געשפּרעך, האָבן זיי זייערע קעפּ אויסגעדרייט צו די פּאָליטיקער און זיי נאָר אַרויסגעשטעקט די פאַרסלינעטע לאַנ־גע צינגער... האָבן דערביי געסאָפּעט, געפראַכט און בהמיש שטום זיי אָנגעקוקט מיט פאַרגלעזערטע און טרערנדיגע אויגן. אַ פּאָר פון די אָקסן־זקנים זיינען אויף אונזערע פּאָליטיקאַנטן גאָר ברוגז געוואָרן, האָבן זיך מיטן „זשוג“ אַנידערגעלייגט, איינגע־דרימלט און נאָכן ברכת המפּי זיך שוין מער גאָר ניט אויפגע־הויבן. נו, מילא, אויך מיר אַ דאגה! איז ווינציגער מיט אַן אָקס!

זיצט מען און מ׳וואַרט. ס׳ווערט איינס אַזייגער, צוויי... די זון וואַרפט אירע אָנגעגליהטע שטראַלן און שטעכט ווי מיט

שפּילען. עס טשמעליעט אין קאָפּ. מ׳רוקט זיך אונטער די וועגן, אום זיך צו שיצן פון דער ברענענדיגער זון און ענדליך, דאַנקען גאָט! נאַטשאַלסטווע איז אָנגעקומען און זיי געוויינליך נאָכן עסן, גייט יעדערער שווער, מיט אַ פולן מאָגן, דער פּנים פאַרפלאַמט און פאַררויטלט...

הויבט זיך שלעפעריג אָן די קאָמאַנדע: צוויי קאָלאָניסטן אויפן וואָגן, דערלאַנגען דעם טרעגער אַ זאַק אויפן נאַקן, און ער לויפט איבער אַ ברעט, וואָס איז צעלייגט, ווי אַ בריק, פונם וואָגן ביז צו דער פריזבע פון גאַלפּאָן און דאָרט קריכט ער איבערן דאָפּלטן לייטער פון דער „פּילאַ", טראָגנדיג דעם זאַק ביז צו די „עסטיוואַדאָרעס", וועלכע לייגן אויס סימעטריש די שורות מיט זעק. אָבער דאָרט ווערט עס אַזוי מאָדנע געמאַכט, אַז אַלע ווײַלע קנאַקט אַראָפּ אַ זאַק, ווערט צעפּלאַצט און די תבואה צע־שאָטן איבערן פּאָל... ביז צו די קנעכל גייט מען אָפטמאָל אין דער דאָזיגער „מערמאַ", אינם פּחת פון די צעשאָטענע זעק, וואָס על פּי תקנה געהערט עס צום גאַלפּאָנעראָ, צום נאַטשאַלניק אין שייער, די אויפזעהער און אַנדערע באַאַמטע. ביינאַכט זאָרגן זיך שוין די דאָזיגע לייט, אַז מען זאָל עס צונויפקערן און אָנפילן אין זעק... גאַנצע וואַגאָנעס מיט אַזאַ „באַסורא" פלעגן די יק"א־נאמנים אָנלאָדן פון דעם דאָזיגן כשרן אָפּפאַל און האָבן עס פאַרקויפט כלומרשט אַלס פּחת.

איר מעגט אייך לאַכן: דאָקטוירים זאָגן דאָך, אַז לאַכן איז געזונט... יענעם יאָר האָבן 4 טויזנט זעק ווייץ געפעלט פונם גאַלפּאָן. פּשוט, ס׳איז, אַפּנים, אַ טעות געווען אין חשבון! דאָס קאָן מען זעהן באַשטעטיגט אין די קאָפּיר־ביכער פון דער מאַאָ־ריציער אַדמיניסטראַציע.

קאַזעס האָט בשום אופן די סבה דאַמאָלסט ניט פאַרשטאַנען און ער האָט געהאָנגלט מיט בריף, פרעגנדיג בסדר „וואָס הייסט עס, פעלט?"

געוואוינן די זעק האָט מען ניט, דען צו וואָס זאָל מען עס נאָך וועגן אין גאַלפּאָן, ווען מען האָט דאָס שוין געטאָן ביי דער דרעש־

מאַשין, וועלכע איז אויך געווען אַן אַדמיניסטראַטיווע, צוגלייך מיט וואָג, מיט אונז, קאָלאָניסטן, און מיט הכּל באַשר לכּל ? ! אָט אַזוי האָט מען אַ רשות היחיד געמאַכט פון די אַלע 3250 העק־טאַר ווייץ, וואָס האָבן געהערט צו צעהנדליגער משפּחות... גאַנצע רייען מיט זעק זיינען צוזאַמענגעלייגט געוואָרן אויסגע־מישט. מען איז נאָך גליקליך געווען, ווען ס'איז געלונגען וואָס שנעלער די זעק אָפּצולייגן, אום מ'זאָל קאָנען אַ הונגעריגער און אַ פאַרמאַטערטער, באַדאַי אין אָוונט זיך צוריק־קערן אַהיים.

עס מאַכט זיך אָבער אָפטמאָל, אַז בייַ איינעם איז דער מזל אַ פאַרשלאָפענער... נו, דאַן קומט זעקס אַזייגער פאַרנאַכט, דער גאַלאָפּן ווערט פאַרמאַכט און מען מוז אָפּשטיין מיטן אָנגעלאָ־דענעם וואָגן און די הונגעריגע אָקסן ביז מאָרגן פריה, ווען אַרום זיבן, עס ווערן די טויערן פון שייער ווידער געעפנט. אָ, ווער קאָן זיך דען פאָרשטעלן די צרות, וואָס מען ליידט דאַמאָלסט ? !

איבערהויפּט, ווי טרויעריג איז אַזאַ נאַכט, ווען מ'דאַרף זיצן נעבן וואָגן, היטן די אָקסן און די זעק און אין מוח פּלאָנטערן זיך אַלערליי פּיינליכע מחשבות, וואָס דריקן דאָס האַרץ און יאָגן אָן אַ פאַרצווייפלטע מרה־שחורה ! אָט גיי טראַכט : אָפּגע־האָרעוועט אַ גאַנץ יאָר, געאַקערט, געבאָראָנעוועט, געזייט, גע־שניטן, פאַרווירט, אויסגעמעלייצעט, אָפּגעוויאַכעוועט און ענדליך דערלעבט דעם געווינשטן רעזולטאַט : מען קאָן שוין דעם פּראָדוקט פאַרקויפן, דערפון געניסן, מאַכן וואַרעם די ברכה „המוציא לחם מן הארץ“, טאַקע מיטן פולן מויל, אויף איינן ברויט; אָבער, אַז מען האַלט שוין דאָס פעניצל אין האַנט, שרייט מען צו אייך : סטאָפּ ! האַלט ! צום מויל זאָלסטו ניט צוטראָגן, מחמת דו ביזט ניט דער בעל־הבית איבער דיין שווייסיגער פּראַצע. מען נעמט צו די זעקלאַך „ברכה“, וואָס די מוטער ערד האָט איינעם אַרויסגעגעבן און מ'מוז פאָרן אַהיים ליידיג, אָן אַ סענט אין קעשענע : ליידיג אין די קישקעס, ליידיג אין מוח, לער און פּוסט אין אַלע חושים און צעבראָכן אויף אַלע אברים. — דאַן ווערט פינסטער פאַר די אויגן, מען פילט נאָר דעם חושכדיגן שיק־

זאַל און מען פאַרשעלט זיך אַליין דעם טאָג, וואָס מען איז גע־בוירן געוואָרן און די גאַנצע וועלט אַרום.

איז נאָך פאַראַן אַ גרעסערער אומעט, אַ שטאַרקערער פאַר־דראָס, ווען אַזעלכע רעיונות פלעכטן זיך ביי איינעם אין מוח אין דער איינזאַמקייט און שטילקייט פון אַ שלאָפלאָזער נאַכט? מיר האָבן אַסך אַזעלכע נעכט דורכגעלעבט און מיט יאוש זיי דורכ־געפילט!

XLVIII

די קאָלאָניסטן בונטעווען זיך.

עס זיינען געווען אַסיפות. קאָלאָניסטן פון נאָהענטע גרופּעס פלעגן זיך צוזאַמענקומען און זיך באַראַטן וואָס צו טאָן.

אַ גאַנצע עדה מיט די עלטסטע פון די משפחות זיינען אַראָפּ־געפאָרן צום אַדמיניסטראַטאָר בראַנדעס און רעכנונג געפאָדערט.

— פאַרוואָס האָט מען מיין ווייץ געליינט צוזאַמען מיט יענקלס אין איין סטויג? זיינער איז פול מיט מיסט, בעת מיינער איז פון דער בעסטער קוואַליטעט! — טענהט איינער פון די ראשים.

— צאָלט אונז אויס פאַר אונזער פּראַצע אין מזומן געלט! — שרייט אַ צווייטער, — מיר וועלן שוין קאָנען לעבן פון אונזער אייגענער אַרבעט און ניט דאַרפן אָנקומען צו אייער פאַרפלוכ־טער קצבה!

עס איז געוואָרן א ו י צ ע ק ו. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן סקאַנ־דאַלן, זידלעריי האָט מען כסדר געהערט ביי דער אַדמיניסטראַציע.

די יעניגע, וואָס האָבן יענעם יאָר קיין תבואה נאָך ניט גע־האַט, האָבן געהאַלטן מיט דער אַדמיניסטראַציע. אירע פּאַרטיי־דיגער זיינען אויך געווען די, וואָס האָבן גאָר קליינע אָדער אומגע־ראָטענע קאָסטשעס געהאַט. זיי האָט ג ע ל ו י נ ט די „סוב־סידיע"! זיי זיינען דערום באַשטאַנען אויף אַליך און האָבן צו־געבאָמקעט די גדולים, אַז אַלע פּראָדוקטן דאַרפן אַריין אין איין האַנט, פאַרקויפט ווערן דורך דער אַדמיניסטראַציע און דאָס געלט זאָל אויך אין איר קאַסע אַריינפליסן... דאָס קהלשע

קעסל זאָל למען־השם ווייטער קאָכן און זאָל מען אַרויסגעבן די קצבה — מחיה פאַר יעדן איינעם.

רענע בראַנדעס האָט קיין צייט ניט געהאַט, ווייל ער איז שטאַרק פאַרנומען געווען, פאַרברענגענדיג מיט די עטליכע זויבערע משפחות, וואָס גאָלדשמיד און בערקנהיים האָבן על פי טעות ניט אַרויסגעשיקט... ער האָט בעסער באַדאַרפט אַרומ־גיין און שמייכלען צו די מאַדמאַזעלן — ווי ער פלעגט זיי אָנרופן, לויט פאַריזער מאָדע, און דערום האָט ער זיך אין קיין דיספוטן מיט די קאָלאָניסטן ניט געוואָלט אַריינלאָזן.

— יאַ, זי· מיסען עס! — דאָס איז געווען זיין שטענדיגע תשובה. — זי מיסען נאַכקאָמען אַלעס, אַלעס, וואַס דאַס ביוראָ שרייבט אונד וואַס זי פעראָרדנעט...

דורך אים האָבן מיר זיך דערוואוסט, וועגן דעם אומזיניגן קאָנטראַקט, וואָס די דירעקטאָרן האָבן געשלאָסן מכוח אונזער ווייץ. ער האָט בדרך אגב פון חדר דערציילט.

מיט דער געשעפטס־פירמע בעלאָקי הערמאַנאָס פון לאַ־פלאַטאַ האָבן זיי אָפּגעמאַכט דעם גאַנצן ווייץ פון דער קאָלאָניע צוצו־שטעלן ביזן האַפן פון דער פראָווינציעלער הויפטשטאָט, אויפן פרייז פון 6.63 פעזאָס די פאַנעגא, ד. ה. יעדע הונדערט קילאָ־גראַם. דער קאָנטראַקט האָט אָבער געהאַט אַ פונקט, אַז דער ווייץ דאַרף זיין „סאַנאָ, סעקאָ אי לימפּיאָ” און דאַרף איבערגעגעבן ווערן ביז צו אַ באַשטימטן טערמין.

איז פרעגט שוין בעסער ניט! — אַלע שלעק פון דער וועלט האָט די פירמע אין אונזער ווייץ אויסגעפונען! פון די ערשטע דריי מעלות האָט עס לויט זייער מבינות קיין זכר ניט געהאַט. ס'איז ניט געווען „נישט געשעדיקט, טרוקן און ריין”, נאָר ס'האָט נאָך דערצו געהאַט „קאַרבאָן”, קוקל און אַנדערע מיני פרעניותן, וואָס ווערן אין דער תורה פון די תבואה־הענדלער גאָר ניט דער־מאָנט. הונדערטער זעק האָבן די „רעסיווידאָרן”—די איבערנע־מער, אָפּגעוואָרפן, דערקלערנדיג, אַז ס'איז „פּאַראַ לאָס טשאַנ־טשאָס” — ס'טויג נאָר פאַר חזירים.

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט דער טערמין. מען האָט גע־דאַרפט צושטעלן דעם באַשטימטן סכום פון תּבֿואָה. האָט די דירעקציע פאַרוואָרפן מיט בריף און געפאָדערט, אַז מען זאָל זיך אונטערשאַפֿן, מ׳זאָל אונטערטרייבן די מאַשיניסטן וואָס שנעלער צו אַרבעטן, מען זאָל אויך בעסער ווייען, אָדער ווענטילירן דעם ווייץ, כּדי ער זאָל זיין וואָס ריינער און שענער...

האָבן די מאַשיניסטן געפאָלגט. האַלב ווייץ האָט מען איבער־געלאָזן אין שטרוי, די קערנער זיינען שוין צופיל ר י י ן געוואָרן... פאַר איילעניש האָבן זיי אין דער גרופּע 42 אונטערגעצונדן צוויי סטוינגן ווייץ מיט אַ „פּילא" זעק פון אויסגעדראָשענער תּבֿואה, וואָס זיינען אינגאַנצן פאַרבערנט געוואָרן.

מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז אונזער אַרבעט איז אומזיסט, אַז די אומוויסנקייט, די אומערפאַרנקייט פון ביידע אָרנטליכע די־רעקטאָרן און די גנבֿות פון זייערע בייטענצער וועט אַלץ פאַר־שלינגען און פאַרניכטן.

דער אַלטער י ש ר א ל ל י ס י ן איז געפאָרן קיין בוענאָס־איירעס אין ביוראָ אַריין. ער האָט דאָרט אַ גוואַלט געמאַכט און די גדולים האָבן אים מיט שמייכעלאַך איינגעשלעפערט און באַ־רוהיגט... אים אַ היפּש זעקעלע מיט הבטחות מיטגעגעבן, אַז ער זאָל עס פונאַנדערטיילן צווישן די קאָלאָניסטן. די מאמינים און די יעניגע, וואָס האָבן קיין קאָסטשע לחלוטין ניט געהאַט, האָבן געגלויבט און געשוויגן. דאַגעגן די איבעריגע, די, וואָס ס׳האָט זיי ווי געטאָן זייער פּראַצע, האָבן געשטורעמט, זיך גע־בונטעוועט און מיט פולן רעכט צו בראַנדעסן געשריגן:

— ווער האָט די דירעקטאָרן געגעבן אונזער תּבֿואה צו פאַרקויפן? ווער האָט זיי געמאַכט פאַר די אפּוטרופּסים פון אונ־זער שוויים און בלוט? זאָלן זיי גיין צוריק אין די שולן מיט קינדער לערנען און ניט פאַרוואַלטן מיט דער קאָלאָניזאַציע!

מען האָט אַלע קאָלאָניסטן צו אַן אַסיפה פאַררופן, אויסגע־קליבן אַ קאָמיסיע פון פינף דעלעגאַטן און אַ העברעאישע בקשה,

געשריבן אין כתב אשורית, אַוועקגעשיקט צו די אדונים אויף קאַזשע סאַנטאַ פע 1063, אין בוענאָס איירעס, בעטנדיג, אַז איינער פון די דירעקטאָרן זאָל ווי אַמשנעלסטן קומען אין קאָלאָניע, אום איינצואָרדענען און פאַרזיכערן דעם רעזולטאַט פון אונזער קאָסעטשע.

די טעג זיינען פאָריבער און קיין ענטפער איז פון ביוראָ ניט געקומען. די לאַגע איז געוואָרן אַן אומערטרעגליכע. דאָס אָרימקייט און דאָס האָפנונגס־לאָזיגקייט האָט אונז געשטיקט אויף דערוואָרגן צו ווערן. מען האָט אָפּגעאַרבעט אַ יאָר צייט, געהאַט אַ היפּש ביסל ווייץ, גערעכנט, אַז מ׳וועט זיך באַקליידן, כאָטש אָנטאָן די קינדער העמדלאַך אויפן לייב, קומט גאָר אַן אַדמיניסטראַציע אויפן האַפּ! נעמט זי צו דעם פּראָדוקט און שטעלט אַוועק דעם קאָלאָניסט הינטער דער טיר ביים לאָך און הייסט דעם שנאָרער ווייטער קצבה צו נעמען!

אָבער ס׳האָט גאָר ניט געהאָלפן, ביים שרייען איז מען פאַרבליבן.

איך וואונדער זיך, ווי אַזוי ס׳איז מיר איצט גאָר מעגליך אַזוי רוהיג פון יענער פאַרשאָלטענער צייט צו שרייבן. ס׳איז דאָך געווען שווידעריך! יענע איבערלעבונגען זיינען שרעקליכע געווען און די זכרונות זיינען פאַרבליבן טיף איינגעקריצט אין מיין נשמה. נאָך איצט ביים שרייבן שווימען זיי אַרויף און שוועבן פאַרביי מיינע אייגן קלאָר און בולט און וואַרפן מיך אין אַ ציטער אַריין...

הינטערן וואַנט זעה איך מיינע דריי קינדער זיצנדיג מוטערנאַקעט, אַנטקעגן דער זון, אָפּוואַרטנדיג, אַז עס זאָל זיך אויסטריקענען זייער איין איינציג העמדעלע, וואָס די מוטער האָט פון זיי אַראָפּגעצויגן אויף אויסצוואַשן: ווייל מער ווי צו איין העמד האָט זעלטן ווער פאַרמאָגט! פון אַ שטיק ברעזענט, וואָס מיר האָבן פון דער אַלטער פּאַלאַטקע אָפּגעשניטן, האָט מיין פרוי אונזער בחור אַ פּאָר הויזן אויפגענייט און, שלינגענדיג די טרערן, האָט זי נאָך מיט מוטערליכער ליבע, שפּאַסנדיג, צוגעוואונשן:

— טראָג זיי, אַברהמעניו, געזונטערהייט! און ווייס, אַז דו ביזט אַן אייניקל פון דעם גרויסן פילאַנטראָפּ, פון באַראָן דע הירש!

אַ סך אַזעלכע בילדער, פינסטערע, טרויעריגע, שמערצליכע, פול מיט גאַל און מיט יאוש, שוועבן מיר פאַר מיינע אויגן אַלס ערינערונגען פון יענער צייט. איך ווינש קיינעם ניט אַזעלכע צו זעהן און נאָך ווייניגער זיי אדורכצולעבן.

XLIX

דער ד״ר וועקסלער.

דעם 3־טן מערץ 1894 איז ענדליך אָנגעקומען דער לאַנג ערוואַרטעטער דאָקטאָר פאָן מעדיצין, וועגן וועלכן דער באַראָן האָט געפּעשירט. אַ גאַנצער עולם קאָלאָניסטן האָבן זיך פאַר־זאַמלט ביים טויער פון דער קאָלאָניע, כּדי מקבל־פּנים זיין דעם ד״ר טעאָפיל וועקסלער.

מענשן פאַרוואַקסענע, פאַרחושכטע; באַהאַנגען מיט טראַנ־טעס און שמאַטעס פון אַלערליי פאָרמען און קאָלירן, אייניגע ווי די פּאַיאַצן פון אַ צירק: אַ סאָלדאַטן שינעל אַן אָפּגעשורגעטן — אַלס מלבוש, אַ צילינדער־הוט אויפן קאָפּ און די טשערעפּאַטע פּיס — ממש נאַקעט... אַ צווייטער אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און לאַפּצעס פון רויער פעל אויף די פיס — דערצו האָט נאָך דעם דאָזיגן פאַרשוין זיין ווייב, די בריה, אָפּגעשוירן דעם קאָפּ, איבערלאָזנדיג טרעפ אין שער השמים צו קריכן... בעת אין דער מיט האָט זי אים איבערגעלאָזן אַ טשופּריקל, ווי ביי אַ סיביריאַק...

יעקב ישראל נירנבערג, אַ געלער ייד מיט אַ קורץ פּיסל, אַ געוועזענער בעל־אַכסניה און אַ גרויסער ליץ, האָט אַרומגע־הינקען צווישן עולם, אָנגעטאָן אין אַ ווייבערשן מאַנטל מיט אַ פּאָר אַלטע קאַלאָשן, אונטערגעצופּט דאָס בערדל, צוגעבאָמקעט עפּעס אַ ניגונדל און אַלע ווילע צו אַן אַנדערן זיך געווענדעט, מיט דער דאָזיגער טענה:

— דעם באַראָן! איר הערט? דעם באַראָן לאָמיר אַהערצו ברענגען! זאָל ער מיט זיינע אייגענע אויגן זעהן! ווייל ס׳איז

שווינדל, שווינדל און ניט מער! — און אַלע מינוט ציהט ער אויף זיך דעם ווייבערשן מאַנטל זיינעם, וואָס וויל זיך ניט האַלטן אויף זיין גוף.

דער קאָטש פון אַדמיניסטראַציע איז אָנגעלאָפן, ברעננענדיג דעם ד״ר וועקסלער.

— הורראַ, דאָקטאָר! — האָט מען אים אַנטקעגן געשריגן.

אַלע האָבן זיך ווירקליך עפּעס געפילט פרייליך: אויף יעדן איז אַ גדולה געווען! ראשית האָבן מיר דאָך אונזערן אַ דאָק־טאָר און ניט דעם אַנטיסעמיט ראָדעס, און שנית, קלערט מען זיך דערווייל, אפשר וועט ער זיך טאַקע אויך אָננעמען פאַר אונז, אפשר האָט ער עפּעס מיטגעבראַכט? ער קומט דאָך דירעקט פונם באַראָן! דערצו איז ער נאָך אַ ייד פון אונזעריגע, און מיר פילן זיך דאָך אַזוי שרעקליך עלנט און פאַרלאָזן!

אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 26 שפּרינגט לופטיג אַראָפּ פונם קאָטש. אַ געזונטער, אַ לעבהאַפטער, אַ שיינער, מיט שוואַרצע אויגן און אַן עכט יידישער נאָז... ער ענטפערט אונז פריינטליך אויפן „שלום עליכם“, באַטראַכט לאַנג די האָריגע, באָרוועסע, אָפּגעריסענע כאַליאַסטרע, און איבער זיין געזיכט פאַרציהט זיך אַ שמערצליכער אומעט. זיינע שוואַרצע אויגן ווערן אָנגעפילט מיט טרערן און אויפגערעגט, האַלב שלוכצנדיג, ווענדעט ער זיך צו אונז אויף פּראָסט יידיש:

— קאָלאָניסטן, איך בין אייערער אַ ברודער: כ׳בין אַ רומע־נישער ייד. איך וועל טאָן אַלץ, וואָס כ׳וועל נאָר קאָנען, אום אייך אין אייער נויט צו העלפן!

פאַר די דאָזיגע רייד האָט ער טייער באַצאָלט. די אַדמי־ניסטראַציע האָט פון דער ערשטער מינוט אָן אויף אים אַן אויג געוואָרפן...

דער ד״ר וועקסלער האָט ווירקליך געטאָן, וויפיל ס׳איז אין זיין קראַפט געווען; הויפּטזעכליך איז ער ווירקזאַם געווען אין די סאַ־ניטאַר־ענינים. דעם קבצנסקען הקדש, וועלכן דער קאָלאָניע גאָלדשמיד האָט אַ נאָמען געגעבן „האָספּיטאַל“, האָט ער לויט

מענליכקייט רעפארמירט און אויסגעבעסערט. האט א פאר אייזער־נע בעטלאך, אנשטאט די לייוונטענע „קאטרעס", אריינגעשטעלט, ווייסע, ריינע בעטוועש געבראכט און א מאדערנע אפטייק איינ־געארדנט.

מיר האבן אים ליב באקומען. אלס מענש איז ער געווען א זעהר גוטער פון נאטור און אן אויסגעצייכנטער, טיכטיגער ארצט: דערצו א הויך־געבילדעטער מאן, א שארפער תלמודיסט און א פיל־זייטיגער געלערטער.

אום די קאלאניסטן צו פארלייכטערן זייער צופאסונג צום לאנד, האט ער א שפאניש־יידישן לערבוך פארפאסט: מען קאן דאס ביכל, איצט א יקר המציאות, פאררעכענען פאר דאס בעסטע פון די ארויסגעגעבענע אום שפאניש צו ערלערנען.

פאר אים פלעגן מיר אונזער ביטער הארץ אויסגיסן, אונזער יאמערליך לעבן פארשטעלן און ביי אים בעטן הילף:

— שרייבט, דאקטאר, צום באראן! — האבן מיר אים געבעטן.

— שרייבט אים דעם אמת, זאל ער וועניגסטנס דעם אמת וויסן!

עס ווייזט אויס, אז ער האט טאקע געשריבן; א סימן — די הערשאפטן האבן געזעהן וואס שנעלער פון אים דערלייזט צו ווערן, אים וואס גיכער צו פטרן...

נאר גיך האט אויסגעבראכן א פארביסענער קאמף צווישן דער סאניטארישער פארוואלטונג און דער אדמיניסטראציע. די אלטע מעשה, ווי מיט ד"ר יאפע,—שוועריקייטן פון פערד... ווען דער ד"ר וועקסלער האט געפאדערט פערד, אום א געווינערין צו באזוכן, האט די אדמיניסטראציע צייט געהאט...

וועקסלער און בראנדעס האבן א קורצע צייט געפירט מלחמה דורך דער פען... יעדער פון זיי האט זיינע טענות געשיקט צו דער הויפט־ביורא קיין בוענאס־איירעס, ניט שווינענדיג דעם געגנער און, ווי תמיד, ביז צום היינטיגן טאג, איז דער אדמיניסטראטאר געבליבן דער גערעכטער. בראנדעס איז אויף ווייטער אליך געווען דער נאמן און דער צדיק...

ד״ר וועקסלער האָט אַ שפּיי געטאָן אויף זיי און האָט זיין פלאַץ פריי געלאָזט. האָט זיך באַזעצט אין אַ דייטש־קריסטליכער שטאָט און שפּעטער אַ וויכטיגן אָנזעהן ערוואָרבן אין די אַרגענ־טינער וויסנשאַפטליכע ספערן. נאָר דערפון וועלן מיר שפּעטער רעדן.

אַ צייט האָבן מיר ווידער געקרענקט — אָהן אַ דאָקטאָר.

L

מען שאַצט אונזערע מכשירים, — דער עולם שפּאַסט...

רייך אין איבערלעבונגען, אַנטווישטע האָפענונגען, ביטערע און שפּאַסהאַפטע פּאַסירונגען, איז געווען דער מאָנאַט מערץ פון 1894=טן יאָר.

דעם 10=טן מערץ איז אין קאָלאָניע אָנגעקומען דער אויבער־בעקרעטאַר פון דער יק״א, שאַרלאַפּ, אָדער אויף פּראָסט יידיש: כאַרלאַפּ, אום די חשבונות צו רעגולירן, אויפהויבן דעם אינווענטאַר פון יעטווידן קאָלאָניסט און באַשטימען זיינע חובות. מען האָט שוין געשמועסט, אַז אינגיכן וועלן אָנקומען די קאָנטראַקטן, וואָס מיר וועלן דאַרפן אונטערשרייבן מיט דער יק״א.

דער מאַסיווער שאַרלאַפּ איז געווען אַ שיינער פּאַריזער יונגער־מאַן און האָט מיטגעפירט ביים זייט, אַלס עוזר כנגדו — אַ גאַנץ עלעגאַנטע און היפּשע נקבה... אָרימער נעבאַך! אַ היגן גוט־באַזיצערס אַ קדיש, אַן אָפּיצער, האָט זי שנעל אָפּגעשפּילט, איבערלאָזנדיג אים אַלס „עונג״ און דערפאַר האָבן אים די קאָלאָ־ניסטן געגעבן אַ צונאָמען: די „פּאָווערע עגונה״...

יעדן קאָלאָניסט האָט ער עקזאַמענירט, אויסגעפרעגט דעם גאַנצן יחוס, איבערגעקוקט די בהמות, דעם רעמאַנענט און גע־שטעלט פּרייזן, וויפיל ס'האָט זיך אים געגלוסט.

— אַ דאגה מיר! — האָט אַ נאַאיווער קאָלאָניסט געזאָגט. — זאָל ער שטעלן וואָס פאַר אַ מקחים ער וויל!

אפשר פעלט נאָך דאָס צום רומל, כּדי דער סך־הכּל זאָל שטימען! — האָט ליסין באַמערקט. — וואָס איז? מיר׳ן דען דאָס קאָנען אָפּצאָלן? איך בין זיכער, אַז קיינמאָל נישט!

— סטייטש! ער רעכנט אַ פּלוג אין 260 פּעזאָס, אַ בראָנע — 180, שטריק און חפצים פון דער הפטורה, וואָס מיר האָבן פאַר די אויגן ניט געזעהן! מען טאָר עס ניט דערלאָזן! — האָבן גמרא־קעפּ פּראָטעסטירט.

די תּמימותדיגע מענשן האָבן זיך ניט געוואָלט איינרייסן מיט דער אַדמיניסטראַציע פאַר אַזאַ שאַצעריי, וואָס דער רע־זולטאַט דערפון איז נאָך אַ גאַנץ ווייטער געווען... ראשית: ווער ווייסט, צי מ׳וועט גאָר בכלל קאָנען צאָלן און צי מיר וועלן גאָר דאַרפן צאָלן, אפשר וועט דער באַראָן גאָר אינגאַנצן אַוועק־שענקען; און שנית: וואָס איז דאָ דער גוואַלט? מען ווייסט דען אויף זיכער, אַז מען וועט גאָר אינגאַנצן לאַנג קאָנען עקזיס־טירן אַלס אַקערבויער?

די ווייט־קוקנדע האָבן דאַגעגן געדרונגען, אַז פון די חשבונות איז גאָר ניטאָ וואָס צו שפּאַסן; אַז פאַר אַלצדינג וועלן זיי דאַרפן באַ־צאָלן מיטן ביטערן שוויים און זייער מיינונג איז גיך באַשטע־טיגט געוואָרן דורכן צווייטן יק״א־צירקולאַר.

דעם 20־טן מערץ איז פון דער הויפּט־ביוראָ אָנגעקומען אַן אויקאַז, אַז די אַדמיניסטראַציע זאָל ענדערן דעם סכום פון דער סובסידיע אויף פאָלגנדן אופן:

די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן היי־יאָר אַ ביסל ווייץ, זאָלן ביים באַקומען די „שטיצע“ אונטערשרייבן אַ קוויטונג, אַז דאָס געלט לייען זיי אויפן חשבון פון זייער תּבואָה; ביי די, וואָס האָבן מער פון צוויי־דריי מילך־קיה, זאָל מען די סובסידיע פאַרקלענערן אויף אַ העלפט, ווייל זיי וועלן קאָנען לעבן פון „מילך אונד צווי־בעל“. (דער דאָזיגער איינפאַל, האָט מען גערעכנט, איז דעם „ווייסן יעזואיטס“ געווען!); דאַן ביי די, וואָס האָבן גאָר קיין קאָ־סעטשע ניט געהאַט, זאָל די אַדמיניסטראַציע אַ רעוויזיע מאַכן איבער זייערע פאַמיליע־מיטגלידער און אין יעדן פאַל באַשטימען

זייער חיונה. די 8 און 4 פּעזאָס קאָנען ווייטער ניט אָנגיין! ס׳איז אַ צופיל רייכעם לעבן!“

מען קאָן זיך פאָרשטעלן דעם איינדרוק, וואָס דער אוקאַז האָט אין דער קאָלאָניע געמאַכט! ווי פאַרצווייפלט און פאַרביטערט דער עולם איז געוואָרן! מען האָט געהאָפּט, אַז פון דער קאָסטעטשע וועט מען קאָנען אַ ביסל אַרויסקריכן פונם פינסטערן דלות און אָט נאַדיר אַ נייע גזרה: אָנגעוויזן צו זיין אויפן יושר פון דער אַדמיניסטראַציע אָדער אפשר גאָר אויף דעם רחמנות פונם „וויסן יעזואיט“, וועלכער טענהט כסדר:

— שטאָפּפּען זי דעם מאַאיס, מישען זי עס מיט מילך — אונד פערטיג! זאָ לעבען אויך די אַרמע איטאַליענער; צוקער, גאַליעטן — דאַס איזט דאָך שפּייז נור פיר רייכע לויטע!

דער גאַנצער צאָרן און פאַרדראָס, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין האַרצן, האָט אַרויסגעפּלאַצט. אַ שטורם האָט אויסגעבראָכן און יונגע־לייט האָבן פון ביטערקייט אַ גרויזאַמען שפּאַס געטריבן.

אין אַ זונטאָג־טאָג פון ענדע מערץ האָבן זיך אַלע, מענער, פרויען און קינדער, פאַרזאַמלט אין אַלגאַראָבאָ און באַלאַגערט די אַדמיניסטראַציע, פאָדערנדיג, אַז עס זאָל תיכּף דעפּעשירט ווערן קיין בוענאָס־איירעס, אַז איין דירעקטאָר זאָל אומגעזאַמט קומען; אויב דאָס וועט ניט געטאָן ווערן, דאַן וועט מען די געביידע צענעמען ביזן גרונט און ס׳וועט פון איר קיין זכר ניט פאַרבלייבן...

אַלס סימן, אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן קיין גלייכגילטיגן שפּאַס, האָבן יונגע־לייט שוין געוויזן דעם אָנהויב: אַלע שויבן פון דער אַדמיניסטראַציע זיינען אויסגעבראָכן געוואָרן...

אַ יידענע אין אַ געלן טשיפּעק האָט אין איר פאַרטוך געהאַלטן צעשטויסענע קוקורוזע און אין אַלע ווינקעלאַך געזוכט דעם פּראָפעסאָר.

— מיר מוזן אים צווינגען דאָס ער זאָל דאָ, פאַר אַלעמענס אויגן, זיך אָנפרעסן מיטן „געריסענעם מאַאיס מיט מילך“. לאָמיר זעהן די מינעס, וואָס זיין טרפהנע צורה וועט מאַכן, קייענדיג

דעם מאכל, וואָס ער רעקאָמענדירט אונז צו עסן! — האָט זי געפּאָדערט.

אַלע צימערן האָט מען צעעפּענט, בחדרי חדרים האָט מען דעם „יעזואיט" געזוכט, אָבער מען האָט אים אין ערגעץ ניט געפונען.

— ער האָט זיך גוט באַהאַלטן, אָט דער ממזר! — האָבן ווייבער געשאָלטן, — ער האָט גליק, דער מומר להכעים!

בראַנדעס איז געשטאַנען אַ צעשראָקענער און האָט געפּאָלגט אַליק, וואָס מען האָט אים געהייסן. ער האָט די טעלע־גראַמע מיטן אויבערשריפט „אורכענטע" אונז אין די הענט איבער־געגעבן און אונזערער אַ רייטער האָט אין גאַלאָפּ עס אַוועקגעפירט קיין קאַסאַרעס, וואו זי זאָל אײַלנד איבערגעשיקט ווערן...

ביז נאַכט זיינען זיי אַלע געלעגן אין דער אַדמיניסטראַציע און גע־וואַרט אויף ענטפער...

עטליכע וואוילע יונגען האָבן אין וועלדל אַ תּליה צוגעגרייט. זיי האָבן אַ לאַסע אָנגעבונדן צו אַ בוים און בראַנדעסן געוויזן, אַז די פּעטליע שטייט שוין גרייט פאַרן „ווייסן יעזואיט"...

אין אָוונט איז פון ביוראָ ענטפער אָנגעקומען: „אַז אַליק זאָל ביים אַלטן פאַרבלייבן. די נייע גזרה זאָל פאָרלויפיג ניט אַריין אין קראַפט, אַז די טעג וועט סעניאָר קאַזעס, דער דירעקטאָר, קומען אין דער קאָלאָניע".

פריילעכע זיינען אַלע אַהיים געפאָרן. מיר האָבן געזינגט! גאַנצע צוויי וואָכן זיינען אין וואַרטעניש אַוועק. דער דירעק־טאָר איז נאָך דערווייל אַליק ניט ערשינען.

LI

דער דירעקטאָר קאַזעס.

דער פּסח פון תּרנ״ד איז ביים טיר געשטאַנען.

אין פּופּצענטל, אָדער די „קינסע ראַנטשאָס“, איז אַן אויוון געווען און אין אַ טאָלאָקע גרופּירט, האָבן מיר זיך צוזאַמענגענומען, אום מצות צו באַקן.

די טאָלאָקע איז באַשטאַנען אַליך פון אַזעלכע יידן, וואָס ווייסן אַ דין. לייזער ניסנזאָן איז געוואָרן דער מעל־יינגל; בערל ראַבּי־נאָוויטש — דער וואַסער־יינגל, איך און רויזנוואַסער—די קנעטערס; גאָרפינקל און שאַראַגראָדסקי — די רעדלערס און די איבעריגע יידן און יידענעס — וועלגערינס; לעמבערסקי און גירסטל — די שיבערס.

אַז מען האָט אַ געשריי געגעבן: „מעל־יינגל!“, איז אויפגע־שפּרונגען דער הויכער, רוסיאַווער און גוט געלערנטער ניסנזאָן.

—כ׳בין דאָ! — ער האָט תּיכּף פאַרקאַטשעט די ווייסע ברייטע אַרבל פון זיין העמד, אַריינגעשאָטן די „מיירע“ מעל און טאַקע אַכטונג געגעבן, אַז עס זאָל זיין כּשר...

— וואַסער־יינגל !—און ס׳איז צוגעשפּרונגען דער רויטער און באָרוועסער בערל ראַבּינאָוויטש, אַריינגיסנדיג אין בעקן מעל זיין קריגל וואַסער.

אַזוי האָט מען מצות געבאַקן און מכּוח פּאָליטיק געשמועסט.

אַז מיר האָבן קוים פאַרענדיגט מיטן מצות „פּאָדריאַד“, איז די ידיעה אָנגעקומען, אַז דער לאַנג־ערוואַרטעטער דירעקטאָר קאַ־זעס איז ענדליך שוין דאָ!

רייטערס זיינען אַרויסגעפאָרן די קאָלאָניסטן די דאָזיגע בשורה אָנצוזאָגן און אַלע, פונם ערשטן ביזן לעצטן, האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט נעבן דער אַדמיניסטראַציע.

אַ גרויסע, אַ געפּאַקטע מענגע, האָט זיך געשטופּט, זיך גע־דרענגט צווישן די בוימער פונם וואַלד, געקלעטשט, געשטורעמט, זיך געקהלט — און מיט די הענט אַריינגעטענהט. אונזערע דעלע־גאַטן, אויסגעצוואָגענע, מיט צעקעמטע בערד, ווי עס פּאַסט פאַר די פּני, זיינען פאַרקלערטע געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן טרערן־דראָט, נערוועזיש צונעשאָקלט מיט דער „לאַמבּרע", געקוקט צום חלול פון דער בּיורא, וואו עס געפינט זיך דער אדון השר און געווים זיך איינגעחזרט די רייד, וואָס זיי וועלן דאַרפן אַוועקלייגן פאַרן הערשער...

די טיר האָט זיך געעפנט. ס'איז ערשינען בראַנדעס און אין דירעקטאָרס נאָמען געמאָלדן:

— אַלע לויטע, די יעצט דאָ זינד, זאָלען נאַך הויזע פאַרען! זי האַבען דאָ ניכטס צו טון! דער הער דירעקטאָר ווירד ניט שפּרעכען מיט יעדען בעזאָנדער. די געמיינדע זאָל פון אירער מיטע דריי פּערזאָן אויסוועהלען, די שפּאַניש אָדער העברעאיש פערשטייען אונד דיזע ווירד ער ערסט אַבענדס עמפּפאַנגען. יעצט האַט ער קיינע צייט: ער מוז צוערסט פאַרען די שולען באַזוכען. האַבען זי פערשטאַנדען? — האָט ער הויך אויסגעשריגן — אונזער סופּעריאָר שפּרעכט ניכט אירען זשאַרגאָן! פאַרט אַלע נאַך הויזע! אַהיים פאַרט!

און תוך כּדי דיבור, האָט ער צוויי פינגער אין מויל אַריינגע־לייגט, אַרויסלאָזנדיג אַ הילכיגן סווישטש. ס'איז תּיכף צוגעפאָרן דער שוואַרצער סעוויאַנעף מיטן געלן קאָטש, אויף וועלכן ס'איז די אָפּצייכענונג פון דער יק"א אויסגעקליימירט געווען. דער קוטשער האָט מיט גדלות אַראָפּגעקוקט פון דער הויכער קעלניע און שעלמיש צוגעשמייכלט, ווי זאָגנדיג: „אָט פיר איך נאָר אייער פּריץ אַוועק און איר בּלייבּט דאָ שטיין, ווי די אָפּגעשמיסענע נאַראָנים".

— ער וויל אַנטלויפן! — האָט עפּעס איינער לפּי תומו אַ זאָג געטאָן.

— דער דירעקטאָר אַנטלויפט! — האָבן שוין הונדערטער מײַלער מיט כּעס געגוואַלדעוועט.

— מען דאַרף דאָס ניט דערלאָזן! קינדער, קומט צום קאָטש!

— האָט זיך דערהערט מאיר האָניקס פעסטע שטים.

אַ געדיכט רעדל מענשן האָבן דעם קאָטש אַרומגערינגלט. אויף יעדנס געזיכט איז אויסגענאָסן געווען אַ שמערצליכער פּיין.

— אַזוי פיל געוואַרט אויף אַ דירעקטאָר, און יעצט? — האָט זיך עולם געקלאָגט.

די טיר האָט זיך געעפנט, דער הער קאַזעס איז אַרויס.

אַ מאַן פון אַ יאָר פערציג איז ער דאַמאָלסט געווען, פעסט געבויט, ברייטביייניג, אַ שוואַרצע שיינע באָרד, גרויסע, שוואַריק־ליכטיגע אויגן און זיין שטאָלצע האַלטונג איז געווען אַ מאַיעסטעטישע, אויף זיינע דיקע, פליישיגע ליפן, האָט זיך געקרייזלט אַ דיפּלאָמאַטישער, פיל באַטייטנדער שמייכל.. זיין שוואַרצע לעוויטע מיט דער רויטער ליענטעטשקע אין לאַץ, די אָפּצייכענונג פון פראַנצויזישן ערן־לעגיאָן, — האָט אים נאָך איינדרוקספולער געמאַכט.

ער האָט זיך פאַרנויגט פאַרן המון, אים אַ רגע מיט זיינע שאַרפע בליקן באַטראַכט און גלייך אויך באַהערשט. עפּעס אַ מין התבטלות הנפש האָט מען אויף אַ מאָמענט דערפילט..

דער געדיכטער מענשן־צירקל האָט זיך צעשפּאָלטן און פאַר אים מיט בראַנדעסן דעם וועג פריי געמאַכט. ער האָט אַ פּאָר מאָל דורכגעשפּאַצירט, הין און צוריק, דעם אָפענעם וועג: האָט גוט באַטראַכט די פאַרחושכטע, באַוואַקסענע, אָפּגעריסענע עדה, האָט מיט די אַקסלען געצויגן און טיפע קנייטשן האָבן זיך אויסגעפּאַלבט אויף זיין הויכן שטערן. לאַנגזאַם, מיט געציילטע טריט, איז ער צום קאָטש צוגעגאַנגען און אַ פוס אויפן סטרעמען געשטעלט: אָבער אויגנבליקליך האָט זיך דער גאַנצער עולם אַ וואָרף געטאָן צום קאָטש: פיל הענט האָבן די שפּיצעס פון די

רעדער אָנגעכאַפּט, ווי מיט אייזערנע קלאַמערס עס איינגעשלאָסן און אַ דונערנדער ברום פון הונדערטער העלזער האָט אָפּגעהילכט:

— איר וועט ניט פּאָרן! איר וועט ניט פּאָרן! מיר וועלן עס ניט דערלאָזן!

— ברויט! גיט אונז ברויט! מיר הונגערן! — האָבן קולות דורכגעציטערט אין דער לופטן.

רוהיג און גאוהדיג, נאָר עטוואָס בלאַס, איז ער געשטאַנען נעבן קאָטש, אַרומגענומען פון דער מענשן־קייט, און איז אין קלעם געווען ביי די קאָלאָניסטן.

וויסנדיג, אַז ער רעדט העבּרעאיש, האָבן יידן, וואָס קענען אַ סדרה מעביר־זיין, אַרויסגעוויזן זייער לשון־קודש קענטעניש.

— לחם! — האָבן אייניגע געשריגן. — און מער ווייזט אויס ד׳אָבן זיי נעבאַך אין זייער לעקסיקאָן ניט געפונען.

איינער, אַן אַלטער ייד, יאָסל האָרעס, אַ בעל־תּפילה, וואָס האָט איינער אַליין געקאָנט פּירוש המלות און דערצו נאָך פאַר־מאָגט אַסך פון דער חזנישער חוצפּה, האָט זיך אים דרייסט אין די אויגן געשטופּט און מיט זיין באַסאָווער שטים אַריינגעברומט:

— לחם תּן! אַביר לב, תּן לחם לעם!

עפּעס האָט קאַזעס דאַמאָלסט געענטפערט: אָבער אַזוי ווי ער האָט באַניצט די ספרדישע אוסשפּראַך, האָבן די שרייער, ווייזט אויס, אים ניט פאַרשטאַנען און ער זיי, שיינט עס — נאָך וויינ־גער. עפּעס האָט ער צו בראַנדעסן אין פראַנצויזיש געזאָגט און דער איז אויפן קאָטש אַרויף און געשריגן:

— קאָלאָניסטען, מאַכען זי קיינע סקאַנדאַלען! דער דירעק־טאָר פערט ניכט אַב: זאָל די דעלעגאַטען־קאָמיסיאָן אין ביוראָ קאָמען, אונד זיי ווערדען מיט אים שפּרעכען קענען!

— ניין! — האָט דער המון געגוואַלדעוועט. — מיר פאַרלאָזן זיך נישט אויף דער קאָמיסיאָן!

— דער דירעקטאָר קאַן דאָך אַבער ניכט שפּרעכען מיט יעדען בעזאָנדער?

— מיר וועלן גלייך אויסקלייבן דריי קאָלאָניסטן! — איז דער ענטפער געווען.

האָט מען אויסגעקליבן אַ פּראָוויזאָרישע קאָמיסיע, מיט וועל־כער דער דירעקטאָר זאָל די אונטערהאַנדלונגען פירן. די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון ישראל ליסין, דעם אַלטן ווייַנפעלד און דעם שרייבער פון די דאָזיגע שורות. קנעפּלער, אַ הויכער מענש, מיט לאַנגע הענט, איינער פון די „סאָלטעראָס", איז אויף אַ וואָגן אַרויף און אונזערע דריי נעמען אויסגערופן. דער עולם האָט גע־שריגן: „יאָ, מיר באַשטייען!"...

מען האָט אונז דרייען איבער אַלע קעפּ אַריבערגעטראָגן און אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דעם דירעקטאָר.

דער ספרדישער ייד, וועלכער איז צו אַזאַ קליינשטעלדיגער אומגעלומפּערטקייט ניט געוויינט, האָט מיט די אַקסלען געצויגן און מיט פאַראַכטונג צוגעשמייכלט... בראַנדעס האָט אונז ביי די נעמען פאָרגעשטעלט און דערהערנדיג מיינעם, האָט ער זיך אין העברעאיש צו מיר געווענדעט, מיטטיילנדיג:

— מיין שול־קאָלעגאַ, ד״ר קאַצענעלסאָן, האָט אויף דיין פּראָפּאַגאַנדע אין „המליץ" צוגעשיקט פאַר דער מאַאוריציער ביבליאָטעק זיין ספר „רמ״ח אברים". דאָס געפינט זיך אין מיין מלתחה און כ'וועל דיר עס איבערגעבן.

מיר זיינען מיט אים אין קאַנטאָר אַריין, און דער גאַנצער עולם, ווי דער מנהג איז, האָט באַלאַגערט די טירן מיט די פענסטער.

די אוידיענץ האָט אָנגעפאַנגען. אָדער בעסער צו זאָגן: די אַדמיניסטראַטיווע לאַנגווייליגקייט האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ לע־פּישער נודעניש. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט אַרויסגענומען זיין אָנגעפּאַטשקעטן ביכל און פאָרגעלעזן אונזערע חטאים, עונות ופשעות... שווערע און שרעקליכע פאַרברעכנס. כ'לעבן, איר מעגט זיי אויך אויסהערן!

א) משה ליסין נעמט אַלע מאָנאַט שטיצע, און אַליין איז ער גאָר ניטאָ אין דער קאָלאָניע. ער אַרבעט ערגעץ אין דער פרעמד, האַנדלט צו און שאַכערט...

ב) פּנה'ט פּרון נעמט שטיצע אויף זיין צוועלף־יעריגער מיידל, וועלכע איז שוין זינט זעקס מאָנאַט טויט...

— דאָס איז דאָך שווינדעל! — באַטאָנט בראַנדעס ענערגיש זיין באַשולדיגונג. — די סובסידיע מוז רעגולירט ווערדען. די קאַ־אָניסטען טרייבען געשעפט, מישען איינער מיט דעם צווייטען די אָקסען, געבען געלד דערצו... צום שאַכרן האָבען זיי געגנב געלט... זיי קויפען זיך אויף שבת ראָזינקעס, ניסע... אונד שרייען די אונפערשעמטע דאָס ברויט פעלט אינען!

אונז איז אויסגעקומען דעם פראַנצויזישען לומפּ אויף יעטווי־דער מסירה אָפּצוענטפערן און געזעהן האָבן מיר, אַז העני חייב — דער אָרימאַן איז שטענדיג די כפּרה. דער אָדון האָט רעכט און דער דירעקטאָר קוקט אים אין מויל אַריין.

דאָס בלוט האָט אונז געטריפט פאַר בושה: דאָס האַרץ האָט פאַר ווייטאָג צוזאַמענגעקרעמפּט... און דער עולם איז ביי די פענסטער געשטאַנען, אַ וואָרט געכאַפּט, אונז צוגעוואונקען, מיט די פינגער געטייטלט, מיט זייערע קולאַקעס געסטראַשעט...

די נאַכט איז שנעל צוגעפאַלן און צו די דאָנאָסן און מסירות האָט קיין ענדע ניט גענומען.

איינער פון אונז האָט געמוזט אַרויסגיין מעלדן דעם עולם, אַז בראַנדעס פאַררעדט די ציין... ער לאָזט גאָר ניט קומען צום וואָרט... דער המון האָט פאַרלאָרן דאָס געדולד. קולות און סטוסאַקעס האָבן זיך אין טיר דערהערט. מען האָט מיט כעס געפאָדערט:

— דער שונא ישראל זאָל זיך פאַרנעמען פון דאָרט! אונזערע פאָרשטייער זאָלן פאַרבלייבן אַליין מיטן דירעקטאָר! — יענער, דערהערנדיג דעם נייעם ליאַרעם, האָט באַלד געפרעגט:

פאַרוואָס רעשן זיי דאָרט אַזוי אינדרויסן? וואָס אייגנטליך פאָדערן זיי? פאַרוואָס צעפאָרן זיי זיך ניט אַהיים?

מיר האָבן אים אין דער שפּראַך „וואָס די שדים, די באַאַמטע, פאַרשטייען ניט“ דערקלערט, אַז מען פאָדערט, אַז דער מזיק בראַנדעס זאָל זיך ניט געפינען צוזאַמען מיט אונז אין חדר...

קאַזעס האָט אים שמייכלענדיג עפּעס אין פראַנצויזיש געזאָגט, וואָס האָט בראַנדעסן דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים אַריינגעטריבן: ער האָט אויף אונז אַ בייזן בליק געוואָרפן, גענומען זיין געפלעקט ביכל און איז פון צימער אַרויסגעגאַנגען.

פאַרבלייבנדיג מיטן דירעקטאָר אַליין, האָבן מיר ערשט פריי אָפּגעאָטעמט און געפאָדערט, אַז עס זאָל בטל ווערן דער יק״א־באַפעל פונם 20־טן מערץ.

— מזונות, — האָט ליסין געטענהט, — הייסט ניט דאָס טרוקענע עסן אַליין, ניט בלויז דאָס אָנשטאָפּן פונם קענדזיך — איז מזונות. אַ קלייד, אַ שוך, אַ טישל און אַ בענקל אין שטוב אַריין, דאָס אַלץ איז דאָס מענשליכע באַדערפעניש, וואָס שפּייזט דעם מענשן און זעטיגט אים!

מיר האָבן געפאָדערט, אַז דאָס ביסל געלט, וואָס עס וועט פאַרבלייבן פון דער קאָסטשע, — שוין נאָך אַלע גנבות פון די באַאַמטע און דעם אומזיניגן קאָנטראַקט ביים פאַרקויפן,—אַז דאָס רעשט זאָל כאָטש בשלימות אָפּגעגעבן ווערן צו די קאָלאָניסטן און מ׳זאָל דערפון ניט דיסקאָנטירן די אַרויסגעגעבענע סומען אַלס סובסידיע, ווי עס שרייבט פאַר די גזירה פונם 20־טן מערץ...

מיר האָבן געבעטן אַ הלואה: צו 200 פעזאָס פאַר יעדן „סאָלטעראָ“ פון די 148 „כאָלאָסטאָיעס“, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט דאָס אָנקומען פון זייערע משפחות, וועלכע האָבן דעם 25 אַפּריל געדאַרפט אַריין אין בוענאָס־איירעסער האַפן לויט דער טעלעגראַ־פישער מיטטיילונג, וואָס מ׳האָט ערהאַלטן פון פאַריז. מיר האָבן פאַר אים פאָרגעשטעלט דעם קלאָגליכן מצב פון די דאָזיגע „כאָ־לאָסטאָיעס“, וועלכע פאַרמאָגן, אויסער די שוואַרצע ווענט פון זייערע „ראַנטשאָס“, לחלוטין גאָרניט! ניט קיין מילך־קוה פאַר די קינדער זייערע, וואָס וועלן אָנקומען, ניט קיין טישל, קיין בענקל, קיין בעטל...

— צו 200 פעזאָס אַ יעדן פון די 148 „סאָלטעראָס“? איר באַרעכנט, וויפיל געלט דאָס איז? כמעט דרייסיג טויזנט

— פּעזאָס! און וואו האָבן זיי אַהינגעטאָן זייערע פּאַרדינסטן? — האָט דער דירעקטאָר קאַטעגאָריש געפרעגט.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע — פראַגעס אָהן אַ שיעור: „פאַרוואָס האָט דער קאָלאָנִיסט יאָ און דער אַ נ ד ע ר ע ר דאָרט, — ניט? פאַרוואָס האָבן פילע ג אָ ר קיין קאָסטעטשע ניט? אָט איז ד ע ר אַזוי און י ע נ ע ר אַנדערש? לסוף האָט קאַזעס אָפּן דערקלערט, אַז מען האָט זיי געמאָלדן שריפטליך, אַז „פילע שפּילן אין קאָרטן, טרינקען משקה" און האָט שטרענג באַטאָנט:

— מיר ווייסן דערפון! אַלץ איז אונז געגוי באַקאַנט!

אויף אַלע באַשולדיגונגען, מסירות פון די קלענערע און גרע־סערע באַאַמטע האָבן מיר געמוזט ענטפערן, אָפּלייקענען, איבער־צייגן, תירוצים זוכן...

קאַזעס טענה איז געווען, אַז דער אוקאַז פון 20־טן מערץ איז נאָר אַ טובה פאַר אונז... ד. ה. פאַרן גרויסן אידעאַל. ת כ ב ד ה ע ב ו ד ה ע ל י ה ם, — די מעטאָדע פון אַלטן פּרעה! „זאָלן די מענשן אַרבעטן! דאָס געלט פון דער קאָסטעטשע דאַרף צוגע־נומען ווערן אויף די שולדן, בכדי דער עולם זאָל ווייסן, אַז מ ע ן מ ו ז צ אָ ל ן! פאַר די יעניגע, וואָס האָבן ניט קיין קאָסטעטשע, דאַרף די „שטיצע" פאַרקלענערט ווערן: 3 און 6 פּעזאָס, אָנ־שטאָט די פריהערדיגע — 4 און 8: האַנדלענדיג אַזוי, וועלן זיך די דאָזיגע לייט מער ניט פאַרלאָזן אויף אונז... און זיי וועלן פלייסיג אַרבעטן!..."

די דעבאַטע איז צוגעגאַנגען שטורמיש, היציג... מיר האָבן פאַר פאַרדראָס דאָרט שיער די גאַל אויסגעשפּיגן און ס'איז מיר, אַלס ראש המדברים, פּשוט אין האַלז טרוקן געוואָרן... אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

גראַדע, ווי די היגע מאָדע איז, האָט זיך פלוצלונג דער הימל פאַרוואָלקנט און תיכּף האָבן זיך צעהילכט שרעקליכע דונערן, און ס'האָט אויסגעבראָכן אַ גאָס־רעגן. דער עולם, וואָס האָט באַלאַ־גערט די פענסטער, וואַרטנדיג אויפן רעזולטאַט פון די אונטער־האַנדלונגען, איז כּהרף עין ביז צום לייב אויסגעווייקט געוואָרן.

— זאָגט די לייט, אַז זיי זאָלן פאָרן אַהיים, זיך שיצן פונם רעגן! — האָט קאַזעס אונז אויפגעפאָדערט.

— סעניאָר, דאָס וועט ניט העלפן, זיי וועלן ניט אַוועקפאָרן! זיי האָבן אייך קוים דערלעבט צו זעהן: זיי בעטן אייער הילף! — האָבן מיר באַמערקט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און צום פענסטער צוגעגאַנגען. ביים שיין פון די בליצן האָט ער די דורכגענעצטע, די הילפסלאָזע קאָלאָניסטן אונזערע דערזעהן.

— רחמים! רחמנות! — האָבן זיי צו אים פון דרויסן געשריגן.

העכער פון אַלע האָט זיך געהערט דער וויינענדיגער קול פון בעל מטופל, יאָסל דראל:

— רחמים, אדוני השר! אַכט קינדער האָב איך, נעמט ביי זיי ניט צו זייער ברויט!

אַ באַטריבטער איז ער פון פענסטער אַוועק און זיך ווידער אויפן שטול געזעצט. אין זיינע גרויסע אויגן איז מערקבאַר געווען אַן אויסדרוק פון צער. אַ ווײַלע איז ער געזעסן פאַרטראַכט, און נאָכדעם האָט ער זיך צו אונז געווענדעט שוין פיל מילדער.

— זעהט, אייער בקשה טרעפט אָן אַ סכום פון כמעט 125 טויזנט פעזאָס, ווייל דאָס געלט פון דער קאָסעטשע איז שוין פאַררעכנט אין קאַסע. נאָר אפשר...

ער האָט גענומען די פען אין האַנט און נערוועאיש געצוקט אויפן פאַפיר, הויך פאָרלעזנדיג:

1) די 148 „סאָלטעראָס“, וואָס זייערע פאַמיליעס קומען אינגיכן אָן, יעדן איינעם אויסצובאָרגן צו הונדערט פעזאָס אויף צו אַראַנזשירן זיין הויז-ווירטשאַפט און צו 35 פעזאָס — אַ מילך-קוה צו קויפן.

2) דאָס געלט, וואָס קומט אַרויס פון דער קאָסעטשע, זאָל די קאָלאָניסטן אָפגעגעבן ווערן בשלימות און די סובסידיע זאָל ווייטער אויך אויסגעטיילט ווערן, צו 4 און 8 פעזאָס, אַקוראַט ווי פריהער...

דאַן האָט ער שמייכלענדיג פאָרגעזעצט:

— אָבער די אַדמיניסטראַציע וועט פון היינט אָן פיל בעסער אַכטונג געבן בנוגע די טויטע קינדער... זעהן ניט צו דערלאָזן דעם ירושה־שווינדל. די לעבעדיגע דאַרפן דאָך ניט ירשענען דעם חלק שטיצע, וואָס ס'האָט געהערט צו די פאַרשטאָרבענע, ווי ס'איז געשעהן ביים פאַל פנחס ברון...

מיר האָבן אים געדאַנקט און געאיילט מיטצוטיילן די קאָלאָניסטן די אויסגעווירקטע הנחות.

אינדרויסן האָט מען מיט פרייד און יובלענדע געשרייען אויפ־גענומען די בשורה, אַז די שטיצע פאַרבלייבט ווי פריהער, — צו 8 און 4 פעזאָס.

— הורראַ! יחי האָדון קאַזעס! — האָבן די דורכגענעצטע און אויסגעוואַשענע קאָלאָניסטן מיט שמחה געשריגן.

* * *

דער רעגן האָט שוין אויפגעהערט צו ליאַפּען. שטיקער צעריסענע כמאַרעס זיינען זיך אַלע אין זייטן צעשוואומען און פּלאַץ געמאַכט פאַר דער נאַכט־קיניגין. אַ ריינע, אַן אויסגעצוואָגענע, האָט זי זיך געטראָגן צווישן די קאָלירטע וואָלקנדלאַך און מונטער אַראָפּגעגלאַנצט אויפן סקוואַדראָן רייטער, וועלכע האָבן אונז, זייערע פּראָוויזאָרישע פאָרשטייער, באַגלייט און אַ יעדן אָפּגע־פירט אַהיים.

אין וועג האָט מען גערעדט און זיך באַראַטן. ס'איז באַ־שטימט געוואָרן דעם הער קאַזעס אַ דאַנק צו שיקן און אים באַ־טיטלען: „השר המרומם". די גאַנצע קאָלאָניע זאָל דעם דאַנק־בריף אונטערשרייבן. איך בין באַאויפטראָגט געוואָרן דעם באַ־שלוס אַדורכצופירן.

מיטן באַגינען איז צו מיר רייטנדיג געקומען אונזער שול־לערער, דער ליטוואַק צבי יאַקובאָוו און מיר געבראַכט דעם „שם הגדולים", זאָגנדיג:

— נאַט, זעהט! די משפחה קאַזעס איז נאָך אין די צייטן פונם בית המקדש געווען אַן אַדעליגע: שרי ישראל זיינען זיי געווען!

אינם מכתב תורה, וואָס איך האָב אים אויף פסח צוגעשיקט מיט די חתימות פון אַלע אַקערבויער, האָב איך זיך ערלויבט אויסצו־דריקן, אַז „אויב ער שטאַמט ווירקליך פון דער פאַמיליע קאַזעס, וואָס דער „שם הגדולים" ברעננט, איז מיר גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס דער גוטער באַראָן הירש האָט אויף אים אַרויפגעלייגט די פליכט און אים באַשטימט פאַר אַ פאַסטוך פון די נידחים אין אַרגענטינע".

דערויף האָט ער מיר געענטפערט: „אַז אין זייער פאַמיליע איז פאַראַן אַ יחוס־בריף, וואָס גייט איבער פון דור צו דור פון די ימי הבית און. ער שטאַמט ווירקליך פון דער גאַנץ אַלטער משפחה קאַזעס און איז שטאָלץ דערויף".

אַ צדיק תמים איז ער געווען, אַ למדן מופלג, אַ גרויסער שר און אַ גוטער מענש. די קאָלאָניסטן האָבן אים ניט פאַרשטאַנען. שלום לעפרו!

LII

קאָנטראַקטן.

אָנהויב מאַי פון 1894 האָט בראַנדעס באַפוילן, אַז מען זאָל קומען אין דער אַדמיניסטראַציע, אום אונטערצושרייבן די קאָנטראַקטן, וואָס ווערן אונז דורך די „פונם באַראָן אָדער דער יק"א באַפולמעכטיגטע הערשאַפטן" אַרויסגעגעבן ווערן.

ד"ר וועקסלער האָט אונז דעם קאָנטראַקט אין יידיש איבערגעזעצט, וואו צווישן אַנדערע פּאַראַגראַפן און פּונקטן זיינען אויך די פאָלגנדע געווען:

„דער טערמין פונם קאָנטראַקט איז אויף צוועלף יאָר, אין וועלכער צייט עס דאַרף אָפּגעצאָלט ווערן דער קרן מיט פינף פּראָצענט יערליכע צינזן. יעדעם יאָר דאַרף די גאַנצע קאָסטשע אַריינגעפירט ווערן אין אַדמיניסטראַציאָנס גאַלפּאָן און די אַדמיניסטראַציע וועט פון דער תבואה צוערשט אַראָפּנעמען דעם יערליכן חוב, דעם קרן מיטן נשך. אויב דער פּראָדוקט פונם יאָר וועט ניט קלעקן דעם דאָזיגן סכום צו דעקן, האָט די פאַרוואַלטונג דאָס רעכט ביים קאָלאָניסט אַוועקנעמען, ווען זי וויל, אַפילו אינם עלפטן און צוועלפטן יאָר אַלץ, וואָס ער האָט פאַר דער צייט פאַרבויט, פאַרפלאַנצט, פאַרזועצט, אויסגעאַרבעט, וואַלאָריזירט און אים פון דער קאָלאָניע אַרויסוואַרפן. ביז וואַנען דער קאָלאָניסט באַצאָלט ניט ביז צו אַ פּרוטה פון לעצטן „יאָר-חלק", איז ער קיין בעל-הבית ניט איבערן לאַנד: מוז געהאָרכזאַם זיין דער אַדמיניסטראַציע און פאָלגן אַלץ, וואָס זי באַפעלט".

די קאָנטראַקטן האָבּן ווי אַ פּייער אָנגעצונדן אין דער קאָלאָניע. בּיי יעדן קאָלאָניסט אין האַרצן האָט געגריזעט אַ בּיטערער פּאַר=דראָס און יעדערער איז ווי אַ פירטשמעלעטער אַרומגעגאַנגען פון דעם דאָזיגן נייס.

— מיר שרייבּן ניט אונטער! — האָבּן איינשטימיג אַלע מיי=לער געשריגן. — אַזעלכע פּונקטן וועלן מיר קיינמאָל ניט אונטער=שרייבּן! — האָבּן אַלע איינשטימיג בּאַשטעטיגט.

— פּראָצענט? גאָר פינף פּראָצענט? ווי אַזוי איז עס מעג=ליך, אַז דער גוטער בּאַראָן, דער מלאך המושיע, זאָל בּיי אונז, אָרימע לייט, גאָר פאָדערן פּראָצענט? איז וואו=זשע איז די פּי=לאַנטראָפּיע, וואו איז? — האָבּן נאַאיווע לייט זיך געקלאָגט.

— ס'איז שקר! דער קאָנטראַקט איז ניט פונם בּאַראָן משה הירש! דאָס איז מאָשענסטוואָ פון די היגע בּאַאַמטע, פון די אַדמיניסטראַטאָרן, אונזערע שונאים, שונאי=ישראל! — האָבּן פילע תמימותדיג פאַרזיכערט.

אַן אַסיפה איז פאַררופן געוואָרן. נאָך אַ גאַנצן מעת=לעת קהלעניש איז יד אַחת בּאַשלאָסן געוואָרן די שענדליכע קאָנ=טראַקטן ניט אונטערצושרייבּן, און זאָלן די טייוולאָנים טאָן וואָס זיי קאָנען און וואָס זיי ווילן...

דורך בּריוו האָבּן מיר זיך צוזאַמענגעשריבּן מיט די פּאָר=שטייער פון די איבּעריגע קאָלאָניעס, איבּערהויפּט מיט די פון ענט=רעריאָסער פּראָווינץ, וועלכע זיינען אויך אש להבה געווען אויף אַזעלכע שקלאַפישע קאָנדיציעס און ס'איז בּאַשטימט געוואָרן, אַז יעדע קאָלאָניע זאָל אַרויסשיקן צוויי דעלעגאַטן קיין בּוענאָס=איירעס, אום דאָרט וועגן דעם ענין איבּערצושמועסן מיט די די=רעקטאָרן.

דעם 12=טן מאַי בּין איך און אַדאָלפאָ רייצן אַלס דעלעגאַט געשיקט געוואָרן פון מאַאוריציאָ אין דער הויפּט=בּיוראָ פון בּוענאָס=איירעס, אום וועגן דער קאָנטראַקטן=פראַגע צו פאַרהאַנדלען. מיר האָבּן שוין געטראָפן די דעלעגאַטן פון די אַנדערע קאָלאָניעס און טאַקע בּאַלד בּיי די אדונים די ערשטע אוידיענץ געהאַט.

ס. הירש, אַ גרויסער קפדן, איז באַלד שרעקליך בייז געוואָרן.
— וואָס הייסט? — האָט ער גענוואַלדעוועט. — איר האָט אפשר דאָס רעכט אונז קאָנדיציעס צו שטעלן? אפשר ווילט איר, עמיגראַנטן, אונז די קאָנטראַקטן דיקטירן?
דער צווייטער דירעקטאָר קאַזעס, פיל קליגער פאַר הירשן, האָט געשוויגן... נאָר אַזוי ווי ער האָט קיין יידיש ניט פאַרשטאַנען, האָט אים דער לעצטער איבערגעגעבן אין פראַנצויזיש דעם עיקר פון אונזערע פאָדערונגען.
אַ דעלעגאַט פון ענטרע־ריאָס, הער ראַפּאָפּאָרט, אַ דיקליכער מענש מיט אַ שיין געשטאַלט און אַ בכבודיגן אויסזעהן, וועל־כער האָט שוין אויך שפּאַניש גערעדט, האָט קאַזעסן דירעקט אונזער פאַרלאַנג איבערגעגעבן. מיר האָבן נעמליך געבעטן „אַ לענגערן טערמין צום אויסצאָלן די חובות: מען זאָל ניט רעכענען קיין פּראָצענט און אַז די אַדמיניסטראַציע זאָל קיין רעכט ניט האָבן אַן אָרנטליכן קאָלאָניסט פונם לאַנד אַראָפּצוטרייבן..."
די צוויי אדונים האָבן צווישן זיך לאַנג אין פראַנצויזיש גע־רעדט און אונז שטיין געלאָזן ווי די בהמות, וואָס ווערן פאַרקויפט אויפן יריד... ראַפּאָפּאָרט האָט צו אונז אין רוסיש געזאָגט: „גאָספּאָדאַ, פּאָגאָוואָרים פּאָ רוסקי", און מיר האָבן אָנגעהויבן זיך איבערשמועסן אין פּאָניעם לשון. דער קפדן הירש איז רויט געוואָרן, ווי אַ בוראַק, און האָט זיך אַזש פאַרקייכט פאַר צאָרן.
— חוצפּה! — האָט ער געברומט, און די נאָז איז אים נאָך בלויער געוואָרן.
— ווי קומט צו אַזאַ מאַן ווי איר זיינט, הער הירש, גאָר כּעס?
— האָב איך זיך צו אים שטילערהייט געווענדעט. — פיליכט געדענקט איר דעם מאמר: דברי חכמים בנחת נשמעים? ווען איר רעדט צווישן זיך פראַנצויזיש, מעגן מיר דאָך זיך איינפאַר־שטיין אין רוסיש! — קאַזעס האָט צווידייטיג געשמייכלט און מער האָבן זיי אין פראַנצויזיש נישט גערעדט.
אַ גאַנץ וואַרעמע דיסקוסיע האָט זיך פאַרקניפּט: ביז דער חכם הירש האָט אונז גענעבן אָנצוהערן, אַז ס'איז די צייט, וואָס

די אַדמיניסטראַציע דאַרף אויסטיילן זריעה אויף צו זייען ווייץ... און אויך דערמאָנט, אַז מיר נעמען נאָך סובסידיע...

הירש גלאַז, אַ רוסיאַווער ייד, דוכט מיר דער דעלעגאַט פון עספּינדאָלאַ, איז אַרויס מיט אַ מוטיגן און געוואַגטן ענטפער:

— איז וואָס דענקט איר, אַז מיר זיינען שקלאַפן? איר ווילט אונז צווינגען דורך הונגער? — און צו אונז האָט ער זיך געווענדעט און שטרענג געפאָדערט: — קומט, לאָמיר גיין! מיר האָבן דאָ ניט וואָס צו טאָן!

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און ברוגז דעם זאַל פאַרלאָזן.

אויף דער אכסניה האָבן מיר זיך באַראַטן און באַשלאָסן צו דעפּעשירן צום באַראָן. אָבער ניט אַזוי לייכט איז אונז דאַמאָלסט אָנגעקומען דעם באַראָנס אַדרעס געוואוירע צו ווערן און אַ שרייבער אויסצוזוכן... די צוועלף דעלעגאַטן האָבן צווישן זיך געשאַפן די סומע פון 130 פעזאָס און די טעלעגראַם צום באַראָן הירש אַוועקגעשיקט. דער פאַרשטאָרבענער אברהם ווערמאָנט האָט אונז יעמאָלט אין דער הינזיכט גוט געדינט...

די דעפּעשע איז אין קורצן געווען אַזאַ: די דירעקציע סטראַשעט אונז מיט הונגער, אויב מיר וועלן ניט אונטערשרייבן די קאָנטראַקטן, וועלכע מיר ווילן, אַז זיי זאָלן רעפאָרמירט ווערן...

אָט אויף אַזאַ אופן האָבן מיר די מיסיע אונזערע ערפילט און יעדערער איז זיך אַהיים געפאָרן.

אַלס „עמא פזיזא“ האָבן חכמים באַצייכנט אונזער פאָלק! נו, יאָ, זיי האָבן אונזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער גוט געקענט. ווען איך און רייצין זיינען אין קאָלאָניע צוריקגעקומען, האָבן מיר צום באַדויערן שוין געטראָפן, אַז אייניגע האָבן איילנד די קאָנטראַקטן אונטערגעשריבן. מסתמא איז אין די איבעריגע קאָלאָניעס ענליכעס געשעהן... ביי אונז אין קאָלאָניע האָט בראַנדעס אונטערגעקויפט א פאָר פון די קלייניגייסטיגע נפשות און זיי האָבן געחתמעט וואָס ער האָט פאַרלאַנגט.

דעם 15=טן מאַי אין אָוונט האָבן מיר, די פאָרשטייער פון דער קאָלאָניע, געהיים זיך פאַרזאַמלט ביי ד״ר ווקסלער אין

שפּיטאָל און דער גוטהאַרציגער אַרצט האָט אונז אויסגעשטעלט אַ בריוו צום באַראָן, אין וועלכן מיר האָבן זיך אין נאָמען פון דער געמיינדע באַקלאָגט, פּאַרוואָס ער האָט אונז אין פרעמדע הענט איבערגעגעבן. מיר האָבן בײַ אים געבעטן אינערליכע זעלבסטפאַר־וואַלטונג. וועגן די קאָנטראַקטן מיטן פּראָצענט האָט ד״ר וועקס־לער אין בריוו ניט געוואָלט דערמאָנען, באַהויפּטנדיג, אַז קוים וועט מען באַקומען אויטאָנאָמיע אין דער פאַרוואַלטונג, וועט אויך דאָס דאָזיגע פּראָבלעם געלייזט ווערן.

ניט אויף דער טעלעגראַמע, ניט אויפן בריוו האָבן מיר אַן ענטפער געזעהן. דאָס הייסט גאָר פשוט, מען האָט אונז אַזעלכן קיינמאָל ניט איבערגעגעבן, ווי דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן... דער באַראָן, די גוטע נשמה, האָט יאָ געענטפערט און ערשט נאָך זיין טויט האָט אַ באַאַמטער פון דער אַדמיניסטראַ־ציע אונז בסוד די קאָפּיע פון באַראָנס תשובה אויף אונזער בקשה אַרויסגעגעבן און מיר האָבן זי לעגאַל איבערגעשריבן.

דער בריוו, געשריבן אין דייטש, אין נאָמען פון דער יק״א, טראָגט דעם באַראָנס אונטערשריפט און דעם דאַטום פונם 10־טן יולי 1894. איז אַדרעסירט צו אונז, די דאַמאָלסדיגע פאָרשטייער פון דער קאָלאָניע מאַאוריציאָ. דאָס איז געווען דער ענטפער אויף אונזער בקשה און אין אים ווערט גערעדט וועגן דער האָפ־נונג, אַז די אויטאָנאָמישע פאַרוואַלטונג פון אינערליכע ענינים אין דער קאָלאָניע וועט פירן צו אחדות און צו פלייסיגער טעטיג־קייט. אָבער אין דערזעלבער צייט ווערט אויך פעסט אונטערגע־שטראָכן זיין צוטרוי צו דעם פאַרוואַלטער פון דער הויפּט־ביוראָ און אָנגעוויזן, אַז אַלץ דאַרף גיין דורך זייער פאַרמיטלונג און נאָר בײַ גאָר דרינגענדע פאַלן זאָל מען זיך ווענדן די־רעקט.

ווי שוין געזאָגט, האָבן מיר פון דעם דאָזיגן בריוו, וואָס איז אָנ־געקומען צו אונז פון דער רי עליזע נומער 2, פּאַריז, אויך נישט געוואוסט, אומגעאַכט, וואָס דאָרט ווערט אונז כלומרשט

געגעבן אַ שטיקל הנחה, אַן אינערליכע פּאַרוואַלטונגס־רעכט אויפן שפּיץ מעסער...

אַלס אינטערעסאַנטער דאָקומענט קומט דאָ די קאָפּיע פון יענעם בריוו, „וואָס דער באַראָן האָט אייגנהאַנטיג געחתמעט".

* * *

ענדע מאָנאַט מאַי האָט זיך די אַטמאָספער אין דער אַדמי־ניסטראַציע צום גוטן געביטן.

מיר האָבן געדרונגען, אַז די ענדערונג לטובה איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער טעלעגראַם, הגם אונזערע שונאים האָבן דאַן פאַרשפּרייט דעם קלאַנג, אַז די דעפּעשע איז געשיקט געוואָרן אויף אַ פאַלשן אַדרעס, אַז זי איז ניט ריכטיג געגאַנגען, און אַז דער באַראָן האָט זי אַפילו אין די אויגן נישט געזעהן... אָבער ס'איז דאָך אַ פאַקט: מען האָט אונז מער ניט באַלעסטיגט וועגן די קאָנטראַקטן, וועלכע זיינען ערשט שפּעטער, אין 1895, געבראַכט געוואָרן דורך לאַפּינען, בשעת ער איז פון איראָפּע צוריק געקומען שוין אַלס באַשטעטיגטער מושל. אין די נייע קאָנטראַקטן איז שוין דער טערמין צום אויסצאָהלן פאַרלענגערט געוואָרן אויף צוואַנציג יאָר און אין 1901 זיינען זיי געוועקסלט גע־וואָרן אויף אַנדערע, ציילנדיג די צוואַנציג יאָר ערשט פון דעם דאָזיגן יאָר אָן.

מען האָט אויך אויסגעטיילט ווייך־סעמיזשאַ, די מאָנאַטליכע שטיצע און די אַרבעט בכלל האָט זיך נאָרמאַליזירט.

LIII

פיה־סוחרים און מיין באַזשאַ־קוהי

פון חול־המועד־פסח אָן, פונם טאָג, וואָס די 148 פרויען מיט זייערע קינדער, די משפחות פון די „סאָלטעראָס", זיינען אָנגעקומען אין דער קאָלאָניע, האָט אַלץ אויפגעלעבט און פראָגרעס געמאַכט. מען האָט שוין מער ניט געזעהן אַרומשלעפנדיג זיך די פאַרחושכטע, קויטיגע „כאָלאָסטאָיעס" און נישט געהערט זייערע פעסימיסטישע דרשות און זייערע קולות, אַז „מען דאַרף פאָרן אַהיים"...

יעדערער פון זיי האָט שוין געהאַט אַ היים, אַ שטוב, און באַשעפטיגט געווען ביי זיין לאַנד־ווירטשאַפט. דאַמאָלסט איז גראַדע געווען די צייט אויף אַראָפּצונעמען דעם מאַאיס און דאָס פעלד צוגרייטן צום ווייץ זייען.

איינינגע, וואָס האָבן יענעם יאָר אַ „קאָסעטשע" געהאַט און ס'איז זיי פאַרבליבן עטוואָס געלט, האָט די אַדמיניסטראַציע דעם סכום אַרויסגעצאָלט אין מזומן, ניט אַרונטערכענענדיג די סובסידיע, און ערפילנדיג אַזוי די באַוויליגונג פונם הער קאַזעס. אָט די גליקליכע האָבן זיך מענשליך אויסגעקליידט און די בעלי־תכליתים צווישן זיי האָבן זיך פאַרן געלט געקויפט אַ פאָר קיה מיט קעלבלאַך. אַ פאָר קאָלאָניסטן פון די גאָר רייכע, ד. ה. די, וואָס האָבן פון זייער „אוראָזשאַי" אַרויסבאַקומען, למשל, צו צוויי דריי הונדערטער, זיינען באַלד געוואָרן פיה־סוחרים. איר שמייכלט? ווי אַזוי איז עס מעגליך מיט אַזאַ נישטיגן קאַפּיטאַל מיט סקאָט צו האַנדלען? איר מעגט אייך טאַקע פשוט לאַכן אויך: מחמת

היינט קאָסט איין קוה 200 פּעזאָס; אָבער מיט דרייסיג יאָר צוריק, דעמאָלסט איז אַלץ נאָר אַנדערש געווען!

די ערשטע פיה־הענדלער אין דער קאָלאָניע זיינען געווען: איזיק ווייסמאַן מיט זיין ברודער חיים, יונגע־לייט פון רומעניע, וועלכע האָבן זיך דורכן רומעניש גיך אויסגעלערנט גאַנץ געלויפיג אויך שפּאַניש צו רעדן. מיט אַ פּאָר הונדערטער אַלס גרונד־קאַפּיטאַל, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ מרחק פון עטליכע לעגואַס, (אַ „לעגואַ" איז 5 קילאָמעטער) און דאָרט האָבן זיי געטראָפן רייכע גוטבאַזיצער, אייגנטימער פון אַסך ווילדן סקאָט און יענע „עסטאַנסיעראָס" האָבן מיט דער גרעסטער פרייד אויפגענומען די ברידער ווייסמאַן.

— מיר האָבן געהערט, אַז ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָלאָניע „רוסאָ־כודיאַ" — האָבן די גוטבאַזיצער געזאָגט. — איהר ווילט דאָ וואוינען, אַרבעטן אַרום אַגריקולטור און פיהצוכט און מיר זיינען גרייט אייך ווי וויט מעגליך אונטערצושטיצן.

אויף אָט דעם סמך האָט מען די ברידערלאַך דעם גרעסטן צו־טרוי געגעבן. זיי האָבן די ערשטע אין דער קאָלאָניע אַריינגע־טריבן אַ סטאַדע פון אַ פּאָר הונדערט קיה מיט קעלבער און די תכלית־יידן האָבן שוין געקויפט... איך אַליין האָב ביי זיי איינגע־האַנדלט דריי קיה מיט דריי קעלבער אויף גאַנצע אַכט פּעזאָס אַ קאָפּ.

איך דערמאָן זיך, אַז בעת כ'האָב די דריי בהמות מיט די דריי קעלבער אַהיים געבראַכט און זיי אין קאָראַל פאַרטריבן, האָט מיין פרוי צו מיר געזאָגט:

— זעה נאָר אָט די ברוינע קוה מיטן שיינעם שלייער! עס שיינט צו זיין אַ גוטע „לעטשעראַ"! לאָמיר זי מאַנסירן, וועלן מיר האָבן נאָך אַ מילך־קוה.

— זי איז דאָך ווילדער פונם טייוול אַליין! — האָב איך געענטפערט — זעה נאָר איר ראַשן קוק: ס'איז אַ חיה רעה, נאָר אויף דורס צו זיין!

— ס'איז ווינציגער פון סכנות נפשות! — האָט מיין פרוי געשפּאַסט. — זי איז ניט ווילדער פונם „דיאַמאַנט“, וועלכער איז איצט איינער פון אונזערע בעסטע אָקסן.

— וואַרף אויף איר די לאַסע! — האָט מיין בכור געבעטן

— נעם, פּאַפּאַ, האָב קיין מורא ניט!

קיין גרויסער בריה מיט דער לאַסע בין איך קיינמאָל ניט געווען... נאָר אום מיין פרוי און זון צוליב צו טאָן, דערביי טאַקע אויך אַ העלדנטאַט צו באַווייזן, האָב איך צונויפגעראָלט די לאַסע, צורעכט געמאַכט די פּעטליע און אויף דער „באַזשאַ“ אַ שליידער געטאָן. גליקליכערווייזע איז די לאַסע געפאַלן אַקוראַט נאָכן דין, ד. ה. אַ „מעדיאָ באָסאַל“: העלפט איבערן פּנים, אַריינגעמענדיג איין האָרן... אָבער ווי נאָר די ווילדע קוה האָט אויף זיך דעם רימען דערפילט, האָט זי אַ טעמפּן רעווע געטאָן און גלייך אויף מיר אַ שפּרונג געגעבן... איך האָב קוים באַוויזן זיך אויף דער ערד צו וואַרפן און זי איז איבער מיר, ווי אויך איבערן פּלייט פונם קאָראַל אַריבערגעשפּרונגען און זיך אַוועקגעטראָגן ווי אַ רוח... אַזוי ווי אַ וויכער האָט זי זיך געדרייט איבער די צעאַקערטע פעלדער...

פון די שכנים, וואָס האָבן דאָס דערזעהן, האָט זיך ווילענסקי און דער יונגער לעווענזאָן אויף די פערד אַרויפגעכאַפּט און צוזאַמען מיט מיר געלאָפן די קוה צוריקצוברענגען; מיר האָבן זי אָנגעהויבן נאָכיאָגן. זי איז נאָך מער צערייצט געוואָרן און זיך אונז אַנטקעגן געשטעלט: האָט מיט אירע קלויען די ערד געגראָבן און שרעקליך גערעוועט... אָנשטאָט וואָס פריהער האָבן מיר זי געיאָגט, האָט זי גאָר דעם אָנגריף גענומען; האָט מיט אימפּעט זיך אויף אונז געוואָרפן און מיט וואוט אונז גענומען פאַרפאָלגן...

משה לעווענזאָן, וואָס האָט אונטער זיך אַ שלעכטן פערד געהאַט, איז פון דער צעבושעוועטער קוה אָנגעיאָגט געוואָרן און זי האָט אירע שפּיציגע הערנער אין בויך פון זיין פערד אַריינגעשטאָכן... דער געשייטער ווילענסקי איז מיט זיין פלינקן „מוי-

שאַק״ צונעשפּרונגען און מיטן פּערדס ברוסט אַ העפּטיגן שטויס געטאָן דער „באַזשאַ״, רעטנדיג אַזוי אַרום דאָס לעבן פון דעם אַרונטערגעפאַלענעם רייטער, וועמעס פערד ס׳איז אונטער אים טויט געפאַלן...

די קוה האָט זיך אַוועקגעטראָגן ווייט אויף די פעלדער און דער ביזן טויט דערשראָקענער לעווענזאָן איז צוזאַמען מיט מיר אויף מיין „שימל״ אַהיים געריטן.

עטליכע טעג איז די ב ר ו י נ ע בהמה מיט דער לאַסע איבערן האָרן, ווי אַ ווילדע חיה, איבער די פעלדער אַרומגעלאָפן: ביז גאָט האָט געהאָלפן און ס׳איז אָנגעקומען דער גוטער, געהיימניס־פולער באַראַבוינאַ.

LIV

דער גאַאוטשאָ באַראַבוינאַ.

דער גוטער גאַאוטשאָ, גלויב איך, איז ווערט, אַז איך זאָל צו זיין געדעכטנים אַ פּאָר טראָפּן טינט פאַרלירן און איר, לעזער פון די דאָזיגע שורות, מעגט, כ'לעבן, געדולד האָבן און זיך באַקענען מיט דער איידעלער נשמה פון אַ האַלב־ווילדן גאַאוטשאָ, מיט דער איינפאַכקייט פון אַ פּרימיטיוון מענשן, מיטן געהיימניספולן באַראַבוינאַ.

אַן ערך אַ יאָר פערציג איז ער אַלט געווען. ווער קאָן דען אויף ריכטיג וויסן די יאָרן פון די פאַמפּאַ־קינדער? זיי אַליין ווייסן עס אויך ניט!

אַ ברוינער, מיט אַ צעאַקערטן, צעפּאַלבטן פּנים, גלאַנצנדיגע גלאַטע האָר, שוואַרץ, ווי די גריווע פון זיין „אָסקורא" פערד, אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד האָט ער געטראָגן און פון אונטער די געדיכטע אַרונטערגעפאַלענע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט צוויי גרויסע, דימענטענע אויגן, וועלכע האָבן זיך ווי געבאָדן אין אַ וויים טייכל, מיט רויטן זאַמד באַברעמט... אַ יידישע אָדלער־נאָז, אַ פּאָר גראָבע פליישיגע ליפּן, פון וועלכע די אונטערשטע איז אַ ביסל אַרונטערגעהאַנגען און איבער וועלכער ס'האָט שטענדיג ווי געשוועבט אַ גוטמוטיגער שמייכל — דאָס איז זיין דאַמאָלסטדיגער אויסזעהן געווען.

זיין געדיכטע קוטשמע האָר, די „מעלענאַ", איז אַרומגעבונדן געווען מיט אַ שניי־ווייסן טיכל, איבער וועלכער ס'איז, אַראָפּגע־רוקט ביז צו דער פּאָטיליצע, געוועסן זיין געלער ברייט־

ראַנדיגער הוט. אויפן האַלז האָט ער געטראָגן אַ געשטרייפּט טיכל אַלס אַ קראַוואַט. אַ לעדערנער גאַרטל אָדער „פּאַכאַ", באַוּוישט מיט זילבערנע מטבעות, האָט ער אַרום די לענדן געהאַט און הינטער אים האָט אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגער שאַרפער „פּאַקאָן" מיט אַ זילבערן הענטל און אַרום איז נאָכגעהאַנגען אַ פּאַסקעוואַטע „טשיריפּאַ", וואָס האָט זיין אונטערשטן טייל קערפּער איינגעוויקלט ביז צו די פיס, אויף וועלכע ער האָט געטראָגן קאָלירטע שקאַרפּעטקעס און ווייסינקע „אַלפּאַגאַטאַס".

ווי אַ גענעראַל איז ער שטאָלץ און זיכער אויף זיין „אָסקורא" געזעסן. דאָס איז געווען אַ סאַמעט־שוואַרצער, ברענענדער, פלינקער פערד מיט קליינע אויערן און פייערדיגע רויטליכע אויגן, וואָס איז באַפּוצט געווען מיט אַ שיינער געפלאָכטענער צוים, אַ „באָסאַל", אַ גוט אויסגעבעטן שפּאַנישן זאָטל, ביי וועמעס זייטן עס זיינען אָנגעטשעפּעט געווען די לאַסע און די „באָליאַדאָראַס".

אויפן פליי‌צע איז אים אַריבערגעהאַנגען אַ גיטאַרע, אַ מעטאַלענער משייניק און אַ מאַטע־באָמביזשאַ איז אָנגעבונדן געווען.

זיין פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַ קליין געפלעקט הינטעלע, וואָס איז ביי אים געלעגן פאָרנט אויפן זאָטל, און הינטן אַ קליין שוואַרץ־חנעוודיג מיידעלע פון אַ יאָר צעהן האָט מיט אירע הענטעלאַך אים פעסט אַרומגעהאַלטן.

אָט אַזוי, מיט אַזאַ אויסשטאַטונג, מיט דעם דאָזיגן רייכטום, איז ער צו אונז אין גרופּע אַריינגעריטן.

ער האָט זיך ביי מיר איינגעבעטן אין אַ ווינקל פונם גאַלפּאָן זיין וואוינאָרט אויפצושלאָגן... דאָרט האָט באַראַבוינאַ זיך באַזעצט. דעם קאָפּ פון אַ געפּגרטער קוה האָט ער אַלס זיין שטול געמאַכט. האָט צוזאַמענגעקליבן אויסגעטריקנטע בוריאַנדלאַך, אַ פייער געמאַכט און דעם טשייניק צום „מאַטע" קאָכן צוגעשטעלט.

נאָך דעם, ווי ער פלעגט איינינע מאַטעס אויסזופּן, האָט ער מיט רחבות די גיטאַרע אין האַנט גענומען און אַ ים מיט האַרצרייסנדע טענער האָבן זיך פון אונטער זיינע ברוינע, האָריגע פינגער צעגאָסן.

בײם שײן פון דער העלער לבנה פלעגן מיר, אַלע אײנוואױנער פון דער גרופּע, זיך נעבן אים אין שײער אױסזעצן און אַנטציקט אױסהערן זײן מעלאַנכאָליש זיסע שטים, מיט װעלכער ער פלעגט די טענער פון דער גיטאַרע באַגלײטן. זײנע טרױעריגע מעלאָדיען פלעגן אין אונז דערװעקן דאָס בענקעניש נאָך דער אַלטער הײם; אונזער דמיון פלעגט פאַרטראָגן ביזן כרמל, איבער די פעלדער פון בשן, אין די גאַסן פון לעגענדאַרישן בית לחם און אָפּטמאָל אין פיל נאָך העכערע, בעסערע און גליקליכערע װעלטן, װאו ס'איז ניטאָ קײן נױט, ניטאָ אַזױ פיל פּײן און װאו ס'הערשט יושר, צדקות און פרײנטשאַפט...

זינגען פלעגט ער פון ליבע, פון פרײהײט, פון די שײנע, גרינע, אומדורכדרינגבאַרע אור־װעלדער אין טשאַקאָ, פון די גרױסע באַרימטע נאַציאָנאַלע העלדן, די גענעראַלן כּאָסע דע סאַן מאַרטין און מאַנועל בעלגראַנאָ, װעלכע האָבן זײן הײמ־געליבטע „פּאַטריאַ״ פון פרעמדן יאָך באַפרײט.

מיט אַן אומבאַגרעניצטער ליבע פלעגט ער זײן פאַמיליע, דאָס הינטעלע און, להבדיל, דאָס מײדעלע באַהאַנדלען.

— „הוערפאַנאַ קערידיטאַ״ — טײער יתומהלע, פלעגט ער זי כסדר אָנרופן און אירע שװאַרצע, לאַנגע האָר, מיט טרײשאַפט גלעטן און דערבײ האָבן זײנע ליפּן שטילערהײט געשעפּטשעט: — „איגוואַל אַ מי קערידאַ אַניטאַ, סו מאַדרע״: „ענליך צו מײן טײערער אַניטאַ, איר מוטער!״ — און זײנע אױגן פלעגן גלײך באַקומען אַ שמערצליכן, אומעטיגן אױסדרוק.

צאַרט און מילד װי אַ שעפּעלע פלעגט ער דאַמאָלסט װערן און מיט ליבשאַפט האָט ער דאַן אונזערע קלײנע קינדער אַרומגעאָרעמט און צום האַרצן געדריקט. דאָס קלײנװאַרג האָט אים דערפאַר שטאַרק ליב געהאַט. האָט ער נאָר אַ סענט פאַרמאָגט, אַזױ האָט ער צוגלײך מיט פאַפּיראָסן און „ושערבאַ״, אױך קאָנפעקטן פאַר די קינדער געקױפט און עס פאַרטײלט צװישן אַלע זײנע ליבלינגען...

די קינדער האָבן שוין געוואוסט, אַז ווען באַראַבאַווינאַ בראָט אַ „מוליטאַ“ אָדער אַ „פּלודאָ“; ווען ער מאַכט אַן „אַסאַדאָ“ פון די דאָזיגע ערד חזירימלאַך, אָדער ווען עס געלינגט אים צו פאַנגען אַ גאַמאָ־הירשל, אַ מאַרטינעטאַ־טויב, דאַרפן זיי אַלע זיך אַרומזעצן בײַם פײַער, מיט אים מיטעסן, דאָס בראָטן און פאַרזופּען מיט אַ פּאָר „מאַטע־דולסעס“.

ווי ווייך, מילד און איידל ער איז געווען, האַלטנדיק די גיטאַרע אין האַנט: פּונקט אַזוי בראַוו, העלדיש און פלינק איז ער מיטן מעסער אַרומגעגאַנגען. איז ער אויף זײַן „אָסקוראָ“ געזעסן און די לאַסע אָדער די „באַליאַדאָראַס“ אין האַנט גענומען, האָט קיין „נאָוויזשאָ“ אָדער „פּאָטראָ“, ווי ווילד עס זאָל ניט זײַן, פון אים ניט געקאָנט אַנטרינען. אויף וועלכן טייל פון דער ווילדער חיה מען האָט אים געהייסן טרעפן: אויפן האַלז, די הערנער, דעם לינקן צי דעם רעכטן פוס, וואו מ'האָט פאַרלאַנגט: דאָרט האָט ער געטראָפן. באַראַבאַווינאַ פלעגט די לאַסע צונויפראָלן, אַ הילכנדער פײַף האָט דורכגעשניטן די לופט און דער „אַנימאַל“ האָט זיך שוין געצאַפּלט אין דער פּעטליע.

מיט דער אויבן־דערמאָנטער באַזשאַ־קוה האָט ער זײַן בריהשקייט באַוויזן.

בלויז מיט דער „רעווענקע“ אין האַנט איז ער דער ווילדער בהמה אַנטקעגן געגאַנגען. ווען די קוה האָט זיך אַ לאָז געטאָן, אום אים דורס צו זײַן, איז ער מיט דער פלינקייט פון אַ קאַץ אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זײַט, האָט זי בײַ אַ האָרן אָנגעכאַפּט און אינם זעלבן אויגנבליק איז ער שוין אויף איר רייטנדיק געזעסן. די ווילדע קוה איז געשפּרונגען, זיך אין דרייען געבויגן, האָט מוראדיק געבריוועט, מיט די קלויען די ערד געשאַרט — אָבער דער העלדישער גאַאוטשאָ איז אויף איר האַלב געלעגן, האָט איר מיט זײַן „רעווענקע“ צווישן די הערנער און איבערן מח געקלאַפּט און אַזוי זי ענדליך באַהערשט.

ס'איז באמת אײַנדרוקספול און איבעראַשנד געווען צוקוקן, ווי דער מענטש קעמפט מיט דער חיה. די קוה איז באַגאָסן געוואָרן

מיט אַ הייסן שוים: האָט געפּינעט, אַרויסגעשטעקט אין גאַנ־
צער לענג איר צונג — איז מיר געוואָרן און זיך צו דער ערד גע־
וואָרפן. באַראַבּוינאַ איז שנעל אַראָפּגעשפּרונגען און דערקלערט:

— בּוענאָ! דזשאַ עס מאַנסאַ! — און זי איז ווירקליך געוואָרן רוהיג, געצאַמט, שטיל ווי אַ קינד. אַ סך יאָרן האָבּן מיר זי נאָכדעם געמאָלקן און עטליכע דורות בּיקלאַך, אָדער „נאָווי־זשאָס“ פון איר דערלעבּט.

אין אָנהויבּ האָבּ איך פאַר אים מורא געהאַט. זיין שווייגזאַמקייט, זיין שטענדיגע שטילקייט פלעגט אויף מיר אַ פּחד אַרויפוואַרפן. אַלע אָפּשטאַמלינגע פון די אינדיאַנער, ווי מ׳זאָגט: בּלוט־דאָרשטי־גע און רויבּ־גיריגע בּרואים, זיינען דאָך בּאַרימט מיט זייער פאַר־מראַכטעניש, מיט זייער שווייגן... נאָר בּאַראַבּוינאַ איז אין דער הינזיכט אויך אַן אויסנאַם געווען. אָפּטמאָל פלעגט ער זיין פאַר־טרויליך, בּאַרעדעוודיג; זיצן מיט אונז, טרינקן אַ מאַטע און לאַנג רעדן: דערציילן, ווי זיין שטייגער איז געווען, פון דער גרויסער פּאַמפּאַ, פון פרייען לעבּן אין וואַלד און אין סטעפּ, אָבּער אין כאַמע מיט פון אַזאַ שמועס האָט ער גאָר פּלוצים איבּערגעריסן און פלעגט ווי אַ פעלז שטום ווערן!...

אַך, ווי גרויסאַרטיג שיין און ווי שפּאַנענד עס זיינען געווען זיי־נע דערציילונגען וועגן די סודות פון די אורוועלדער אין טשאַקאָ, וואו ער האָט זיין יוגנט פאַרבּראַכט, וואו ער האָט זיך מיטן אַמע־ריקאַנער טיגער — דעם יאַגואַר — פּנים אל פּנים אָנגעטראָפן.

— אַרומגעוויקלט דעם אָרעם מיט דער „פּאָנטשאָ“, האָבּ איך דעם בּייזן, בּלוטדאָרשטיגן יאַגואַר, מיט מיין מעסער אָפּגעוואַרט, — דערציילט בּאַראַבּוינאַ. — און ווען ער האָט אויף מיר זיין קעצישן שפּרונג געטאָן, כּדי די נעגל אין מיר אַריינצוהאַקן, אין דער דאָזיגער שרעקליכער מינוט האָבּ איך מיין קאַלטבּלוטיגקייט ניט פאַרלוירן. רוהיג האָבּ איך מיין מעסער אַנטקעגן געהאַלטן און מיט זיין טרפהנעם האַרץ איז ער פּונקט אויפן שפּיציגן שטאָל אַרויפגעשפּרונגען... אומגעזאַמט האָבּ איך זיין געפעלקט העמדל אַראָפּגעשונדן...

מיט אַנטציקונג פלעגן מיר אויסהערן זיינע שילדערונגען פון דעם דרום־אַמעריקאַנער לייב, די „פומאַ“.

— אָ, פאַטראָן! — האָט ער באַגייסטערט געזאָגט. — ווען דו וואָלסט נאָר די „פומאַ“ געזעהן! דו וואָלסט זיכער באַוואונ־דערט די שיינע שטאָלצע חיה! ווען זי דערזועהט דעם מענשן, עפנט זי אויף אים אירע שיינע, רויטליכע אויגן, באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז צו די פיס: אָבער אַליין רירט זי ניט מיט קיין אבר! שטייט אַנטקעגן מיטן קיילעכדיגן קאָפּ, פאַרריסן אין דער הויך, פונקט ווי איינער זאָגט: קוק, מענש, באַטראַכט ווי הערליך די וואַלד־קיניגין איז! זעלטן טרעפט עס, אַז זי זאָל דעם מענשן באַפאַלן. דאָס געשעהט נאָר, ווען זי איז גרייליך הונגעריג, אָדער ווען דער מענש האָט זי צוערשט אָנגעגריפן.

אַ זעלטענער מספר, אַ פיינער רעדנער איז ער געווען, יעדער וואָרט האָט ער ריכטיג און קלאָר אַרויסגערעדט, פלעגט עס טעמים זיין און ווען מיר האָבן עטוואָס ניט פאַרשטאַנען, האָט עס באַראַבוינאַ איבערגעחזרט עטליכע מאָל און כסדר איבערגעפרעגט: „קאָמפרענדע“? און ביז מען האָט אים ניט געענטפערט: „סי, סי, סי, סי, מיר פאַרשטייען!“, איז ער פונם אינהאַלט ניט אַוועק־געגאַנגען.

איבערהויפט פלעגט ער לעבהאַפטער ווערן, בעת ער האָט גע־נומען דערציילן פונם ריאָ נעגראָ, וואו ער האָט אויך זיין ליבלינג, דעם „אָסקוראָ“ זיינעם געפאַנגען.

— שטיל, „קאַזשאַדיטאָ“, בין איך מיר געלעגן צווישן די הויכע גראָזן — דערציילט אונז באַראַבוינאַ — און פונקט ווי אַ טיגער האָב איך געלויערט אויף מיין קרבן. די זון ברענט אַליך שטאַרקער, און דער דאָרשט טרייבט די ווילדע סטאַדעס פערד צום טייך, דאָרט זיך אָנצוטרינקען. אַ יונגער „פאָטראָ“, מיט זעהר לאַנגע שוואַרצע האָר, דעם קאָפּ אויסגעצויגן ווי אַ בויגן ביז צו דער ערד, איז לאַנגזאַם מיט אַ פאַרטריקנטן, אַרויסגעשטעקטן צונג, צום טייך געגאַנגען. איך ציה איין אין מיר דעם אָטעם און וואַרט. אַז ער קומט פאַמעליך צו נאָהענט, נעבן מיר, גיב איך

ראַפּטום אַ שפּרונג, האַלט שוין זיין לאַנגע גריווע אין מיין האַנט און זייך שוין טאַקע אויך אויף אים... ער צעפּודזשעט זיך, הויבט אָן ווילד צו לויפן, דריגעט אין אַלע זייטן, שטעלט זיך דיבאָם און איך קיצל אים מיט מיין „רעווענקע" צווישן די אויערן, קלאַפּ אים איבערן קאָפּ און גיב אים צו פאַרשטיין, אַז איך בין שוין זיין בעל־הבית... ער ווערט אַזש ווייס פון שוים און שוויים, מיד פון זיין גאַלאָפּ, פאַרשמאַכט פון דאָרשט און גיט זיך אונטער. „מאנסאָ" — זאָג איך! טו אָן אַ צוים און באַסטאַ!

אָט ביי אַזאַ דערציילונג בלייבט ער פלוצלונג שטיל: האַקט אָפּ אין סאַמע מיטן־דרינגען און כאַפּט אַ שוויג... אָבער אַזאַ שווייגן, עפּעס אַזאַ אימהדיגע שטילקייט, אַז עס כאַפּט אַזש אָן אַ ציטער און אַ סקרוך דרינגט אַדורך איבערן לייב. זיינע שוואַרצע רויטליכע אויגן פלעגט ער אַרונטערציהען הינטער די לאַנגע ברעמען, זיך אָנכמורען, אַריינגעמען די „באָמביזשאַ" אין מויל אַריין, זי מיט די ציין איינבייסן און זיצן ווי פאַרגליווערט, שטיל... אַ טויטע שטילקייט פלעגט זיך פאַרשפּרייטן אַרום אים, זיין פייערדיגע באַגייסטערונג פלעגט אויסגעלאָשן ווערן און באַראַבוינאַ זיצט שטום...

זיין שווייגן פלעגט אויף מיר אָניאָגן אַ שרעק. זיין גרויסער פּאַקאָן, וואָס האָט שטענדיג אַרויסגעשטעקט פון אונטערן גאַרטל, האָט נאָך מער די שרעק פאַרמערט. די אָנגעווייטאָגטע גלות־נשמה פלעגט אויפצאַפּלען: אַזאַ גרויסער מעסער, אַ ווילדער מענש אין מעלד אַליין און ביינאַכט... איך פלעג זיך פאָרזיכטיג אָפּרוקן, אים איבערלאָזן אין זיין איינזאַמער פּאַרטיפּטקייט און שנעל זיך אַריינכאַפּן אין שטוב אַריין.

ביסלאַכווייז האָב איך זיך צוגעוויינט צו אים און די מורא איז פאַרשוואונדן.

זיינע נאַאיווע פראַגן פלעג איך מיט נייגעריגקייט אויסהערן.

— פּאַטראָן! — האָט ער אין אַ טאָג געפרעגט, — וואָס האָט דיין „אַמיגאָ" ראָזנפעלד, צו ווען דו האָסט מיך פרייטאָג צוגעזאָגט געשיקט נאָך אַ בוך, עפּעס דאָרט געדעדט צו צווי קוילעטשן?

— באַראַבוינאַ, וואָס פּלאַפּלסטו ? וואָס הייסט ער האָט גערעדט צום ברויט ?

— „דעווערא“, אויף נאמנות, פּאַטראָן!—באַשטעטיגט ער.— כ׳האָב אַליין געזעהן, ווי דער טיש איז געווען געגרייט, פאַרשפּרייט מיט אַ קלאָרן טישטוך. אויבן־אָן זיינען ווייסע „פּאַנעס“ געלעגן און סעניאָר ראָזנפעלד האָט עפּעס צו זיי גערעדט : האָט נאָכדעם די „פּאַנעס רוסאָס“ צעשניטן, זיין עלטערן זון, מאַנדיק, געגעבן אַ פּעניצל; זאָזיען, דעם יינגערן — אַ שטיקל און צו דאָניא סאַראַ האָט ער דערלאַנגט אַ שטיקל קוילעטש. וואָס באַטייט דאָס ?

— באַראַבוינאַ, דאָס האָט ער גאָט געבעטן. נו, פאַרשטייסטו שוין ?

— אוי, „רוסאָס סאָנסאם !“ — נאַראָנים ,וואָס איר „רוסן“ זיינט! — ענטפערט ער און שאָקלט באַדויערנד מיט זיין קאָפּ. — אפילו צום ברויט „רעזאַען“ זיי אויך!.. נאָר זיי דאַווענען! וואָס פאַר אַ מאָדנע פאָלק איר זיינט!

שפּעטער האָט ער געזעהן מיין שכן, דעם שוחט קרעל, קידוש מאַכן איבער אַ כוס.

— אפילו ווען זיי טרינקען „קאַניאַ“, דאַווענען זיי אויך ! — חידושט זיך באַראַבוינאַ.

אַנטציקט איז ער געווען פון דער יידישער שחיטה. אויפן שוחט האָט ער מיט יראת הכבוד געקוקט.

— „בוען מאַטאַריפע!“ — אַ פעהיגער שעכטער, האָט ער אויף אים אַ שבח געזאָגט. — ער הרגעט געשווינד און האָט זעהר אַ שיי־נעם מעסער. „לינדאָ קוטשיזשאָ“.

— פאַרוואָס קוילעט איר אַליין ניט קיין „אַנימאַל“? ס׳איז דאָך אַן אמתער פאַרגעניגן, פּאַטראָן ! — האָט ער מיך, אויף זיין שטייגער, געזוכט צו איבערציינגן.

— אַ פאַרגעניגן צו פאַרגיסן בלוט? וואָס רעדסטו, באַראַבוינאַ? פילט דען ניט די חיה קיין צער, ווען מען שעכט זי ?

— נו, פאַרוואָס־זשע האָט „דיאָס“ אַזוי די וועלט באַשאַפֿן? זאָלסט נאָר זעהן, פּאַטראָן, דאָרט אין וואַלד, ווי אַלעס לעבט נאָר פֿון בלוט, פֿון יענעמס בלוט!..

— אין וואַלד, באַראַבּוינאַ, איז עפּעס אַנדערש. אָבער מיר זיינען דאָך מענשן, ניט קיין חיות!

— מענשן! גאָט! — האָט ער שפּאָטיש ווידערהאָלט, מיט כּעס אָנגעכאַפּט דאָס שטיקל פֿון זיין קינזשאַל, און דערביי האָט זיך פֿון זיינע צוזאַמענגעשטשירעטע ציין אַרויסגעריסן אַ פֿאַרביטערטע קללה אויף גאָט און אויף זיין מאַכן דער זונה — ווי דער מנהג איז ביים גאַאוטשאָ. און אין זעלבן מאָמענט איז דאָס אינדיאַנער בלוט פֿאַרגליווערט געוואָרן אונטער זיין ברוינער הויט און עס האָט איינגעטראָטן דאָס שטילשווייגן.

— פֿאַרוואָס ביזטו אָפֿט אַזוי טרויעריג? — האָב איך זיך אין אַ טאָג געזוכט צו דערוויסן.

— מיין „טריסטעזאַ“, פּאַטראָן, קומט פֿון עלנטקייט! אַך — זיפֿצט ער שמערצליך אָפּ — קאָן נאָך זיין עטוואָס שלימערס פֿון עלנטקייט? דו פֿילסט, אַז דו ביזט שטענדיג אַליין, איינזאַם, עלנט, האָסט פֿאַר זיך קיינעם ניט, פֿאַר וועמען דיין טרויער צו אַנטדעקן, דיין אומעט איבערצוגעבן. האָסט קיין איינציגע פֿריינטליכע האַנט ניישט, וואָס זאָל דיינע האָר גלעטן, ווען דו ביזט אין טרויעריגע רעיונות פֿאַרזונקען! האָסט...

— וואו איז אַהינגעקומען דיין אַניטאַ? — האָב איך געוואַגט אין איינעם אַ טאָג אים צו פֿרעגן.

דערהערנדיג מיין פֿראַגע, איז אַ ציטער אַרדורכגעדרונגען זיין גאַנצן קערפּער און זיין האַנט האָט זיך אינסטינקטיוו געכאַפּט צום ווייסן שטיקל פֿון „פֿאַקאָן“. די אויגן זיינען אים מיט בלוט פֿאַרגאָסן געוואָרן... ער האָט קראַמפּהאַפֿט מיט די ציין פֿאַרביסן, זיך אָפּגעקערט פֿון מיר און שווייגזאַם אַוועקגעגאַנגען. מער האָב איך אים דערפֿון שוין ניט דערמאָנט.

אַ יאָר פֿינף איז ער אָפּגעווען ביי אונז און אין אַ שיינער איינ־

געשטערנטער נאַכט איז ער מיט זיין גאַנצער פאַמיליע געלם גע־וואָרן, און מער האָבן מיר אים שוין אין די אויגן ניט געזעהן.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו אונזער דערציילונג און איבערגעבן די איינצלהייטן פון דער אַנטוויקלונג און פּראָגרעס, וואָס אונזער קאָלאָניע האָט שטופנווייז געמאַכט.

LV

משה „דיאַדקאָ“ באַפרייט אונז פון צרות.

ווי איך האָב שוין אויבן דערציילט, האָבן די 148 אָנגעקומענע פרויען און קינדער, די משפחות פון די „סאָלטעראָס“, פריש לעבן און מונטערקייט אין דער קאָלאָניע אַריינגעבראַכט. דער פעסי־מיזם איז צייטווייליג פאַרשוואונדן. די נאַטירליכע לעבהאַפטיג־קייט פון דער יוגנט, די מיידלאַך און בחורים, וועלכע זיינען מיט זייערע מוטערס פון אייראָפּע אָנגעקומען, האָבן דאָס חשכות און דעם אומעט פאַרטריבן. אויף די פעלדער, צווישן צייטיגן מאַאיס, האָט זיך די יוגנט צעשפּרייט און געריסן די ציכטיגע, העל־גאָלדענע אָדער ווייסע קוקורוזע. איינינגע בעסאַראַבער האָבן, אויף זייער שטייגער, פֿאָ מאָלדאָוואַנסקאָמו, געפּליקט די קאטשענעס און עס מיט די „העמדלאַך“ אַ היים געבראַכט; ביים שטוב גאַנצע קופּעס אָנגעשאָטן און נאָכדעם צוזאַמענגעשטעלט טאָלאָקעס פון צעהנד־ליגער מיידלאַך מיט בחורים. און אין די ליכטיגע לבנה־נעכט דעם מאַאיס פון דער לושפּע אויסגעשיילט, און צוגעזונגען דערביי פרייליכע רוסישע און מאָלדאַוואַנישע לידער.

די רוסישע „פּעסניעס“ האָבן זיך געטראָגן ווייט אין דער העלער נאַכט און די גאַנצע קאָלאָניע האָט מיטגעזונגען: ווייל גראָד יענעם יאָר איז די קאָסעטשע פון מאַאיס זעהר אַ געראָ־טענע געווען. דערצו האָט נאָך דאָס גליק צוגעשפּילט און דער פּרייז איז אויך געוועזן אַ הויכער.

לעאָן סענאַל, דער אויבנדערמאָנטער קאַפּאַטאַס, איז געקומען אין באַגלייטונג פון אַן אויפקויפער און האָט געצאָלט

צו 4,80 פּעזאָס די פּאַנעגאַ, אָדער די הונדערט קילאָגראַם. אײַ־
ניגע, וואָס האָבן שוין די קוקורוזע אַרונטערגענומען, געוויינלעך די,
וואָס האָבן געהאַט צאָלרייכע הויזגעזינטן — האָבן גלייך דעם מאַ־
איס פאַרקויפט, און אַזוי ווי דער אַדמיניסטראַציע האָט מען ניט
געדאַרפט צאָלן, האָבן זיי פאַרן געלט צוגעקויפט נאָך בהמות, זיך
אויסגעקליידט און, באַקומענדיג צו דעם נאָך די „שטיצע"
בשלימות, זיינען זיי, אויף אַזאַ אופן, געוואָרן גאַנצע גבירים.

אָבער נאָר געציילטע קאָלאָניסטן האָבן דאַמאָלסט פאַרקויפט!
די איבעריגע, און איך אויך בתוכם — האָבן געוואָלט זיין חכמים...
שפּעטער וועט נאָך טייערער זיין! מען האָט דעם מאַאיס געהאַלטן
און שפּעקולירט! נו, פרעגט שוין ניט, וואָס ס'איז שפּעטער געוואָרן
מיט דער קוקורוזע!

אָבער דערווייל, אַז מ'האָט געזעהן, אַז מען צאָלט אַזאַ הויכן
פרייז, 4,80 פּעזאָס, איז געוואָרן פרייליך און מען האָט געאַרבעט
מיט חשק. מען האָט זעהר אַ סך ווייץ פאַרזייט. די אַדמיני־
סטראַציע האָט יעדן פאַרזאָרגט און קיינעם ניט געזשאַלעוועט קיין
זריעה; האָט אויך געגעבן „סולפּאַטאָ דע קאָברע". די „סעמיזשע"
צום וואַשן און האָט זיך ניט געמישט צו אונזער אַרבעט...

בראַנדעס איז שטאַרק פאַרנומען געווען. עפּעס אַ קליי־
ניגקייט: אַזוי פיל מאַדמאַזעלן און ווייבלאַך, גאָר פרישע, ערשט ניי
אָנגעקומענע!... ער האָט געזוכט און, צו אונזער שאַנד, אויך
טיילווייז געפונען...

דער ווינטער איז פאַריבער מונטער, לוסטיג און פרייליך.

ביי ענדע פונם פאָסיעוו, אין אויגוסט, צום סוף פון היגן
ווינטער, האָבן מיר אַ ביסל שוועריגקייטן געהאַט: די אָקסן האָבן זיך
אונטערגעזאָגט... נעבאַך זקנים, אויסגעהאָדעוועטע געווען. די
אַדמיניסטראַטיווע כאַבאַרניקעס האָבן אונז מזכה געווען מיט די
דאָזיגע אָקסן, וואָס זיי האָבן פון אונזערטוועגן איינגעהאַנדלט, און
זיי אויף להכעיס האָבן די אָקסן זיך מיישב געווען און פאַר מיד־
קייט געכאַפּט אַ פּגר... צו אַקערן ווייטער, אויף צום זייען מאַאיס

איז ניטאָ מיט וואָס און די נחלשים האָבן דעם פּאָסיעוו ווייץ אויך נאָך ניט געהאַט פאַרענדיגט.

איז מען געגאַנגען צו בראַנדעסן, האָט ער אונז געהערט ווי המן דעם גראַגער... ער איז פּונקט דאַמאָלסט פאַרפלאָנטערט געווען אין אַ מיאוסער מעשה... איז געשטאַנען פאַר אַ דועל מיט איינעם אַ גדולס אַ זון פון פּאַריז צוליב דער רויטער פראַנצויזין...

אין דער דירעקציע האָט מען פון אונז נישט געוואָלט וויסן. די דירעקטאָרן זיינען, אַפּנים, ברוגז געווען פאַר אונזער טעלעגראַם און דעם בריוו, וואָס מיר האָבן געשיקט דירעקט צום באַראָן הירש. עס איז פּשוט ניט געווען מיט וועמען צו רעדן.

נאָר צו יעטווידער מכּה איז אָבער צוגעגרייט אַ רפואָה. דער פּראָגרעס האָט אויך זיינע שלוחים, וואָס ווייזן דעם וועג און פירן צום פאָרשריט.

צו אונז איז דאַן אָנגעקומען אַזאַ מורה־דרך, אַ רבי: מ ש ה ז י ל ב ע ר ש ט י י ן איז זיין נאָמען געווען, אָדער ווי די קאָלאָניסטן האָבן אים מיט ליבשאַפט גערופן: „משה דיאַדקאָ“. ביי יענער פאַרלעגנהייט האָט ער אונז דעם וועג געוויזן און געלערנט מ י ט װ א ָ ס א ו ן ו ו י א ַ ז ו י מען זאָל אַקערן און די אַרבעט פאָר־זעצן.

נעמליך: ער האָט געלערנט די קאָלאָניסטן צו מאַכן הילצערנע יאָכן; נעמען צוויי־יעריגע קעלבער און איינשפּאַנען אין דער יאָך און מיט זיי דאָס פעלד אַקערן. אָנשטאָט דעם „זשוק“, וואָס ווערט צוגעבונדן מיט רצועות צו די הערנער פון די גרויסע אָקסן, כמנהג אַרגענטינע, האָבן יונגע „נאָוויזשעקעס“ געצויגן דעם פּלוג דורך דער יאָך, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אויפן האַלז. די אַרבעט האָט אַזוי אַרום באַקומען אַן אייראָפּעאישן אויסזעהן.

כ׳בין אַ בעלן פאָרצושטעלן דעם טיפּ פון אָט דעם דאָזיגן רבין משה דיאַדקאָ. ער האָט דאָך דאַמאָלסט דעם פּראָגרעס פאָראויס געטריבן, און דערום פאַרדינט ער גאַנץ אָרנטליך איינינע שורות. נאָך היינט איז ער אויך אַן אידעאַליסטיש־יידישער פויער, וואָס חלומט יעצט, אויף דער עלטער, צו פאָרן קיין ארץ ישראל,

אום דאָרט אונזערע ציוניסטן צו לערנען דאָס אריך האבות צו באַארבעטן.

אַ הויכער, ברייטביינערדיגער מענש פון אַ יאָר 35 איז ער דאַמאָלסט געווען. געקומען איז ער פון אַדעס, וואו ער איז געווען אַ בענדיוזשניק: האָט פאַרמאָגט אייגענע צוויי בענדיוגעס און געפירט משאות פונם האַפן, ביים שוואַרצן ים.

ביי זיין אָנקומען האָט ער קיין קאָלאָניסט ניט געוואָלט ווערן; ער האָט געוואָלט בלויז אַ „פּעאָן", אַ טאָגלוינער צו זיין, און ער איז טאַקע געווען דער ערשטער יידישער פּעאָן אין דער קאָלאָניע.

ער האָט צוזאַמענגעקויפט צוויי־יעריגע ביקלאַך און האָט דער־ביי מקפּיד געווען, אַז אַלע זאָלן דוקא זיין רויטע, און האָט זיי אויסגעלערנט צו ציען אין דער יאָך. האָט זיי איינגעשפּאַנט אין דער בענדיוגאַ, וואָס ער אַליין האָט צונויפגעשטעלט, אָנגע־לאָדן מיט זעקלאַך מאַאיס און גענומען צו 10־12 סענט פאַר אַ זאַק פור־געלט ביז קאַסארעס. פינף בענדיוגעס האָט ער זיך אַזוי פאַבריצירט, אין יעדערער איינגעשפּאַנט אַ פּאָר עקסלאַך, זיי צוגעוויינט נאָכצוגיין איינס נאָכן אַנדערן, בעת ער אַליין האָט אָנגעטריבן די ערשטע אין פראָנט, און די איבעריגע פיר האָבן זיך הינטן געצויגן. יעדע בענדיוגא האָט געפירט פון 16 ביז 18 זעק מאַאיס. ער איז געוואָרן דער ערשטער יידישער „טשומאַק" אין קאָלאָניע.

אויף דער רייזע פלעגט ער אויסשפּאַנען אַלע צעהן רויטע עקסלאַך, זיי אָפּלאָזן און אַליין זיך אָנטאָן אין טלית און תפילין... די עקסלאַך האָבן זיך געפּאַשעט און ער — געדאַוונט. אַ פייערל האָט געברענט ביים זייט פונם וועג און דאָס טשייניקל האָט גע־זאָדן. ווער ס'איז נאָר דורכגעפאָרן, האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן און מיט איהם צוזאַמען אַ מאַטע טרינקען, זיך אַ ביסל דורכ־שמועסן און פון אים הערן אַ יידיש וואָרט. ער איז געווען אַן אָנגעלערנטער אָרטאָדאָקסישער ייד. האָט דאָרט אין אַדעסער „פּת לחם" זיך אָנגעהערט אַ סך גלייך־ווערטלאַך פון מגידים, און

ס׳איז מיט אים אנגענעם געווען צו רעדן. די קאָלאָניסטן האָבן זעהר ליב געהאַט מיט אים צו שמועסן.

אויף די קאָלאָניסטן האָט ער שטענדיג, און אפילו נאָך היינט אויך, געקוקט, ווי אויף געצערטעלטע קינדער, ווי אויף רייכע יורשים, וואָס ניט זיי קאָנען און ניט זיי ווע לן קאָנען די שווערע אַגריקולטור־אַרבעט... תמיד האָט ער נביאות געזאָגט, אַז די קאָלאָניזאַציע וועט ניט זיין דויערהאַפט.

אויפן באַראָן איז ער כסדר ברוגז געווען:

— ער האָט נאָך ברייטער געמאַכט דעם גלות!—האָט ער צו מיר איינמאָל געזאָגט.—זיין אידעע שטאַמט ניט פון דער יידישער נשמה, קומט ניט פון הויכן יידישן גייסט!... זי קוועלט אַרויס פונם האַרצן בלויז! ער האָט אַ גוט האַרץ! דאָרט אין האַרצן ליגט דאָס לעבן... דער גשם, אָבער ניט די נשמה!

ער האָט די קאָלאָניסטן זעהר פיל געלערנט, זיי געמוסרט און אָפטמאָל אויך געשפּאַסט פון די געוועזענע סוחרים און מלמדים, וואָס זיינען, נעבאַך, אויף גרויסע צרות געווען ביי דער שווערער עבודת־האָדמה.

אַזוי האָט ער געטשומאַקעוועט מיט זיינע עקסלאַך, האָט אַ ביסל געלט צונויפגעקליבן, ביז לאַפּין איז איבער אים געקומען און אים איינגערעדט אַ קאָלאָניסט צו ווערן.

אָ! אונטער די פּילאַנטראָפּישע פליגלען האָט ער שוין גאָר אַנדערע לידער געזונגען! ער האָט שוין מעהר קיין שפּאַס ניט געטריבן מיט די שלימזלניקעס! יעצט איז ער אַן אַלטער קאָ־לאָניסט, וואָס באַוויינט דעם חורבן מאַאוריציאָ און האָט שטאַרק חרטה אויפן עבר... מירן נאָך אים באַגעגענען אין אונזער דערציילונג.

משה דיאַדקאָ האָט דאַמאָלסט מיט זיין יאָך־סיסטעם דער קאָלאָניע אַרויסגעהאָלפן.

* * *

די אַרבעט איז לעבהאַפט געגאַנגען. דער ווייץ האָט געגרינט און מ׳האָט געאַקערט אויף מאַאיס און דערביי געזעצט גערטנער.

ס'האָט זיך אָנגערוקט דער היגער פרילינג—סעפּטעמבער, אָדער דער אַרגענטינישער מאַי. וואַרעם, ליכטיג און שיין. די פּאַרזייטע לאַנען ווייץ און ליאָן שפּיגלען זיך אָפּ אַנטקעגן דער זומערדיגער זון אויף ווי ווייט דאָס אויג פאַרכאַפּט. הונדערטער מענשן, יונגע און אַלטע, גרויסע און קליינע, זיינען אויף די גערטנער פאַרשפּרייט און זעצן ציבעלעס... אַלערליי זריעות האָבן די פּוילישע און בעסאַראַבער אָנגעקומענע פרויען מיטגעבראַכט און איינע מיט דער אַנדערער האָבן זיך געביטן:

— נאַ דיר, ראַבע, פּאַסאָליעס צום פאַרזעצן און גיב מיר רעטשקע. לאָמיר כאָטש האָבן אַ ביסל היימישע קאַשע! — אַ מאַכל, נאָך וועלכן מען האָט שטאַרק געבענקט — האָט געבעטן אַ יידענע.

— אָט נעם אַ ביסל היינים-זוימען! — האָט אַ פּוילישע פרוי פאַרגעשלאָגן איר שכנטע.

דאָס לעבן איז זיך מילד און ליבליך געפלאָסן... אומעטום האָט גערעשט, געזשומעט און געברויזט... פון אומעטום האָט עס געטריפט מיט צופרידנקייט און האָפנונג.

ס'זיינען אָנגעקומען די ימים-טובים. אַך, ווי פריילאַך האָט מען געפּראַוועט דעם סוכות! אַקוראַט ווי אַמאָל ביי די אַרענ- דאַרעס אין די דערפער האָט מען אויך דאָ אַ טאָפּ מיט פּראַקעס דער קליאַטשע אויפן האַלז אָנגעהאנגען, און שמחת-תורה איז מען פון איין קאָלאָניסט צום צווייטן אַרומגעגאַנגען יום-טוב- ביטען.

—פון היינט, אַ גוט יאָר! — שרייט מאָזעס שמולטשוק, אַ געזונטער פעסטער דאָרפס-ייד און אַ פלייסיגער קאָלאָניסט, און קערט אַריין מיט איין גאָס דאָס גלעזל ספּירט אין מויל אַריין...

— לחיים! — ענטפערן אים אָפּ אַלע איינוואוינער פון דער גרופּע 41, וואָס האָבן דאַן דעם שענסטן, רייכסטן פּאָסיעוו געהאַט און האָבן יענעם יום-טוב אויף דעם חשבון זיך היפּשליך משמח גע- ווען און לחיים געמאַכט...

אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז פּאַר קאָסעטשע.

LVI

די גאַנצע קאָסטשע אָפּגעפרוירן.

דאָס איז געשעהן דעם 23-טן נאָוועמבער פון 1894.

אַ לויטערע שיינע נאָוועמבער-נאַכט איז דאָס געווען. די גאַנצע גרופּע, אַלע מענער, פרויען און קינדער, זיינען מיר אינדרויסן געזעסן און זיך צוגעהערט צו באַראַבוינעס שפּילן אויף דער גי-טאַרע און צום געזאַנג פון דער יוגנט, וואָס האָט זיך מעלאָדיש געטראָגן פון דער גרופּע 51, וואו ס'האָבן געזונגען וואָלף אדעסערס קינדער, די ערשט-אָנגעקומענע פון רוסלאַנד.

דער הימל איז געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט מיליאָסן שטערנדלאַך; עס האָט געגלאַנצט, געשימערירט און געבלישטשעט. די שטערנדלאַך האָבן זיך שטיפעריש געטוליעט, זיך געפלאָכטי און נעפלאָנטערט אינם ווייסליכן פּאַס, וואָס מען רופט: דער מילך-וועג, און זיי האָבן שעלמיש צוגעוואונקען אַראָפּ צו אונז, אויף דער שוואַרצער ערד.

משה טאַבאַקמאַן, אַ ייד אַ בן-תורה, אַ גאַנצער אַסטראָנאָם, פון חיים זעליג סלאָנימסקים תּלמידים, האָט זיך צו מיר צוגערוקט און מיר גענומען דערקלערן אַ גאַנצן שיעור אין אַ גמרא ניגון.

— זעה נאָר, קוק זיך גוט צו, דאָרט אויבן אין הימל! דו זעהסט? דער „ת י ו" שטייט איבערגעקערט. די „ע ג ל ה" קומט גאָר אויס אין צפון און דער „ע ק ר ב" אין דרום-זייט. „אַ פּאַר-קערטע וועלט איז דאָ אין אַרגענטינע! דער „נ ת י ב ה ל ב ן" איז אויך קוועך... הויב זיך אויף און באַטראַכט נאָר גוט! איך וועל דיר אָנווייזן דעם גאַנצן אַלף-בית אין הימל. נאָר זיי שטייען מיט די קעפּלאַך קאַפּויר...

אַזוי ווי דער אַלטער טאַבּאַקמאַן איז אַן ערשט אָנגעקומענער געווען, און מיר האָבּן איזם זעהר געצאַכטעט, זיינען מיר אַלע שמייכלענדיג נאָכגעגאַנגען דעם אַסטראָנאָמישן משכּיל, וועלכער האָט געשטופּט זיין גמרא־פינגער אין הימל אַריין און אונז אַ לעקציע געגעבּן אין שטערנזועהעריי.

אונזער בּאַראַבּוינאַ, דערזעהענדיג ווי מיר גייען נאָך דעם אַלטן מיט פאַרריסענע אויגן צו די שטערן, האָט זיין גיטאַרע פון דער האַנט אַוועקגעלייגט, איז צו אונז צוגעקומען און מיט אַ זיכערער שטים בּאַשטעטיגט:

— סי, סי, וואַ העלאַר!

מיר האָבּן זיך אַלע צעלאַכט.

— וואָס זאָגט דאָרט דער אַרגענטינער? — האָט דער אַלטער אַסטראָנאָם נייגעריג געפרעגט.

מיר האָבּן איזם דערקלערט: דער גאַאוטשאָ מיינט, אַז ער ווייזט אויף די שטערן, אַז עס וועט אין דער נאַכט פרירן און ער איז מסכּים, בּאַשטעטיגנדיג, אַז עס וועט ווירקליך זיין אַ פראָסט.

— און איר זיינט זיכער אַז ניין? — האָט אונז דער אַלטער געפרעגט. — איר געפינט זיך דאָך שוין אַ פּאָר יאָר אין לאַנד... ס'איז דאָך דאָ אַן אמת פאַרקערטע וועלט: בּיי אונז איז יעצט ווינטער און דאָ איז זומער...

— רבּונו של עולם! — האָט אַרויסגעפּלאַצט די קאָלאָניסטקע לעווענזאָן: — היט אונז אָפּ, גאָט! דער פּאָסיעוו איז איצט אין סאַמע בּליהונג, אין סאַמע מילך, איין לייכט פרעסטל וועט פון אים אַ תּל מאַכן! מירן גיין קאַפּוט מיט אונזער אַרבּעט...

אַלע זיינען אויפגעציטערט געוואָרן, דערהערנדיג דער פרויס רייד. יעדן איינעם איז עפּעס קיל געוואָרן אויפן האַרצן. יעדערער האָט מיט אומעט דעם לעצטן בּליק געוואָרפן אויף די בּליאַסקענדע שטערן און איז פאַרטראַכט און שווייגזאַם שלאָפן געגאַנגען.

— אַ פראָסט! — האָט זיך אין דער פריה צעטראָגן דער בּיטערער קלאַנג איבּער דער גאַנצער קאָלאָניע.

— מאַראַז! — שרייט ווינאַרסקי און קלאַפּט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ. — אַ ווייסער פראָסט איז די נאַכט אויסגעפאַלן!
— האָבן פילע קאָלאָניסטן געקרעכצט. — די קאָסעטשע איז פאַר־לוירן.

די פנימער זיינען ביי אונז אַלע שוואַרצער געוואָרן פון קוילן. די, וואָס זיינען שפּעט אויפגעשטאַנען פונם געלעגער, האָבן זיך גאָר ניט געוואָלט גלויבן, אַז ס׳איז געווען אַ פראָסט. מען איז אויף די פעלדער געלאָפן, געטאַפּט די קעפּלאַך פון דער תבואה, אָבער וואָס האָט מען דאַמאָלסט דען געוואוסט? ערשט אַרום מיטאָג צייט האָבן די אוגערקע־בלעטלאַך דעם אמת דערציילט: ס׳איז טאַקע געווען אַ פראָסט כדין! די צאַרטע אוגערקע־פלאַנצן האָבן זיך איינגעשרומפּן, זיינען שוואַרץ געוואָרן, אָפּגעסמאַלעט פון קעלט און פאַרוויאַנעט געבליבן. צוגעבאַקטע פון דער נאָוועמבר־זון האָבן זיי זיך פאַרגעלטע, פאַרשעמטע אויסגעלייגט אויף דער ערד.

אין עטליכע טעג אַרום האָט מען שוין אויפן פעלד באַמערקט פילע טויטע זאַנגען. אַנדערע זיינען בלייך געוואָרן און, ווי קראַנקע, האָבן זיי הכנעהדיג זייערע קעפּלאַך אָנגעבויגן אַנטקעגן די יונגע, געזונטע זאַנגען, פונקט, ווי איינער זאָגט: „מיר מוזן גיין! די קאַלטע ווייסע פעסט האָט אונז געפּאַקט! זייט געזונט, חברים, ס׳איז ניט באַשערט!“

אין אָנהויב האָבן מבינים דעם שאָדן פונם פראָסט אויף דרייסיג פּראָצענט געשאַצט. אָבער ביים דרעשן האָט זיך דער חורבן אַרויסגעוויזן. ס׳איז פאַרבליבן כמעט שטרוי.

מיט טרערן און צער האָט מען דעם ווייץ געשניטן. פאַר־שטומט זיינען געוואָרן די פרייליכע שניט־לידער. מען האָט גע־פילט אָן דער גרינקייט פון די סנאָפּעס, אַז זיי אַנטהאַלטן פּאָלאָווע און אַז אונזער חיונה פונם יאָר איז מיטן פראָסט אַוועק... די דרעש־מאַשינען האָבן פאַר־פאַנעגע ניט געוואָלט דרעשן און מ׳האָט זיי געמוזט צאָלן אין הורט, פאַר יעדער פאַרווע אָדער סטויג באַ־זונדער אָדער הונדערט פּעזאָס אַ טאָג. מען האָט אַרויסבאַקומען

צו עטליכע זעק „טריגיזשאָ“, אַן אָפּפאַל, וואָס ניצט ניט אויף קיין ברויט.

און דרעשן האָט זיך דאָך געגלוסט: אולי, אפשר?

פון מיינע פערציג העקטאַר ווייץ, פון די 90 מעטר לאַנגע, אויף פינפטהאַלבן ברייטע סטערטעס, וואָס כ׳האָב צוזאַמענגעפירט, האָב איך 235 זעקלאַך אָפּפאַל אַרויסבאַקומען. ס׳האָט אַפילו די שפעזן פון דער אַרבעט ניט אָפּגעצאָלט!

די פריילעכקייט איז פון דער קאָלאָניע פאַרשוואונדן. אַ ביטערער יאוש האָט גענומען נאָגן דאָס האַרץ. דערצו האָט נאָך צוגעשפילט דער דערשלאָגענער מקח: סיי פון ווייץ, סיי פון מאַאיס איז דער פרייז געפאַלן—דריי פעזאָס מיט 20 ביז 60 סענט די 100 קילאָס ווייץ איז דאַמאָלסט געשטאַנען. אונזער פאַראַיאָריגן מאַאיס, וואָס מיר, די חכמים שפעקולאַנטן, האָבן נאָך ניט געהאַט פאַרקויפט, האָבן מיר געמוזט איבערשיטן אין נייע זעק, זיי אָפּפירן קיין קאַסאַרעס און דאָרט פאַרקויפן אויף צו 1,63 פעזאָס די פאַנעגע.

נידערגעשלאָגן, שוואַרץ, ווי די ערד, זיינען די קאָלאָניסטן פאַרקלאָגטע אַרומגעגאַנגען.

— מיר זיינען ווידער נאָר אויף דער פאַרשאָלטענער סובסידיע אָנגעוויזן, אויפן יושר פונם באַראָנס משרתים אויסגעזעצט. ווייטער נעמען שטיצע, דאָס פאַרשעמטע און דערנידערנדיקע ברויט! — האָט מען געקרעכצט.

די ווינציגע, וואָס האָבן דעם פּאָסיעוו געמאַכט שפעט און וועלכן דער פראָסט האָט ניט געשאַדט, האָבן פאַרן שניט אַ גרויסן האָגל פאַרזוכט, נאָך גרעסער ווי דער ב ר ד אין פרעהס צייטן... ס׳האָט צעקלאַפּט די שפעטע תבואות. צו 600 גראַם אַ שטיק אייז האָבן מיר דאַמאָלסט אָפּגעוואויגן. דער האָגל האָט דערהרגעט אַ סך עופות און יונגע קעלבלאַך. מענשן אין פעלד זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

— שלעכט, ביטער, דאָס איז גאָר קיין פרנסה ניט, — האָבן געוועזענע קרעמער פאַרזיכערט.

— מען געטרויט איר צופיל, דער שוואַרצער מאַדאַם ערד! — האָבן מעקלער און הענדלער פון אַדעס און קיעוו געטענהט. — זי באַנקראָטירט...

די אַרבעטזאַמע יידן, האָראָפּאַשנע מענשן, ווי, למשל, יענקל בעל־עגלה פון זוואָניץ און ליפּא בער פון מעכליפּאָלנע, דאַן געוועזענע טאָגלוינער פונם „פּערעסיפּ" אין אַדעס, אָט די האָבן באַלד קלעק געשפּיגן אויף דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע און געפּלוכט דעם באַראָן מיט זיין הויכן אידעאַל... זיי האָבן גלייך גענומען די אַדמיניסטראַציאָנס וועגן מיט די אָקסן, זיינען אַוועק זוכן אַרבעט אין דער פרעמד און טאַקע מער צוריק אין דער קאָלאָניע ניט גע־קומען...

שלמה פליט, דער פאָטער פון אַ גרויסער אַרבעטסזאַמער פאַ־מיליע און אַליין אַ גבר, איז אַרויס קיין קאַסאַרעס און דאָרט אַ טרעגער געוואָרן. עד־היום פירט ער די קאָלאָניסטישע רענצלאַך פון און צום באַן.

— ביי אַ קאָלאָניסט איז דרייסיג סענט פאַר אַ קלומעקל אי־בערגענונג — דרינגט ער: — דאָך פאָרט אַ געוועזענער חבר, זיך צוזאַמען אין דער „מאַטושקאַ" געשטיקט...

אין קאָלאָניע זיינען פאַרבליבן די אידעאַליסטן און בעלי־מטופּלים — מיטן קליינוואַרג... די ערשטע האָבן ניט געוואָלט און די לעצטע זיך ניט געקאָנט רירן פונם אָרט.

מען האָט אַן אַסיפה פאַררופן און אַ בקשה געשיקט אין דער דירעקציע, אָבער קיין תשובה איז ניט געקומען. דער תכשיט בראַנדעס האָט אויף אונזער אומגליק פשוט געטאַנצט.

פון שטענדיג אָן און נאָך אַפילו היינט זיינען די באַאַמטע שטאַרק צופרידן מיט דער קאָלאָניסטישער אָרימקייט און האָבן גרויס נחת, ווען דער קאָלאָניסט איז אין דחקות... וואָס פאַר אַ שקרים בראַנדעס האָט דאַן געשריבן צו די אדונים דירעקטאָרן, דאָס האָבן מיר ניט געוואוסט: נאָר קיינער איז פון זיי ניט געקו־מען, האָבן פון זיך ניט געלאָזט הערן און מיר זיינען הפקר געוועזן.

— מאַכען זי, וואַס זי וואָלען ? — האָט בראַנדעס געענטפערט.

— זי האַבען די „קאָסעטשאַ“ פערלאָרען, נון, איזט וואַס ? זאָ ווי זאָ ווערדען זי נאָך פילע יאַרע אונטערשטיצונג בעקאָמען : יאַ, נאָך פילע, פילע יאַרע ! — און דערביי האָט ער זיך צעקייכט פאַר געלעכטער און פון אונז אָפּגעשפּאָט און חוזק געמאַכט.

ס'איז שלעכט געוואָרן. דער פעסימיזם האָט זיך געשטאַרקט, זיך צעוואַקסן, אַריינגעדרונגען אין אַלע חושים און אַלע געפילן פאַרלעצט, די שטאַרקסטע גייסטער פאַר שוואַכע געמאַכט...

— „אין מזל לישראל !“ — האָט זיסיע ראַבין, אַ קאָלאָניסט, אַ גרויסער חכם און אַ פיינער רעדנער, דאַמאָלסט געשריגן אויף דער אַסיפה, וואָס איז געווען אין דער שול — מען האָט דאָס צוויי־געלע אויף אַ פרעמדן באָדן פאַרפלאַנצט : ניט דאָ איז דער פלאַץ פאַר אונז ! וואָס פאַר אַ ליבע, וועלכע האָפנונג קאָן אונז האַלטן צוגעבונדן צום היגן באָדן ? וועלכע פעדים קאָנען אונזערע נשמות דאָ צוקניפּן, אום מען זאָל קאָנען איבערטראָגן אַלע שווערע קאַ־טאַסטראָפעס, וואָס די ווילדע נאַטור האָט דאָ צוגעגרייט פאַר אַגרי־קולטור? וואָס קאָן דאָ באַמוטיגן דעם קאָלאָניסט, אום ער זאָל קאָ־נען פאָרזעצן זיין גאַנג אין דעם דאָזיגן שווערן ערליכן לעבנס־וועג. דאָס לאַנד איז אַ קאַטויליש : מיר געפינען זיך אין אַ מדינה, וואָס האָט פון שפּאַניע איר יניקה געצויגן און וואו עס פילט זיך נאָך אַלץ דער ריח פון די געסמאַלעטע ביינער פון אונזערע אור־עלטערן, וואָס די אינקוויזיציע האָט דאָ, אין אַרגענטינע פאַרברענט ! אין טוקומאַן אָדער קאָרדאָבאַ שטייט נאָך אַלץ די אויטאָ־דאַ־פע, דער שייטערהויפן, אויף וועלכן אונזערע קדושים זיינען על קידוש השם אומגעקומען אונטער די היגע בלויע הימלען !“ (מענגליך, אַז דער רעדנער האָט דאָ אַ ביסל איבערגעטריבן: מחמת, ווי די היסטאָ־ריקער פאַרזיכערן, איז קיין „ברען־אויוון“ פאַר קעצער דאָ, אין אַרגענטינע, קיינמאָל ניט אויפגעשטעלט געוואָרן. דאָ זיינען נאָר געווען קאַזעמאַטן און תפיסות, וואו מ'פלעגט דעם „אַפּיקורוס“ האַלטן און פייניגן : ווי למשל אין די קעלערן פון קלויסטער „סאַן דאָמינגאָ“ אין בוענאָס־איירעס, און דעם פאַראורטיילטן פלעגט מען

איבערשיקן קיין לימאַ, פּערו, צום פֿאַרברענגען: ווייל נאָר דאָרט האָט די אינקוויזיציע אויפֿגעהאַלטן די אויטאָ־דאַ־פֿע פֿאַר דער גאַנצער שפּאַניאָלישער דרום־אַמעריקע).

— „קיין איין גוטן טאָג האָבן מיר נאָך דאָ ניט געהאַט! — האָט דער צעהיצטער רעדנער ווייטער גערעדט. — ווייזט זיך אָפּטמאָל עפּעס אַ שטיקל האָפענונג, דאַן קומט שנעל די ווירקלעכקייט און מאַכט דערפֿון אַ תּל... די קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע איז בלויז אַ גרויסע אילוזיע, אַ פֿאַנטאַזיע און אפשר נישט מער ווי אַ קאַפּריז פֿון אַ רייכן גוט־האַרציגן באַראָן!... צו אים דעפּעשירן? זעט איר דאָך, אַז ס'איז אומזיסט. ער ענטפֿערט ניט. לאָמיר בעסער שיקן אַ דעלעגאַציע צו אים קיין פּאַריז און דאָרטן פּועלן, אַז ער זאָל אונז פֿון דאַנען אַריבערפֿירן"...

ראַבין אין דאַמאָלסט אויף אַ טיש געשטאַנען און ווי אַ נביא נביאות געזאָגט. זיין הדרת פּנים, די שוואַרצע באָרד, די גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן די קאָלאָניסטן היפּנאָטיזירט... און ווייל ער האָט נאָך דערצו געהאַט אַ סך קרובים און מחותּנים, האָבן זיינע רייד שטאַרק געווירקט... שפּעטער איז ער מיט איינ־גע פֿון זיינע קרובים טאַקע אַוועק קיין פּאַריז און פֿון דאָרט קיין ארץ ישראל...

די לאַגע איז געוואָרן שלימער פֿון טאָג צו טאָג. פּשוט אומערטרעגלעך. פֿיל קאָלאָניסטן האָבן אָנגעהויבן אויסצופֿאַרקויפֿן אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט, אַפֿילו דעם באַראָנס אָקסן און דעם רעמאַנענט און אַ ויברח געמאַכט...

מען האָט אין דער קאָלאָניע נאָר געזעהן פֿאַרצווייפֿלטע און פֿינסטערע פּנימער.

LVII

„וויר ברויכן קיינע קלוגע״.

פיל אומגעדולדיגע האָבן גלייך אַרויסגעוויזן דעם גייסט פונם בחפזון-ייד, האָבן אַליין אויפן פעלד איבערגעלאָזן און זיינען נעלם געוואָרן פון אונז. . .

צווישן די זיינען געווען די אָנשטענדיגסטע משפחות, ווי הירש גאָטליב און פנחס כהן; דאַן אויך די פאַמיליעס לאַנדאַ, קרימענטשוג און העלמאַן.

די קאָלאָניע איז שיטערער געוואָרן. מען האָט אין די גרופּעס געזעהן לעדיגע, פינסטערע „ראַנטשאָס״, און פלוגעס, ווי בראָנעס, האָבן זיך געוואַלגערט הפקר אויף די פעלדער.

בראַנדעס, ווייזט אויס, האָט זיך דערשראָקן און, אַפּנים, די אַדונים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די קאָלאָניע וועט שנעל לעדיג פאַרבלייבן, און ס'איז פלוצים אַרויסגעגאַנגען געוואָרן אַ צירקולאַר, אַז מען וועט יעדן קאָלאָניסט אַרויסהעלפן מיט אַ סומע פון 200 פעזאָס, בכדי מען זאָל דערמיט קאָנען דעקן דעם פאַרלוסט, וואָס דער פראָסט און האָגל האָבן פאַראורזאַכט אין דער קאָסעטשע. ס'וועט אויך אַ יעדן אַרויסגעגעבן ווערן זריעה פון ווייץ, כדי צו קאָנען ווייטער זייען.

דער קאָלאָניסט האָט נאָר געדאַרפט אָנשרייבן אַ בקשה אין דער דירעקציע: שריפטליך פאַרזיכערן, אַז ער פאַרבלייבט אויף ווייטער אַן אַקערבויער — דאַן איז אים די הלואה געמאַכט געוואָרן.

די ערשטע, וואָס האָבן זיך צוגעאיילט, האָבן די הלוואות טאַקע באַקומען, אָבער ווען די איבעריגע האָבן דעם ביישפּיל נאָכגעטאָן

און האָבן אויך בקשות געשיקט, איז אָנגעקומען אַ שטרענגער ענטפער.

קאָנטראַקטן! „קיין איינציגער וועט ניט ווערן אָנערקענט אַלס קאָלאָניסט און וועט ניט קאָנען אויסניצן די טובות פון דער יק״א, אַזוי לאַנג, ווי ער חתמעט ניט אונטער דעם קאָנטראַקט מיט דער געזעלשאַפט!״ — דאָס האָט דער באַפעל געלויטעט.

— מיר וועלן ניט אונטערשרייבן! — האָבן זיך די קאָלאָניסטן ווידעראַמאָל איינגעעקשנט. — דער באַראָן איז ניט קיין וואָכער-ניק, ער וועט ניט פאָדערן קיין עיסקא...

— ס'איז אַ ליגן! דער שענדליכער קאָנטראַקט מיטן פאָר-שריפט פון פינף פראָצענט פון דער מאָה יערליך שטאַמט נישט פונם באַראָן! דאָס איז זייער אַרבעט, דאָס איז די טאַט פון די לאָקאַלע אדונים! מען נאַרט אונז אָפּ! — אַזוי האָט געדרונ-גען די דעלעגאַטן-קאָמיסיע.

ווידער איז אַ טומל און גערודער געוואָרן. די פאָר, וואָס האָבן נאָך פריהער דעם קאָנטראַקט אונטערגעשריבן, זיינען פון אַלע קאָלאָניסטן פאַרהאַסט און פאַראַכטעט געוואָרן. מען האָט זיי אויסגעמידן, אויף זיי פשוט געשפיגן... „פאַרקויפטע נשמות״! — האָט מען זיי אַ צונאָמען געגעבן.

אסיפות האָט מען פאַררופן, רעדנער האָבן געהיצט, און בראַנ-דעם האָט אַליין מיטגעטיילט דורך זיינע ראַפּאָרטן צו דער גענעראַל-דירעקציע.

אַזוי האָט זיך געטומלט עטליכע חדשים נאָכאַנאַנד.

אין מיין אַלט ביכעלע „זכרונות מאַאוריציאָ״, איז פאָלגענדעס פאַרצייכנט פון יענעם פעריאָד:

ענדע פון חודש יוני בין איך אַראָפּגעפאָרן צו בראַנדעסן, אום ביי אים צו בעטן „סעמיזשאַ״ פון ווייץ און „סולפאַטאָ דע קאָברע״ צום וואַשן די זריעה.

מיין „אַמיגאָ״ שולץ, אַ יונגער דייטש, מיט זעהר צאַרטע געפילן, וועלכער האָט ביי בראַנדעסן אין ביוראָ די קאָרעספּאָנדענץ געפירט, האָט פאַרטרויליך צו מיר געזאָגט:

— פּרוּבּירט אייך אפילו ניט בּיי אים סעמיזשאַ צו בּעטן, ער איז אַ געמיינער אינטריגאַנט, אַ לומפּ... — און בּסוד סודות האָט ער מיר געוויזן די קאָרעספּאָנדענץ פון דער יק"א, פון וועלכער איך האָבּ ציטנווייז קאָפּיעס אַראָפּגענומען.

אָט האָט איר דעם בּריוו נומער 1041:

„בּוענאָס איירעס, קאַזשע סאַנטאַ־פּע 1063.
דעם 7־טן יוני, 1895.

סעניאָר בּראַנדעס,
אַדמיניסטראַטאָר פון דער קאָלאָניע מאַאוריציאָ.

„איר זאָלט מעלדן דעם קאָלאָניסט אַ ד אָ ל ף ר י י צ י ן, אַז „אויבּ ער וועט ווייטער אָנהאַלטן זיין פּראָפּאַגאַנדע צווישן די קאָ־„לאָניסטן, זיי זאָלן די קאָנטראַקטן ניט אונטערשרייבּן, וועלן מיר „געצוואונגען זיין אים פון דער קאָלאָניע אַרויסצושמייסן..."

אַן ענליכן בּריוו, נאָר עטוואָס איידעלער געשריבּן, איז אויך אָנגעקומען צום ד"ר וועקסלער, מיט אַ ווארנונג, אַז ער זאָל זיך ניט מישן אין די אַדמיניסטראַציאָנס אָנגעלעגנהייטן. ער דאַרף נאָר זיך אָפּגעבּן מיט סאַניטאַרישע ענינים און נישט מער...

„מיר בּרויכן קיינע פּאָליטיק־טרייבּער אין דער קאָלאָניע" ענדיגט זיך דער בּריוו, אויף וועלכן עס זיינען אונטערגעשריבּן געווען בּיידע דירעקטאָרן: ה י ר ש און ק אַ ז ע ס.

די דאָזיגע בּריוו קאָן מען נאָך היינט אויך אויסגעפינען אין אַרכיוו פון מאַאוריציער אַדמיניסטראַציע.

נאָך איינגע בּריוו פונם זעלבּן סטיל האָט מיר דער פּריינטליכער ש ו ל ץ דאַמאָלסט געוויזן.

וועגן ג ר י נ בּ ל אַ ט ן פון דער גרופּע 51, אויך אַ דעלעגאַט אין אַ קענגער פון די קאָנטראַקטן, איז אָנגעקומען אַ בּאַפעל, אַז מען זאָל אים גנזעצליך אָפּשרייבּן, ע מ בּ אַ ר ג י ר ן דעם מאַאיס, וואָס ער האָט און אויך ז י י נ ע א י י ג ע נ ע מילך־קיה, וואָס ער פאַרמאָגט. אַז ער זאָל גלייך אָפּצאָלן אַלע שפּעזן פון דער קאָ־כעטשע פונם יאָר 1894־5, וואָס איז אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען.

דאָס זאָל תּיכּף געשעהן. „למען ישמעו ויראו“... די אַדמי־ניסטראַציע האָט עס כּנהוג אַדורכגעפירט. מען האָט גרינבלאַטס אָרימקייט „עמבאַרגירט“ און בײַ אים אַליץ צוגענומען...

ווען מיר איז אויסגעקומען דעמזעלבן טאָג צו רעדן מיטן יע־זואיט, דעם פּראָפעסאָר חייאים, האָב איך אים אויפמערקזאַם גע־מאַכט אויפן אומרעכט, וואָס מען האָט אָנגעטאָן גרינבלאַטן. האָט ער מיר אויף זײַן מיידלשן דין שטימקעלע געענטפערט:

— אָ! איר זײַנט אויך אַ גאַנצער חכם, אַ קלוגער! וויר ברויכן היר קיינע קלוגע! זאָלן זיך די אַלע קעפּ, די אָנפּי־רער און טאָן־געבער ווייטער גיין! וויר ברויכן היר בלויז אַרבע־טער, איינפאַכע רוהיגע און געהאָרכזאַמע לויטע...

דאַמאָלסט בין איך אָהן סעמיזשאַ אַהיים געפאָרן און אַ גאַנצן וועג שטאַרק איבערגעטראַכט. אין מיינע רעיונות האָבן זיך געפּלאָנ־טערט אַלערליי פראַגן, פול מיט ספקות: „ווער ווייסט? אפשר איז דאָס גאָר אינגאַנצן עפּעס אַ שווינדל? אפשר איז טאַקע גאָר קיין באַראָן ניטאָ: ס׳איז גאָר קיין פילאַנטראָפּיע ניט און מען דאַרף אַנטלויפן צוגלייך מיט אַלע איבעריגע בורחניקעס?“...

ס׳קאָן זײַן, אַז איך וואָלט דאַמאָלסט אויך אַנטלאָפן, ווען ס׳וואָלט גראָד ניט אָנגעקומען דער הער לאַפּין.

LVIII

דער דיקטאַטאָר יהושע לאַפּין·

ניט ווי פריער מיט אַ יאָר צוריק, רייטנדיג אויף אַ קליאַטשע, אַלס אָרים ליטוואַקל, אַן אַגראָנאָמל מיט אָפּגעריבּענע כאָליעוועס, איז דאָס צווייטע מאָל צו אונז לאַפּין אָנגעקומען; נאָר אַלס הערשער, אַלס אדון, דער קייזער לאַפּין... האָבּנדיג אַ פולמאַכט פונם באַראָן הירש אַליין, איז ער געקומען אַלס „סאַמאָדערזשאַוועץ“ צום בּאַפעלן איבּער לעבּן און טויט... צו שאַפן, וואַרפן, בּויען, טון, וואָס זיין האַרץ וועט גלוסטן...

אין קאָלאָניע רעשט, עס קאָכט און עס זידט, און דער דיקטאַטאָר האָט געטאָן ווי אַן עכט רוסישער נאַטשאַלניק: האָט צוערשט אָנגעיאָגט אַ מורא אויפן עולם, האָט אַ פּחד, אַ טעראָר אויף יעדן אָנגעוואָרפן און אַזוי אַלעמען אין האַנט באַקומען..

ער אַליין האָט פון צווישן די קאָלאָניסטן אויסגעקליבּן אַ קאָמיסיע, זיי געקרוינט מיטן טיטל פון פאָרשטייער, אום זיי זאָלן אים מיטהעלפן זיינע פּלענער אַדורכצופירן.

בּאמת זאָגנדיג, איז ער געווען אַ גרויסער פּאָליטיקאַנט און האָט אונזערע יידעלאַך גוט געקענט... געוואוסט האָט ער אויך, אַז כּדי צו האַקן די בּוימער פון וואַלד, מוז מען דאָס הענטל נעמען פון דיזעלבּע בּוימער... די האַק אַליין, אָהן דעם הילצערנעם הענטל — האַקט נישט.

אַלס זיין ערשטן מיניסטער און בּעל־יועץ כּלומרשט האָט ער געמאַכט טאַקע דעם גרעסטן פּראָפּאַגאַנדיסט קעגן דער יק״א. ער האָט אים אַוועקגעשטעלט אַלס ראש פון זיין קאָמיסיע און

דערצו נאָך אים אַ שטעלע צוגעזאָגט אין זיין רעגירונג... דער־מיט האָט ער צווייפאַך געוואונען: געפּטרט אַ קעננער און באַ־קומען אַ מיטהעלפער, וואָס זוכט ניט מער ווי אַביסל כּבוד און האָט פון כאַראַקטער אויס פּשוט ליב די נאַגאַיקע אין האַנט צו האַלטן, טופּען מיט די פיס אויפן רוסישן שטייגער און זיך בייזערן אויפן אָרימען אימיגראַנט...

אַלס צווייטן מיניסטער האָט ער גענומען זיינעם אַ בן־עיר, מעגליך נאָר דערפאַר, אום ער זאָל זיין גדולה באַשרייבן און שיקן ידיעות קיין גראָדנע, אין דער ליטע, וועגן דעם אדונס באַרמהאַר־ציגקייט...

נאָכן דריטן טשינאָווניק האָט ער זיך אין אַ הינטער־געסל אַראָפּגעלאָזן, כּדי דאָרט צו געפינען אַ י י ד פ ו נ ם ש ט ע ט ל... אַ שטיק פרומאַק, וואָס האָט געשמעקט טאַבאַק, גענלאָצט מיט די אויגן צום הימל און בפּשטות געמיינט, אַז יעדער ווייבל מיט איינגענע האָר, אָדער אַ מאַנסבל מיט אַ געשווירענער באָרד, זיינען ר״ל שרעקליכע אַפּיקורסים, און מען מוז זיי אַרויסשיקן פון דעם נייעם, פרומען, גאָטספאָרכטיגן ישוב, וואָס ווערט בלויז געגרינ־דעט אַלס פּרוזדור צו ארץ ישראל... ער האָט נאָך שטאַרק אמונה געהאַט אין גאָלדשמידס הבטחה.

אָט די דאָזיגע דריי זיינען ביי אים געווען די הויפּט־מיניס־טאָרן. אַלס פערטן האָט ער גענומען פון די תּמימים, אַ פּשוטן אָרנטליכן קאָלאָניסט מיט אַ הדרת פּנים — אַן אמת כּשרער פאַ־רעווער ייד, ניט מילכיג, ניט פליישיג. דאָס איז ווירקליך געווען ניט קיין פיש און ניט קיין פלייש. ער האָט נאָר באַדאַרפט פּאָטאַקעווען אויף אַליץ, וואָס די ערשטע דריי האָבן געזאָגט, ענט־פערן מיט „בוענאָ" אויף אַלע באַשטימונגען און נישט מער...

אַלס פינפטן פון דער קאָמיסיע, האָט ער אויסגעקליבן אונזער שוחט י צ ח ק ק ר ע ל, אפשר בלויז דערפאַר, אום ער זאָל אַ ברכה מאַכן אויף דער שחיטה. אָט דער איז שטענדיג געווען אַן ערליכער ליטוואַק, אַ תּמימותדיגער מה־יפית־ייד, מיט באַ־וואַקסענע אויערן און נאָז, וועלכער האָט גרויס כּבוד געלייגט אויף

יעטווידן לומפּ, וואָס האָט נאָר אַ גלאַנצנדיג קנעפּל געטראָגן, אָדער עפּעס אַ „טשין" געהאַט.

אָט מיט די דאָזיגע פינף ראשים האָט ער דעם נייעם מזבח פון דער קאָלאָניזאַציע אויפגעבויט און דאָס שלאַכטעריי האָט אָנ־געפאַנגען.

דער כהן גדול, לאַפּין אַליין, האָט פאַר זיין אייגענעם ריח ניחוח שוין צוגעגרייט דריי קרבנות, וועלכע ער האָט נאָך מיט אַ יאָר פריהער אין זיין ביכעלע פאַרצייכנט. מיט זיי האָט ער „חנוכת המזבח" געמאַכט.

ישראל ליסין, משה סאַפּיאַן און מאיר האָניק, — זיינען גע־פאַלן אַלס די ערשטע קרבנות.

די קאָמיסיע־לייט האָבן די הענט אויף זייערע קעפּ אַרויפ־געלייגט, סמיכה, ווי דער דין איז, געמאַכט און זיי גלייך אָפּגע־קוילעט.

אָהן טענה־ומענה, זיי אפילו פאָראויס ניט מעלדנדיג, ניט לאָזנדיג זיי אַ וואָרט אויסרעדן, האָט מען די דריי משפּחות אַרויס־געשליידערט אויף די פורן און פון קאָלאָניע משלח געווען.

דעם אַלטן קלוגן ליסין מיט זיין גאַנצער פאַמיליע האָט מען אין צוואַנציג מינוט אַרויסגעשיקט. אַ געפערליכער מענש איז טאַקע אָט דער זקן געווען, אַ שרעקליכער רעוואָלוציאָנער...

לטובת הקאָלאָניע, כדי עס זאָלן קיין בונטן ניט זיין, האָט די קאָמיסיע אויסגעפונען דוקא ביי ליסינס מחותנים אַליין, אַז ער טאָר מער ניט זיין צווישן די קאָלאָניסטן...

דער צווייטער, משה סאַפּיאַן, איז לויט זייער צושטימונג גע־ווען אַ מורדישער גייסט. כסדר היצט ער רק די קאָלאָניסטן... אַ דעפּוטאַציע צום באַראָן וויל ער גאָר אַז מ׳זאָל שיקן... שטענ־דיג האָט ער, אַגב, נאָר טענות: ווי קומט עס, אַז אַזאַ נדיב־לב ווי דער באַראָן זאָל די בלינדע שאָף איבערגעבן אין די שאַרפע נעגל פון אַזעלכע וועלף? איז געגאַנגען ברודערל! דיך דאַרף מען ניט, די קאָלאָניע דאַרף זיין אַ תמימה!..

דער דריטער, מאיר האָניק, איז סתם געווען אַ שרייער, פֿאַר יעדער עולה האָט ער קולות געמאַכט. ער האָט אומרעכט ניט געקאָנט ליידן. האָט נאָך מיט אַ יאָר צוריק לאַפּינען באַליידיגט, אים דעם ביטערן אמת אין פּנים געזאָגט...

אָט די דריי האָט לאַפּין אויף זיין חשבון גענומען. פֿאַר זיין אייגענער נשמה מקריב געווען און אַזוי אַרום אָפּגעווישט אַן אַלטן חטא...

די קאָלאָניע האָט אויפגעציטערט. די יעניגע, וואָס זיינען פֿריער געשטאַנען גרייט, אַליין איבערצולאָזן און אַנטלויפֿן, זיינען איצט, ווי אמתע קינדער פֿון אַן עם קשה עורף, אויף צו להכעיס דוקא פֿאַרבליבן.

— מיך וועט מען אַרויסשמייסן? מיך אַרויסשיקן? מיך צווינגען דאָס לאַנד צו פֿאַרלאָזן? אָט־אָ־דער ליטוואַק, אָט די דאָזיגע פּיספּאַקעס ? ! היה לא תהיה ! אָ, ניין ! איך וועל זיך ניט לאָזן !

אַזעלכע קולות האָט מען פֿון אַלע זייטן געהערט.

די קאָלאָניע איז ווידער איינגעהילט געוואָרן אין אַ פֿאַרביטערטער פֿינסטערניש. אַ בייזע מורא, געמישט מיט אַ פֿאַרגיפֿטעטן האַס, האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. אויף יעדנס פּנים איז אויסגעגאָסן געווען אַ מרה־שחורה...

דער דיקטאַטאָר לאַפּין אַליין, שטילנדיג זיין כּעס מיט די דריי קרבנות, האָט זיך תּיכּף די הענט אָפּגעוואַשן און געוואָרן אַ צדיק תּמים... ער האָט בלויז באַפֿוילן דער קאָמיסיע, אַז יעדער איינער זאָל צושטעלן אַ באַזונדער צעטל פֿון די יעניגע, וואָס ער געפֿינט אַלס שעדליכע פֿאַר דער קאָלאָניע און וואָס לטובת הכּלל ווערט געפֿאָדערט, אַז מען זאָל זיי אויסרוימען... און ווער ווייסט? אפשר האָט ער עס טאַקע געמיינט ערנסט און קיין־שום זייטיגע פּניה דערביי ניט געהאַט !

די דריי הויפּט־ראשים האָבן נאָך דריי טאָג בדיקה אין דער קאָלאָניע, יעדער איינער באַזונדער צוגעשטעלט אַ צעטל פֿון די זינדיגע, וואָס מען מוז פּטרן... דער שוחט האָט זיך פֿון דער

דאָזיגער אַרבעט אָפּגעזאָגט, באַמערקנדיק, אַז אין זײַן „תּבֿואַת שור"
האָט ער אַזאַ שחיטה ניט געלערנט.

דער תּמעוואַטער פּאַרעווער קאָלאָניסט האָט עס פּשוט ניט
געוואָלט טאָן:

— וואָס געהט מיר אָן, וואָס ער איז אין דער היים געווען ? —
האָט ער צו לאַפּינען געזאָגט, — ס'איז דאָ פּאַראַן אַ פערד־גנבֿ
פון אונזער דאָרף, וואָס לייגט איצט דעם רבינו תּמס תּפֿילין און
איז באמת אַ בעל־תּשובֿה געוואָרן...

ער, דער פּשוטער ייד, האָט נאָר אָנגעוויזן אויף די דריי
זונות, וואָס זיי מוז מען אַרויסשיקן, און נישט מער.

ווען לאַפּין האָט די דריי לאַנגע צעטלעך פון די הויפּט־דעלע־
גאַטן אַדורכגעקוקט, האָט זיך זײַן הויכער שטערן צונויפגעצויגן
און ווי טיטוס צו די אַנטיאָכער, האָט ער זיי געענטפערט:

— וואוהין זאָל איך זיי אַלע פאַרטרייבן ? וואוהין האָבן זיי
דען צו גיין ?

זײַן אַדיוטאַנט נאָרמאַן, אַן אַגראָנאָם און שפּעטער אַד־
מיניסטראַטאָר, וועלכן מ'האָט אַ צונאָמען געגעבן „לאַדנאָ",
מחמת אויף פּרייד און לייד, אויף גוטס און שלעכטס, פלעגט
ער שטענדיק ענטפערן: לאַדנאָ; בעת לאַפּין האָט אים געוויזן
די צוגעשטעלטע ליסטע פון דער קאָמיסיע, האָט ער, ווי זײַן
שטייגער איז געווען, געענטפערט:

— לאַדנאָ! לאַדנאָ! מיט וועמען זשע וועלן מיר דאָ פאַר־
בלייבן ?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ יעדער פון די נאָבעלע
„ראשים" האָט בלויז אָנגעוויזן אויף זײַנע נאָהענטע שכנים, אום
פון זיי ערלייזט צו ווערן... גרויסע אויגן האָט דער מענש!
די גאַנצע ערד איז אים קאַרג! קינ'ס ירושה. זיי האָבן אויך
געזוכט אײַנצושלינגען אַלע חלקים ערד פון זייערע שכנים!

לאַפּין האָט שנעל אײַנגעזעהן די אײדלקייט פון אונזערע
קהלסלייט און האָט קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט אויף
זייערע מיינונגען. ער האָט זיך נאָר מיט זיי באַניצט דאָרט, וואו

ס'האָט אים געלוינט. די כפּרות האָט ער אָבער כּסדר אויף ווייער השבּון אַרויפגעשטעלט.

איבּער מיר פּערזענליך, וואָס מיין נאָמען האָט זיך געפונען אין דער ליסטע בּיים ראש פון דער קאָמיסיע און וועלכער האָט דוקא געפאָדערט מיך משלח צו זיין, האָט לאַפּין געענטפערט:

— לאָזט, איך אַליין וועל אים עקזאַמענירן!

LIX

איך בין כשר — נאָר כ׳זע, ווי מען פאַרטרייבט אַנדערע.

אין אַ פרייטאָג בייטאָג איז לאַפּין אויף אַ לייכט רייט־וועגעלע צו מיין שטוב צוגעפאָרן.

— טאָ וואָס מאַכט איר, אַלפערסאָן? — ווענדעט ער זיך צו מיר שמייכלענדיג, באַטראַכט רונד אַרום מיין „ראַנטשאָ" און וואַרפט אויגן אויף דער „טראָכע" מיט מאַאיס, וואָס איז נעבן שטוב געשטאַנען אין אַ סטויג. — וואָס האָט איר דאָ אין קעלער?

— און קריכט גלייך אַריין אינם גרוב, וואָס האָט אַלס קעלער געדינט, דעקט אויף אַ פעסל מיט זויערקרויט און שלעפט אַרויס אַ זשמעניע.

— כאַראָשאָ, יעי באָגו! איר זיינט דאָך אַן אמתער קאָלאָניסט! ער האָט מיך אויסגעפרעגט פאַרשיידענע זאַכן און פאַרענדיגט:

— קומט צו מיר זונטאָג, מיין מאַדאַם וויל עפּעס טאָן פאַר אייער ביבליאָטעק... נו, איר קומט? — זאָגט ער באַפעלעריש און פאָרט אַוועק.

אויף מאָרגן, שבת, איז צו מיר געקומען מיין פריינד שולץ מיטן יונגיטשקן לערער פון דער שולע, הער בנלאלא, אַ זעהר פריינטליכן ספרדי, מיט צערטליכע מאַנירן, און זיי האָבן מיר דערציילט, אַז בראַנדעס האָט לאַפּינען געראָטן, ער זאָל מיך ניט טשעפּען, ווייל קאַזעס האָט מיך מיט נאָך אַ פּאָר פאַר די בעסטע קאָלאָניסטן פאַררעכנט און דאָס מיטגעטיילט קיין פּאַריז.

— דער באַראָן ווייסט פון דיר ! — פאַרזיכערט מיך שולין.
— דו האָסט פאַר דער אַדמיניסטראַציע נישט וואָס מורא צו האָבן און פאַר די רוסישע איזבאָרזשציקעס — נאָך וויניגער ! אַלײן קאָנסטו בײ אים פועלן. מענסט אַראָפּפאָרן...

זונטאָג בין איך אָנגעקומען קיין אַלגאָראָבאָ, וואו כ'האָב שוין בײם טרערן־דראָט געטראָפן צוזאַמענגעקוועטשט אַ גאַנצע עדה קאָלאָניסטן.

דער בעל מטופל יאָסל דראָל, זײן װײב, מיט זײערע אַכט קינדער, זײנען געשטאַנען בײם טיר פון קהל־שטיבל, דאָרט וואו די פינף „נאָטאַבלען" זײנען מיט לאַפּינען געזעסן און דן געווען לחיים ולמות... די פרוי האָט געקלאָגט, אירע הײסע ביטערע טרערן האָבן אַראָפּגעקאַפּעט אויפן דראָט און זײנען אײנגעזאַפּט געוואָרן אין דעם באַראָנס פילאַנטראָפּישער ערד. דער שלימ־מזלניק אירער, איר מאַן דער תם, האָט געגלאָצט מיט זײנע פרומע קעלבערנע אויגן, ווי אַ לאַם בײ דער שחיטה, און צו די בײשטײ־ענדע קאָלאָניסטן האָט ער מיט קאַלטבלוטיגקײט געטענהט:

— שוין דער צווײטער גרוש. מיט דרײ יאָר צוריק האָט מיך דער איספּראַווניק אַרויסגעטריבן פונם גויאישן דאָרף און איצט טרײבן מיך אַרויס דעם באַראָנס פאַרטרעטער —פון ײדישן דאָרף... וואוהין גײט מען מיט די אַכט קינדער ?

אַ דעלעגאַט איז פון קהל־שטיבל אַרויסגעקומען מיט אַ פאַר־פלאַמטן פּנים, אַ צעקעמטער באָרד און די בשורה געבראַכט, אַז די פאַמיליע דראָל וועט באַקומען פינף הונדערטער ; צוויי מאות פאַר אליהו און פרומע פאַלאַטניק און 150 פּעזאָס געפּועלט אויך פאַר שמואל יאַניק, אַ קבצן אויף גאָרן... דערבײ האָט דער „בעל־טובה" באַטאָנט :

—דער גאָספּאָדין לאַפּין וויל, אַז אָט די משפּחות, אַזוי ווי זײ זײנען דאָך אָרנטליכע מענשן און ווערן, חלילה, ניט אַרויס־געשיקט פאַר עפּעס אַ חטא, נאָר — דאָ מורמלט ער אַביסל אונ־טערן נאָז, אום ניט אַלע זאָלן עס הערן — נאָר כּדי צו פאַרהיטן, אַז זײ זאָלן צו־לאַסטן ניט פאַלן אויף אונז... אויף קהל... זאָלן

זיי איצט אונטערשרייבן אַ באַשטעטיגונג, אַז זיי ווילן ניט זיין קיין קאָלאָניסטן... צו שווער איז עס פאַר זיי...

מיט אַלע אַרויסגעשיקטע האָט מען דעמזעלבן ספּעקטאַקל געמאַכט, און אַזאַ חתימה אַרויסבאַקומען. דערפאַר האָט מען זיי געגעבן צו עטליכע הונדערטער ביים אַוועקפאָרן.

דראָלס פרוי האָט ביי דער דאָזיגער מיטטיילונג אויפגעציטערט און פעסטער צוגעדריקט צו איר ברוסט דאָס זויג־קינד, וואָס זי האָט אויף די הענט געהאַלטן, און דער נאַאיוויער יאָסל האָט מיט אַ זויערן פנים, אין אַ טאָן, וואָס איז געמישט געווען פון צער און בטחון — געשעפּטשעט:

— מען טרייבט אונז!... אָבער ס'איז נאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט!

פרומע פּאַלאַטניק האָט ביי דער דאָזיגער בשורה געחלשט. דער קליינינקער, נידעריקער שמואל יאַניק האָט געוואָרפן אַ שטיין אין פענסטער פון קהל־שטיבל און געשריגן, אַז ער גייט ניט... צו אָט די צוויי פאַמיליעס האָט מען גוואַלד באַניצט. דער ראש פון דער דאַמאָלסטיגער קאָמיסיע האָט ממש מיט זיינע אייגענע הענט די פּאַלאַטניקס אויף די פורן אַרויפגעלייגט! עפּעס אַ קלייניגקייט? טובת הכלל! „ער וועט צו־לאַסט פאַלן אויף דער „אָבשטשעסטוואָ“: — האָט ער מיט זיין באַסאָווען קול גאַנץ ערנסט יעדערן פאַרזיכערט.

איך האָב אָט די סצענע, דאָס האַרצרייסנדע בילד צוגעזעהן און דאָס בלוט האָט אין מיר געזאָדן. אין מיין דמיון האָבן זיך, איינע נאָך דער אַנדערער, גענומען ציהען ווי אַ שנור, די קללות פון דער תוכחה, און אויף מיינע ליפּן איז אַרויפגעשוואומען אַ פלוך אויפן באַראָן מיט אַלע זיינע מיליאָנען: אַ קללה אויף זיינע טובות און אויף אַלע בעלי־טובות.

„איז אים דען דאָס יידישע פאָלק זוכן געגאַנגען? ווער האָט אים באַדאַרפט? אַ שפּאָגל־נייער בעל־טובה האָט געקויפט ערד אויף צו צעהן פּעזאָס דעם העקטאַר, שוין אַריינגערעכנט דעם סקאָט אין די טויזנטער שטיק, וואָס געפינט זיך דעריויף;

מאַכט ער קאָנטראַקטן מיט אונז און חשבונט צו 35—40 פּעזאָס אַ העקטאַר, — בלויז די נאַקעטע ערד!.. דערצו נאָך מיט פּראָ־צענט... פינף יערליך! אַ וואָכער־געשעפט... שאַנד און שמאַך אויף אַזאַ פּאָלק, וואָס צאַצקעט זיך מיט אַזוינע בעלי־טובות! גע־שעפט, שאַכער, קאַפּיטאַל, כּהנים פונם גאָט מאַמאָן!... יאָסל דראָל, אלינקע פּאַלאַטניק, שוואַכע אָרימע אַרבעטער, זיי האָט מען אַרויסגעשמיסן... צו וואָס ניצן זיי דען?" — און אין מיינע מחשבות האָבן זיך אַליך אַזעלכע אָפּגעריסענע געדאַנקען גע־פלאָנטערט און האָבן מיך געמוטשעט... די ליפּן האָבן שטיל פּראָטעסטירט, געשאָלטן, געפלוכט...

„ישראל אַ פּאָלק? זאָל ישראל טאַקע מער קיינמאָל קיין פאָלק ניט זיין! זאָל ישראל קיינמאָל מער ניט האָבן קיין אייגענע רעגירונג מיט אַזעלכע נאַטשאַלניקעס, ווי לאַפּין, מיט אַזוינע שופטים ושוטרים —ווי די פינף ראשים!... אייגענע הינט, אַז זיי בייסן, טוט דאָך נאָך מער וויי! משיח! אויב עס איז אמת, אַז ער דאַרף יאָ אַ מאָל קומען, „דאַן זאָל ער בעסער גאָר ניט ער־שיינען!... זאָל ער גאָר ניט געבוירן ווערן!"

די דאָזיגע צעשלאָגענע פאַרגיפטעטע געדאַנקען זיינען פּלוצ־לונג איבערגעריסן געוואָרן... דער עולם ביים דראָט האָט זיך האַסטיג גענומען באַוועגן: ס'איז געוואָרן אַ שטופּעריי, אַ גע־דראַנג און שטויסנדיג, האָט מען מיך ווידער פּנים אל פּנים מיט דער ווירקליכקייט צונויפגעבראַכט.

לאַפּין בכבודו ובעצמו איז אַרויסגעקומען. פילע האָבן די היטלען אַרונטערגעכאַפּט. אַנדערע האָבן מיט חניפה פאַר אים די ציין אויסגעשטשירעט און האָבן אַזש, ווי די הינט, אים פון וווייטן אַרומגעלעקט... צבועיאַטשעסטוואָ, הייכלעריי און געמיינ־דייט האָט זיך איבער פילע פּנימער צעגאָסן... אַ קנויל ווערים האָבן אַרום אים זיך אויף די בייכער געדרייט און האָבן זיך גע־ווירבלט נעבן זיינע פיס... ער האָט צו אייניגע אַ פּאָר ווערטער צוגעמורמלט; האָט געוואָרפן שטאָלץ־באַפעלנדע בליקן און גע־קוקט ווי אַ קיסר אויף זיין פּאָלק...

ער האָט מיך דערזעהן און מיר צוגעוואונקען מיטן האַנט:

— קומט! — האָט ער זיך צו מיר געווענדעט און מיך אין זיין פּריוואַט־וואוינונג אַריינגעפירט, מיך פאַר זיין פרוי פאָרגעשטעלט און אַליין איז ער צוריק צום עולם אַרויס, אום ווייטער זיין ממשלה צו טרייבן.

די מאַדאַם לאַפּין איז געווען אַ זעהר איידעלע, גוטהאַרציגע פרוי, הויך געבילדעט, אַ געענדיגטע דאָקטאָרין פון ווינער אוני־ווערזיטעט און אַ פילנדע נשמה. זי האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן דער ביבליאָטעק, וואָס איך האָב געהאַלטן אין אַראַנזשירן און איר הילף פאָרגעלייגט. מיט מיר אַליין אַרומגערעדט, אַ ליסטע פון די אינטעליגענטערע קאָלאָניסטן צונויפגעשטעלט, כּדי צווישן די דאָזיגע די ביבליאָטעק־קאָמיסיע אויסצוקלייבן. פון איר קעשענע האָט זי צווייהונדערט פעזאָס אויף ביכער געשאָנקען און אויס־געווירקט ביי איר מאַן, אַז ער זאָל אַ צימער פאַר דער ביבליאָטעק באַווילינגן.

שפּעטער האָב איך די ביכער פון מיינע קעראָסין־קעסטלאַך אַהינצו געבראַכט און די ביבליאָטעק אויפן פּלאַץ, וואו זי געפינט זיך נאָך איצט, דאַמאָלסט איינסטאַלירט.

אין דאַמאָלסטדיגן חושך האָט די מאַדאַם לאַפּין ווי אַ ליכטי־גער שטערן געשיינט. זי פלעגט קורירן די קראַנקע פרויען, מיט־העלפן די געדריקטע און טרייסטן די באַשטימטע צום אַרויסשיקן. נאָר אָפט האָט זי פאַר איר גוטסקייט אומאַנגענעמליכקייטן געהאַט און בזיונות געליטן פון איר דעספּאָטישן מאַן, בעת זי פלעגט זיך איינשטעלן און זיך פאַרווענדן לטובת אַ משפּחה, וואָס האָט געדאַרפט אַרויסגעוואָרפן ווערן פון דער קאָלאָניע.

— מאָלטשי, באַבאַ! — האָט ער איינמאָל אין מיין און אין ראָזענפעלדס אָנוועזנהייט, אויף איר אַ מרוקע געטאָן, ווען זי האָט גנאָד געבעטן פאַר אַן אומגליקליכן גרוש. זי האָט איר שיינעם קאָפּ פאַרשעמט אַרונטערגעלאָזן און פאַרטרויערט פון צימער אַרויס.

LX

לאַפּין – אַ דימענטענער אַדמיניסטראַטאָר.

לאַפּין איז געווען אַ מענש מיט אַ פּעסטן, געזעצטן טעמפּעראַמענט. אַ מושל, טאַקע אַ זעלבסטהערשער — אָבער אַן ערליכער כאַראַקטער און האָט אין תוך אַריין ליב געהאַט דעם קאָלאָניסט. ער איז נאָר פאַרגיפטעט געווען מיטן סם פון דער רוסישער ביוראָקראַטיע און פּונקט ווי די גאַנצע פאַרדאָרבענע קליקע וייערע, האָט ער אויך געמיינט, אַז דער אָרימאַן דאַרף צופרידן זיין מיט די ביינער, וואָס ער געפינט צום לעקן אונטער די טישן פון די גדולים... ווייל די וועלט איז דאָך באַשאַפן געוואָרן נאָר פאַר זיי, פאַר די פּריווילעגירטע יחסנים...

ווי אַ געניטער גענעראַל, האָט ער די טאַקטיק געפירט און די שלאַכט געוואונען: די בטלנים — ווי ער האָט זיי אָנגערופן — אַרויסגעפּטרט. דעם שמויז, וואָס בערקנהיים האָט איבערגעלאָזט, אָדער פאַרזעהן, האָט ער אויסגערוימט...

— אַ ריינע, אַ געזונטע. דאַרף מאַאוריציא זיין! — פלעגט ער זאָגן. — דאָ איז ניט דער פּלאַץ פאַר גנבים, זונות און פאַר שנאָרעריי...

אַ גרויסע משפּחה פון 21 פּערזאָן האָט ער מיטן שורש אַרויסגעריסן, נאָר פאַר דעם איינעם חטא, וואָס זייערס אַ מיידל איז אַוועק וואוינען מיט אַ רייכן קריסט... שפּעטערדיגע מושלים האָבן זיך שוין גאָר אַ קליינעם וועזן געמאַכט פון אַזעלכע קליינינקע פּאַסירונגען...

דאָס שלאָג-וואָרט „קאָנטראַקטן", וואָס האָט אויפגערודערט די קאָלאָניע און פאַראורזאַכט די רייבונג צווישן אונז מיט דער

דירעקציע, האָט ער מיט אַן איבער־שכל, כמעט דיפּלאָמאַטיש געלייזט...

— קאָלאָניסטן שרייבן אונטער קאָמפּראָמיסן — האָט ער געטענהט. — זאָל יעדער איינער חתמענען אַ פּאַפּיר, אַז ער קאָמפּראָמיטירט זיך אונטערצושרייבן דעם קאָנטראַקט נאָך דעם, ווי עס וועט בעסער אויסגעשטודירט און רעפאָרמירט ווערן.

מיר האָבן אים געפאָלגט און דערמיט האָט זיך פאָרלויפיג געענדיגט דער קאָנטראַקט־טומל און ס'איז אויסגעקומען: „די ציג גאַנץ און דער וואָלף זאַט"... די פּראָנצויזישע ביוראָ איז מיט די „קאָמפּראָמיסן" צופרידן געווען.

נאָך די אַרויסשיקונגען, וואָס לאַפּין האָט דורכגעפירט, זיינען פילע פון די פעלדער פאַרבליבן מיטן מאַאים אויפן „פּיען" — אויך אַסך געאַקערט לאַנד: לעדיגע גרופּעס מיט צו אַכט „ראַנט־שאָס", גאַנץ פיין איינגעאָרדענטע, זיינען פאַרבליבן לער, אָהן מענשן.

נו, האָט זיך אָנגעהויבן אַ בייטעניש. מען האָט געוועקסלט די גרופּעס, גענומען בעסערע הייזער, בעסער לאַנד און מער; הכלל: מען האָט גע'ירשנט די „געפּאַלענע", דער מושל אַליין, נאָך דעם, ווי ער האָט די „לימפּיעסאַ" פאַרענדיגט, האָט ער די פאַרבליבענע, וועלכע ער האָט פאַר ריכטיגע קאָלאָניסטן אָנער־קענט, באַהאַנדלט זעהר מילד: איז געוואָרן זיס ווי לאַקרעץ און ווייך ווי פּוטער. האָט מיט יעדן געשמועסט ליבליך און געבעטן, פּשוט צוגערעדט, אַז מען זאָל נעמען נאָך לאַנד, ווייל עס וועט אַמאָל די ווערט האָבן אַסך געלט...

אייגנטליך ווייס איך ניט: מ'זאָגט, אַז אין ענטרע־ריאָס, וואו־הין ער איז שפּעטער פון מאַאוריציאָ איבערגעשיקט געוואָרן, אַז דאָרט, איז ער אַ רשע־מרושע געווען, אַ שטיק גזלן פּשוט און האָט די אימיגראַנטן אָנגעטאָן געברענטע צרות... מיר האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פריינט, פאַר אַ מענשן מיט אַן אָרנטליכן כאַ־ראַקטער און מיר דוכט, אַז ער איז עס טאַקע געווען.

מיר האָבן אים אין אַליך געפּאַלגט און די קאָלאָניע האָט טאַקע באַקומען אַ נאָרמאַלן אויסזעהן. דער אָפּטימיזם האָט זיך צוריקגעקערט: די טרערן פון די אַרויסגעטריבענע זיינען אָפּגע־טריקנט געוואָרן. זייערע קרעכצן, זייערע ווײ־געשרייען האָט דער פּאַמפּעראָ ערגעץ פאַרטראָגן העט ווייט, אין דער אומענדליכקייט, און דער הימל אונזערער האָט זיך אויף אַ קורצער צייט אויסגע־לייטערט.

אָבער אויך אין דעם דאָזיגן גליקליכן פּעריאָד האָט די קאָ־לאָניע פּלוצים אויפגעשוידערט צוליב אַ שרעקליכער פּאַסירונג, וואָס האָט געקאָסט דאָס לעבן פון אַ פּיאָנער.

ישראל בערקאָוויטש, פון דער גרופּע 64, האָט אויף זיינע מאַאיס־פעלדער פאַרנומען עטליכע פערד פון אַ גאַאוטשאָ, וועלכער פלעגט אַלע נאַכט זיי אַרויפלאָזן אויפן יידנס קוקורוזע און אים דאָרט גרויס שאָדן מאַכן, ביז דער קאָלאָניסט האָט זיי געכאַפּט און פאַרשפּאַרט ביי זיך אין קאָראַל.

ביטאָג, בשעת בערקאָוויטש האָט אין פעלד דעם מאַאיס גע־ריסן, איז אָנגעפאַלן דער גאַאוטשאָ און האָט אים אָנגעהויבן שלאָגן מיט דער „רעווענקע" איבערן קאָפּ. אויף זיינע קולות איז אָנגעקומען זיינער אַ זון, אַ בחור פון אַ יאָר אַכטצעהן. אים דערזע־הענדיג, איז דער גאַאוטשאָ פון זיין פערד אַראָפּגעשפּרונגען און אין איין אויגנבליק דעם יונגעמאַן דערשטאָכן מיט זיין מעסער און, כהרף עין, רייטנדיג פאַרשוואונדן.

דער ד"ר וועקסלער איז באַלד געקומען, אָבער זיין מיה איז שוין געווען אומזיסט... דער יונגערמאַן האָט נאָך אַ פּאָר שעה געזיפּעט און איז אויסגעגאַנגען.

לאַפּין און בראַנדעס האָבן די פּאָליציי אין באַוועגונג גע־בראַכט... מ'האָט דעם מערדער געכאַפּט און אין תפיסה פאַר־שפּאַרט... אָבער אין פופצעהן טעג אַרום איז ער ווידער פריי גע־ווען. דער „אַלקאַדאַ" פון קאַסאַרעס, טאָמפּסאָן, זיינער אַ פריינט, האָט ביי דער גערעכטיגקייט (?) זיין פרייהייט אויסגע־

ווירקט. דער רוצח איז שטאָלץ אַרומגעגאַנגען אין דער קאָלאָניע און געוואָרפן אַ מורא אויף די קאָלאָניסטן.

דער פּאָטער פּונם ערמאָרדעטן איז אין אַ טאָג אַריין אין דער „קאָמיסאַריאַ" מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און געוויזן דראָהענדיג, אַז ער וועט זיין זונס מערדער ווי אַ הונט דערשיסן אינמיטן גאַס, אָדער וואו נאָר ער וועט אים אָנטרעפן און זאָל די פּאָליציי מיט אים טאָן, וואָס זי וויל און קאָן... ערשט דאַמאָלסט האָט מען דעם רוצח אַרויסגעטריבן פון אונזער געגנט . . . מער האָבן מיר אים ניט געזעהן.

די צייט האָט אָט דעם אינצידענט אויך פאַרגעסן געמאַכט . . . ס'איז באַלד אָנגעקומען דער ליבער פריהלינג. אַלץ האָט אויפגעבליהט. די ווייצן זיינען געוואַקסן זעהר שיין, די גערטנער האָבן געגרינט, די האָפנונג האָט אַלץ באַגלאַנצט און באַשיינט און דאָס קרעפטיגע יונג-פרישע לעבן האָט ווידער די אויבער-האַנט באַקומען.

LXI

קינדער־דערציהונג.

אין איין ווינקל פון אונזער קאָלאָניע־לעבן איז נאָך אַלץ טונקל געווען, — היינט איז גאָר שטאָק פינסטער — דאָס איז די קינדער־דערציהונג, דאָס אונטעררריכט אין יידיש.

מילא שפּאַניש — האָט די יק״אַ באַקומען פון איר חברטע, דער פראַנצויזישער „אַליאַנז איזראַעליט אוניווערזעל״, אַ גאַנץ בינטל יונגע מאַראָקאַנישע לערער פון אירע פאַבריקעס, וועלכע האָבן די קינדער געלערנט קאַסטיליאַניש, אונטערפּאָנפּדיג, מיטן פראַנצויזישן אַקצענט... אָבער יידיש, עברי, דאָס איז אַ ביטערע צרה געווען — פשוט ניט בנמצא! אַפילו די שוסטערס, באָנדאַרעס, וועלכע זיינען שפּעטער געקומען און זיך אַלס לערער פאַר־געשטעלט, זיינען דאַמאָלסט נאָך אויך ניט געווען!

לאַפּין האָט אין דעם דאָזיגן ווינקל אויך אַריינגעקוקט.

— טאָ וואָס וועט זיין מיט די קינדער? — האָט ער מיך איינ־מאָל געפרעגט. — אין דער שולע פון אַלגאַראָבאָ איז פאַראַן יאַקובאָוו, אמת, שוין אַ זקן, אָ ב ע ר ד אָ ך אַ ליטוואַק... אין אַליסע אָבער? לייבוש קאָרמאַן און מאָטיע פרענקל, דרדקי מלמדים פון פּאָדאָליע, קענען, נעבאַך, אַליין קיין עברי ניט און די קינדער פאַרבלייבן עמי־אַרצים גמורים...

— יאָ, ריכטיג! — האָב איך באַשטעטיגט. — שרייבט קיין פּעטערסבורג, און זאָל דער קאָמיטעט שיקן העברעאישע לערער.

— האָב איך אַן עצה געגעבן.

— ניין! דאָס וועט צופיל גדוויערן, ס'איז אַ שאָד די צייט, — האָט ער באַמערקט. — איך האָב דאָ גופא איינעם אַלס פּאַסנדן לערער; קומט אַריין אין שטוב, וועלן מיר איבערשמועסן.

טרינקענדיג טיי און צובייסנדיג פעניצלאַך שוואַרצן „כליעב“, וואָס אַגיוטקאַ די ליטוויטשקע פלעגט באַקן אַלס מוסטער, אום די קאָלאָניסטן צו ווייזן, אַז זיי דאַרפן עסן ראָזעווע ברויט און זיך באַפרייען פון דער מכה „צוויי־נאָל־מעל“, וואָס האָט זיך שוין דאַמאָלסט שטאַרק צעיאַטערט צווישן אונזערע קאָלאָניסטן — האָט ער דאַן ביים טיש מיר זיין גראַנדיעזן פּלאַן פאָרגע־געבן: צו נעמען מיין חבר אַברהמל ראָזנפעלד און אים אין אַלי־סער שולע אַריינזעצן אַלס יידישן לערער, באַמערקנדיג דערביי שמייכלענדיג:

— קיין גרויסער בריה אין אַגריקולטור איז ער סיי־ווי־סיי נישט: נו, זאָל ער בעסער לערנען. רעדט איבער מיט אים, ער מוז לערער ווערן!...

מיר האָבן זיך צערעדט וועגן דער אומפּראַקטישקייט און דער אומדערפאַרנקייט פון אונזערע שטעטישע יידן, די ניי־געוואָרענע אַקערבויער, אין שייכות צו דער אַגריקולטור און פּיה־צוכט און די מאַדאַם לאַפּין האָט דערביי דערציילט אין רוסיש דעם פאָלגנדן שיינעם אַנעקדאָט:

— דאָס האָבן מיר די אַדמיניסטראַציאָנס־דינער דערציילט — האָט זי אין פאָראויס אַ באַמערקונג געמאַכט.

„איינער אַ קאָלאָניסט, ווֶעמעס לאַנד עס גרעניצט זיך מיט דער אַדמיניסטראַציע, איז אין קאָסטשע־צייט געקומען צו בראַנדעסן, און אים געבעטן, אַז ער זאָל אים אויסלייען אַ פּאַרוס, אום איינצודעקן די ניט געשלאָסענע „פּאַרווע“ ברויט, ווייל דער רעגן הענגט אין דער לופטן... בראַנדעס האָט אויף אים רחמנות געהאַט און אים די „לאָנאַ“ אויסגעבאָרגט. דער „פּעאָן“ פון אַדמיניסטראַציע האָט אים נאָך צוגעהאָלפן דעם שווערן ברעזענט אויף דער סטערטע אַרויפשלעפּן און זיך איינדעקן. אַז דער פּעאָן איז בלויז עטליכע טריט אָפּגעגאַנגען פון דער סטערטע, האָט

אויסגעבראָכן אַ שטורעם־ווינט און אויגנבליקליך האָט אָנגעהויבן רעגנענען. ער איז באַלד צוגעלאָפן צוריק צו דער פאַרווע, כּדי זיך לעבן איהר פון רעגן צו שיצן. דעם קאָלאָניסט איז שוין ער־געץ נישט צום זעהן געווען. דער ווינט האָט אָבער דעם זעגל צונויפגעראָלט און אַראָפּגעשליידערט אויף דער ערד. דער טאָג־לוינער האָט גענומען אַ ברעג פונם לייוונט, אום זיך דערמיט איינ־דעקן פאַרן רעגן, ווען ער דערהערט פּלוצים, ווי עפּעס דראַפּלט זיך אין צונויפגעדרייטן ברעזענט און ווי עפּעס אָטעמט דאָרט שווער... „געוויס איז דאָרט פאַרוויקלט געוואָרן עפּעס אַ האָז" — טראַכט זיך דער פּעאָן. — נו, עס וועט שוין זיין אַ גאַנץ וואַזשנער בראַטן פון אַ „ליעברע".

„דער רעגן איז אַ פּאָראיבערלויפנדער געווען און האָט טאַקע באַלד אויפגעהערט. דער פּעאָן צעוויקלט די „לאָנאַ", אום דעם האָז אַרויסצונעמען. ערשט ווייסט איר, וועמען ער האָט דאָרט געטראָפן? דעם קאָלאָניסט אַליין, דעם איינגנטימער פון די סטער־טעס, וועלכער איז דאָרט געלעגן אַ האַלב־דערשטיקטער און ער האָט אים קוים אויפגעמונטערט. דאַן האָט אים דער קאָלאָניסט דערציילט, אַז דערזעהענדיג, אַז דער שטורעם וויל דעם ברע־זענט אַראָפּטראָגן, האָט ער, דער נאַאיווער, געוואָלט מיט דער משא פון זיין אייגענעם קערפּער דערצו נישט דערלאָזן. דער שטורעם האָט אָבער מעהר קראַפט געהאַט: איהם איינגעוויקלט אין לייוונט און אַראָפּגעשליידערט און ווען עס וואָלט גראָד דאָרט דאַמאָלסט נישט געווען דער פּעאָן — וואָלט ער דערשטיקט געוואָרן".

— זאָגט נאָר — האָט די מאַדאַם פאַרענדיגט — איז עס אָפּטמאָל נישט דערזעלבער, פון וועלכען איר שמועסט יעצט? מיר האָבן זיך צעלאַכט.

— ווער ווייסט, צי דאָס איז ניט מער ווי אַ וויץ אויפן חשבון פון די ערשטע קאָלאָניסטן! — האָט לאַפּין געזאָגט. — אָט מ'דאַרף נאָר זעהן, אַז ראָזנפעלד זאָל לערנען מיט די קינדער.

אַזוי איז עס טאַקע אויך געשעהן. אַברהמל איז אין אַליסע לערער געוואָרן. אַ יאָר צעהן האָט ער מיט די קינדער געלערנט.

דאָס ביסל קדיש, וואָס זיי קאָנען נאָך זייערע עלטערן — מיט פּילע גרייזן — יעצט זאָגן, אָט דעם דאָזיגן מיעוט, דאָס ביסעלע איז דעם סעניאָר ראָזנפעלד צו פאַרדאַנקען.

איך מיין, אַז ס'איז גאָר נישט איבעריג דאָ אַ פּאָר שורות צו שענקען פאַר דעם לערער, פאַרן ערשטן מחנך, וואָס האָט דאָס ביסל דאַוונען אויפגעהאַלטן און אָפּגעהיט אינם דור פון די פּיאָ־נערן־קינדער, מיט זיין פּערזענליכקייט איך צו באַקענען און אייך פאָרשטעלן זיין גייסטיגן מהות און איכות, זיין שאַפן און שטרעבן ביי אונז אין דער קאָלאָניע.

LXII

דער רבּי אַברהמל.

„דער רבּי אַברהמל“ — ווי אַלע קאָלאָניסטן רופן אים, איז געווען אַ קליין, נידעריג יידל, מיטן גאַנצן יידישן גלות־צייכן אויף די פּלייצעס. קליינע ביר־אויגן זיינען געזעסן טיף אין זיין שטענדיג שמייכלענדן פּנים און האָבן מיט ליבשאַפט און תּמימות אויף אַלעם אַרויסגעקוקט.

שטענדיג איז ער פריילעך געווען. האָט אַ סך גערעדט און אויך געהאַט פון וואָס צו רעדן. אין דער יוגנט האָט ער היפּש געלערנט, פיל געלייענט און געווען אַ שיינער העברעער. פלעגט צייטנווייז שרייבן אין דער „הצפירה“.

דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט אַ זעהר אָנגעשראָקענע נשמה. אַ שרעקליכער טרוס און בעל־פּחדון געווען. פאַר יעט־ווידן קנעפּל פלעגט ער אויפציטערן און זיך איינשרומפּן — נאָך קלענער ווערן, ווי ער איז עס פון וואוקס. די מורא פאַרן נאַטשאַלניק איז ביי אים געווען אַן איינגעבוירענע. ער האָט עס מסתמא איינגעזויגן צוזאַמען מיט דער מוטערס מילך.

געבוירן און אויפגעצויגן אין אַ דאָרף, התונה געהאַט אין דאָרף, שפּעטער מיט איגנאַטיעווס גזרה פון מאַי 1882־טן יאָר אַרויסגעשיקט געוואָרן פונם דאָרף, האָט ער פון דאָרט נאָר געירשנט די הכנעה פאַרן אוריאַדניק מיט די לאַנגע כאָליאַווען און מיטן אַראַפּניק אין האַנט. דער דאָזיגער פּחד איז ביי אים דאָ איבערגעגאַנגען אין שייכות צו אונזעריגע אַדמיניסטראַטאָרן, וואָס זיינען שטאַרק ענליך געווען צו יענע הערשאַפטן... אויף

דריי מעטער ווייט האָט ער שוין דאָס היטל אין האַנט געהאַלטן און דעם אָדון אַנטקעגן זיין חניפה־שמייכעלע צוגעטראָגן. די גלות־מתנה אויף זיינע פּלייצעס פּלעגט זיך דערביי ביי אים נאָך מער איינהויקערן...

איניגע מענשן, וועלכע האָבן אים בלויז פון ווייטן געקענט, האָבן אים דערפאַר געהאַלטן פאַר אַ היפּאָקריט, פאַר אַ חונף... אָבער די נאָהענטע פון זיינע באַקאַנטע האָבן גוט געוואוסט, אַז אברהמל איז זעהר ווייט פון פאַלשקייט: אַז ער באַזיצט אַ ריינע נשמה און אַ נאָבעל האַרץ; נאָר ער איז פון נאַטור אויס אַן אָנגעשראָקן נעביכל, וועמעס קני עס בויגן זיך פאַר יעדן פריץ...

איך פלעג זיך מיט אים אָפט אַמפּערן דערפאַר:

— פאַרוואָס זאָלסטו ניט זיין קיין תקיף אין דיין דעה, אַברהמל? ווי האַלט זיך דאָס אַ מענש אַזוי קליין ביי זיך און איז אַזאַ שרעקנדיגע, קריכנדיגע בריאה?

עפּעס שטאַרק מאָדנע פלעגט ער שמייכלען, אויסהערנדיג מיין מוסר.

— שוין, שוין! איכ'ל שוין זיין! גערעכט, כ'לעבן! אַ מענש דאַרף שטאַרק זיין, האָב'ן איינגעהערדע; איכ'ל שוין זיין! — און דערביי איז ער אַזש אונטערגעשפּרונגען מיט זיין קורצן קערפּער.

איז אָבער אָנגעקומען עפּעס אַן „אָדון בפקדך", האָט ער נאָר דערפילט, אַז יענער חצוף פאַרמאָגט עזות, וואָס דאָס שפּילט דאָך דאָ די הויפּט־ראָלע — איז אַברהמל שוין ווידער אַ לאַם... שמייכלט נאַרישעוואַטע און שעפּטשעט: „דאָבזשע פּאַניע!" פּשוט עפּעס אַ מין וועקסענע נשמה האָט ער געהאַט, וואָס איז צעשמאָלצן געוואָרן ביי יעדן פלאַם פון חוצפּה...

קוים איז ער אָבער געקומען צווישן די זייניגע, צווישן די אָרימע, אונטערדריקטע, איז אים שוין גאָר נישט געווען צו דער־קענען. מיט ליבשאַפט און באַגייסטערונג האָט ער גערעדט, געטרייסט, געראַטן; די נויטבאַדערפטיגע געהאָלפן און איבער די

כּוחות געאַרבּעט פאַרן וואוילזיין און פאַרן גליק פון די קאָלאָניסטן, גאַנצע שעהן פלעגט ער אָפּטמאָל שטיין אויפן טיש און דרשע־נען, מוטיג און היציג רעדן און פילע באַאיינפלוסן מיט זיין פעסטקייט און זיכערקייט.

ער האָט שטאַרק ליב געהאַט די קאָלאָניסטן און די ערד־אַרבּעט איז ביי אים געווען אַ גרויסער אידעאַל. אָט אַזוי איז ער געווען, און אַזאַ נשמה האָט אויך געהאַט זיין פרוי שרה, אַ הויכע שלאַנקע ברונעטין, מיט איידעלע געזיכטסצוגן, גרויסע בלויע אויגן, באַגאָסן מיטן חן פון דער אשה עבריה...

אַברהם מיט שרהן, אפשר אַ ניצוץ פון יענע, דאָרט ביים „פּלוין פון ממרא" — האָבן אַן אָפענע שטוב געהאַט פאַר יעדן „גרינעם", האָבן אַלעמען אַ מיטאָג געגעבן, יעדן דורכגייער אַ מאַטע דערלאַנגט.

היינט כבוד אָב ואם ? מיין גאָט ! מיט וויפיל צערטליכקייט זיי האָבן דאָס זייער פאָטער און מוטער באַהאַנדלט !

נאָר צו דער קאָלאָניזאַציע איז ער אַ גרויסער שלימזלניק געווען און דאָס גאָר אַ היפשער.

איך דערמאַן זיך, אַז איידער ער איז נאָך אין שול אַלס לערער אַריין, בין איך אין אַ טאָג צו אים געקומען צו גאַסט. מאַנ־דיאַק, זיין בכור, אַ דרייצן יאָר אַלט, אַ שוואַרץ שלאַנק יינגל, געראָטן אין זיין מוטער, האָט קעגן־איבער דער „ראַנטשאָ" געאַקערט מיט אַ דאָפּלטן פלוג, געשפּאַנט צו זעקס אָקסן. ער איז אָפּגעגאַנגען אַ „וואוילטע", האָט אָפּגעשטעלט די אָקסן, פון בוזים אַרויסגענומען אַ ביכעלע, זיך אויפן גראָז אַוועקגעזעצט און זיך פאַרטיפט אין לייענען. די אָקסן איז מסתמא נמאס געוואָרן צו שטיין, האָבן זיי זיך מיט די פנימער אויסגעדרייט צום פלוג, האָבן זיך אָן אים פאַרפלאָנטערט און אים איבערגעקערט... דאָס יינגל איז אַ פאַרווינטער געקומען צו לויפן.

— וואָס זאָגט איר צו מיין אומגליק ? — באַקלאָגט זיך אַברהמל — דער יינגל איז אַ לא יוצלח, אַ שטיק מלמד...

— שאַ, שאַ, אברהמעלע! — טענהט שרה, — ווע נאָר ווי פאַרמאַטערט דאָס קינד איז! וואָס קאָן מען טאָן? ער איז ניט געבוירן צו דער קאָלאָניזאַציע, גאָר אין טאַטן געראָטן...

אַברהמל האָט טיף אָפּגעזיפצט.

— אפשר אָט דער זאַזיוק — ווייזט ער מיר אָן אויף אַ באָר־וויסן יינגעלע פון אַ יאָר זעקס — אפשר וועט ער כאָטש טויגן צום פעלד.

איך בין מיט אים געגאַנגען אין קאַמפּ און דאָרט צוריק אויפ־געשטעלט דעם פלוג.

יענער מאַנדיאַק איז היינט דער פּראָפעסאָר מאַרקוס ראָזנפעלד, דער לערער פון אַ נאָרמאַל־שול, וואָס די מלוכה האַלט אויס. דאַמאָלסט איז ער, נעבאַך, געזעסן אַ פאַראומערטער ביים מיטאָג און דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן פאַר בושה.

אָט דאָס איז דער חבר מיינער, אַברהמל, וועלכן לאַפּין האָט געמאַכט פאַר אַ יידישן לערער. האַרציג טריי האָט ער מיט די קינדער געלערנט, פיל עגמת־נפש געהאַט פון די אַדונים די אינ־ספּעקטאָרן, אַדמיניסטראַטאָרן און אַלערליי צרות געליטן פון די שפּאַנישע לערער.

— זיי ווילן ניט, אַז אונזערע קינדער זאָלן עפּעס קאָנען! — פלעגט ער מיר פאַרביטערט זאָגן. — מען לאָזט ניט לערנען! זיי פאַרוואַרפן מיט פּראָגראַמען און שוין!... עטלפים! ווילן אונז בכלל אין פינסטערניש האַלטן...

היינט די צרות און באַליידיגונגען וואָס ער האָט איבערגע־טראָגן פון די קאָלאָניסטן גופא, — צוליב זייער וואולגאַרישער באַ־נעמונג, דורך זייער אומגעלומפּערטער גראָבקייט!...

ער איז ענדליך קראַנק געוואָרן. האָט אַוועקגעלעגט דאָס לער־נען און איז צוריק צום פעלד געגאַנגען.

LXIII

אַלגאָראָבאָ און אַליסע.

ווי כ'האָב שוין אויבן אָנגעוויזן, האָט מען נאָך לאַפּינס לעצ־טער „רייניגונג", נאָך דעם ווי ער האָט פון דער קאָלאָניע אַרויס־געשיקט ווּעמען מען האָט יאָ און וועמען ניט בּאַדאַרפט, — האָט די עקזיסטענץ פון דער קאָלאָניע, די ענערגישע לעבנס־קראַפט, וואָס זי האָט שוין פאַרמאָגט, גענומען איר שיקזאַל אין אייגענע הענט. די קאָלאָניסטן האָבן זיך אָנגעהויבן סאָרטירן, יע־דער האָט זיין גלייכן געזוכט... דער ז ר ז ר איז זיך צום ע ו ר ב געגאַנגען... ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס בּייטעניש. מ'האָט גע־וועקסלט די גרופּעס, געטוישט די לענדער, געבּיטן די שכנים. יעדערער האָט נאָר געזוכט צו בּייטן!

אפשר זאָלן מיר גאָר גלויבן ספּינאָזאַן, וועלכער דרינגט, אַז עס איז בּכלל גאָר נישטאָ, אַז עס עקזיסטירט ניט קיין אייגענער זעלבּשטענדיגער ו ו י ל ן, מחמת יעדער ו ו י ל ן קומט פון אַ פריהערדיגן ו ו י ל ן?

יעדנפאַלס דאַמאָלט האָבן אַלע ג ע ו ו אָ ל ט און ג ע ב י ט ן.

איך האָב אויך אויסגעבּיטן די פריהערדיגע גרופּע 43, פונם דיסטריקט אַלגאָראָבאָ־טשיקא, אויף דער גרופּע 55 אין אַליסע, אין סאַמע צענטר פונם דיסטריקט.

נייע מענשן — נייע זיטן. אונטער אַ פרישער, נייער אַטמאָס־פער בּין איך געקומען.

אַ ל ג אָ ר אָ ב אָ און אַ ל י ס ע זיינען געווען צוויי בּאַזונדע־רע שטחים ערד און האָבן אויסגעזעהן, ווי צוויי פאַרשיידענע שבטים וואָלטן זיי בּאַוואוינט.

„יהודה וישראל“ — האָבן אונזערע תּלמודיסטן, ב.
ראַבּינאָוויטש און ל. ניסנזאָהן זיי אַ נאָמען געגעבן.
אין אַלגאָראָבאָ האָבן זיך קאָנצענטרירט כּמעט אַלע אָרטאָ=
דאָקסישע יידן. יידן מיט שיינע בּערד, ניט געדירט, חלילה, אַ האָר.
בּעלי=בּתּים, בּיי וועלכע ראָזשינקעס=וויין אויף קידוש און אַ
שטיקל סאַבּאלאָ=פיש אויף שבּת איז פון די גרעסטע נויטבּאַ=
דערפעניש געוועזן... זיי האָבן מער געקוקט אויפן דאַוונען,
ווי אויפן אַקערן...
צוויי הויפּט=גרופּעס זיינען אין אַלגאָראָבאָ געווען. איינע איז
„אַלגאָראָבאָ=טשיקא“ און די אַנדערע איז „אַלגאָראָבאָ=גראַנדע“.
זיי האָבן דעם טאָן געגעבן אויף דער גאַנצער סביבה.
אין דער ערשטער הויפּט=גרופּע, אין „גרויס אַלגאָראָבאָ“,
האָט געוואוינט רבּי לייב דינער, דער פאָטער פון אַ גרוי=
סער גאָטספאָרכטיגער משפּחה, מיט אַ סך זין, גוטע אַרבּעטער,
נאָר אונטער זעהר אַ שטרענגער, אָרטאָדאָקסישער דיסציפּלין.
יעדן טאָג האָט געמוזט זיין מנין. די אָקסן, אין די פלוגעס
געשפּאַנט, האָבן, דאַכט זיך, שוין געוואוסט גענוי די צייט, וואָס
זיי דאַרפן שטיין און איבּערוואַרטן דעם דאַוונען... ערשט בּיי
קדיש יתום, פון נאָך עלינו לשבח, האָבן זיי אויפגע=
הערט צו מעלה=גרהן, האָבן מיט זייערע תּמעוואַטע אָקסענע
אויגן אַריינגעקוקט אין שול אַריין און אָנגעהויבּן שלעפעריג
שטעלן פּיס, אויספאָלגנדיג דעם „וואַמאָס!“, וואָס איז מיט אַ
תּהלים=ניגון אויסגעשריגן געוואָרן פון די בּעלי=תּפלה...
פרייטאָג נאָך האַלבּן טאָג האָבן זיי שוין די אַרבּעט אַוועק=
געלעגט. אויף אַ גרין=געפאַרבּט וועגעלע פון פיר רעדלאַך, גע=
שפּאַנט צו צוויי „בּאַזשע“ מוילאייזלען, איז דער אַלטער רבּי לייב,
מיט אַלע זיינע בּחורימלאַך מיט די רויטע בּערדלאַך, צוגעפאָרן
צו דער בּאָד פון אַלגאָראָבאָ.
ווען די אַליסער קאָלאָניסטן זיינען נאָך בּיי קרישטאַלן אין
קוזניע גאָר וואָכעדיג געשטאַנען, ווער שאַרפנדיג אַ לעמיש צום
פלוג און ווער פאַרריכטנדיג אַ ראָד צום וואָגן, — זיינען שוין די

בני־דינער פון באָד אַרויסגעגאַנגען, טראָגנדיג אַ יעדער אין אַרבל אַ קונציג צונויפגעדרייט לענגליכע ווייסליכע ראָלע, וואָס איז פון דער קויטיגער העמד אויסגעפּורעמט געוואָרן און מיט ביטול האָבן זיי געקוקט אויף די אַליסער אַפּיקורסים, וואָס לאָזן דאָס א י ־ ב י ג ע ל ע ב ן און זיינען זיך עוסק אין ח י י ש ע ה. האָט זיך נאָר די זון הינטערן אַדמיניסטראַציאָנס ווערדל אַרונטערגעלאָזן, האָבן שוין די ווייבלאַך אין ווייסינקע טשיפּיקעס געבענשט די שבת־ליכט און איצע דינערס גאָרגלדיגער האַלז האָט שוין געטרילערט דעם ל כ ו נ ר נ נ ה...

עס איז כדאי דאָ איבערצוגעבן דעם פאָלגנדן עפּיזאָד:

אַ שאלות־תשובה האָבן זיי געשיקט צו רבי יצחק אלחנן ספּעקטאָר, דעם גאון פון קאָוונע.

די שאלה איז געווען איבערן פּאָיען דעם סקאָט אום שבת.

אַזוי ווי קיין ווינט־מיל צום שעפּן וואַסער איז נאָך דאַן ניט געווען, האָט מען געמוזט אַרויסציהען דאָס וואַסער פונם „כאַגוואויל" — אַ גרויסן ברונים, באַניצנדיג דערצו אַ פערד. מען האָט „א־לאָ־סינטשאַ" אַרויסגעצויגן דעם עמער, אָנגעגאָסן די קאָ־ריטע, און די רינדער האָבן געטרונקען. שבת אָבער טאָר מען דאָך ניט רייטן און אפילו אויך ניט פירן דאָס פערד ביים צוים. דאַן כהם ביים אַרויסציהען דאָס וואַסער איז דאָך אויך פאַראַן אַ ש ב י ת ת ב ה מ ת ו — האָבן די פּרומאַקעס געפּרובט הייסן דעם סקאָט וואַרטן ביז נאָך הבדלה... זיינען דאָך אָבער די אַרגענטינער פיה גרויסע עמי־הארצים, האָבן זיי ניט געוואוסט די מידה פון רבי פנחס בן יאירס אייזל, און האָבן פּראָטעסטירט, נערעוועט, באַפאַלן דעם מנין, געשטערט דאָס דאַווענען... און די זקנים, די עלטערע אָקסן, זיינען גאָר ברוגז געוואָרן און האָבן שוין זונטאָג אויך ניט געוואָלט טרינקען... ס'איז געוואָרן ביטער. איז וואָס זשע טוט מען? אמת, איינינע יונגע־לייט זיינען באַשטאַ־נען, אַז אָנשטאָט דעם פערד, אַליין אַרויסשלעפּן פון „כאַגאַ־וואויל" דעם שווערן און גרויסן עמער וואַסער אויף אָנפּאָיען דעם סקאָט. האָט אָבער איינער פון זיי, אַ גרויסער ידען, אויסגע־

פונען, אַז דאָס איז נאָך אַ גרעסערע עבירה: סאיז אַן אָב מלאָכה...

נו, האָט מען ביי אַברהמל ראָזענפעלד געפּועלט, און ער האָט אין העברעאיש די גאַנצע שאלה אָנגעשריבן, אַוועקגעשיקט צו רבי יצחק אלחנן, אים בעטנדיג דורך מליצה אַ שטיקל היתר...

אין אַ פּאָר מאָנאַט אַרום איז ענטפער אָנגעקומען. אַנו, טרעפט וואָס דער גאון און צדיק האָט געענטפערט? איר לאַכט שוין? וואַרט זשע, איר וועט נאָך מער לאַכן!

מען האָט צוגויפגערופן דעם גאַנצן מנין און פּאַמעליך האָט מען אויפגעריסן דעם קאָנווערט. מ'האָט אַרויסגענומען אַ ווייס לעדיג פּערטל פּאַפּיר מיט דער חתימה און חותם פון הרב רבי יצחק אלחנן פון קאָוונע דליטא.

— גאָר לעדיג פּאַפּיר? — האָבן איינינגע פונם מנין דער־שטוינט אויסגערופן, — וואָס הייסט דאָס?

רבי לייב דינער האָט זיינע שפּאַקולן אַרויפגעזעצט אויפן נאָז און האָט דערזעהן דריי ווערטער, אָנגעשריבן מיט דריבנע אותיותלאַך און האָט עס אין איין אָטעם איבערגעלייענט:

„אל תען כסיל..."

— נו, אַ ליטוואַק! — האָט דער פרומאַק אַ בורטשע גע־טאָן אונטערן נאָז און האָט דערביי אַ געשמאַקן ציה געטאָן דעם שמעק־טאַבאַק פון זיין ביינערן פּושקעלע.

דער ליטוואַק ישעיה שאַפּיראָ, טאַקע זיינער אַ שכן, איז בייז געוואָרן:

— פּוילישע עמי הארצים וואָס איר זיינט!! נאָך אַ לעק תּורה מוזט איר אָנקומען צו אונז!

— ווען איך וויס, — האָט אים מיט כּעס געענטפערט דער ייד יענקל קאָלקער — אַז משה רבינו איז געווען אַ ליטוואַק, וואָלט איך דאָס חומשל אין מיסט אַרויסגעוואָרפן! — און האָט זיך געוואָרפן צום בריוו אום אים צו צערייסן...

אין דער צווייטער הויפּט־גרופּע פון „קליין־אַלגאָראָבאָ" האָט געוואוינט רב אַלטער ראָזנצווייג. צעהן זין האָט ער געהאַט. אַלע

שיינע, געזונטע, קלוגע, אמתע גיבורים און אויך פלייסיגע אַר־בעטער. אַלע זין מיטן פאָטער האָבן פאַרנומען די גרופּע 49.

די גרעסטע דעה־זאָגער זיינען די דאָזיגע צוויי גרויסע, פיינע, פרומע משפחות געווען אין דער סביבה. און זיי האָבן זייער השפעה געהאַט אויף אַלע קלענערע גרופּעס פונם אומגעגנט.

אַלע כשרע, פשוטע יידן, וואָס האָבן נעבאַך מעהר ווי דאָס ביסל צעגרייזיגטן דאַוונען פון דער היים ניט מיטגעבראַכט, האָבן מיט יראת־הכבוד געקוקט אויף אָט די צוויי הויפּט משפּחות, וועלכע היטן שטרענג אונזער יידישן גייסטיגן אוצר און זיינען נאָכגעגאַנגען זייערע טריט...

אין אַלגאַראָבאָ האָט זיך קיינמאָל ניט אַרויסגעזעהן קיין אייגענער ווילן, קיין זעלבסטאַכטונג האָט מען דאָרט קיינמאָל ניט באַמערקט. אַזעלכעס האָבן זיי ניט פאַרמאָגט און אויך קיין באַגריף ניט געהאַט פון זעלבסטווערדע. זיי האָבן דעם מרה־שחורהדיגן גלות־מאַנטל שטאַרק צעצויגן און זיך איינגעוויקלט אין אים. האָבן געדאַוונט און דעם קאָפּ געבויגן פאַר יעדן תקיף, יעטווידער גאָרנישט האָט זיי רק טובות געטאָן...

די אדונים פון דער יק"א האָבן דאָרט זייער ממשלה שטאַרק איינגעשפּרייט און דעספּאָטיש געפירט. דאָרט האָט מען די קאָ־לאָניסטן ממש אין פנים געשפּיגן און זיי כסדר דערמאָנט, אַז זיי זיינען שנאָרער און אַז זיי לעבן אינגאַנצן אין זכות פון די נאַ־טשאַלניקעס... אפילו איצט, נאָך אַ משך פון אַ דריטל יאָר־הונדערט, פילט זיך נאָך אין יענעם טייל פון דער קאָלאָניע דער אַלטער גלות־שימל. איר טרעפט נאָך דאָרט גרופּעס אָהן איין בוים, אָהן אַ סעדל, אַ גערטנדל, אַ וועלדל... דאָרט שטייען איינגעבויקערטע הייזקעס, אין וועלכע ווענט עס ליגט נאָך אַלץ די זעלבע בלאָטע, וואָס מען האָט אַהין אַריינגעשטופּט צוריק מיט דרייסיג יאָר... נאַקעט קוקן דאָרט אַרויס די פאַרזשאַווערטע דראָטן און גיבן ווי אָנצוהערעניש, אַז די דאָזיגע אַלטע, אָפּגע־לאָזענע, פאַרנאַכלעסיגטע און פאַרוואָגלטע נחלאות מוזן איבער־גיין אין פרעמדע הענט...

די העלפט פון יענע פעלדער געפינען זיך שוין טאַקע איצט אין גויאישע הענט!

אָט אַזוי האָט אויסגעזעהן אַלגאָראָבאָ — אַ טייל פון אונזער קאָלאָניע.

דער צווייטער טייל פון קאָלאָניע — אַליסע — איז אין אַלע הינזיכטן געווען דער היפוך. דאָרט האָבן זיך קאָנצענטרירט די אינטעלעקטועלערע עלעמענטן, די בעסערע קרעפטן, די עסעניך פון מאַאוריציאָ. מענשן מיט אַ ברייטערן קוק אויפן לעבן, פריי געזאָנענערע, מיט מער מוח ווי האַרץ... מער עבודה ווי תפילה... די אָקסן פון אַליסע האָבן קיין מנין ניט געזעהן, הגם ס׳איז געווען אַ פיינע שול; קיין רבנן קדיש האָבן זיי קיינמאָל דאָרט ניט געזאָגט... דערפאַר אָבער זיינען דאָרטן אַנאַלפאַבעטן אויך געווען איינגאַנצן דריי.

די קוואַליטעט פון דער ערד גופא איז אפשר אין אַליסע אויך געווען בעסער ווי אין אַלגאָראָבאָ. שטענדיג זיינען די קאָסעטשעס אין אַליסע רייכערע און גרעסערע געווען.

אין אָט דעם טייל האָבן זיך פאַרקליבן די בעסטע אַרבעטער, אָבער אויך די גרעסטע און פייערדיגסטע רעבעלן.

דער מיטלפונקט פון דעם דיסטריקט איז געווען די גרופע 67 — די „קינסע“ אָדער די פופצעהן „ראַנטשאָס“. לאַפין האָט עס אַ נאָמען געגעבן: מ אָ ס ק ו ו אַ. דאָרט האָבן געוואוינט אַלע שאַרפע פאָליטיקער. אַלע בונטן קעגן דער אַדמיניסטראַציע זיינען דאָרט, אין מאָסקוואַ, אויסגעפלאַנעוועט געוואָרן.

די לעבהאַפטסטע, שענסטע גרופע פון דער קאָלאָניע איז עס געווען. אַלע פופצעהן הייזלאַך זיינען אָפגעפאַרבט געווען מיט אַ ראָזן קאָליר, אַ שוואַרצן פאַס אונטן און בלויע ווינקלען. די טירן און פענסטער — גרין. דאָרט זיינען געשטאַנען זיבן אַנטקעגן זיבן הייזער און איין הויז אַ גרויס, ווייס-בלוויליך אָפגעקאַלכט אין דער מיט, צווישןביידע שורות. — דאָס איז געווען די שולע און שול, וועלכע האָט מיט פילט פענסטער אַרויסגעקוקט און ווי צוגעשמייכלט צו די פון ביידע זייטן פאַרפלאַנצטע גערט-

נער און צו די יונגע בוימלאַך, וואָס האָבן איר צוגעגעבן אַ גן־עדן־חן...

אין דרום און צפון פון מאָסקווא זיינען אויסגעשפּרייט געווען ווי צוויי אָדלער־פליגלען, די צוויי באַלעבטע, רווישנדע גרופּעס, 68 און 66 — דאָס אכטל און דאָס זעקסטל.

אַממיינסטן שיין, גרין, מיט בלומען באַפּוצט, איז געווען דאָס אַכטל. אין יענער גרופּע האָט געוואוינט דער פיל מאָל אָנגע־רופענער בוזי שאַראַגראָדסקי, איינער פון די הויפּט־מנהיגים און טאָן־געבער. אַ יוסטער בעל־הבית און דערצו אַ זעהר געניטער לאַנדווירטשאַפטער. נעבן אים, זייט ביי זייט, רעכטס, איז געווען דאָס הויז פון זיין שכן, דעם קלוגן און כיטרען ליטוואַק, מאַרקוס גליק, און לינקס איז געווען די שטוב פון דעם שטילן, שוויינ־זאַמען נאָר טיפזיניגן ניסנבוים, דאַן ווייטער די פון בן־ציון פער־דער. די דאָזיגע פיר קאָלאָניסטן זיינען פאַררעכנט געווען פאַר די בעסטע ערד־אַרבעטער פון דער קאָלאָניע. אפילו נאָך היינט זיינען זיי אויך פון די פעסטעסטע קאָלאָניסטן. האָבן ערצויגן אַ דור פון געלערנטע, פלייסיגע אַגריקולטאָרן און פיהציכטער, וועלכע זיינען איינגעוואָרצלט און פאַרגרונטעוועט אין דער קאָלאָניע.

איך קאָן ווייטער דעם המשך הסיפור ניט געבן, איידער איך וועל דאָ בקיצור ניט אָנרירן די פיינליכע, שמערצהאַפטע געשע־עניש, וואָס האָט פּאַסירט דעם פערטן פונם אכטל, דעם קאָלאָניסט פערדער.

נאָך דרייסיג יאָר פון שווערער האָרעוואַניע און פּלאָגעניש האָט די יק״א, דורך דער פאַרמיטלונג פון דער גערעכטיגקייט(?), אָט די משפחה אַרויסגעטריבן פון זייער וואוינונג און פאַר זיך צו־גענומען זייער נחלה מיט אַלע בנינים, וואָס זיי האָבן פאַר דער צייט אויפגעשטעלט. פאַרוואָס? ווי אַזוי? די איינצלהייטן וועט איר טרעפן אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך.

די דאָזיגע שוידערליכע עוולה האָט אויפגערודערט די קאָלאָניע און אויך דעם יידישן קאָלעקטיוו פון בוענאָס־איירעס. מען האָט עס דערטראָגן ביז אין די גאָר הויכע פענסטער און דאָס אַגריקולטור־

מיניסטעריום האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן ענין... זיי האָבן אַ רעגירונגס־אינספּעקטאָר געשיקט אין דער קאָלאָניע און אויך דער האָט באַשטעטיגט, אַז די פאַמיליע פערדער איז פון די נאָ־בעלסטע, אַרבעטסזאַמסטע אַגריקולטאָרן פון אומגעגנט און אַז די אַדמיניסטראַציע איז די שולדיגע אינם סכסוך...

צי ס'וועט עפּעס ווערן דערפון? צי וועט די שאָף ניצול ווערן פון די וועלפישע ציין? דאָס ווייס איך דערווייל ניט! ניכער אַז ניין...

נאָר לאָמיר פאָרזעצן די דערציילונג פון די ערשטע פריי־ליכע יאָרן: איר וועט נאָך צייט האָבן זיך אָנצוזעטיגן מיט די צרות...

אין צפון־זייט פון מאָסקווא, אין זעקסטל, האָט גע־וואוינט דער שוין דערמאַנטער בערל ראַבינאָוויטש, די ברידער סווערדליק און אויך די זעהר גרויסע, אַרבעטסזאַמע משפחה שענ־קערמאַן, וועלכע באַזיצט גאָר אַ גרויסן שטח קולטיווירטע ערד, וואָס ציהט זיך ביז סאַן כואַן, דער גרעניץ פון קאָלאָניע מאַאוריציאָ.

די דאָזיגע צוויי גרופּעס זיינען געווען כמעט ווי די רעכטע האַנט ביי „מאָסקווא".

אַנטקעגן, אין מזרח־זייט פון די דריי גרופּעס, אַ 2500 מעטער ווייטער, האָט זיך געצויגן אין אַ לאַנגער 1500־מעטערדיגער שורה, די גרופּע 61, אָדער דאָס ניינטל, די שורה „על חטא", ווי די אַלגאָראָבער פּרומאַקעס האָבן זי אָנגערופן: — די ליניע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם הויז פונם געלערטן ניסנזאָן און נאָכדעם האָבן זיך געצויגן די שטיבער פון די משפחות: קווייטל, רעזניק, באָלאָטניקאָוו, סעגאַל און וויינגאַסט, און די שורה האָט זיך פאַרענדיגט אין שפּיץ, ביי דער גרויסער געמיינדע־שול, וואָס שטייט פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך און קוקט אַריבער מיט גדלות צום גרעניץ צו, וואו עס געפינט זיך, שוין צייט אַזוי פיל יאָרן, דער רייכער הויף, די „עסטאַנסיאַ" אָדער אימעניע פון דער

מיליאָנערן־משפּחה, די ענגלענדער דרייסדאַל, וואָס ווייסט נאָך אַליך ניט פון קיין ענליכער ערציהונגס־געביידע...

אָט די פיר גרופּעס האָבן אָנגעפירט מיט גאַנץ אַליסע; וואָס זיי האָבן דאָרט, אין די „פופצן ראַנטשאָס", אָפּגערעדט און באַשטימט, האָט די גאַנצע געמיינדע געמוזט אויספאָלגן. אפילו די גרויסע גרופּע, די שוועסטער אירע, די „דרייצעהן ראַנטשאָס", האָט קיין מאַכט קענגן איר ניט געהאַט, און זי האָט אויך געמוזט בלינד פאָלגן און געהאָרכזאַם זיין דער רעזידענץ — מאָסקוואַ.

לאָמיר אייך פאָרשטעלן די דאַמאָלסטיגע עלטסטע, די הויפּט־אָנפירער, די ראשים פון אונזער מאָסקווא.

דריי ענערגישע מנהיגים און מוטיגע מענשן זיינען די דאָרטיגע דיפּלאָמאַטישע אָנפירער געווען. דער ערשטער, ברוך גאַרפינקל, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיג, אַ מאַן פון אַ זעהר הויכן אידעאַל און מיט פרייען גייסט. ער האָט די שקלאַפעריי געהאַסט, פונקט ווי דעם טויט. ער האָט די באַרבעריי אין רוסלאַנד ניט געקאָנט דולדן, האָט דערום דאָרט אַוועקגעוואָרפן זיין רייכטום, איבערגעלאָזן אַן איידעלע גרויסע פאַמיליע, גענומען זיין פרוי, — אַ בת־יחידה פון רייכע עלטערן, וואָס איז ערצויגן געוואָרן אויף סאַמעט און זייד, — און איז געקומען קיין אַרגענטינע, אום זיך צו פּלאָגן, גראָבן מיט באָרהויסע פיס דעם גאָרטן, מעלקן קיה און האָדעווען עופות...

צום ערשטן מאָל, ווען כ'האָב די דאָזיגע משפּחה דאָ געטראָפן, האָב איך אַדורכגעלעבט אַ גרויסע אויפרעגונג און דערשיטערונג.

דאָס איז געווען אין דער עפּאָכע פון דער „מאַטושקאַ", בשעת גערביל האָט באַפוילן, אַז מ'זאָל קלייבן באַליקע; דאַמאָלסט האָב איך אָנגעטראָפן די שיינע, צאַרטע ברייניע קאַנטאָר, ברוך גאַרפינקלס פרוי, מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, קלייבנדיג אין פעלד צוזאַמען מיט איר מאַן דעם קויק...

כ'בין אַוועק אָן אַ זייט און האָב געוויינט און געלאַכט. כ'האָב געוויינט פאַר פאַרדראָס, וואָס די איידעלע ברייניע, וועלכע כ'האָב

גוט געקענט, געוואוסט, אַז זי איז ערצויגן געוואָרן מיט ניאַנקעס און גובערנאַנטקעס, אַז זי זאָל דאַרפן אין דער ווישטער פּאַמפּאַ צונויפשאַרן קוה־מיסט... איך האָב אָבער דערפאַר אויך געלאַכט פאַר פרייד, ווייל ס׳האָט מיר הנאה געטאָן צוזעהענדיג, אַז עס געפינען זיך ביי אונזער פאָלק מענשן מיט אַזוי פיל ענערגיע און מוט, וואָס זיינען גרייט אַליץ צו אָפּפערן: פאַרגעניגן, וואוילטאָג, עשירות — בלויז אום אַן אידעאַל צו דערגרייכן.

ברוך גארפינקל מיט זיין פרוי האָבן אין קאָלאָניע געדינט אַלס מוסטער און אַלס ביישפּיל פון דער מעכטיגקייט פון דעם אידעאַל פאַר פרייהייט און ערד־אַרבעט. — שפּעטער האָט אַ שרעקליכער אינצידענט געטראָפן מיט דער בריינען, וועגן וועלכן כ׳וועל נאָך רעדן.

ברוך איז געווען דער קאָפּ פון די „קינסע ראַנטשאָס״, אַזוי צו זאָגן, דער פּרעזידענט, און ער האָט צו יענער צייט, ווי אַ קאַפּי־טאַן דיריגירט מיט דער געזעלשאַפטליכער שיף.

דער צווייטער איז געווען מ אָ ז ע ס ל ע מ ב ע ר ס ק י, אַ פייערדיגער טעמפּעראַמענט, וואָס האָט געהאַסט די אַדמיניסטראַ־ציע מיט זיין גאַנצער ריינער נשמה. אַליין האָט ער געשטאַמט פון די קיעווער גדולים און האָט אויף זיך קיין שום הערשאַפט ניט געוואָלט טראָגן... יעדן אַדמיניסטראַטאָר האָט ער אָפּן זיין באַנדיטסטוואָ אין פּנים געשליידערט. אויף יעטווידער אסיפה האָט מען זיין מעכטיגן פּראָטעסטירנדן קול געהערט. די אַדמי־ניסטראַציע האָט אים רעספּעקטירט פאַר זיין פלייסיגער אַרבעט. ער און זיין פרוי, קלאַראַ, האָבן געפירט אַזאַ גרויסאַרטיגע בעל־הבתישקייט, וואָס האָט אַלס חידוש געדינט אין דער גאַנצער קאָלאָניע.

דער דריטער מנהל איז געווען דער רוהיגער שלמה ראָזנ־וואַסער, אַ טיפער, גרינדליכער, געלערנטער ייד, מיט צעעפנטע, גרויסע, קלאָרע, תמימותדיגע אויגן. זיין הויפּט־אַרבעט איז געווען צו באַרוהיגן און איינשטילן די ערשטע צוויי, ווען יענע האָבן, ווי מיט צעשמאָלצענער לאַוואַ, געשפּיגן אויף דער שקלאַ־

פישער הנהגה פון די מושלים... ער פלעגט זיי איינגעמען, באַ־
רוהיגן און פאַרהיטן, אַז זיי זאָלן קיין איבעראיילטן, היציגן שריט
ניט מאַכן...

אין „מאָסקווא“ האָט זיך אַ גאַנצע קאַנצעלאַריע געפירט. דער
אַלטער, געלאַסענער, ויידל גירסטל, אַ קאָלאָניסט, וואָס האָט גע־
האַט אַ זעהר שיינע האַנטשריפט, האָט די קאָרעספּאָנדענץ פון
דער דאָזיגער ביוראָ פּינקטליך געפירט.

אָט די פיר קאָלאָניסטן זיינען די באַוועגונגס־קראַפט פון יענער
צייט געוועזן.

אין „מאָסקווא“ האָבן זיי נאָך פאַרמאָגט אַ מין עלעקטרישן
פונק, וואָס אויף זייערן אַ וואונק פלעגט זיך דער פונק אָנצינדן
און באַלייכטן גאַנץ אַליסע. מיכל קאָדנער האָט ער געהייסן, אַ
יונגערמאַן, אַ הויכער, אַ גיבור, מיט אַ זעהר וואַרימען יידישן
גייסט. ביי יעדער כללישער טעטיגקייט איז ער שוין אויפן פערד
געזעסן און ווי אַ ווינט זיך דורכגעטראָגן דורך אַליסע, באַזוכט
אַלע גרופּעס, יעדן אויפגעמונטערט, אויפגעברויזט און אַלעמען
צוזאַמענגעבראַכט אין די „פּופּצעהן הייזער“; וואָס ס'איז דאָרט אויף
דער אסיפה באַשטעטיגט געוואָרן, דאָס איז פאַרבליבן אַ חוק
ולא יעבור...

LXIV

מיר באַפעסטיגן זיך אין דער נייער היים.

מיין נייע גרופּע 55, אויך די גרופּעס 54, 56 ביז 59, וואָס האָבן זיך געצויגן אין דער לענג, אויפן תּחום פון אַלגאַראָבאָ, זיינען געווען אונטערטעניג צו „מאָסקווא“.

ניט איין שבת־צו־נאַכטס האָבן מיר דאָרט אין הייסע דעבאַטן און דיסקוסיעס די גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט און אַלץ זיך בּאַראַטן, ווי אַזוי אַרום אונזער נייע היים איינצואָרדענען.

איך זאָג: „נייע היים“, ווייל מיט לאַפּינס דיקטאַטור, מיט זיין אייזערנעם „ביט־פּאָסעמו!“, אָבער אויך אַ דאַנק זיינע אויס־געצייכנטע פּלענער און זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייטן, איז ערשט ביי אונז באַפעסטיגט געוואָרן דער געדאַנק, אַז דאָ, אין דעם פרייען לאַנד, איז אונזער היים. ער, דער דורכגעטריבענער ליט־וואַק, האָט געוואוסט, ווי אַזוי צו דרעסירן די גרויסע בלינדע חיה, וואָס רופט זיך המון. מיט גוטן און דורך איבערצייגונג האָט ער די קאָלאָניסטן געוואונען און האָט זיי אויפגעקלערט, אַז מען מוז נאָר זעהן וואָס שנעלער צו פאַרלאַנגען פון דער יק״א קאָנטראַקטן אויפן לאַנד, מחמת דער ערגסטער קאָנטראַקט איז דאָך אַלץ בעסער ווי גאָר קיין קאָנטראַקט ניט!...

— טרויט ניט צופיל דער פראַנצויזישער איידלקייט! — פלעגט ער זאָגן פאַרטרוייליך צו די יחידי סגולה — זיי האָבן ניט איבעריג ליב דעם רוסישן יידן.

מיר האָבן אים פאַרשטאַנען און נאָך אַ קליינער רעפאָרמע אין די פריהערדיגע קאָנטראַקטן, האָבן מיר געחתמעט די „פּראָמעסאַ

די ווענטאָ", דאָס הייסט, דעם פֿאַרשפּרעכן פֿון פֿאַרקויף, וואו ס'זיינען איינגעשריבן געוואָרן די קאָנדיציעס, אַז מען דאַרף דאָס לאַנד אויסצאָלן אין אַ טערמין פֿון צוואַנציג יאָר, מיט אַ צוזאַץ פֿון 5 פּראָצענט יערליך.

— טאָ וואָס ווילט איר נאָך? — האָט לאַפּין געטענהט. — די ערד איז דאָך שוין אייערע, פּאָמיעשטשיקעס זיינט איר! איר זיינט נאָר שולדיג אויף דער אימעניע אַביסל געלט! טאָ איז וואָס פֿאַר אַן אומגליק שטעקט דערביי? אַ הונט איז קיינעם גאָר ניט שולדיג, — אַ מענש איז שטענדיג עפּעס שולדיג עמיצן!...

אין אמתן געזאָגט: דאַמאָלסט, ווען מיר האָבן די קאָנטראַקטן דורך לאַפּינען באַקומען, האָט מען זיך עפּעס זיכערער געפֿילט.

איך געדענק ווי מיטן קאָנטראַקט אין האַנט בין איך נעבן שטוב פֿון פֿערד אַראָפּגעשפּרונגען און פֿרייליך אויסגעשריגן צו מיין פֿרוי און צו די קינדער:

— נאַט, זעהט! אָט איז דער פּלאַן אויף בלוי־פּאַפּיר אויסגעצייכנט: אָנגעוויזן די שטוב, דעם גאָרטן, דעם קאָראַל, די קאָמונאַלע „פּאָטרעראָ". אָט אויף דעם ווייסן בויגן פּאַפּיר איז כתוב וחתום פֿון באַראָנס נאַטשאַלניקעס, אַז דאָס אַליץ איז אונזערס, אייגנס. מיר וועלן אַרבעטן און די צעהן טויזנט פּעזאָס אויסצאָלן אין די צוואַנציג יאָר. מיר וועלן זיין אייביגע בעלי בתים אויף אייגענער ערד און נאָך אין אַזאַ פֿריי לאַנד!

די שמחה האָט אונז אַלעמען אַרומגעכאַפּט. דאָס לעבן איז עפּעס געוואָרן זיס, ליב. די זון, געדענק איך, האָט עפּעס דאַמאָלסט מיט אַזוי פֿיל גלאַנץ און פּראַכט געשימערירט, אַז עס האָט זיך אַזש טאַנצן געגלוסט. מיר האָבן גענומען אונזער מיידעלע, נאַניע, וועלכע האָט גערעדט דייטש און זעהר שיין געטאַנצט... זי אויפֿן טיש אַרויפֿגעשטעלט, איהר צוגעזוגגען, צוגעפּלעסקעט, און זי האָט מיט די באָרוויסע פֿיסלאַך געטאַנצט און צוגעבאָמקעט דייטשמעריש.

יעדער קאָלאָניסט האָט זיך דאַן עפּעס פּעסטער און גליק־ליכער געפילט. מען האָט באַקומען מעהר לאַנד, בהמות און מ׳איז געוועז צופרידן.

ווער שמועסט, איך מיט מיין פאַמיליע בין גאָר גליקליך געוועז אין דער נייער גרופּע 55. מיר זיינען פּשוט צעשמאָלצן געוואָרן פאַר שמחה, וואָס ס׳איז אונז ענדליך געלונגען פּטור צו ווערן פונם ביטערן שכן פּ., וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער גרופּע 43.

איך וויס, איהר וועט ציהען מיט די אַקסלען; וואָס הייסט? וואָס איז שייך אויפן לאַנד אַ שלעכטער שכן? דער פּלאַץ איז ענג? צי מען דאַרף אים אַלע מינוט אויף די טרעפּ באַגעגענען? אַזוי וועט איר געוויס דענקען, איר שטאָטיגע מענשן! איר קאָנט גאָר ניט פילן דאָס אמתע ביטערקייט, דאָס גרויזאַמע שלעכטס, וואָס ליגט אין אַ שלעכטער שכנשאַפט אויפן קאַמפּ! איר, אין שטאָט, קאָנט ניט באַגרייפן דעם אמתן טייטש פון ש כ ן ר ע. ביי אייך אין שטאָט, וואו אַ יעדערער איז אָפּגעצוימט, ווי אין אַ באַזונדערן קבר, ווער אַ שמעלערן, ווער אַ ברייטערן, ווען עס טרעפט ביי אייך, דאָרט, אַ שלעכטער שכן, וועלכן איר ווילט ניט זעהן, איר ווילט אים ניט אָנקוקן און ווינשט ער זאָל צו אייך אין הויף ניט אַריינבליקן; — הויבט איר אויף העכער די ווענט, נאָך אַ מאה ציגל, און פאַרטיג... ער קאָן שוין אין אייער גבול ניט אַריין...

גאַנץ אַנדערש איז דער שכן רע אויפן פרייען פעלד. ער וואוינט ווייט פון איינעם און איז דאָך אַזוי נאָהענט! בלויז אַ מע־זשע, אַ קרייץ מיטן פלוג, אָדער אַ סולפעקע ווייזט די גרעניץ צווישן איינעם און דעם אַנדערן; אפילו קיין אַלאַמברע איז נאָך דעמאָלט ניט געווען! מען פאַרהאָדעוועט דאָס שטיקל לאַנד, גאָט גיט איינעם די ברכה, עס וואַקסט שיין, אַ מחיה; די צוקונפט שמייכלט צו איינעם מיט זיכערער חיונה... נו, קומט דער שכן רע און פאַרגינט עס ניט, לאָזט ביינאַכט אַרויף זיין סקאָט אויפן פּאָסיעוו, אָדער אויפן גאָרטן — און זיי פרעסן אַלצדינג אָפּ, צע־טרעטן דאָס רעשט און מען ווערט באַגזלט פון דער האָפנונג

אויף אַ קיילעכדיג יאָר ! ביטער ווי דער טויט איז דאָס איינזאַמקייט אין פעלד: אָבער נאָך ערגער און שלימער איז די שכנשאַפט פון אַ שלעכטן מענשן!

— איר האָט גענוג געליטן פון סעניאָר פּ. ה. אין דער גרופּע 43: — האָט מיר לאַפּין געזאָגט. — דערפאַר גיב איך אייך גאַנצע דריי „קינטעס“ אין דער גרופּע 55! פון ביידע זייטן האָט איר קיין שכנים נישט, און אַנטקעגן האָט איר אַ ליטוואַק, דעם שוחט קרעל. גוט, האַ ? צופרידן ?

מיר זיינען טאַקע געווען צופרידן און זיינען עס ביז צום היינטיגן טאָג.

LXV

שכנים.

דער פּאָסיעוו אויף אונזער נייער גרופּע האָט זיך אַנטוויקלט פּראַכטפול. די שטוב האָבן מיר אַרומגעפּלאַנצט מיט בוימער, וואָס מיר האָבן אויסגעגראָבן פונם אַליסער וואַלד. די שול פאַר די קינדער איז אינגאַנצן געווען אַ פּאָר קילאָמעטער פון אונזער גרופּע, אַזוי אַז די קינדער האָבן געקאָנט צוגיין אַהינצו צו פוס, אָדער ביידע, רייטנדיג, צופּאָרן אויף איין פערד.

נאָר אָט די אַלע באַקוועמליכקייטן זיינען כּלא נחשב געווען קעגן די גוטע שכנים, וואָס מיר האָבן אין ביידע זייטן פון דער גרופּע באַקומען.

רעכטס, אויף אַ מרחק פון 1500 מעטער, איז געווען די גרופּע 56. דאָרט האָבן געוואוינט פיר קאָלאָניסטן, דער סולת, ווי מען זאָגט, דאָס זעמל-מעל, דער בחיר פונם געגנט.

דער ערשטער און עלטערער פון זיי איז געווען י ע נ ק ל ע ד ל מ אַ ן, אָדער יענקל חוהס. אַ מאַן מיט אַ ווייסער זקנה. דרייסיג יאָר קען איך אים און זיין באָרד איז נאָך אַליך ווייס... דאָס איז אַ יונגער אַלטער, אַ מענש מיט אַ זעהר פריילעכער נאַטור. אויף אַ שמחה איז ער אויך געווען אַ גוטער טענצער און צו אַלעמען אויך אַ הייסער ייד.

— קאַראַמבאַ! דער בראַנדעס איז דאָך טאַקע אַ רשע! באמונה שלי, איך מוז נאָך איינעם פון זיי, אָט פון די דאָזיגע פּאַריזער פראַנטן גוט אויספּאַטשן! — דאָס איז שטענדיג געווען זיין הייסטער באַגעהר און זיין אַרט אויסשפּראַך.

עטליכע יאָר כסדר האָבן מיר אים אַלס דעלעגאַט אויסגע־
ווײלט צו דער קאָמיסיע, וואָס האָט זיך מתעסק געווען מיט די
קאָלאָניסטישע ענינים.

— דוואַ סלאָוואַ, — טרעטיאַ מאַגאַריטש ! — פּלעגט ער
שרייען צום דירעקטאָר הירש — וואָס ניצט אונז אייער פּאָנפּע־
ויאַטע פּראַנצויזישע פּאָליטיק ! רעדט קלאָרע ווערטער,
הער הירש !

— וואַס זאַגט דער עדעלמאַן ? — האָט דער דירעקטאָר אי־
בערגעפרעגט און געצויגן מיט די אַקסלען.

דער צווייטער פון דער גרופּע איז געווען מ ר ד כ י ו ו י י ס־
מ אַ ן, אַ גאַליציאַנער ייד. שטענדיג אַ צופרידענער, האָט ער
קיינמאָל צום רבונו של עולם קיין טענות ניט געהאַט. ער האָט
נאָר ביים כביכול געבעטן, אַז ער זאָל אים לאָזן צורוה... ער
האָט געפירט אַ שיינע שטוב, געפלאַנצט אַ סאָד און זיין סע־
ניאָרע פריידע פלעגט אונז אָפט מכבד זיין מיט זעהר גע־
שמאַקן קאָרענעם לעקאַך.

נעבן אים אין שכנות האָט געוואוינט זיינער אַ שוואָגער, דער
יונגערמאַן מ אָ ז ע ס ר אָ ז ע ס, אַ שוואַכער קאָלאָניסט, דער־
פאַר אַ שטאַרקער און גוטער זינגער. האָט געהאַט אַ ריינע,
קלאָרע טענאָר־שטים, וואָס איז פּשוט אַ מחיה געווען צו הערן,
דאָס איז בכלל געווען אַ ברליאַנטן מענשעלע.

די דאָזיגע דריי מיטן פערטן י ש ר א ל ש ו ל מ אַ ן, פון
פּראָפעסיע אַ שמיד און אַ פלייסיגער, פעהיגער קאָלאָניסט, האָבן
צוזאַמענגעשטעלט די גרופּע 56.

לינקס פון איר איז געווען די גרופּע 54, וואָס איז באַשטאַנען
פון פינף שכנים, וועלכע האָבן בפשטות אָנגענומען די פּראָסטע
און שווערע עבודת האדמה נאָר דערפאַר, וואָס דאָס איז אַ כשרע
פּרנסה.

דער הויפּט פון די דאָזיגע פינף משפחות איז געווען מ ש ה
ל ע כ ט מ אַ ן, אַ הויכער, אַ ברייטביינערדיגער, אַ דעמב... ער
האָט געדינט פאַר אַלכּסנדר דעם צווייטן : אַ פייערדיגער בראַסלאַ־

ווער חסיד איז ער געווען און האָט געקענט אויסנווייניג „די מעשה פון זיבן בעטלער“ פון רבי נחמן בראַסלאַווער... שטענדיג האָט ער געטראָגן אַ ווייסע העמד מיט ברייטע אַרבל און צעבראַסטעט ביים האַלז... ער האָט שטאַרק מקפיד געווען אויף די קאָלאָניסטן, וואָס שיסן אויף די פויגעלאַך, בעת זיי פאַרזייען דעם ווייץ.

— די מזונות פון דאָס פויגעלע איז אויך פאַרצייכנט פונם הזן ומפרנס לכל! — האָט ער געטענהט. — און די זערנע, וואָס איז באַשטימט פאַרן עופהלע, וועט סיי־ווי־סיי ניט וואַקסן...

אַנטקעגן אים האָט געוואוינט מאָטיע פרענקל, אַ ייד אַ חלוץ, וואָס האָט שטאַרק ניט געהאַלטן פון דער אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע און ניט געגלויבט אין איר עקזיסטענץ. שפּעטער איז ער טאַקע אַוועק קיין ארץ ישראל, איבערלאָזנדיג אַ זון אַלס שטעלפאַרטרעטער.

מיכאַלאָווסקי איז געווען דער הויטער. אַ גיבור, אַ ריזן־שטאַרקער מענש און קאָלאָניסט. קיינער האָט ניט געקאָנט אַזוי מאַנסירן די ווילדע „נאָוויזשעס“ — ווי ער. הינטער אים זיינען געקומען די איבעריגע צוויי שכנים: טעסלער, אַ ווירקליך פּשוטער אַקערבויער מיט פעסטער אמונה און בטחון בבוראָן הירש. איז צו דער ערד אַרבעט איבערגעגעבן געווען מיט לייב און לעבן. דער אַנדערער, אַהרן קצב, אַ קאָלאָניסט, וואָס איז אַפנים פון דער השגחה אַליין באַשטימט געוואָרן אייביג צו זיין אַן עני ואביון... כסדר איז ער אָרים ווי דער טויט, הגם וואָס ער מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אַרבעטן שווער און ביטער. צו וואָס דען האָט משה רבינו אָנגעשריבן אין זיין תורה, כי לא יחדל אביון? אַן אביון מוז זיין! כל זמן עס עקזיסטירט כסף, וועט אביון אויף דעם אַרבעטן און ליידן... אַפילו צווישן גאָלד־גרעבער זיינען אויך פאַראַן אביונים!..

אויפן גרעניץ פון אונזערע פעלדער, קיין מזרחית־צפונית צו, איז געווען די גרופּע 51, וואו ס׳האָט געוואוינט לייזער ווילדער, אַ הייבער ברונעט, שטאַרק באַוואָקסן מיט אַ זעהר ברייטער, פּעק־

שוואַרצער באָרד און מיט קלוגע אַרומלויפנדע אויגן. אויף דעם קאַמף האָט ער געאַרבעט, ווי מען זאָגט: לשם יחוד: אַלץ איז ביי אים געמאַכט געוואָרן אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן. אַ מעלגע האָט ער געקאָנט אָפּציהען גלייך ווי אַן אויסגעצויגענע סטרונע. דער גלאַנץ ביי די לעמישעס פון זיין פלוג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף אַ קילאָמעטער די ווייט.

— ער איז אַן אמתער „כאַזאַיען״. — האָט אויף אים לאַפּין געזאָגט.

דער צווייטער איז דאָרט געווען וואָלף אָדעסקי, אַ טאַטע פון אַ סך זכרים. יעדער איינער האָט אַ באַזונדערע „באָמביזשאַ״ מיט אַ מאַטע-טעפּעלע געהאַט, און דריי מאָל אין טאָג, ביי מאַטע טרינקען, האָט איר דאָרט געקאָנט זעהן אַ גאַנצן מנין, שטייענ-דיג מיט בלעכענע באָמביזשעס און ציהענדיג די געשמאַקע „זשעבראַ״, שיטנדיג דערביי צוקער — אויף גאָטס באַראָט. נאָר אַרבעטער זיינען זיי ווי די טייוולאָנים געווען! ביינאַכט האָט מען מיט דער לבנה געאַקערט; בעת די איבעריגע שכנים, דוד נע-מיטשעניצער און מאָזעס כהן, זיינען אויפגעשטאַנען פונם שלאָף, האָבן די אָדעסקים שוין די צווייטע „איזמעניע״ אָקסן איינגע-שפּאַנט. דערפון האָט זיך אין דער גרופּע צעפלאַקערט אַ גרויסע קנאָה, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרביסע-נער שנאָה.

די דאָזיגע דריי נאָהענטע גרופּעס, אונזערע שכנים, האָבן אונז פיל פאַרבעסערט און כמעט ווי פאַרזיסט דאָס קלאָגליכע געזעלשאַפטליכע לעבן, וואָסער מאַנגל עס האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק פילן. די גאַנצע וואָך איז מען פאַרטאַרעראַמט געווען מיט „וואַמאָס קאַשטאַניאָ! וואַמאָס רואוויאָ! וואַמאָס גאַרי-באַלדי!" — די אָקסן האָבן צייטנווייז געפאָלגט, זיינען געגאַנגען. אָפּטמאָל האָבן זיי זיך איינגעשפּאַרט, טאַקע ווי אַן אָקס קאָן, און כאָטש צעריים זיך שרייענדיג און שטורכנדיג מיט דער „פּיקאַנאַ״ און זיי שטעלן מיט קיין פוס, רירן זיך ניט פונם אָרט.

נאָר ווי אַזוי עס איז שוין צוגעגאַנגען דאָס קנעלן אַ גאַנצע

וואָך מיט די אָקסן־קעפּ, האָט מען אָבער געלעבט מיטן חיות פונם שבת.

גאַניץ פריה, באַלד נאָך מאַטע, איז מען זיך צוזאַמענגעקומען צום מנין ביי יענקל חוהס. דאָרט האָט מען גערעדט, פון פּאָליטיק געשמועסט און אָפטמאָל געשעפט געמאַכט. דאָס הייסט: מען האָט געהאַנדלט. אויסגעטוישט און פאַרביטן „מאַנדזיניך", דעם „צורקע"־אָקס, אויף „נאַפּאָלעאָנען" — דעם קליינישקן, שאַרפן אויער־עקסל. צייטנווייז גאָר שידוכים געשלאָסן... שמואל מעקלער פון 54 האָט זיך משדך געווען מיט יענקל עדלמאַן פון 56... נו, איז שוין געווען קידוש און מען האָט ברידערליך פאַרבראַכט.

שבת בייטאָג האָט מען זיך פאַרזאַמלט אין די צוויי שיינע וועלדלאַך, וואָס האָבן געהערט צו וויסמאַנען און ראָזעסן. אַהין איז מען שוין געקומען מיט די פרויען און קינדער. דאָרט פלעגט שוין אויך ניט פעלן אַברהם ראָזנפעלד פון דער אַנטקעגנדיגער שול, וואוהין ער איז אויך מיט אַלע זייניגע געקומען און מ׳האָט דאָרט געפּראַוועט קאָנצערטלאַך.

אַברהמל האָט אויף יעדן באַזונדער אַן אַנדער מין בדחנות געזאָגט; געראַמעט און וויצן האָט ער פונם אַרבל געשאָטן און אַלע האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער... די מיידלאַך פלעגן זינגען און צווישן די אַלייען פון די פּראַכטפולע וועלדלאַך — פון וועלכע ס׳איז שוין היינט קיין זכר ניטאָ — האָט מען זיך טאַנצן געלערנט. מען איז פשוט אַנטציקט געווען, ווען די קינדער האָבן שוין מיט אַלע פּישטשעווקעס געקאָנט אויסטאַנצן דעם אַרגענטינער „על גאַטאָ"!

פרייליך האָט מען דאַמאָלסט די שבתים פאַרבראַכט. אָרים, האַלב־נאַקעט און דאָך לוסטיג און מונטער! ס׳איז ערפילט געוואָרן דער „הוליע קבצן!"

בעת איך זיץ איצט און שרייב און עס שווימען מיר אויף אינם זכרון די פּאַסירונגען פון יענער צייט, דערוועקט זיך מיר די פראַגע: וואָס פאַר אַ זעלטענע ברואים זיינען מיר דאַמאָלסט

געווען? פון ״יינען צום לאַכן, פונם פאַרביטערסטן יאוש ביז צום העכסטן עקסטאַז פון פרייד און האָפענונג — איז ביי אונז געווען איין טריט; אַן אומבאַדייטנדער איבערגאַנגס־פאַזיס איז עס געווען!

אָט האָט אַן אינצידענט פאַסירט: אַ גאַאוטשאָ האָט עמיצן פון אונזערע דערשטאָכן; אָדער אַזוי עפּעס אַ קאַטאַסטראָפע איז געשעהן: די ווילדע נאַטור האָט אַ בושעווע געטאָן; אָדער אַ שלעכטער, פאַרדאָרבענער אַדמיניסטראַטאָר איז אַלס מושל אָנגעקומען — איז באַלד ביי יעדן איינעם אויפגערירט געוואָרן דער מאַרך, און ס׳האָט זיך תיכּף ערוועקט דער היים־ווײ, פון וועלכן יעדער עמיגראַנט ליידט יאָרן־לאַנג; שנעל האָט זיך פאַרשפּרייט דער פּעסימיזם; אַלץ האָט אָנגענומען אַ שוואַרצן פאַרכמורעטן אויסזעהן און דאָס בענקשאַפט האָט ביים האַרצן גענומען נאָגן.

— אַהיים! לאָמיר אַנטלויפן! ניט דאָ איז פאַר אונז דער פּלאַץ! — האָט מען פון אַלע זייטן געשריגן.

ווי נאָר דער שטורעם איז פאַראיבער, דאָס בלוט פונם הרוג איז פאַרטריקנט געוואָרן, דער בייזער מושל איז אַוועק — און די זון האָט אויפגעשיינט: איז ווידער פריילין, לעבהאַפטיג, לוסטיג און מונטער. אַלע צרות ווערן פאַרגעסן; די צוקונפט שיינט; דאָס לעבן כּשופט און לאַכט און ס׳ווערט זיכער, אַז דאָ איז אונזער היים, דאָס נייע גאָלדענע פרייע היימאַט!

אָט אַזאַ געפיל־וועקסלונג האָט געהערשט צו יענער צייט כּמעט אין אַלע יידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע, און טיילווייז ווערט עס אין זעלבן איבערגאַנגס־צושטאַנד, פון יאוש צו בטחון, אויפגעהאַלטן ביז היינטיגן טאָג.

נו, פרעג איך מיך כּסדר: ווי האָבן אַזעלכע צוויי עקסטרעמען, אַזוינע צוויי פאַרשיידענע יסודות, זיך אויפגעהאַלטן אין דער זעלבער נשמה? איז דאָס עפּעס אַ מין נאַטור־מיסטעריע? איז דאָס די מענטשליכע לעבנס־קראַפט: דער אינסטינקט, וואָס זאָרגט זיך פאַר זעלבסטערהאַלטונג, פאַר דער עקזיסטענץ! דאָס מוז זיכער זיין אָט די געטליכע קראַפט פון דער פאַרגעסנקייט, די

שכחה — אַן אַלטע געטרייע דינערין פונם לעבן, וואָס לעגט אַרויף איר אייזערנע האַנט אויפן עבר און זאָגט: „ביט פּאָ סעמו!“ — אַזוי מוז עס זיין! פאַרגעס דאָס פאַרגאַנגענע און גיי ווייטער!

אונטער די פליגלען פון יהושע לאַפּין האָבן מיר אָן אַלע פריהערדיגע צרות פאַרגעסן און דערווייל זיך משמח געווען און געלעבט צופרידן.

דער לעב־יונג בראַנדעס איז אויך אַוועק... אָבער צוערשט האָט ער פאַרקניפּט אַן אינטריגע צווישן ד״ר וועקסלער און דער „בורא“. יענע האָט דעם ד״ר אָפּגעזאָגט, אָבער לאַפּין, וואָס האָט דירעקט קאָרעספּאָנדירט מיטן באַראָן, האָט, ווייזט אויס, אים דערפון מיטגעטיילט און פון פאַריז האָט מען בראַנדעסן אָפּגעזאָגט פון פּאָסטן... „לאַדנאָ“, אָדער דער אַגראָנאָם נאָר־מאַן, לאַפּינס אַ קרוב, האָט פאַרנומען זיין שטעלע און אַ רו־סישער פעלדשער מאַלענקי, פון קיעוו, האָט איבערגענומען דעם דאָקטאָרס פּלאַץ.

הערליך און פראַכטפול איז אָנגעקומען דער זומער. די תבואות אויף די פעלדער זיינען אומגעשטערט געוואַקסן. ס׳האָט גערעגנט אין צייט. דער קלימאַט איז געווען אַ מילדער און אַלין האָט מבטיח געווען אויף גערעטעניש. ס׳איז נאָר געווען אַ שאָד, וואָס פילע קאָלאָניסטן, צוליב דער בייטעניש מיט די גרופּעס, האָבן ניט באַוויזן צו פאַרזייען קיין סך ווייץ.

LXVI

מיר ערוואַרטן דעם באַראָן הירש.

איך ווייס ניט, וואָס פאַר אַ פויגל אָדער וועלכער ווינט עס האָט די בשורה געבראַכט. אַ קלאַנג האָט זיך צעטראָגן, די מעלדונג איז ווי פון הימל אַראָפּ און טיף אַריינגעדרונגען אין יעדנס האַרץ. „דער באַראָן קומט!" — האָט זיך פון יעדער מויל פריילעך די מיטטיילונג אַרויסגעריסן. יעדעס קינד, וואָס האָט נאָר רעדן געקאָנט, האָט די בשורה דערציילט: „דער באַראָן הירש קומט צו אונז!"

— אַ שיף האָט ער אַן אייגענע געקויפט!—דערציילט אַברהם פּיקעלני, שטייענדיג אין דער מיט פון אַ רעדל קאָלאָניסטן. — ער האָט איינגעלאַדן די גרעסטע אַנטיסעמיטן פון אייראָפּאַ: ער צאָלט זיי פאַר זעקס מאָנאַט פּענסיע מיטן תנאַי, אַז זיי זאָלן מיטפאָרן קיין אַרגענטינע און זעהן מיט די אויגן, ווי די שאַכערניקעס, די „זשידעס", באַאַרבעטן די ערד מיט אייגענע הענט...

דער יונגער ישראל דיניעץ איז געשטאַנען צווישן אַ סך פורן אויף סאַמע מיטן וועג, וואָס גייט קיין קאַסאַרעס, האָט אין האַנט געהאַלטן די בייטש און מיטן בייטששטעקל, אויסגעמאָלט אויפן זאַמד עפּעס אַ מין „בויגן".

— זעהט, קאָלאָניסטן! — האָט ער באַגייסטערט גערעדט — אָט אַזאַ סאָרט טריאומף-בויגן דאַרפן מיר צוגרייטן אויפן טויער פון מאַאוריסיאָ, וואו מירן דורכפירן דעם קבלת-פּנים פאַרן באַראָן!

דער שוחט אייזיק גלאַזערמאַן, אַ היפּשער למדן און אַ חכם, האָט צוגעגרייט אַ נייעם מ י ש ב ר ך: עפּעס אַ סאָרט „הנותן

תשועה", וואָס ער האָט פאַרפאַסט לכּבוד דעם באַראָן און האָט אים איינגעזונגען מיט משוררים...

די דעלעגאַטן־קאָמיסיע, אונזערע ראשים, האָבן פּריוואַט אָפּ־גערעדט, אַז מ'דאַרף זעהן אויסווירקן ביים באַראָן אַ ריכטיגן שפּיטאָל מיט אַן אייגענער אַפּטייק, און מיכעלע רימסקי, אַ קליין יידעלע מיט אַ גרויסן און קלוגן קאָפּ, האָט געדרונגען, אַז אויב בעטן, דאַן זאָל מען שוין פועלן גאַנצע צוויי שפּיטעלער, — איינעם אין דער קאָלאָניע גופא און דעם צווייטן, אַ גרויסן יידישן האָספּיטאַל, אין בוענאָס־איירעס.

—מען דאַרף אים זאָגן... — האָט ער געגוואַלדעוועט און זיך געצופּט זיין שיטער בערדל: — מ'דאַרף אים גוט ערקלערן, אַז אַ ייד קאָן זיך בשום אופן ניט אויסהיילן און אַפילו רוהיג ניט שטאַרבן, אין קיין גויאישן האָספּיטאַל, וואו די באַרמהאַרציגע שוועסטער שטופּן אים אַלע ווייל דעם צלם אונ־טערן נאָז און בענטשן אים אינם נאָמען פון אונזער יידליק פון נצרת!...

אונזערע רעוואָלוציאָנערן האָבן גאָר עטוואָס אַנדערש גע־טענהט: לויט זייער מיינונג האָט מען חוץ פרייהייט קיין אַנדער זאַך ניט געדאַרפט בעטן... „זאָל ער נאָר אַראָפּ־נעמען די מכה, דעם געשוויר, וואָס הייסט אַדמיניסטראַציע; אויס־מעקן דעם שאַנד־פלעק פונם קאָנטראַקט — דעם פּראָצענט; דאַן וועט במילא זיין וואויל און גוט!"

דער הייסגעבאָדענער דוד טשערניק, אונזער שומר ביים גרע־נייץ פון דער קאָלאָניע, אָט דער דאָזיגער ברייט־ביינערדיגער, פעסטגעבויטער מענש מיט די בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, דער גיבור, וואָס האָט שוין מערערע גאַאוטשאָס דערשאָסן און איינעם, אין אַ געשלעג, מיט זיינע אייזערנע ציין פשוט דעם נאָז אָפּגעביסן— אָט דער גאַאוטשאָ דרייט זיך נאָך היינט אויך אַרום אין דער קאָלאָ־ניע און דער חלל פון זיין געוועזענער נאָז איז פאַרבונדן מיט אַ טיכל, — אָט דער גבר־אלום האָט ווי אַ קינד געוויינט פאַר פרייד, בשעת ער האָט דערהערט די בשורה, אַז דער באַראָן קומט.

מען האָט ממש געמיינט, אַז דער מענש ווערט צעמישט פאַר שמחה. ער האָט נאָר געוואָלט צוזאַמענשטעלן אַ סקוואַדראָן פון בחורים, פון קינדער...

— מיט די מעסערס אין די גאַרטלען, מיט רעוואָלווערן און רעמינגטאָן-ביקסן, רייטנדיג אויף ברענענדע פערד, דאַרפן מיר אַרויספאָרן אַנטקעגן אונזער מלך-המשיח! — האָט טשערנייק געשריגן, — די יוגנט מיט כלי-זיין אין איין זייט און אין דער צווייטער זייט די זקנים מיט ספרי-תורות; און די מיידלאַך מיט ווייבלאַך זאָלען צווישן ביידע רייען, אין דער מיט, דעם וועג פאַר אים אויסשפרייטן מיט בלומען.

פון זיין מויל האָט ווי פייער געשפריצט... פאַר עקסטאַז האָט ער דאָס היטל אַלע מינוט געשליידערט צו דער ערד און דער פאָנישער „מי שברך“ האָט זיך פון צווישן זיינע צונויפגעקלעמטע ציין אומאויפהערליך אַרויסגעריסן...

מאָסקוואַ, דער מקור פון דער דיפּלאָמאַטיע און די פּאָליטישע קאָמבינאַציעס, האָט נאָך די בשורה ניט פונאַנדערגעגלידערט און איבער איר קיין באַשלוס ניט אָנגענומען. נאָר ווען די שמחה האָט שוין דערגרייכט צו דער העכסטער באַגייסטערונג און אין דער קאָלאָניע און האָט ביי די דיפּלאָמאַטן געפאָדערט עפּעס רעאַלעס, פּאָזיטיווער, האָבן זיך די דאָזיגע ע ל ט ס ט ע געווענדעט מיט אַן אָנפראַגע צו לאַפינען און ער האָט געענטפערט מיט אַ צוויידייטיגן שמייכל:

— אָפּיציעל איז נאָך פאָרלויפיג ניט באַשטעטיגט, אַז ער קומט, נאָר ס'איז מעהר ווי זיכער, אַז ער וועט דאָ זיין! מיגליך, אַז באַלד נאָך דער קאָסטשע, ווי נאָר מען וועט האָבן דאָס ברויט אַריינגעפירט אין שייער אָדער גאַלפּאָן אַריין, — וועט ע ר אָנקומען!

געוואַרט האָבן מיר, אַז ענדע מעריץ אָדער אָנהויב אַפּריל וועט דער באַראָן הירש זיין ביי אונז!

אָבער דערווייל איז די קאָלאָניע דאַמאָלסט געווען פול מיט באַגייסטערונג. מען האָט פלייסיג און מיט ליבע דאָס לאַנד

באַרבעט און מען האָט אָפּגעוואַרט אויף אַ גרויסן קבוץ גליות...
די זעקס מיליאָן ייִדן פונם צאַרן־לאַנד וועט מען אַריבערשלעפּן קיין אַרגענטינע און... נאָר צו וואָס זאָל איך יעצט שרייבן, וואָס מיר האָבן דאַמאָלסט געטראַכט און געהאָפּט?

אַך, יענע גליקליכע טעג! יענע גאָלדענע צייט, וואו איז זי איצט? דאָך פאַרבלייבט זי מעכטיג איינגעקריצט אינם זכרון פון די חלוצים הראשונים. די פּיאָנערן וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענע צייט, וואָס איז געווען די בעסטע, די גליקליכסטע און צופרידנסטע פון דער דרייסיג־יעריגער קאָלאָניזאַציע! אַלעמענס הערצער זיינען איבערגעפולט געווען מיט פרייד. די געזאַנגען, די פריילעכע לידער האָבן זיך געלאָזט הערן יעדן אָוונט, כמעט אין אַלע גרופּעס. די לופט איז פול געווען מיטן ריח שדה, — דער אַראָמאַט פון אַ גן־עדן... אַ ווירקליך יידיש פריי לאַנד!

ביים שיין פון דער לבנה, אונטער דער היגער קילער, מילדער לופט, וואָס האָט ווי גענלעט און געלאַשטשעט, פלעג איך ליב האָבן מיט מיין פרוי אַרומצושפּאַצירן; זיך אַדורכגיין צווישן די פּאַרזייטע פעלדער, וואו די כמעט צייטיגע הויכע זאַנגען פון באַרלעטאָ־ווייץ האָבן מיט אָנגעבויגענע קעפּלאַך זיך איינס צום אַנדערן געטוליעט און ווי עפּעס געהיימניספול זיך געשושקעט איבער נאַטור און לעבן... פון די פענסטערלאַך פון יענקל חוהס גרופּע האָבן ליכטלאַך געבלישטשעט און אין די אויערן האָט אָפּגעקלונגען די קלאָרע שטים פון מאָזעס ראָזעס, וועלכער איז זיך דאָרט געלעגן ערגעץ אויסגעצויגן אין דרויסן אויפן ווייכן גראָז און האָט געזונגען צונזערס „סאָכע“:

„... איך דאַרף ניט ליידן, באָרגן, —
דער מוה דאַרף נישט זאָרגן ...“

אָ, ווי מעכטיג האָבן דאַן אונזערע הערצער געקלאַפּט פון אַנטציקונג, שפּאַנונג און דערוואַרטונג! אַך, ווען דער באַראָן

זאָל קומען, ער אַליין זאָל אַלעס הערן; מיט זיינע אויגן אונז אַלע, זיינע קינדער — זעהן... ווי טויזנטפאַך גליקליכער נאָך וואָלטן מיר געווען!

אָט אַזוי פלעגן מיר פאַנטאַזירן און, אין די אָוונטן אַרומ־שפּאַצירנדיג, דאָס אויפן קול צווישן זיך אויסרעדן...

LXVII

דאָס געראַטעניש פון 1895-96.

עס איז געקומען די שניט-צייט פון 1895-96. נאָך דער איינאָר-דענונג פון לאַפּינען האָט ווידעראַמאָל יעדע גרופּע געאַרבעט בשותּפות. ביי ווענען דער ווייץ איז פריהער צייטיג געוואָרן, אַהין איז די גאַנצע גרופּע איינוואוינער מיט קינד און קייט געגאַנגען און די תּבואָה פון פעלד אַראָפּגענומען.

דורך אַזאַ סיסטעם פון שותּפותדיגער אַרבעט איז אַליין דורכגעפירט געוואָרן פּינקטליך און פלינק. ווען עס זיינען נאָך אַ פּאָר „פּאַרוועס" צונויפגעלעגט געוואָרן, האָט מען תּיכּף צוגע-בראַכט די דרעשמאַשין און מיט אייגענע אַרבעטער האָט מען די תּבואָה אויסגעדראָשן.

ווילענסקי, ישראל גערשמאַן און קיילעס זיינען די ערשטע צילינדריסטן געווען. שטיין אויבן אויף דער מאַשין און די סנאָפּעס אַריינגעבן אין „באַראַבאַן", האָבן די מייסטע שמאָט-יידן מורא געהאַט; ס'האָט זיי געשראָקן דער שמאָלער שלונג פון דער דרעשמאַשין, וואָס האָט שוין ניט איין האַנט אַריינגעכאַפּט און אָפּגעביסן... ערשט שפּעטער האָבן זיך די ייִנגערע מענשן אויך איינגעוויינט און פלעגן מיט חשק גיין אַרבעטן ביים „צילענדער".

פאַר לאַפּינס צייטן זיינען ביי אונז איבערהויפּט קיין פרעמדע אַרבעטער ניט געווען.

— קאָלאָניסטן מוזן אַלצדינג שאַפן מיט אייגענע הענט! — איז זיין מאָטאָ געווען.

— אין דער עקאָנאָמיע ליגט דעם אַגריקולטאָרס עקזיסטענין און גליק! — פלעגט ער פאַרזיכערן.

מיר האָבן אים, דעם ליטוואַק, געפאָלגט און די קאָסעטשע איז שנעל און גליקליך פאַרענדיגט געוואָרן. מיט טריאומף און שטאָלץ האָט לאַפין מיטגעטיילט קיין פאַריז און אויך צו די אדונים אין בוענאָס־איירעס דעם רעזולטאַט פון דער קאָ־סעטשע.

דאָס גערעטעניש פון 1895־96, ד.ה. פון דעצעמבער 1895 און יאַנואַר־פעברואַר פון 1896, האָט דורכשניטליך געגעבן צו 7,04 פאַנעגעס פונם העקטאַר אויף די פעלדער פון מאַאוריציאָ.

דאָס איז געווען דער ערשטער רעגולערער שניט, וואָס אונזערע פעלדער האָבן אַרויסגעגעבן. עס זיינען אמת געווען איינציגע, וואָס האָבן מער ניט געהאַט ווי צו דריי־פיר פאַנעגאַס פונם העק־טאַר, דערפאַר אָבער האָבן אַנדערע געהאַט צו 10־12, און צו־זאַמען האָט עס געטראָגן דעם אויבן־אָנגעצייכנטן דורכ־שניטס־סכום.

באַלד נאָכן דרעשן האָט לאַפין געמאָלדן, אַז קיין סובסידיע וועט מען מער נישט געבן.

— אויס „שטיצע“, קאָלאָניסטן! — האָט ער אין אַ דאָנערש־טאָג פאַר אַ גרויסן קיבוץ יידן אויסגערופן. — זאָלן די „פּראַנ־צויזן“ מער די אונזעריגע ניט אָנרופן שנאָרער! די נויטבאַדערפ־טיגע, די, וואָס האָבן אַ קליינע אָדער גאָר קיין „קאָסעטשע“ ניט, די וועל איך אויסלייען געלט אויף אַ באַשטימטן טערמין.

איך ווייס ניט, צי ער האָט טאַקע באמת אַזוי ליב געהאַט דעם רוסישן יידן, אָדער ער האָט בלויז שטאַרק פיינט געהאַט דעם פראַנצויזישן באַאַמטן, אָבער שטענדיג איז זיין ווערטל געווען:

— צו וואָס זאָלן די „פראַנצויזן“ זאָגן? אַרבעט פלייסיג, האָדעוועט עופות, מעלקט בהמות, פלאַנצט סעדער, פאַרזעצט גערטנער, שפּאָרט אָפּ, לעבט עקאָנאָמיש — דאַן וועט איר צו זיי ניט דאַרפן אָנקומען...

די זקנים, געוועזענע קאָלאָניסטן פון ענטרע־ריאָס, די, וואָס זיצן אין די בוענאָס־איירעסער שולכלאַך, דערמאָנען ניט לאַ־פינס נאָמען אָהן אַ קללה אויף די ליפּן... זיי קאָנען אים ניט מוחל זיין די גרויסע דעזינפעקציעס, די בלוטיגע אָפּעראַציעס, וואָס ער האָט דאַמאָלסט בײַ זיי אין די קאָלאָניעס געמאַכט; זיי דער־ציילן אַזעלכע שרעקליכע גרויזאַמקייטן, אַזאַ פאַרביסענע טיראַניי, אַז עס פאַרגלוסט זיך אים נאָכצושיקן אַ קללה, אַ פלוך, פּונקט ווי מען שעלט נאָר דעם גרעסטן טיראַן... נאָר ווייס איך, וואָס אַ בינטל אַלטע קרעמער אָדער שענקאַרעס קאָנען דאָרט נאָכרעדן און דערציילן! בײַ אונז — ווי כ׳האָב שוין געזאָגט: איז ער נאָך דער „רייניגונג“ גאָר אַ מילדער און גוטער אָרגאַניזאַ־טאָר און אַדמיניסטראַטאָר געווען, ער האָט ווירקליך נאָר געזאָרגט פאַרן וואוילזיין און פאַר דער טובה פון דער קאָלאָניע.

—קאָלאָניסטן, אייער אייגן ברויט, פון א י י ג ע נ ע ר תבואה־מעל דאַרפט איר עסן; ראָזעווע ברויט, „קמח אחד“ — מאַסיטע־מעל, און ניט סולת, זעמל־מעל, איין אָדער צוויי נולנע — האָט ער אַריינגעטענהט אין דעם קאָמיסיע־שטיבל.

אין יאַנואַר פון 1896 איז ער געפאָרן קיין בוענאָס־איירעס און בײַ דער פירמע „געברידער ברעמאַן עט איבנער“ געקויפט אַ דאַמף־מיל. האָט אינסטאַלירט די מיל מיט אַ מאָטאָר פון אַ צעהן־פערד־קראַפט און „נאַט, קאָלאָניסטן, מאָלט אייך מעל אויף ברויט, מאַאיס אויף מאַמעליגע און גרויפּן...“

מיר האָבן זיך גענומען פילן פעסטער, זיכערער. די שטוב איז געווען אַ זאַטע. מען האָט אַראָפּגעפירט אין מיל אַריין פינף זעקלאַך ווייץ, אַ פּאָר זעקלאַך מאַאיס און אַהיים געבראַכט: מעל, גרויפּן און גרייפּלאַך. אפילו די יעניגע, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט קיין אייגענע תבואה, האָבן זיי בײַ אַ שכן אויסגע־ליהען אַ פּאָר זעקלאַך ווייץ, ביז לאַפּין וועט אַרויסגעבן די צוגעזאָגטע הלואה און — זיי האָט אויך קיין מעל ניט גע־פעלט... חוץ דעם, איז קעז און פּוטער אויך געווען לרוב, מיט איינעם וואָרט: דאָס לעבן האָט פרייליך צוגעשמייכלט, די

צוקונפט האָט צוגעזאָגט אמת גליק און דאָס האַרץ האָט זיך געשמאָלצן פאַר תענוג. מ׳האָט פאַרגעסן אָן אַלע פריהער־דיגע צרות, גלייך ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל ניט פאָרגע־קומען...

און דער עולם האָט זיך אייפעריג צוגעגרייט צום קבלת־פנים פון באַראָן.

LXVIII

געסט פון פּאַריז.

אין פעברואַר פון זעלבן יאָר איז פון פּאַריז אָנגעקומען דער ד״ר קעסיל, אַן אַרצט, וואָס דער באַראָן האָט געשיקט אויף ד״ר וועקסלערס פּלאַץ. ער האָט איבערגעגעבן, אַז מען איז זיכער, אַז דער באַראָן קלויבט זיך צו מאַכן די רייזע קיין אַרגענטינע.

דעם 4־טן מערץ איז צו אונז אויך אָנגעקומען דער סער ריינ־האָלד, געשיקט פונם באַראָן אום צו אינסטאַלירן אַ פּוטער־פאַבריק אין מאַאוריציאָ.

אָט דער ענגלענדער האָט אויך באַשטעטיגט, אַז דער באַראָן וועט אינגיכן קומען.

אַלע האָבן עס שוין אָנגענומען פאַר אַ זיכערקייט. ס׳האָט זיך שוין מער ניט געהאַנדלט בלויז פון אַן אומקלאָרן קלאַנג, אָדער סתם אַ בויך־סברה:

— ער קומט! — האָבן די קאָלאָניסטן מיט פרייד איינער דעם אַנדערן גראַטולירט. — ער וועט אונז אַלץ אַוועקשענקען!

— האָבן אַנדערע זיך געפרייט.

ס׳איז אַ יקרות געוואָרן אויף קאַלך. די ווייבלאַך האָבן די הייזער פון אינווענינג און פון דרויסן שטאַרק געפּוצט. מ׳האָט אַרומגערייניגט די הויפן. יונגע־לייט האָבן זייערע „פּאָטראָס“ געצוואָגן, די גריוועס צעקעמט, אָפּגעפּוצט די שפּאָרן פון די שיך און דאָס שפּאַנגעצייג, אום אַלץ זאָל גלאַנצן אין אויג...

אומגעדולדיג האָט מען אָפּגעוואַרט די גליקלעכע צייט, ווען מ׳וועט זיך קאָנען מיט פראַכט ווייזן פאַרן באַראָן.

דעם 7־טן מערץ פון 1896, זונטאָג גאַנץ פריה, זיינען צו אונז אָנגעקומען צוויי הערן, געסט פון אויסלאַנד: דער ד״ר זאָנענפעלד פון פאַריז און פיינבערג פון פעטערסבורג.

אין אָנהויב איז געוואָרן אַ געלאַף און אַ געפּילדער, מחמת דער יונגער קאָלאָניסט מאַקס רייכלסאָן, אַ גרויסער וויצלינג, האָט אָנגעווייזן אויפן הויכן, עלעגאַנטן ד״ר ראָזענפעלד און פאַרטרויט בסוד, אַז ער איז עס דער באַראָן הירש, נאָר ער וויל זיין אינ־קאָגניטאָ, בכדי די קאָלאָניסטן זאָלן אים ניט באַדערן, נישט דולן דעם קאָפּ... אין אַ פּאָר שעה צייט, איז דוכט מיר קיין איין קינד אין וויג ניט פאַרבליבן. אַלע איינוואוינער פון דער קאָלאָניע זיינען אויסגעוואַקסן נעבן דער אַדמיניסטראַציע. מען האָט זיך אָבער באַלד דעם אמת דערוואוסט.

אַן אויסטערלישן קבלת־פּנים האָט געהאַט דער נידעריגער, פעסטגעבויטער ה׳ פיינבערג.

די 148 פרויען און קינדער, וועלכע פיינבערג האָט אַ יאָר פריהער פון אַדעס אַהערצו אַרויסגעשיקט צו זייערע מאַנען און טאַטעס, ווען זיי האָבן אים דערזעהן, זיינען זיי ממש משוגע געוואָרן פאַר פרייד:

— אונזער גוטינקער מלאך! — האָבן זיי ענטוזיאַסטיש גע־שריגן. די בחורים האָבן אים אין דער הויך אויף „הורראַ!" געהויבן און די פרויען האָבן געקושט די ערד וואו ער איז גע־שטאַנען... פון זיין האַלז איז צופעליג אַראָפּגעפאַלן דאָס זיידענע טיכעלע, וואָס ער האָט געטראָגן, האָבן דאָס די ווייבער צע־פּיצלט און די שטיקעלאַך אין בוזים באַהאַלטן...

ביידע, זאָנענפעלד מיט פיינבערגן, זיינען אַרומגעפאָרן איבער אַלע גרופּעס, האָבן אַלץ באַטראַכט און פיל גערימט די קאָלאָני־סטקעס פאַר זייער איינפאַכער קליידונג, — ד. ה. פאַר זייער באָרוויס־גיין; — מחמת אַלע פרויען זיינען דאַן ביים שטוב אַרומגעגאַנגען מיט באָרוויסע פיס...

אַנטציקט איז אַממייסטן דער ד״ר זאָנענפעלד געוואָרן, בשעת ער האָט זיך געפונען ביי יענקל חוהס אין שטוב, וואו ער

מיט פיינבערגן האָבן באַקומען צום עסן שוואַרצן, פוכקען ברויט מיט מילך... ער האָט ליובאַן, יענקעלס פרוי, אָפּגעשאָטן מיט קאָמפּלימענטן פאַר דאָס געשמאַקע ראָזעווע ברויט.

— די פראַנצויזישע פרויען קאָנען אַזאַ באַטעמטן ברויט ניט באַקומען — האָט ער פאַרזיכערט.

— „אַך, קינדער! — האָט ער שפּעטער געזאָגט אין זיין רעדע פאַר די קאָלאָניסטן. — ווי וועט זיך דאָס דער באַראָן פרייען מיט אייך! ער איז אייער פ א ָ ט ע ר און וויל זעהן גליקליך ז י י נ ע ק י נ ד ע ר!... אין דער צוקונפט זאָלט איר זיך אויך אַזוי אויפפירן ווי יעצט! עס געפעלט מיר זייער אייער פלייסיגע אַרבעט און אייער קליידונג. לאָזט נאָר צו אייך אין קאָלאָניע ניט אַריין דעם פאַרפלוכטן לוקסוס. לאָמיר ווייזן אונ־זערע שונאים, אַז ניט נאָר אין פינאַנץ און קולטור שטייען מיר אויף איין שטופע מיט זיי, נאָר אויך אין אַגריקולטור, ביי דער שווערער און ערליכער ערד־אַרבעט!"

אַ שיינער איינדרוקספולער רעדנער איז ד"ר זאָנענפעלד גע־ווען. האָט גערעדט מיט טעמפּעראַמענט; זיינע ווערטער זיינען געווען געקליבענע, וואַרימע און האָבן אַרויסגעשטראָמט פון זיין טיפן האַרצן.

אויף וויפיל זיינע ווערטער האָבן אויף די קאָלאָניסטן גע־ווירקט, וועט איבערצייגן דער פאָלגנדער פאַקט.

דער קאָלאָניסט משה מגט"ז, אַן איידעלער יונגערמאַן, וואָס איז זיך מיחס, אַז ער שטאַמט פון דער גזע „טורי זהב" און שטרענגט זיך שטענדיג אָן צו פאַרשיינערן, פאַרפיינערן און פאַר־היטן דאָס יידנטום, איז ער אויף אַזוי פיל באַגייסטערט געוואָרן פון זאָנענפעלדס דרשה, אַז ער איז צו מיר אין אַ שבת־צו־נאַכט איילנד געקומען, רייטנדיג אויף זיין הויכן האַלב־ווילדן „סיינאָ", און האָט ביי מיר און ביי די עטליכע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען גראָד דאַמאָלסט פאַרזאַמלט געווען מכח די אינטערעסן פון דער קאָלאָניע, יוסט געפאָדערט, אַז מ'זאָל מאַכן אַ תקנה, אויסרופן פשוט אַ חרם אין דער קאָלאָניע און אַ נדר טאָן, קיינמאָל זיך ניט

צו קליידן אין סאַמעט און זייד, קיין לוקסוס זאָל בײַ אונז ניט געדאַכט ווערן... אַ דרייסיג קאָלאָניסטן, אינטימע פריינט, און דערבײַ אויך אידעאַליסטן פון עבודת האַדמה, האָבן איינגע־שטימט מיט דער דאָזיגער תקנה און אין זייערע הייזער עס איינ־געפירט.

אויף ווי ווייט דער דאָזיגער נדר האָט אויסגעהאַלטן, שעם איך זיך גאָר צו דערציילן.

הגם איינינגע פון אונז האַלטן נאָך איצט אויך טיילווייז יענע תקנה און נאָך אַזוי פיל יאָרן קעמפן זיי אַליין, אַז די לוקסוס־מכה זאָל ניט שולט זיין אין זייער הויז, אָבער די מערסטע האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן אָן יענעם נדר און זיינען מיטגעשלעפט גע־וואָרן מיטן אַלגעמיינעם שטראָם.

מיט גאווה קאָן איך דאָ אָנווייזן די טאַטזאַך, אַז בעת איך האָב מיין ערשטע טאָכטער חתונה געמאַכט — און דאַמאָלסט האָב איך שוין פאַרמאָגט אַ פּאָר הונדערט קיה — האָב איך איר דאָך קיין זיידענעם אָדער סאַמעטענעם מלבוש ניט געלאָזט מאַכן. אַזוי איז אויך געשעהן בײַ דער צווייטער און דריטער טאָכטער און פיליכט וועל איך נאָך אויך קאָנען בײַ דער מיזינקע די דאָ־זיגע תקנה האַלטן... הגם דאָס ציינגט זיך זעהר שווער; ווייל ד י צ י י ט האָט שוין אפילו אַ פּיאַנע אין שטוב אַריינגעשלעפּט...

זעהר וועניג, אומבאַדייטנד אין צאָל, זיינען מיר נאָך פאַר־בליבן ביים אידעאַל צו קעמפן קעגן פאַרשאָלטענעם לוקסוס! אַ קללה ליגט אויף אונזער פאָלק. — דער לוקסוס איז איינגע־זאַפּט אין אונזער בלוט און מאַרך.

אויף וויפיל די לוקסוס־באַצילע פאַרדאַרבט און פאַרפּעסטעט אונזער פאָלקס־מאַסע, קאָן דינען אַלס אילוסטראַציע דער פאָלגנ־דער עפּיזאָד: דער קאָלאָניסט פ״מ האָט יענעם יאָר צום ערשטן מאָל, זינט ער געפינט זיך דאָ אין לאַנד, אַרויסבאַקומען גאַנצע צוויי הונדערטער פון דער קאָסעטשע; איז ער אַוועק אין שטעטל און האָט זיך איינגעהאַנדלט מעבל, אום זיין „ראַנטשא" צו פאַר־צירן. די שפּיגל־שאַפּע איז אָבער כמעט אַ מעטער העכער געווען

פונם דאַך און האָט באַין אופן זיך ניט געקאָנט שטעלן אין שטוב. איז וואָס טוט מען ? ווי לעבט דאָס עפּעס אַ ייִד אַזאַ גביר אָהן אַ שפּיגל-שאַפע ? איז ער אויף אַ פּלאַן געפאַלן : האָט אויס-געגראָבן אַ גרוב פון אַ מעטער קוואַדראַט און די נויטיגע שאַפע איינגעמאָסטעט ...

דאָס האַרץ ווערט צעפּלאַצט פאַר שמערץ, צוקוקנדיג, ווי שטיין-רייך עס זיינען געוואָרן די פּאָר יובעלירער אין קאַסאַרעס, וועלכע האָבן באַלד, אין דער כלומרשט „גוטער צייט“, די קאָ-לאָניסטישע כלה-מיידלאַך און באַחנטע ווייבלאַך איינגעשמידט אין גאָלדענע קייטן און די חתנים און בעלי-ביתלאַך מיט ברילי-אַנטענע רינגען פאַרזאָרגט... זיי האָבן זייערע עלטערן, די קאָ-לאָניסטישע פּיאָנערן, ביז אין טויט פאַראָרימט : זייערע פעלדער ווערן איצט דורך ליציטאַציע פאַרקויפט, און כ'האָב מורא צו זאָגן, אַז פון אַלע סבות, וואָס האָבן פאַראורזאַכט דעם וואַקסנדן חורבן אין מאַאוריציאָ, פאַרנעמט דעם ערשטן פּלאַץ דער לוקסוס... דאַן קומט אין ווייטערדיגער ריי דאָס אַנאָרמאַלע לעבן... דאָס אָפּווייכן פונם דרך הישר, און דאָס ניט אויספאָלגן די לערע פון דער „סאָכע“... מ'האָט להיפך :

„געליהען, געבאָרגט,
געהאַנדלט, געזאָרגט,
געדרייט, שפּעקולירט,
געקליידט, זיך געצירט...“

נאָר צו וואָס זאָל איך כאַפּן פאָראויס? לאָמיר בעסער ווייטער דערציילן פון יענער גאָלדענער צייט! אַך, יענע צייט פון וואונדער-רייכע חלומות! ווי הערליך און פּראַכטפול דו ער-שיינסט פאַר מיינע אויגן!

ווען דער צער גרייפט מיך אָן, בעת איך זעה די שוואַרצע שאָטנס, וואָס שלינגען איצט איין און פאַרדעקן אונזער ליבע מאַאוריציאָ, ווי אונזערע פעלדער פאַלן טאָג-טעגליך אַריין אין גויאישע הענט... ווען איך באַטראַכט, ווי אונזער זון גייט

אונטער און׳ אַן אימהדיגע נאָגונג און בענקעניש כאַפּט מיך אַרום, עס ווערט מיר שרעקליך קאַלט, דאָס בלוט פּאַרפרירט, און די ציין קריצן — דאַן ווענד איך מיין געדאַנק צו יענער צייט, דערוועק אינם רעיון די פּאַסירונגען פון צוריק מיט פינף־און־צוואַנציג יאָר, דערמאָן מיך אָן דעם פריהלינג פון אונזער קאָלאָניע און עס ווערט מיר וואַרעם און ליכטיג. אָ, וואו ביסטו ערגעץ יענע גליקליכע צייט!?

דאַמאָלסט האָט יעדנס פּנים געשיינט. קיין שפּור פון קומער און עגמת נפש, קיין פּאַרדראָס און קיין צער איז נישט צו מערקן געווען. איין וואונש, איין שפּאַנענדע דערוואַרטונג האָט אונז אַלעמען באַהערשט. מען האָט נאָר געלעבט און געהאָפּט וואָס שנעלער דעם באַראָן הירש צו זעהן!..

נאָר פינסטער איז אונזער מזל. אויסגעלאָשן איז אַפּנים דער יידישער שטערן. ער וועט שוין קיינמאָל מעהר, קיינמאָל ניט שיינען און ניט לייכטן.

LXIX

געשטאָרבן דער באַראָן מאָריץ דע־הירש!

דאָס איז געווען מיטוואָך,דעם 22=טן אַפּריל 1896. דער
קוטשער פון דער אַדמיניסטראַציע, סערוויאַנאָוו, האָט די פינס=
טערע טעלעגראַמע געבראַכט. חושך, טרויער און פאַרצווייפלונג
האָט אונז באַהערשט. מיר זיינען אַראָפּגעשליידערט געוואָרן
פונם הויכן הימל ביז אין דער טיפקייט פונם תהום. אַלע אונ=
זערע האָפענונגען, אַלע פאַנטאַזיעס און אילוזיעס, אַלצדינג, וואָס
מיר האָבן געדענקט פאָרצולייגן פאַר אונזער מלאָך המושיע, פאַרן
פאָטער — דעם באַראָן, אַליך איז מיט איין מאָל פאַרשוואונדן און
צערונען געוואָרן. דער אכזר — דער טויט האָט אַליך צעשטערט
און פאַרניכטעט!

מענער, פרויען און קינדער — אַלע האָבן געקלאָגט און באַ=
וויינט דעם שרעקליכן בראָך.

די גאַנצע נאַכט פון מיטוואָך זיינען רייטערס אַדורכגעלאָפן
אַלע גרופעס און די שרעקליכע בשורה מיטגעטיילט. מיטן באַ=
גינען זיינען די קאָלאָניסטישע משפחות פאַרזאַמלט געווען אויפן
פלאַץ נעבן דער אַדמיניסטראַציע און די יללה איז געווען
אַ מורא'דיגע... דער געוויין און דאָס קלאָגן האָט די לופט גע=
שפאָלטן און דער ווידער=קול האָט אַ שרעקליכן אָפּקלאַנג
געבראַכט פונם דערבייאיגן וועלדל, אַז עס האָט אַזש יעדן אויפ=
געשוידערט און ביזן מאַרך פון די ביינער אויפגעציטערט...
יעדערער האָט עפּעס געפילט אַן אינערליכן פיין, אַ שמערצליכן
פאַרדרוס און ווייטאָג. אַ פאַרביטערניש האָט באַוועלטיגט יעדנס

נשמה. עפּעס אַ רעבעלישער צאָרן האָט זיך ווי איינגעגעסן און בּיים האַרצן געשניטן. אַ כּעס, אַ רוגזא, פול מיט פּראָטעסט און בּיטער, ווי גאַל, האָט זיך געמערקט אויף יעדנס געזיכט. אַליין האָט אַ טענה געהאַט צו דעם, וואָס לעבּן און טויט איז אין זיין האַנט. און יעדנס מח האָט געעגבּערט די האַרבּע פראַגע:

— פאַרוואָס?

מיט אַן אַנטבּלויזטן קאָפּ און בּלאַס, ווי די וואַנט, האָט זיך לאַפּין בּאַוויזן מיט דער פינסטערער טעלעגראַמע אין האַנט און האָט געציטערט ווי אַ בּלאַט אין שטורם. הינטער אים איז געשטאַנען דער ד״ר זאָנענפעלד, אַ בּאַצערטער, אַ בּלאַסער, אָבּער ער האָט זיך אָנגעשטרענגט רוהיגקייט אַרויסצוווייזן. פיינבּערג און ד״ר קעסיל האָבּן צוגלייך מיט די פרויען זיך אין טרערן בּאַוואַשן...

לאַפּין האָט מיט אַן אויפגערעגטער און ציטערנדער שטים איבּערגעלייענט די טעלעגראַמע, וואָס די דירעקטאָרן קאַזעס און הירש האָבּן צוגעשיקט.

זי האָט געלויטעט:

„מיט טיפן טרויער מעלדן מיר אייך די בּיטערע בּשורה, אַז דער פּרעזידענט פון אונזער געזעלשאַפט (די יק״א), דער בּאַראָן דע הירש איז נעכטן, דעם 21־טן אַפּריל (1896), געשטאָרבּן. מיר בּעטן די קאָלאָניסטן, אַז זיי זאָלן נישט פאַרצווייפלען און די אַרבּעט נישט אונטערבּרעכן. מאָנטאָג, דעם 27־טן, וועט שטאַטפינדן די בּאַערדיגונג פון בּאַראָן. דעם טאָג זאָל די אַרבּעט אָפּגעשטעלט ווערן. די „אָפּיסינאַס" (קאַנטאָרן), אַלע שולן זאָלן זיין געשלאָסן און אין די שולן זאָל אינם דאָזיגן טאָג געמאַכט ווערן אַ הזכּרה נאָך דער גרויסער זעלע פון בּאַראָן דע הירש ע״ה. תּנצב״ה.

אַ טייך טרערן האָט זיך פון לאַפּינס אויגן אַרויסגעגאָסן, בּשעת ער האָט געענדיגט לייענען די דעפּעשע, ער האָט די הענט פאַרבּראָכן און אַ וויי געשריי האָט זיך בּיי אים אַרויסגעריסן:

— ניטאָ מעהר דער בּאַראָן!

די אַדמיניסטראַציע איז באַפלאַגט געוואָרן מיט שוואַרצע פאָנען און שוואַרץ, פינסטער, אַ וימש חושך, די אַנטווישונג פון אַלע האָפענונגען האָט אין אַלע הערצער אַריינגעדרונגען.

אומגעזאָמט איז דער קאָטש פון דער אַדמיניסטראַציע פאַר־פאָרן און דאָקטאָר זאָנענפעלד מיט פיינבערגן האָבן זיך גענומען געזעגענען.

— זייט געטרייסט, עלנטע יתומים אין דער וויסטע! — האָט זאָנענפעלד געזאָגט און זיינע אויגן זיינען אים מיט טרערן אָנגעפילט געוואָרן. — איך מוז לויפן קיין פּאַריז; אָבער איך וועל נאָך, קינדער, קומען צו אייך!

— עלנט, עלנט! — האָבן די פרויען איבערגעחזרט זיינע רייד. און אַן אויסברוך פון אַ שמערצהאַפטער יללה האָט די לופט געריסן.

זאָנענפעלד האָט זיך אויפגעשטעלט אין קאָטש און אַ ווײַלע באַטראַכט די וויינענדיגע מאַסע; האָט זיינע לאַנגע הענט צום הימל אויפגעהויבן, פונקט ווי איינער זאָגט: „פאַרלאָזט זיך אויף א י ם, ע ר איז ניט געשטאָרבן!"

זיי זיינען אָפּגעפאָרן.

שבת איז לאַפּין טעלעגראַפיש אַרויסגערופן געוואָרן קיין בוענאָס־איירעס, און מיר זיינען פאַרבליבן אַליין, אַליין אין אונזער עלנט און מיט דעם פלאַך, דעם אַדמיניסטראַטאָר נאַרמאַן, וואָס איז ביים גרויסן בראָך אויך אָפּגעקומען מיטן זאָגן: „לאַדנאָ".

דער הזכרה־טאָג, דער 27־טער אַפּריל איז אָנגעקומען. איך וויל זיך גאָר נישט אונטערנעמען צו שילדערן די האַרצרייסנדע סצענע, וואָס האָט זיך יענעם טאָג אָפּגעשפּילט אין דער שול פון דער 49־טער גרופּע, ביים הספד נאָכן באַראָן. דערצו דאַרף מען זיין אַ ירמיה, אַ רבי יהודה הלוי אָדער כאָטש אַ ביאַליק.

אָ, די איראָניע פונם שיקזאַל! —אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויס־דריקן. — וואָס פאַר אַ ביטערער סאַרקאַזם! חדשים־לאַנג האָט מען צוגעגרייט אַ כאָר זינגערלאַך, אום אַ „מי שברך" צו מאַכן

דעם באַראָן פּיים קבלת פּנים און יעצט: אומגליק! דאַרפֿן די זעלבע אָנשטאָט „מי שברך“ זינגען אַן „אל מלא רחמים!“.

דער באַראָן איז טויט! ווי דער געהיימניספֿולער טייוול אָדער מלאך לאַכט עס אויס דעם מענשן! ווי ער מאַכט עס צו שפּאָט אַלע מענשליכע אילוזיעס; ווי ער אַנטוישט אַלע האָפֿענונגען און פֿאַרפֿינסטערט אַלע טרוימען! ביטער און קוואַלפֿול, שמערצליך איז די פֿערוואַנדלונג געווען! די וואונד האָט זיך טיף אין האַרצן איינגעגעסן און דער מענש, דער יחיד פּונקט ווי דער רבים מוזן פֿאַרן צופֿאַל בויגן דעם קאָפּ און עס נאָך אָננעמען באַהבה...

דעם אַלטן יאַקובאָוו האָט מען געשטעלט דעם הספּד מאַכן. אויפֿן אַלטן ליטוויש־סקאַרבאָוון סטיל. האָט ער נעבאַך צונויפֿ־געקלעפּט וואו נאָר ערגעץ אַ פּסוק פֿון קינות ובכיות; — אָט ווי איינער זאָגט: נאַט אייך, ברידער, נעמט און קלאָגט! — דער עולם האָט אים געפֿאָלגט.

נאָך אים האָט גערעדט דער שוחט אייזיק גלאַזערמאַן. ער האָט זיך בלויז געסטאַרעט איינצושמועסן די פּשוטע קאָלאָניסטן, אַז דער באַראָן איז גאָר נישט געשטאָרבן...

„ראשית איז זיכער —האָט ער געזאָגט —אַז אַ צדיק שטאַרבט גאָר נישט, והשנית איז דאָך עפּעס פֿאַראַן תּחית המתים!..“

דאָס מגידות פֿון ביידע רעדנער האָט דעם עולם גאָר ווייניג געטרייסט: ס׳האָט זיי להיפּוך — געערגערט. זיי האָבן געוואוסט, אַז עס איז דער קבורה־טאָג פֿונם באַראָן, אַז ער איז טויט און אַז ער גייט אַרונטער אונטערן שוואַרצן דעק פֿון דער ערד; אַז ער וועט שוין מער קיינמאָל ניט קומען זעהן זיינע קינדער אין דער ווייטער, פֿאַרוואָרפֿענער מדינה!.. זיי האָבן געזוכט עפּעס אַ טרייסט־וואָרט, אַ וואַרים וואָרט, וואָס זאָל עטוואָס לינדערן זייער שמערץ.

מיין פֿריינד אברהמל ראָזענפֿעלד האָט שוין פֿיל בעסער גע־רעדט. ער האָט גערעדט צום האַרצן:

„דער ערשטער משה האָט אויך ניט דערלעבט צו זעהן זיינע ליבע בני־ישראל אין געבענשטן לאַנד. אַזוי פּירט זיך שוין פֿון

אייביג אָן. אַ מענש איז ניט קיין אייביג ווזען. אַלס איינער, וואָס ווערט געבוירן, האָט ער דאָך אויך געמוזט שטאַרבן... אָבער אַ פאָלק, איבערהויפּט, דאָס יידישע פאָלק, שטאַרבט ניט, קיינמאָל ניט!"

אויף מיר איז דער גורל געפאַלן צו שליסן די הזכרה.

אַז איך בין אויף דער מיט שוואַרצער באַהאַנגענער בימה געשטאַנען און אַנטקעגן מיר געהאַט דאָס ליכטיגע, גוטמוטיגע בילד פונם באַראָן, וואָס האָט מיך ווי אָנגעקוקט און צוגעשמייכלט, איז מיר אָנפאַנגס דער געדאַנק געקומען, אַז דער שוחט האָט רעכט: „דער באַראָן איז ניט געשטאָרבן! קיין צדיק שטאַרבט ניט!" אָבער דער אנבליק פון דער מאַסע אבלים, דאָס עלנטע יתומקייט, וואָס האָט זיך אין די פינף טעג אויף אַלע פּנימער צעגאָסן, האָט מיר נאָכדעם געוויזן די ריכטיגקייט: „טויט איז דער באַראָן, פּונקט ווי אַלע טויטע!"

מיין פּראָטעסטירנדער גייסט, מיין נאַטור ניט נאָכצוגיין נאָכן רוב, ניט וויינען אָדער לאַכן, ווען אַנדערע טוען עס, האָט מיך ווי אָנגערעדט אַביסל אויפצומונטערן די נאַאיווע מענשן און זיי דעם טרויער צו פאַרלייכטערן; דאַן האָב איך אויך געוואָלט אַביסל אָפּשוואַכן דעם איינדרוק פון די מיסטישע רעדעס איבער צדיקים, תחית־המתים און אַ יענער וועלט... צווישן אַנדערס האָב איך דאַמאָלסט געזאָגט:

„דער טויט, דאָס ניט־זיין, דאָס ניט־לעבן, איז אַזאַ פּראָבלעם, וואָס אונזער יידיש פאָלק באַשעפטיגט זיך ניט דער־מיט... מיר, יידן, האָבן גאָר נישט וואָס צו טאָן מיטן טויט. דער אייביגער סוד, וואָס ליגט נאָכן לעבן, דאָרט הינטער דער טיר פון יענער זייט קבר, — ווענן אָט דער מיסטעריע שווייגט אונזער ביבל! ביי אונזער הייליגער תורה איז די הויפּטזאַך — דאָס לעבן! דער יידישער גאָט איז אַ לעבעדיגער! אַן אל חי. ביי זיי שטייט אויף אַ גאָט תחית המתים און ביי אונז זאָגט די תורה: פאַר דיינע גוטע מעשים וועסטו האָבן אַ לאַנג לעבן, — אַ שכר אין והאַרכת ימים... אונזערער אַ גרויסער מאַן, וואָס

טוט גוטס זיינע מיט־מענטשן, האָט דערפאַר אַ גרויס, אַ לאַנג לעבן; דאָס הייסט: זיין גוטע און גרויסע אידעע, וואָס ער האָט געשאַפן, ציט זיך לאַנג, אויף דורות, מעג ער אַליין שוין זיין טויט: זיין געדאַנק, זיין אידעאַל לעבט אָבער שטענדיג! און טאַקע דאַדורך שטעלן מיר אונזערע גדולים קיין מאָנומענטן ניט; ווייל מיר באַערן ניט דעם חומר, וואָס פאַלט אויף אייביג אַוועק און קומט שוין קיינמאָל ניט צוריק, נאָר מיר רעכענען זיך מיט דעם גייסט, מיט די גוטע טאַטן און מעשים! די אידעע פונם באַראָן איז דאָך דאָ, פאַר אונזערע אויגן, זי לעבט! ער האָט געשטרעבט אונזער פאָלק אומצוקערן צו דער ערליכער אַגריקולטור־אַרבעט; נו, דאַרפן מיר זעהן מיט אַלע כּחות פאָרצוזעצן און אויפהאַלטן די יידישע קאָלאָניזאַציע, ערציהען אַ דור פון ריכטיגע, געטרייע, איבערגע־געבענע יידישע פויערן! לאָמיר צום אָנדענקען פון דער נאָבעלער זעל פון דעם באַראָן אַלע קינדער, וואָס וועלן דורכן יאָר געבוירן ווערן, אַ נאָמען געבן משה אָדער הירש!...״

אומגעאַכטעט, וואָס די פּרומאַקעס זיינען אַביסל ברוגז געוואָרן פאַר מיין מיינונג, האָט מען דעם פאָרשלאָג כּמעט איינשטימיג אָנגענומען.

פילע פון די משהס און הירשס, די נעמען נאָכן באַראָן, האָבן שוין אָפּגעדינט אָדער דינען נאָך אין דער אַרגענטינישער אַרמיי.

דער עולם האָט זיך אויבערפלעכליך באַרוהיגט, אָבער דער טרויער האָט זיך פאַרקליבן טיף אין האַרצן, וואו ער טליעט נאָך ביז היינטיגן טאָג.

— שטיף־קינדער זיינען מיר געבליבן — האָבן דאַן די קאָלאָ־ניסטן געיאָמערט. — מיר פאַלן איצט אַרונטער אונטער דער שטיף־מומע, דער יק״א!

די פאַרטרויערטע האָבן דאַמאָלסט אַ גרויסן אמת אומבאַ־וואוסט אַרויסגעזאָגט. דער אינסטינקט האָט די ריכטיגקייט דער־פילט!

ווען מען זאָל דורכציהען אַ פּאָדים דורך די פּיר־און־צוואַנציג יאָר קאָלאָניזאַציע, פון דער צייט אָן, וואָס דער באַראָן איז טויט, — וועט ער אַרויס שמוציג, שוואַרץ און טיילווייז רויט — פאַר־בלוטיגט... ערטערווייז גאָר מיאוס אויסגעשמירט, עקלהאַפּט און פאַרפּאַטשקעט דורך דער הנהגה...

זעהר ווייניג צייט האָט אויף אונז, אימיגראַנטן, וועלכע שטרעבן און ווילן פּאָרזעצן דעם באַראָנס הויכן אידעאַל, די זון געשיינט; אַסך פון די קאָלאָניסטן האָבן נאָך די שיינע זונען־שטראַלן גאָר אין די אויגן ניט געזעהן!

— ווער איז שולדיג דערין? אויף וועמען פון ביידע צדדים — די יק״א און די קאָלאָניסטן, — פאַלט אַ גרעסערער פּראָ־צענט התחייבות? ווער איז מער שולדיג אין דעם שלעכטס?

ווייל אויך מיר זיינען טיילווייז שולדיג; אמת, ניט פיל, אַביסל, אָבער חייבים זיינען מיר אויך! נאָר פעסטצושטעלן די ריכטיגע מיטשולדיגקייט, איז ניט מיין אויפגאַבע. זאָל דאָס טאָן דער צוקינפטיגער היסטאָריקער, פאַר וועלכן די דאָזיגע בלעטער וועלן קאָנען דינען אַלס מאַסגעבנדער מאַטעריאַל. מיגליך, אַז ער, גריבלענדיג זיך, וועט באַשטימען די ריכטיגע שולד פון יעדן איינעם.

איך וויל זיך נאָר באַגרעניצן אויף איבערצוגעבן די אַנטוויקלונג און די פּאַסירונגען פון מאַאוריציאָ אין זייער כראָנאָלאָ־גישער אָרדענונג: יאָר נאָך יאָר, פּונקט, ווי זיי זיינען פאָרגעקומען.

אינהאַלט

	* * * ה. ד. נאָמבערג	7
	פאָרוואָרט	13
I	אָנגעקומען קיין בוענאָס-איירעס	17
II	די „טמאים" און זייער עיפוש	23
III	אויפן באַן	33
IV	מיר גייען צו אונזער לאַנד	37
V	דער „פאַמפעראָ"-שטורעם און שלאַקסרעגן	43
VI	איך ווער מגולגל אין אַ יידענע און זעה יידיש בלוט	50
VII	דער לחם הקלוקל, חזיר-שטאַלן, אדם הראשונס	
VIII	געצעלט	57
IX	קאַרפאַס, קאַפאַטאַסן, קיזיק און שאר ירקות	66
	די באַקעסטיגונג און דער סקלאַד	76
X	יידישע מיליטער	81
XI	די ערשטע קאַטאַסטראָפע אין מאַאוריציאָ	85
XII	דער דאָקטאָר יאַפע — אַ גוטע נשמה	90
XIII	מען באַפאַלט לעווענטאַלן	100
XIV	מ'עסט טשאָלנט און מ'זעצט כלומרשט גערטנער	105
XV	די נערביל-רעוואָלוציע	110
XVI	מען שפילט חתונות	119
XVII	הילפס-קאָמיטעטן פאַר עמיגראַנטן	124
XVIII	ביגאַמיסטן	133
XIX	דער ערשטער פסח אין מאַאוריציאָ	135
XX	דער „גורל"	138
XXI	הערשע-לייביקל גנב	141
XXII	די ערשטע טעג אויפן קאַמפּ	144
XXIII	אומזיסטע שרעק פאַר נוצליכע רוהיגע חיות	150
XXIV	מיין ערשטע „מולאַ" און די ערשטע קוה	153
XXV	די אָקסן און אונזער „דיאַדקאָ"	158
XXVI	אונזערע טראַנספּאָרט-מיטלען	162
XXVII	הויפט-דירעקטאָר גאָלדשמיד	164
XXVIII	מען האָט אַלעמען נעקאָלאָניזירט	170
XXIX	איינגעפירט אַ שטרענגע דיסציפּלין	177
XXX	מאָנאָפּאָל און געלט-שטראַפעס	181
XXXI	סובסידיע	187
XXXII	תכליתים און פּרוכטבאַרקייט	193
XXXIII	צעזאָר ראָדעס — אַן אַרצט, און „האָטעל טשאַנטשאָ" — אַ שפּיטאָל	202

XXXIV	קורצזיכטיגקייט און אומפאַרשעמטקייט	208
XXXV	אונזערע פרויען	211
XXXVI	אַ פראַנצויזישער שפּיאָן, די האָדראָוואַניע פון „אַליאַנץ"	216
XXXVII	אונזעריגע זיינען דאָ	220
XXXVIII	ד"ר בערקנהיים – אַ רוסישער צענזאָר	227
XXXIX	אָפּעראַציעס	231
XL	נייע ווינטן, אַ געהויבענע שטימונג	234
XLI	ווילדע פאַרפלייצן די קאָלאָניע און באַפאַלן פרויען .	238
XLII	נייע פּנימער אין דער קאָלאָניע	246
XLIII	דער ערשטער יק"א-דעקרעט	249
XLIV	פאַרשוואונדען די אייזערנע קאַסע, און אַ דירעקטאָר	
XLV	פּאָרט אָפּ	252
XLVI	די „קאָסטשע" פון 1893-4	255
	אַ גאַסט אויף אַ ווילע, — און די אַרבעט ברענט .	260
XLVII	דאָס צוזאַמענפירן די תבואות	265
XLVIII	די קאָלאָניסטן בונטעווען זיך	270
XLIX	דער ד"ר וועקסלער	275
L	מען שאַצט אונזערע מכשירים, — דער עולם שפּאַסט	279
LI	דער דירעקטאָר קאַזעם	283
LII	קאָנטראַקטן	294
LIII	פּיה-סוחרים און מיין באַזשאַ-קוה	300
LIV	דער גאַאוטשאָ באַראַבוינאַ	304
LV	משה-„דיאַדקאָ" באַפרייט אונז פון צרות . . .	314
LVI	די גאַנצע קאָסטשע אָפּגעפרוירן	320
LVII	„וויר ברויכן קיינע קלוגע"	327
LVIII	דער דיקטאַטאָר יהושע לאַפּין	331
LIX	איך בין כשר – נאָר ב'זעה, מען פאַרטרייבט אַנדערע	337
LX	לאַפּין – אַ דומענטענער אַדמיניסטראַטאָר . . .	342
LXI	קינדער-דערציהונג	346
LXII	דער רבי אַברהמל	350
LXIII	אַלגאַראָבאָ און אַליסע	354
LXIV	מיר באַפעסטיגן זיך אין דער נייער היים . . .	365
LXV	שכנים	369
LXVI	מיר ערוואַרטן דעם באַראָן הירש	376
LXVII	דאָס נערעטעניש פון 1895-96	381
LXVIII	עסט פון פאַריז	385
LXIX	געשטאָרבן באַראָן מאָריץ דע-הירש	391

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY
APR 19 19[illegible]

PURCHASED FOR THE

University of Toronto Library

FROM THE

Joseph and Gertie Schwartz
Memorial Library Fund

FOR THE SUPPORT OF

Jewish Studies

M. ALPERSON

DREISSIG JAHRE IN ARGENTINA

UNIVERSITY OF TORONTO
3 1761 01325670 6

Jüdischer Literarischer Verlag
G. m. b. H.
Berlin SW 68, Zimmerstr. 7-8